STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05505

UNDZER HEMSHEKH

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אברהם טקאטש   שמואל צעסלער

אונדזער המשך

כרעסטאָמאַטיע פאַר העכערע גראַדן אָנפאַנג־שול
און ערשטע קלאַסן מיטל־שול

Consejo Nacional de Educación
Expediente Nº 31686/58

CONSEJO NACIONAL DE EDUCACION
Expediente Nº. 27563 - C. 1957
Aprobado el 11 de Marzo de 1959

(דריטע פאַרבעסערטע אויפלאַגע)

פאַרלאַג שמיד און אייכענבלאַט
קאָריענטעס 4838

בוענאָס איירעס, אַרגענטינע, 1958

DERECHOS RESERVADOS
אַלע רעכטן פֿאַרבאַהאַלטן

PRINTED IN ARGENTINE

A. TKACH S. CZESLER

PROSEGUIMOS

("UNDZER HEMSCHEJ")

para los Grados Superiores del Primario
y Primer Año del Secundario

EDITORIAL SZMID y EICHENBLAT

Av. CORRIENTES 4838

BUENOS AIRES, 1958

אונדזער וואָרט צו דער דריטער אויפלאַגע

מיט פאַרגעניגן טראָגן מיר צו פאַר דעם יידישן לערער און יידישן קינד, די דריטע אויפלאַגע פון „אונדזער המשך".

באַגריסן מיר די מחברים מיטן דערפאָלג פון זייער טעקסט, וועלכער ווערט אַזוי וואַרעם אויפגענומען אין אַלע יידישע לערן־אַנשטאַלטן, אין משך פון דעם צענדליק יאָר פון זינט ער איז דערשינען און געהאָלפן טויזנטער יידישע קינדער זיך איינבירגערן אין דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

מיר באַגריסן זיי אויך פאַר די טרעפלעכע אויסבעסערונגען אין דער דריטער אויפלאַגע, לויט ווי עס האָט זיי געלערנט די אייגענע פּראַקטיק און די מיינונגען פון דירעקטאָרן און לערערס.

מיר געפינען פאַר אונדזער חוב אויסצודריקן אונדזער דאַנק דער חשובער פאַרוואַלטונג פון „ועד החינוך המרכזי" פאַר זייער אָפּשאַצונג און אנערקענונג פון דער וויכטיקייט פון „אונדזער המשך" פאַר אונדזערע שולן.

מיר האַלטן פאַר נייטיק צו ציטירן אַ טייל פון דעם פריינדלעכן בריוו, וואָס מיר האָבן פון זיי באַקומען:

„דער טעקסט איז אונדז גוט באַקאַנט און דער ועד החינוך שאַצט אָפּ זיין ביישטייער צו פאַרלייכטערן דעם לערערס אַרבעט אין אונדזערע שולן.

מיר באַגריסן אייך דערפאַר מיט דער נייער אויפלאַגע און ווינטשן אייך דערפאָלג אין אייער אַרבעט."

פאַרלאַג
שמיד און אייכענבלאַט





לערנען, שאַפן און בויען

י. גויכבערג

גוט מאָרגן

אַ וועלט אַ ליכטיקע,
אַ וועלט אַ ציכטיקע,
און הימלען בלאָע שמייכלען פון דער ווײַטן,
און מיר איז גוט אַזוי,
און מיר איז ווויל אַזוי,
איך וואָלט מיט קיינעם נישט, מיט קיינעם זיך נישט בײַטן!

גוט מאָרגן, ייִנגעלעך,
מיט לאָקן-רינגעלעך,
מיט זיסע זילבער-קעלעכלעך, ווי גלעקלעך.
גוט מאָרגן, מיידעלעך,
אין ווײַסע קליידעלעך,
מיט פרישע, ווייכע, רויט-צעפלאַמטע בעקלעך!

פון הענט — אַ קראַנץ געשפּרייט!
די פיס — צום טאַנצן גרייט!
און זינגט און קלינגט, אַז קלינגען זאָל פון ווײַטן!
און זינגען וועט מיט אײַך,
און קלינגען וועט מיט אײַך,
דער וואַלד, דאָס פעלד, און אַלץ פון אַלע זײַטן.

———•———

ז. וואַסערצוג

וואָס קינדער ווילן זיין

אַז די קינדער זײַנען אַרײַנגעקומען אין קלאַס און זיך אַוועקגעזעצט אויף די ערטער, האָט דער לערער אַזוי געזאָגט:

— טרעפט קינדער וואָס מיר וועלן הײַנט טאָן?

די קינדער האָבן גענומען טרעפן:

— מיר וועלן שרײַבן אויפן טאָוול.

— זינגען שיינע לידער.

— דער לערער וועט דערציילן אַ מעשהלע.

אויף אַלץ וואָס די קינדער האָבן געזאָגט האָט דער לערער געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

— נו, זאָל שוין דער לערער זאָגן, קיינער ווייס נישט, קיינער נישט. שווייַגט שוין אַלע, שווייַגט!

אין קלאַס איז געוואָרן רואיק.

— קינדער, האָט דער לערער געזאָגט, יעדער פון אייַך וועט אויפֿשרייַבן וואָס ער וויל זייַן. דערנאָך וועלן מיר עס אַלע הויך איבערלייענען אין קלאַס — עס וועט זייַן זייער אינטערעסאַנט.

אַלע האָבן זיך זייער געפרייט און געזאָגט:

— אוי ווי גוט, ווי גוט!

באַלד איז געוואָרן שאַ-שטיל אין קלאַס, אַזוי ווי אַלע וואָלטן פּלוצעם אַנטשלאָפן געוואָרן. אָבער קיינער איז נישט געשלאָפן, יעדער איז געזעסן פאַרטראַכט און געשריבן. ווער עס האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו שרייַבן איז צוגעגאַנגען צום לערער, אים אָוועקגעגעבן דאָס באַשריבענע בלעטל און זיך צוריק געזעצט.

איינער האָט געפרעגט בייַם צווייטן:

— וואָס האָסטו געשריבן?

— און דו, וואָס האָסטו געשריבן?

אָבער קיינער האָט נישט געוואָלט פריער אויסזאָגן.

אַז אַלע קינדער האָבן פאַרענדיקט שרייַבן איז געוואָרן שטיל אין קלאַס. דער לערער האָט גענומען פאַרלייענען וואָס יעדער האָט געשריבן.

בערל שרייַבט:

„איך וויל זייַן אַ מאַטראָס און אויספאָרן די גאַנצע וועלט. כ'האָב אַזוי ליב צו פאָרן! קיין מאָל וועל איך נישט מיד ווערן! און אומעטום וועל איך מוזן זייַן, בייַ די מענטשן-פרעסערס — אויך. איך שרעק זיך גאָרנישט פאַר זיי".

איז געוואָרן אַ הורא אין קלאַס:

— גוט געשריבן, בערל. גוט געשריבן! ס'איז טאַקע גוט צו זייַן אַ מאַטראָס — האָבן אַלע געטומלט.

נאָר אָט לייענט שוין דער לערער ווייַטער:

דודל שרייַבט:

„איך וויל זייַן אַ גרויסער פידל-שפּילער, און מאַכן, אַז די מענטשן זאָלן נישט זייַן אַזוי טרויעריק".

— פייַן געשריבן, דודל! — האָבן אַלע אויסגערופן.

משהלע שרייַבט:

„איך וויל קענען מאַכן אַזאַ גרויסע שטוב, אַז אַלע קינדער פון דער

גאַנצער וועלט זאָלן קאָנען לערנען צוזאַמען. אוי וואָלט עס פריילעך גע־וועזן״!

שרהלע שרייבט:

„איך וויל זיין אַ גרויסע לערערין און אויסלערנען אַלע מענטשן. אַז זיי זאָלן זיין גוטע״.

עס איז נאָך דאָ צו לייענען און לייענען. לייענט דער לערער ווייטער:

עליע שרייבט:

„איך וויל זיין אַ רייכער און געבן מיין טאַטן אַ סך געלט, אַז ער זאָל נישט דאַרפן אויפשטיין אַזוי פרי. מיין טאַטע שטייט אויף ווען די שטערן זיינען נאָך אין הימל״.

מאָטעלע שרייבט:

„איך וויל זיין אַ גרויסער דאָקטער און מאַכן, אַז די מענטשן זאָלן שוין מער נישט שטאַרבן, און די וואָס זיינען געשטאָרבן זאָלן צוריק לעבעדיק ווערן. וועט מיין ברודערל אויך צוריק קומען אַהיים״.

שטענדיק אַזאַ טרויעריקער איז ער, דער מאָטעלע.

לייענט נאָך אַלץ דער לערער:

מלכהלע שרייבט:

„איך וויל קענען מאַכן טעלער און גלעזער, וואָס זאָלן נישט צעבראָכן ווערן און אַזעלכע שויבן אין די פענצטער, וואָס וועלן קיין מאָל נישט צע־פּלאַצט — וועלן די מאַמעס נישט זיין אין כעס אויף די קינדער״.

לענגער פון אַלע האָט געשריבן חיימל:

„מיין טאַטע שטייט אויף זייער פרי און צעטיילט אין די שטיבער ברויט. אַז איך וועל זיין אַ גרויסער וועל איך העלפן מיין טאַטן. עס איז אַזוי גוט צו צעטיילן ברויט! אַלע מענטשן ליגן נאָך אין די בעטן, קלאַפּט מען אָן אין דער טיר:

— „ווער איז דאָרט״?

— „כ׳האָב געבראַכט ברויט״, — ענטפערט מען.

שוין אַ גאַנצע נאַכט האָבן די מענטשן נישט געגעסן, זיינען זיי הונ־געריק — וועלן זיי זיך דערפרייען.

איבער אַלע גאַסן וועל איך גיין פון הויז צו הויז. קיין איין שטוב וועל איך נישט דורכלאָזן! וועל איך גיין, אָט אַזוי מיט שווערע קוישן ברויט:

אַלע, אַלע, וועל איך ברענגען עסן, אַזוי ווי אַ גוטע מאַמע. וועלן אַלע מענטשן אַרבעטן און זיין צופרידן. איך וויל זיין אַ ברויט־צעטיילער״.

דער לערער האָט געזאָגט, אַז אַלע אַרבעטן זיינען שיין אָנגעשריבן.

די קינדער זיינען געווען זייער גליקלעך! פריילעכע זיינען זיי געלאָפן אַהיים צו דערציילן אַלצדינג אין שטוב.

פּרץ הירשביין

אַ נאַרישער חלום

די מעשה וואָס איך וועל אײַך דאָ דערציילן, איז נישט קיין אמת און נישט קיין ליגן. עס איז אַ נאַרישער חלום, וואָס האָט מיר זיך געחלומט יינגלווײַז, ווען איך בין נאָך אין חדר געגאַנגען און חומש געלערנט.

חלומט זיך מיר, אַ פייגעלע בין איך. נישט קיין מענטש, נאָר אַ פײַ־געלע, אַ שוועלבעלע.

געקומען בין איך פון אַ ווײַטן לאַנד ערגעץ, דאַכט זיך פון ארץ־ישראל, געקומען צו פליען.

פלי איך אַהער, פלי איך אַהין, זוך מיר אַן אָרט, וווּ אַ נעסט צו מאַכן. געפין איך מיר אַ שיינעם אָרט אונטער אַ דאַך, ערגעץ איבער אַ פענצטער. באַקוק איך און באַטראַכט דאָס אָרט: מײַן נעסט וועט זיך דאָרט האַלטן; קיין ווינט וועט נישט אַרײַנבלאָזן, קיין רעגן נישט אַרײַנגיסן, אַלצדינג גוט. איך נעם מיט חשק בויען.

פלי איך אַהער, פלי איך אַהין. ברענג קלעפּיקע שטיקלעך בלאָטע און שטיקלעך ליים אין מײַן שנעבעלע, לייג עס איבער, פלעכט עס אײַן מיט שטרויעלעך, מיט דינע, דינע העלצעלעך, אַז די שטיקעלעך בלאָטע און די שטיקעלעך ליים זאָלן זיך שטאַרקער האַלטן צווישן זיך.

איך קלעפּ און בוי, בוי און קלעפּ, און מײַן נעסט איז שוין פון אויסנ־ווייניק פאַרטיק. בלײַבט מיר נאָך אויסצובעטן מײַן נעסט פון אינעווייניק מיט ווייכינקע שטרויעלעך, הערעלעך און פעדערלעך, ווייך און וואַרעם זאָל זײַן אין איר צו וווינען.

שטרויעלעך און הערעלעך געפונען, פעדערלעך — נישטאָ.

פלי איך אַהער, פלי איך אַהין — נישטאָ קיין פעדערלעך.

דערמאָן איך מיך, — אין חדר אויפן בוידעם, וווּ מיר, חדר־יינגלעך, פאַרקלייבן זיך אַמאָל שפּילן, שטייען טעפּלעך מיט פעדערן.

קום איך צופליען אויפן בוידעם דורך אַ צעבראָכן שײַבעלע, וואָס אין אַ קליינעם פענצטערל דאָרטן. שפּילן זיך אויפן בוידעם צוויי יינגעלעך, מײַ־נע חברים — שלמהלע און חיימל.

— לאָמיר דאָס שוועלבעלע כאַפּן, דערהרגענען! — שרײַט שלמהלע.

— פאַרוואָס דערהרגענען? — פרעגט חיימל.

— זעסטו, — זאָגט שלמהלע, — דאָס העלדזועלע איז בײַ דעם רויט. עס האָט אין שנעבעלע פײַער געטראָגן דעם בית־המקדש צו פאַרברענען.

וויל איך צוריק אַרויספליען. האָבן זיי דאָס פענצטערל פאַרשטעלט איך זאָל נישט קאָנען אַרויספליען. פאַרשטעלט דאָס פענצטערל און אָנ־

געהויבן וואַרפן אויף מיר זייערע היטלען. פלי איך אַהער, פלי איך אַהין, פון איין ווינקל צום אַנדערן, און זוך אַ שפּעלטעלע אויף דער גאַס אַרויס — נישטאָ! קום איך צום פענצטערל — באַץ! — צעשלאָג איך מיך און קען נישט אַרויס.

— וועסט ווייטער טראָגן פייער דעם בית־המקדש צו פאַרברענען?! — שרייט שלמהלע און שלײַדערט אויף מיר זײַן היטל.

— מיר וועלן דיך פּאַקן! — שרייט חיימל און וואַרפט אַ רייף פון אַ צעבראָכענער פאַס. פלי איך אַהער, פלי איך אַהין און שלאָג מיך פון די כוחות אַרויס.

פלוצלונג — באַץ.

שלמהלע האָט אַ שלײַדער געטאָן זײַן היטל. איך האָב מיך אין היטל פאַרפּלאָנטערט, אין איינעם מיט דעם אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן... כאַפּט מען מיך און מע האַלט מיך פעסט. צאַפּל איך. צאַפּל איך זיך און קאָן זיך נישט אַרויסרײַסן.

— דערשטיקן! — זאָגט שלמהלע.

— מיר וועלן עס אין אַ שטייגעלע אַרײַנזעצן — זאָגט חיימל.

זיי קוקן מיר ביידע גלײַך אין די אויגן. איך ציטער און פלאַטער מיט די פליגעלעך און שלאָג מיך פון די כוחות אַרויס.

— נו, וואָס? — פרעגט שלמהלע.

— אַ רחמנות! — זאָגט חיימל.

— און דעם בית־המקדש פאַרוואָס האָט עס אונטערגעצונדן? — פרעגט ווידער שלמהלע. און ער הייבט מיך אָן צו טרייסלען מיט כעס.

— דו האָסט דעם בית־המקדש פאַרברענט! דו האָסט פייער געטראָגן!

— אַ רחמנות — זאָגט ווידער חיימל.

ער נעמט מײַן שנעבעלע צו זיך אין מויל אַרײַן און גיט מיר טרינקען.

— לאָמיר עס גאָר אַרײַנטראָגן אין חדר, פרעגן דעם רבין, וואָס ער וועט הייסן, דאָס וועלן מיר טאָן.

קלעטערן זיך ביידע אַראָפּ פון בוידעם. מיך האַלטן זיי שטאַרק איך זאָל נישט אַנטלויפן.

— רבי, מיר האָבן געכאַפּט אַ שוועלבעלע! — שרײַען זיי ביידע אויס, אַרײַנקומענדיק אין חדר — אויפן בוידעם האָבן מיר עס געפּאַקט! אמת. די שוועלבעלעך האָבן דעם בית־המקדש פאַרברענט?

אַלע קוקן אויף מיר און מײַן הערצל צאַפּלט זיך. איך בין דאָך גאָר אומשולדיק. איך האָב דאָך קיינמאָל קיין פייער אין שנעבעלע נישט געטראָגן, דעם בית־המקדש נישט אונטערגעצונדן.

— נישט איך, נישט איך! — וויל איך שרײַען און קען נישט ריידן.

ציטער איך און פלאַטער מיט די פליגעלעך. איך שלאָג זיך פון די כוחות אַרויס, און דער רבי מיט די חברים לאַכן.

— ניט איך, ניט איך — מאַטער איך מיך און קען ניט זאָגן.
איך שטרענג די לעצטע כוחות אָן — און...
איך האָב מיך אויפגעכאַפּט —
— אַך, דו יונגאַטש איינער! אין מיטן לערנען ווערט מען אַנטשלאָפן
— לאַכט הויך דער רבי און די חברים לאַכן מיט.
— אינדערהיים שלאָפט מען און נישט אין חדר ביים לערנען...

***

ווי איר זעט, איז די מעשה נישט קיין אמת און נישט קיין ליגן: עס איז אַ נאַרישער חלום, וואָס האָט זיך מיר געחלומט, ווען איך בין אין חדר אויפן חומש אַנטשלאָפן געוואָרן, און דער רבי מיט די חברים האָבן מיך מיט זייער געלעכטער אויפגעוועקט.

י. קאַמינסקי

בויט אַ ייִנגעלע דאָס לאַנד

גייט אַ ייִנגעלע קיין ישראל.
עס גייט און גייט אַ לאַנגע צייַט,
דער וועג איז שווער, דער וועג איז ווייַט.
גייט אַ ייִנגל קיין ישראל.

גייט אַ ייִנגעלע קיין ישראל.
עס גייט און גייט און ווערט ניט מיד,
עס גייט און גייט און זינגט אַ ליד.
קומט אַ ייִנגעלע קיין ישראל.

קומט אַ ייִנגעלע קיין ישראל.
עס אַרבעט שווער און אַרבעט לאַנג,
עס אַרבעט שטענדיק מיט געזאַנג.
וווינט אַ ייִנגעלע אין ישראל.

וווינט אַ ייִנגעלע אין ישראל.
גערטנער פלאַנצט ער, קליידער נייט ער,
הייַזער בויט ער, וועגן שפּרייט ער.
בויט אַ ייִנגעלע ס'לאַנד ישראל.



לאה קאַפּילאָוויטש

פּורים

אויפֿגעשטאַנען, אָפּגעוואַשן,
אויסגעפּוצט זיך שיין;
גרייט איך אָן מײַן נײַעם גראַגער,
גלײַך אין שול צו גיין.

אין מגילה אײַנגעוויקלט
זײַנען המנס פֿיל;
קען איך מיט מײַן גראַגער גראַגלען,
וויפֿל נאָר איך וויל.

דאָרטן לייענט די מגילה
אַזאַ הויכער מאַן:
ווי איך הער אים המן זאָגן,
מאַך איך: גראַן, גראַן, גראַן!

פּורים דאַרף איך ניט, ווי שטענדיק,
זיצן שטילערהייט;
ווײַל מיין גראַגער דאַרף פֿאַרטומלען,
המנס בייזע רייד...

אַז מען קומט אַהיים צו מאַמען,
איז דער טיש געגרייט;
און די קרעפּלעך אין די טעלערס,
ווינקען שטילערהייט.

המן־טאַשן מיט דרײַ שפּיצן,
בעטן: — גיב אַ בים!
מאָן מיט צוקער גוט צעשטויסן,
אוי! ס'איז פעט און זיס!

נאָכן עסן, — שלח־מנות,
שיקט מען אונדז אַרײַן;
פּוטער־קיכלעך, רונדע טאָרטן,
פלעשער פול מיט ווײַן.

און צו מיר קומט צוקער־צאַצקעס
מענטשעלעך אַלערליי;
וועגעלעך וואָס קענען לויפן,
אַז מען גיט אַ דריי.

האָב איך דאָך אַזויפיל שפּילצייג,
שיק איך זיי צוריק;
משהן שיק איך צוקער־פערדעלעך
רחלען טאָרט אַ שטיק.

זײַנען מיר מיט דעם פאַרנומען,
אײַלן זיך אָן אַ שיעור;
מאַמע שפּילט אין שלח־מנות
פּונקט אַזוי ווי מיר...

נאָכדעם האָבן מיר אַ סעודה,
עסט מען און מען טרינקט;
קומען אָן די פּורים־שפּילער,
און דער קעניג זינגט.

אָט אַזוי איז בײַ אונדז פריילעך,
ביז גאָר שפּעט בײַנאַכט;
איך זאָל קענען, וואָלט איך פּורים
אַלע טאָג געמאַכט...

לעאָן עלבע

אַ מעשה פון פּורים

— א —

אַמאָל איז געווען אַ מעשה. די מעשה הייבט זיך אָן מיט אַ נאַרישן מלך און עם לאָזט זיך אוים זייער פריילעך.

דער מלך האָט געהאַט אַ מלכה. איז ער איין מאָל אויף איר אין כעס געוואָרן. האָט ער געהייסן זי דערהרגענען. און אַז מע האָט זי דערהרגעט, איז דעם מלך אָפּגעגאַנגען דער כעס. און אַז ער איז שוין ניט געווען אין כעס, האָט ער חרטה געקראָגן, וואָס ער האָט זי דערהרגעט.

— „גרויסער נאַר!“ — האָט דער מלך אויף זיך אַליין געזאָגט — „וואָס האָב איך דאָס געטאָן? און ווי אַזוי קען דאָס זײַן אַ מלך אָן אַ מלכה?“

האָבן זייַנע דינערס פֿאַר אים אויסגעזוכט אַן אַנדער מלכּה, און איר נאָמען איז געווען אסתּר. און זי איז געווען נאָך שענער פֿאַר דער ערשטער מלכּה, וועלכע דער מלך האָט אין זייַן נאַרישן צאָרן געהייסן דערהרגענען. און דער מלך האָט זייער ליב געקראָגן די נייַע מלכּה. און וואָס זי האָט געבעטן, האָט ער איר געגעבן, און דער מלך האָט ניט געוווּסט, אַז אסתּר איז אַ יידישע מיידל.

און אין דעם קעניגס הויף איז געווען אסתּרס אַ פֿעטער, האָט מען אים גערופֿן מרדכי הצדיק, ווייַל ער איז געווען אַ גוטער מענטש. הערט איין מאָל מרדכי הצדיק, ווי צוויי דינערס רעדן אָפּ צווישן זיך צו פֿאַרסמען דעם מלך. איז מרדכי אַוועק און האָט דערציילט אסתּרן, און אסתּר האָט דאָס דערציילט דעם מלך, און מען האָט די צוויי דינערס אויפֿגעהאַנגען. די גאַנ־צע געשיכטע איז פֿאַרשריבן געוואָרן אין דעם קעניגס בוך.

— ב —

אין דעם קעניגס הויף איז אָנגעקומען אַ שלעכטער מענטש, און זייַן נאָמען איז געווען המן. און ווייַל ער איז געווען שלעכט, האָבן אים אַלע גערופֿן המן הרשע. האָט דער נאַרישער קעניג ליב געקראָגן המן הרשע און ער האָט געהייסן אַלע זאָלן זיך בוקן פֿאַר המן הרשע. האָבן זיך אַלע גע־בוקט פֿאַר אים. נאָר איין מרדכי הצדיק האָט זיך פֿאַר אים נישט געוואָלט בוקן. איז המן הרשע אין כּעס געוואָרן אויף מרדכי דעם צדיק, און ווען ער האָט דערהערט, אַז מרדכי איז אַ ייִד, האָט ער געוואָלט דערהרגענען מרדכין מיט אַלע יידן אין איינעם. איז המן אַוועק צום נאַרישן מלך און זאָגט צו אים:

— אדוני מלך, זאָלסט לעבן און זייַן פֿריילעך! פֿאַרקויף מיר אַלע יידן פֿון דייַן לאַנד און איך וועל זיי אַלעמען אויסהרגענען.

זאָגט צו אים דער נאַרישער מלך:

— וואָס דאַרפֿסטו זיי קויפֿן בייַ מיר? נעם זיי אַלעמען צו אומזיסט און טו מיט זיי וואָס דו ווילסט.

איז המן אַוועק פֿריילעך פֿון דעם מלך און ער האָט די ערשטע זאַך גענומען און געמאַכט אַ תּליה אויפֿצוהענגען מרדכין.

אַז מרדכי הצדיק און אַלע יידן האָבן דערהערט די מעשה, האָבן זיי זיך אַלע ביטער צעוויינט און צעשריען. און מרדכי איז אַוועק צו אסתּר המלכּה, זאָגן איר, אַזוי ווי זי איז אַליין אַ יידיש קינד, זאָל זי זען בעטן דעם נאַרישן מלך, ער זאָל מבטל מאַכן זייַן נאַרישע גזירה און מען זאָל די יידן ניט אויסהרגענען.

און דער נאַרישער מלך האָט זיך געלייגט שלאָפן יענע נאַכט. קומט אַרונטער פון הימל דער מלאך פון שלאָף און לאָזט אים ניט איינשלאָפן. בעט זיך דער מלך ביים מלאך:

— לאָז מיך איינשלאָפן! איך בין אַזוי מיד! דער קאָפּ טוט מיר וויי!

זאָגט דער מלאך צום מלך:

— דער נאַרישער קאָפּ טוט דיר וויי פון די נאַרישקייטן וואָס דו טוסט אָפּ. איך וועל דיך ניט לאָזן שלאָפן ביז דו וועסט ניט איבערלייענען דיין בוך, ווו אַלצדינג איז פאַרשריבן.

שטייט אויף דער מלך אין מיטן דער נאַכט און שיקט נאָך זיין שרייבער, ער זאָל אים איבערלייענען דאָס בוך, ווו אַלצדינג איז פאַרשריבן. נעמט דער שרייבער לייענען דאָס בוך. קומט ער צו אַ מעשה, ווי מרדכי הצדיק האָט געראַטעוועט דעם קעניגס לעבן, ווען צוויי דינערס זיינע האָבן אים געוואָלט פאַרסמען. פרעגט דער מלך ביים שרייבער:

— האָט מען מרדכין עפּעס געטאָן דערפאַר, וואָס ער האָט מיין לעבן געראַטעוועט? איז אין בוך פאַרשריבן?

ענטפערט דער שרייבער:

— ניין. מען האָט אים גאָרנישט געטאָן.

רופט אוים דער קעניג:

— ווער איז איצט אין הויף? שיקט מיר אים אַרויף!

און גראַד איז המן געקומען בעטן דעם מלך, ער זאָל אים לאָזן אויפהענגען מרדכין אויף דער תליה, וואָס ער האָט פאַר אים געמאַכט.

ענטפערט מען דעם מלך:

— המן איז דאָ!

זאָגט דער מלך:

— זאָל ער אַריין!

קומט אַריין המן הרשע, פרעגט ביי אים דער מלך:

— זאָג מיר, וואָס זאָל מען טאָן דעם מענטשן, וואָס דער מלך האָט אים ליב?

טראַכט המן ביי זיך אין האַרצן: „וועמען האָט דער מלך ליב. אויב ניט מיך?" רופט ער זיך אָן צום מלך:

— אַדוני מלך! — אָט דאָס דאַרף מען טאָן צום מענטשן, וואָס דער מלך האָט אים ליב און ער וויל אים אָנטאָן כבוד: זאָל מען יענעם מענטשן אָנטאָן אין קעניגלעכע קליידער, אַרויפזעצן אויפן קעניגס פערד און אָנטאָן

אים אויפן קאָפּ דעם קעניגס קרוין, און דער גרעסטער מיניסטער זאָל אים פירן איבער אַלע גאַסן און שרײַען: „אַזוי ווערט געטאָן צום מענטשן, וואָס דער קעניג האָט אים ליב!"

— דו האָסט גוט געזאָגט, המן. טאָ נעם טאַקע און טו דאָס אַלץ צו מרדכין.

אַז המן האָט דאָס דערהערט, איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן: געהערט אַ מעשה? ער קומט בעטן דעם מלך, ער זאָל אים לאָזן אויפהענגען מרדכין, הייסט אים גאָר דער מלך אָנטאָן מרדכין אַזאַ כבוד! אָבער אַז דער מלך הייסט, מוז מען פאָלגן. איז המן אַוועק און האָט אָנגעטאָן מרדכין אין די קעניגלעכע קליידער און אַרויפגעזעצט אים אויפן קעניגלעכן פערד און אָנגעטאָן אים די קעניגלעכע קרוין אויפן קאָפּ, און המן האָט אַזוי אַרומגעפירט מרדכין איבער אַלע גאַסן און געשריען אויפן קול: „אַזוי ווערט געטאָן צום מענטשן, וואָס דער קעניג האָט אים ליב!"

און קליינע קינדער האָבן דאָס געזען, האָבן זיי זיך געפרייט און געטאַנצט און געשפרונגען און געזונגען:

מרדכי הצדיק פאָרט אויפן פערד,
המן הרשע גייט אין דער ערד!

— ד —

און אסתר המלכה איז דערווײַל געקומען צום מלך און האָט אים געבעטן, ער זאָל ניט לאָזן המן דעם רשע אויסהרגענען אַלע יידן, ווײַל זי אַליין איז אויך אַ יידישע, און אויב מע וועט אויסהרגענען אַלע יידן וועט מען זי אויך דאַרפן הרגענען.

האָט דער מלך דערזען, וואָס פאַר אַ נאַרישקייט ער האָט געטאָן. איז ער אין כעס געוואָרן אויף המנען און ער האָט געהייסן אויפהענגען המנען אויף דער זעלבער תליה, וואָס המן האָט געמאַכט פאַר מרדכין, און מרדכי און אַלע יידן זײַנען געבליבן לעבן, און עס איז געווען פרייליך, לעבעדיק.

מען האָט געמאַכט אַ יום־טוב פורים, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פון אַזאַ שלעכטן מענטשן ווי המן הרשע, און מען איז אַרוים אין די גאַסן מיט טענץ און מיט געזאַנג.

און די קינדער האָבן געשלאָגן המנען מיט המן־קלאַפּערס, און מיט גראַגערס. און אַזוי איז אַלע יאָר, ווען עס קומט פורים, דערמאָנט מען זיך אָן דער מעשה מיטן נאַרישן מלך, און עס ווערט אַזוי פריילעך, און מען עסט המן־טאַשן, און מע לייריקט אוים אַלע פלאַשן, ווײַל פורים איז אַ מצוה צו נאַשן. פורים דאַרף מען אַליין טרינקען און עסן און אויך אָן די אָרעמע ניט פאַרגעסן.

י. גויכבערג

האַרבסט

שאָרך, שאָרך...
און אַ בלעטל פאַלט.
שאָרך, שאָרך...
נעפלדיק און קאַלט.

טריפּ, טראָפּ...
און אַ רעגן שפּריצט.
טריפּ, טראָפּ...
זומער גוססט איצט.

שאַ, שאַ...
טויט איז אַלץ אַצינד,
שאַ, שאַ...
הערסט, עס וויינט דער ווינט!...

דניאל פערסקי

חנהלעס טאַטע

עס האָט גערעגנט. ניין, עס האָט געגאָסן ווי פון צעבערס. דערצו האָט געבלאָזן אַ ווינט, וואָס האָט געריסןביימער און דעכער. איך האָב אָנגעטאָן אַ רעגן־מאַנטל, אַרויפגעצויגן הויכע גומענע שטיוול און גענומען אַ שירעם און אַוועק אין שול. ווען איך בין אַרויס אין דרויסן האָב איך דעם רעגן־מאַנטל פאַרשפּיליעט אויף אַלע קנעפּלעך, דעם שירעם האָב איך געעפנט און איינגעבויגן דעם קאָפּ, אַז דער רעגן זאָל נישט שמייסן מיין פּנים. דאָך בין איך געוואָרן, אין געציילטע מינוטן, נאַס ביזן ביין.

איך האָב זיך קוים, קוים דערשלעפּט ביז דער שול. אין קאָרידאָר פון שול איז געשטאַנען מיין שילערין חנהלע, דאָס אָרעמע אויסגעדאַרטע חנהלע, וואָס איז אַלעמאָל געגאַנגען אין צעריסענע שיך. זי איז געשטאַנען און זיך געטרייסלט פון קעלט. איך האָב געוואָלט איר פרעגן פאַרוואָס זי איז נישט אַרויף אין קלאַס־צימער, ווו עס איז וואַרעם? אָבער מיט אַ מאָל האָב איך דערזען ווי איר טאַטע לויפט אין גאַס. ער לויפט מיט אימפּעט, די שיך ווייס פון וואַסער, דאָס רעקל פאַרשפּריצט מיט רויטער פאַרב, אויפן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַן איבערגעקערטן זאַק און דער ייד איז אויסגענעצט, אַז עס איז אויף אים נישטאָ קיין טרוקענער פאָדעם.

ער איז אַריינגעלאָפן אין קאָרידאָר, אָפּגעטרייסלט דעם רעגן און אַרויס־גענומען פון הינטערן העמד אַ דין פּעקעלע און אַרויסגערעדט מיט פרייד צו חנהלען:

— נאַ, קינד מיינס, זעסט, איך האָב געהאַלטן וואָרט!

אָפּגעזאָגט די פּאָר ווערטער האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דאָס דאַרע מיי־דעלע, זי אויפגעהויבן, איר אַ קוש געטאָן אויף די ליפּן און איז אַרויסגעלאָפן.

חנהלע איז צו מיר צוגעפאַלן אַ פריידיקע:

— איר זעט, לערער, איך האָב שוין דאָס נייע ביכל. מיין טאַטע האָט עס מיר געקויפט. איך בין געבליבן שטיין ווי אַ צעטומלטער. יאָ, נעכטן האָב איך אָנגעזאָגט די קינדער, אַז זיי מוזן ברענגען דאָס נייע לערן־ביכל אין קלאַס. חנהלעס טאַטע, אַן אָרעמער שומר ביי אַ נייער געביידע, האָט, ווייזט אויס, אַראָפּגעגנבעט צייט פון זיין אַרבעט און איז געלאָפן אין רעגן און שטורעם קויפן אַ יידיש ביכל פאַר זיין קינד.

איך האָב אָנגענומען חנהלען ביי דער האַנט און געזאָגט צו איר נאָר צוויי ווערטער:

— „קום, חנהלע"!...

מער האָב איך נישט געקאָנט זאָגן, ווייל עס האָט מיך געשטיקט צו וויינען.

לכבוד שבת

אגדה

יוסף מוקיר שבת

— א —

בײַ אַ רײַכן פּריץ האָט אַמאָל געוווינט אַן אָרעמער ייִד יוסף. ער האָט געאַרבעט אין די פעלדער, סעדער און ווײַנגערטנער פון דעם פּריץ. דער פּריץ איז געווען אַ שלעכטער — און האָט יוספן גענייט צו טאָן די שווערסטע אַרבעט פון פרימאָרגן ביז בײַנאַכט, און פלעגט אים נאָך אָפּנאַרן בײַם באַצאָלן.

אָט דער אָרעמער ייִד האָט געטרײַ אָפּגעהיט שבת. אַ גאַנצע וואָך פלעגט יוסף און זײַן הויזגעזינד עסן נאָר ברויט מיט וואַסער, אָבער אויף שבת פלעגט ער אָנגרייטן פאַר דעם לעצטן גראָשן פיש און פלייש און זיך איבערטאָן אין שיינע קליידער. און דערפאַר האָבן אים אַלע, ווער עס האָט אים געקענט, טאַקע אַ נאָמען געגעבן: יוסף דער שבת-היטער. יוסף האָט זײַן באַלעבאָס געטרײַ געדינט, און דער פּריץ איז פון טאָג צו טאָג רײַכער געוואָרן.

— ב —

איין מאָל חלומט זיך דעם פּריץ אַ חלום, אַז אַן אַלטער מאַן מיט אַ גרײַז-גרויער באָרד, אָנגעטאָן אין אַ ווײַסן מאַנטל, איז אַרײַן אין זײַן פּאַלאַץ.

דער אַלטער האָט זיך גענומען בייזערן אויף אים דערפאַר, וואָס ער נייט יוספן אַזוי שווער צו אַרבעטן, און צום סוף האָט ער געזאָגט: „דײַן גאַנץ האָב און גוטס האָט דיר יוסף אַרײַנגעבראַכט, צו אים וועט דאָס מיט דער צײַט געהערן".

דער פּריץ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף אַ דערשראָקענער: „ווי זאָל איך אָפּראַטעווען מײַן גוטס פון דעם ייִדנס הענט?" — האָט ער לאַנג געקלערט. און צום סוף האָט ער באַשלאָסן: איך וועל פאַרקויפן אַלע מײַנע גיטער, מײַנע פעלדער און וועלדער און פאַר דעם געלט וועל איך קויפן אַ טײַערן איידלשטיין. און דעם שטיין וועל איך שוין קענען אויסהיטן פון דעם ייִדנס הענט.

געזאָגט און געטאָן. ער האָט זײַן גאַנץ אייגנס געמאַכט צו געלט, און פאַר דעם געלט האָט ער געקויפט אַ זייער טײַערן דימענט און אים אײַנגענייט אין זײַן היטל.

— איצט וועט שוין יוסף אַ ביסל וואַרטן, ביז ער וועט קומען צו מײַן גוטס! — האָט זיך דער פּריץ געטראַכט אין האַרצן.

— ג —

איין מאָל איז דער פּריץ געגאַנגען איבער אַ בריק. האָט אַ בלאָז געטאָן אַ שטאַרקער ווינט, האָט אים אָפּגעריסן דאָס היטל פון קאָפּ און פאַרטראָגן אין טײַך אַרײַן. איז געקומען צו שווימען אַ גרויסער פיש און אײַנגעשלונגען דעם טײַערן שטיין. איז געקומען אַ פישער צום טײַך און האָט דעם פיש געכאַפּט. דער פישער האָט דעם פיש געבראַכט אין שטאָט אַרײַן צו פאַרקויפן, נאָר קיינער האָט אים נישט געוואָלט קויפן, ווײַל דער פישער האָט געבעטן פאַר אים אַ גרויסן פּרײַז.

טראַכט זיך דער פישער: — איך וועל אָקאָרשט אַרײַנגיין צו יוספן. אַט דער אָרעמאַן קאַרגט נישט קיין געלט אויף פיש אויף שבת.

יוסף האָט געקויפט דעם פיש. אַז מען האָט דעם פיש געמאַכט אויף שבת, האָט מען אין אים געפונען דעם דימענט.

נאָך שבת האָט יוסף פאַרקויפט דעם טײַערן שטיין און איז געוואָרן אַ גרויסער גביר.

יעקב אדלער

שבת פאַרנאַכט

עס גייט שוין אַוועק זיך,
דער הייליקער שבת,
אין שטיבל ווערט פינצטער,
אין שטיבל איז שטיל;

עס שעפּטשעט די מאַמע:
„אך גאָט פון אברהם" —
זי שעפּטשעט די תפילה
מיט האַרץ און געפיל.

אך גאָט פון אברהם,
פון יצחק, פון יעקב,
פאַרנעם דאָך מײַן תפילה
אין הימלס געצעלט —

און שיק מיר פּרנסה,
און ריכט אויף מײַן מזל,
און ליכטיק זאָל ווערן
מײַן פינצטערע וועלט...

נ. ב.

שבת

אַרבעט וועלט די גאַנצע וואָך,
אײַנגעשפּאַנט אין שווערן יאָך
ווייסט ניט פון קיין רו;

אַרבעט שווער די גאַנצע וועלט,
מענטש אין הויז און פערד אין פעלד,
אַלע ווילן רו.

קרעכצן מענטשן, חיות שרײַען:
— גיט כאָטש איין טאָג אונדז אַ פרײַען,
איין טאָג רו אין וואָך!

און דער לערער משה הערט
ווי עס וויינט די גאַנצע ערד,
וויינט און קרעכצט נאָך רו.

משה הערט און הייבט זיך אויף
אויף גאָטס באַרג שטײַגט ער אַרויף
זוכן רו פאַר וועלט.

און ער ברענגט די לוחות צוויי,
איז געשריבן דאָרט אויף זיי:
— וועלט, וועסט האָבן רו!

אַרבעט זעקס טעג אין דער וואָך,
שבת ביסטו פרײַ פון יאָך,
שבת איז פאַר רו.

הערן ײדן, זאָגן צו
אָפּצוהיטן שבת-רו,
רוטאָג אין דער וואָך.

און זיי שטעלן אויף דעם טיש
ליכט און חלות, פלייש און פיש
פאַר דער מלכה שבת.

שלום עליכם

עק וועלט

דאָרט, אויף יענער זײַט בית-עולם, הינטער דער שטאָט, גייט זיך צו־נויף דער הימל מיט דער ערד.

דאָרט, אויף יענער זײַט בית-עולם, הינטער דער שטאָט, איז עק וועלט.

אַזוי האָבן מיר אין חדר אָפּגעפּסקנט און האָבן אָפּגערעדט צווישן זיך צונויפֿזאַמלען זיך שבת-בײַטאָג, ווען דער עולם, ווען אַלע יידן, ווען די גאַנ־צע שטאָט, שלאָפֿן מיט אַ זיסן שטאַרקן שלאָף. און זיך לאָזן גיין און גיין ביז עק וועלט.

שבת בײַטאָג, ווען דער עולם, ווען אַלע יידן, ווען די גאַנצע שטאָט זײַנען געשלאָפֿן מיטן זיסן שבתדיקן שלאָף. האָבן מיר זיך צונויפֿגעזאַמלט און זיך געלאָזט גיין און גיין ביז עק וועלט.

און מיר זײַנען געגאַנגען — צי אַ שעה, צי צוויי, צי דרײַ — ווייס איך נישט; נאָר מיר זײַנען ב״ה מיט גאָטס הילף געקומען בשלום ביז דער מיל, ביז דער ווינטמיל. דאָ, בײַ דער ווינטמיל, האָבן מיר זיך געזעצט רוען; זיך צוגעזעצט, צוגעלייגט; צוגעלייגט זיך, אויסגעצויגן זיך אויפֿן גרינעם גראָז, אויפֿן שמעקנדיקן גראָז און געכאַפּט אַ דרעמל.

יעדער פֿון אונדז איז פֿאַרנומען מיט זײַן זאַך, מיט זײַנע געדאַנקען, מיט זײַן פֿאַרגעניגן; ס׳איז שטיל. קיינער זאָגט נישט קיין וואָרט; קיינער וויל, מע זאָל אים איבערשלאָגן, קיינער וויל יענעם איבערשלאָגן.

וווּ זשע איז עק וועלט? — האָט זיך אָפּגערופֿן איינער פֿון אונדז. געענטפֿערט.

און ס׳איז בײַ אונדז אַלעמען געבליבן דער הסכם. אַז דאָ, הינטער דער ווינטלמיל, איז עק וועלט; אַז ווײַטער פֿון דער מיל איז הרי-חושך, די פֿינצ־

— אָט דאָ איז דאָך עק וועלט, נאַרעלע! — האָט אים דער אַנדערער טערע בערג וואָס זײַנען באַדעקט מיט שוואַרצן גראָז, און דאָרט, אויף די בערג געפֿינען זיך עד-היום קליינע יידעלעך מיט לאַנגע בערד ביז די שפּיץ פֿינגער פֿון די פֿיס.

און אויף יענער זײַט בערג איז דער פֿאַרגליווערטער ים, וווּ דער שטו־רעם-ווינט פֿאַרטרײַבט אַהין אַלע אָקרענטן מיט אַלע שיפֿן, און וואָס קיי־נער קומט שוין פֿון דאָרט נישט צוריק...

דער סדר

נחום יוד

יידן

יידן, פרעה און מצרים,
ליים און ציגל, שקלאַפעריַי...
נאָכדעם משה און באַפריַיאונג —
אַ געשיכטע אייביק נײַ.

לאַנג, שוין לאַנג ניטאָ איז פּרעה,
אונדזער אַלטער, בייזער פײַנט.
נאָר אַמאָליקע געפאַרן —
לויערן אויף אונדז נאָך הײַנט.

שטענדיק מדבר אונדז אַנטקעגן,
און אַהינטער אונדז — דער ים,
נאָר מיר וועלן אויף די וועגן
איבערקומען יעדן צאַם.

איז פאַר אונדזער פאָלק דעם גרויסן
און פאַר אונדזער אייביק זײַן,
העכער, העכער הייבט די כוסות
און מיט שמחה טרינקט דעם ווײַן.

שלום עליכם

אליהו הנביא

נישט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד, אַ ציטערדיקער בײַ טאַטע־מאַמע, „פון זיבן איינער געבליבן". דאָ ניט שטיי, דאָ ניט גיי. דאָס ניט עס, דאָס ניט טרינק, דעם קאָפּ דעק צו, דעם האַלדז פאַרבינד, די הענט באַהאַלט, די נאָז שנײַץ אויס. אַך, ניט גוט. ניט גוט צו זײַן אַ בן־יחיד, און נאָך אַ נגידס אַ יינגל דערצו.

קוים דערלעבט פסח, דעם ליבן טייערן פסח. אויסגעקליידט האָט מען מיך אין בגדי־מלכות, ווי עס פּאַסט פאַר אַ נגידס אַ יינגל. וואָס קומט מיר אָבער אַרויס, אַז איך טאָר ניט אַרומשפּרינגען אין דרויסן — איך וועל זיך פאַרקילן. אַז איך טאָר ניט אַרומלויפן מיט אַלע קבצנישע קינדער — איך בין אַ נגידס אַ יינגל. אַזעלכע שיינע מלבושים — ניטאָ פאַר וועמען צו באַרימען זיך. אַ פולע קעשענע מיט ניס — ניטאָ מיט וועמען צו שפּילן.

ניט גוט צו זיין אַ בן־יחיד, אַ ציטערדיקער, וואָס פון זיבן איינער געבליבן, און נאָך אַ נגידס אַ יינגל דערצו.

דער טאַטע האָט אַנגעטאָן די בעסטע קאַפּאָטע און איז אַוועק אין שול דאַווענען. זאָגט צו מיר די מאַמע: „ווייסטו וואָס? לייג זיך צו, שלאָף זיך אויס, וועסטו קענען זיצן ביים סדר, וועסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות״.

משוגע בין איך? פאַרן סדר וועל איך גיין שלאָפן! „געדענק זשע. פּסח צום סדר טאָר מען נישט שלאָפן. וואָרעם טאָמער חלילה וועסטו אַנטשלאָפן ביים סדר, אַזוי קומט אליהו הנביא מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס... פסח ביינאַכט גייט אליהו הנביא און קוקט: ווער עס שלאָפט ביים סדר, דעם נעמט ער צו אין זאַק אַריין״... כאַ־כאַ. איך וועל אַנטשלאָפן ווערן ביים סדר? איך? און אַז מע זאָלן זיצן אַ גאַנצע נאַכט? און אַפילו ביז ווייסן טאָג אַריין? ווי אַזוי איז געווען מאַמע פאַראַיאָרן? „פאַראַיאָרן ביסטו אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד נאָך קידוש״ — פאַרוואָס זשע איז נישט געקומען צו מיר דעמאָלט אליהו הנביא מיטן זאַק? „דעמאָלט ביסטו נאָך געווען אַ קליינינקער, היינט ביסטו אַ גרויסער. היינט דאַרפסטו פרעגן דעם טאַטן די פיר קשיות, היינט דאַרפסטו זאָגן מיטן טאַטן „עבדים היינו״, היינט דאַרפסטו עסן מיט אונדז פיש און יויך און קניידלעך... שאַ, אָט גייט דער טאַטע פון שול!״

— גוט יום־טוב!

— גוט יום־טוב!

דאַנקען גאָט, דער טאַטע האָט אָפּגעמאַכט קידוש, איך אויך. דער טאַטע האָט אויסגעטרונקען דעם ערשטן כוס, איך אויך. און דווקא אַ פולן כוס און דווקא ביזן דנאָ. „זע נאָר, ביזן דנאָ!״ — זאָגט די מאַמע צום טאַטן. און מיר זאָגט זי „אַ פולן בעכער מיט וויין? וועסט אַנטשלאָפן ווערן״... כאַ־כאַ! איך וועל אַנטשלאָפן ווערן? איך? און אַז מע זאָל זיצן אַ גאַנצע נאַכט, אַפילו ביזן ווייסן טאָג אַריין? אַנו, פרעגט דעם טאַטן, ווי אַזוי האָב איך אָפּגעקלאַפּט די פיר קשיות? ווי אַזוי זאָג איך די הגדה? ווי אַזוי שאָקל איך זיך איבערן סידור און זינג מיטן טאַטן „עבדים היינו?״... און די מאַמע לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון מיר און שמייכלט און זאָגט צו מיר: „וועסט אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן״. עך, מאַמע, מאַמע!!! מיר דאַכט זיך, מע זאָל זיין מיט אַכצן קעפּ קען מען פון דעם אַליין אַנטשלאָפן ווערן! אַנו.

לאָז זיך אַוועקזעצן איינער אַקעגן און זינגען אײַך אין אויער: „אַנטשלאָפן ווערן, אַנטשלאָפן ווערן".

פאַרשטייט זיך אַז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן...

אַנטשלאָפן געוואָרן, חלומט זיך מיר, אַז דער טאַטע האָלט שוין בײַ „שפוך חמתך", די מאַמע אַליין שטייט אויף פון טיש, גייט עפענען די טיר מקבל פנים זײַן אליהו־נביאן.

שיין וועט זײַן, טאָמער קומט טאַקע אלי־נביא, ווי די מאַמע זאָגט, מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און זאָגט צו מיר: „קום בחור"! און וואָר וועט זײַן שולדיק אין דעם אַז נישט די מאַמע אַליין מיט איר „שלאָף ניט"?... און אַזוי ווי איך טראַכט מיר די דאָזיקע מחשבות, אַהאַ! הער איך אַ סקריפּ פון דער טיר און דער טאַטע שטייט אויף און רופט אויס אויף אַ קול: „ברוך הבא"! איך קוק מיך אײַן צו דער טיר — יאָ, ס'איז ער. ער גייט, ער גייט. פּאַוואָלינקע, קוים וואָס מע הערט. אַ שיינער ייד אליהו הנביא, אַן אַלטער מאַן. אַ זקן מיט אַ גרײַז גרויער באָרד ביז די קני, דאָס פּנים אַלט, געל, געקנייטשט. נאָר שיין און גוט איז ער אָן אַן עק. און אויגן, אַך אויגן! גוטע, ווייכע, פרײַנדלעכע, ליבע, געטרײַע אויגן. אײַנגעבויגן, אָנגעלענט אויף אַ גרויסן, גרויסן שטעקן מיט אַ זאַק אויף די פּלייצעס, און שאַ, שטיל, אָן ווערטער — און גלײַך צו מיר.

— נו, ייִנגעלע, אַרײַן צו מיר אין זאַק אַרײַן און קום! — אַזוי זאָגט צו מיר אָט דער אַלטיטשקער און דווקא מיט גוטן, און דווקא אַזוי ווייך, אַזוי זיס.

פרעג איך אים: וווּהין? מאַכט ער צו מיר: „וועסט שוין נאָכדעם זען"... וויל איך נישט. זאָגט ער מיר נאָכאַמאָל. בעט איך מיר בײַ אים: „ווי קען איך מיט דיר גיין, אַז איך בין אַ נגידס אַ ייִנגל?" זאָגט ער: „און אַז אַ נגידס אַ ייִנגל וואָס ביסטו פאַר אַ מיוחס"? זאָג איך: „איך בין בײַ טאַטע־מאַמע אַ בן־יחיד..." זאָגט ער: 'בײַ מיר ביסטו ניט קיין בן־יחיד". זאָגט איך: „אַ ציטערדיקער, פון זיבן איינער געבליבן". זיי וועלן, זאָג איך, דערזען אַז איך בין נישטאָ, וועלן זיי דאָס נישט אויסהאַלטן, זיי וועלן שטאַרבן און דער־הויפּט די מאַמע"... קוקט ער אויף מיר, דער אַלטיטשקער, מיט גוטן און מאַכט צו מיר ווייך און זיס ווי פריער: „גייסטו נישט מיט מיר, טאָ שלאָף געזונט, נאָר ווער אַנטשלאָפן אויף אייביק"... הייב איך אָן צו וויינען: „הייסט דאָס אַז איך זאָל שטאַרבן? זיי וועלן דאָס נישט אויסהאַלטן. אי־בערהויפּט די מאַמע"... „ווילסטו נישט שטאַרבן טאָ קום מיט מיר, געזעגן זיך אָפּ מיט טאַטע־מאַמע און קום"... „סטײַטש, ווי קען איך גיין, אַז איך בין אַ בן־יחיד, פון זיבן איינער געבליבן?" מאַכט ער צו מיר שוין שטאַר־קער: „צום לעצטן מאָל, ייִנגעלע, קלײַב זיך אויס איינס פון צוויי: אָדער געזעגן זיך אָפּ פון טאַטע־מאַמע אויף שטענדיק און קום מיט מיר, אָדער בלײַב דאָ און ווער אַנטשלאָפן אויף אייביק, אויף אייביק..."

אָפּגעזאָגט די דאָזיקע ווערטער. טרעט ער אָפּ פון מיר אויף איין שפּאַן און וויל שוין אויסקערעווען זיך צו דער טיר. וואָס טוט מען דאָ? אַוועקגיין מיטן אַלטן. גאָט ווייס וווהין, פאַרפאַלן ווערן, — וועלן טאַטע-מאַמע שטאַרבן: אַ בן-יחיד פון זיבן איינער געבליבן... בלייַבן דאָ און אַנטשלאָפן ווערן אויף אייביק, הייסט דאָך דאָס, איך אַליין זאָל שטאַרבן... צי איך אוים צו אים ביידע הענט מיט טרערן אין די אויגן: „אליהו הנביא! גוטער, ליבער, האַרציקער אליהו! גיב מיר איין מינוט צו באַטראַכטן זיך"! דרייט ער אוים צו מיר דאָס שיין, אַלט, געל, געקנייטשט פּנים מיט דער גרייַז-גרויער באָרד ביז די קני, קוקט אויף מיר מיט זייַנע שיינע, ליבע געטרייַע אויגן און מאַכט צו מיר מיט אַ שמייכל: „איין מינוט אויף צו באַטראַכטן זיך — גיב איך דיר מייַן קינד, אָבער נישט מער ווי איין מינוט"...

דער אַלטיטשקער לענט זיך אָן אויף זייַן גרויסן, גרויסן שטעקן און וואַרט.

פרעגט זיך: וואָס האָב איך אין דער מינוט באַדאַרפט צוטראַכטן אַזעלכעס, אַז איך זאָל נישט דאַרפן, נישט גיין מיטן אַלטן און נישט אַנטשלאָפן ווערן אויף אייביק? אַנו, ווער וועט טרעפן?...

נחום יוד

האַרבסט

עס פאַלט שוין אָפּ
דאָס גאָלד פון וועלדער,
אַ שוואַרצער ראָב
אויף וויסטע פעלדער.

אַלץ גרוי און געל...
אָ, זומער ליבער,
ווי שנעל, ווי שנעל,
דו ביסט אַריבער!...

י. לוקאַווסקי

חד גדיא

אַ פּסחדיקע לידעלע
זינג איך אײַך מיט אַ ניגון;
אַ מוסר פֿאַר די עלטערע,
פֿאַר קינדער־פֿאַרגעניגן. —

חד־גדיא! חד־גדיא!

איך האָב פֿאַר אײַך אַ מעשהלע,
אַ מעשהלע גאָר שיין;
דער טאַטע האָט אַ ציגעלע
געקויפֿט פֿאַר צוויי גילדיין;
אַ ציגעלע אַ ווײַסינקע,
אַ שיינינקע ווי גאָלד.
און צוויי גילדיין מזומנע
האָט ער פֿאַר איר באַצאָלט.

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע!
הערט אויס אָבות ובנים, —
דער טאַטע האָט באַצאָלט פֿאַר איר
צוויי גילדיין מזומנים.

חד־גדיא! חד־גדיא!

איז דאָך אין הויף אַ קאַץ געווען,
אַ מזיק, ווי באַוווסט;
האָט קעצלען זיך פֿאַרצוקן גאָר
דאָס ציגעלע פֿאַרגלוסט:
געכאַפּט עס מיט די נעגל גלײַך,
געמאַכט פֿון דעם אַ סוף...
ווארט, ווארט, מרשעת קעצעלע,
באַקומסט שוין באַלד דײַן שטראָף!

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע! א. אַ. וו.

דערזען האָט עס הינטעלע —
פֿאַרדריסט עס אים גאַנץ שטאַרק.
ער וואַרפֿט זיך אויף דער בייזער קאַץ
און בײַסט איר אײַן דעם קאַרק.

קומט שטעקעלע אין כעס אַרײַן
און טראַכט גאָר נישט קיין סך —
ער שפּאַלט דאָס קעפּל הינטעלען:
— דו הונט ס'איז נישט דײַן זאַך!

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע! א. אַ. וו.

האָט זיך צעפֿלאַקערט פֿײַערל,
פֿאַר כעס צונטער־רויט:
— דו שטעקעלע, דו פֿלעקעלע,
איך מאַך דיר באַלד אַ טויט!
פֿאַרוואָס האָסטו דאָס הינטעלען
געבראָכן רוק און לענד?
דערפֿאַר זאָלסטו מיר אויפֿן אָרט
דאָ ווערן גלײַך פֿאַרברענט!

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע! א. אַ. וו.

וואָלט אפשר טאַקע פֿײַערל
געווען גערעכט דערמיט, —
נאָר גיין פֿאַרברענען שטעקעלען —
איז אויך קיין יושר ניט.
נאָר וואָס־זשע טוט דאָס וואַסערל?
עס פֿלייצט פֿון קוואַל אַרויס
און גיסט זיך אויס אויף פֿײַערלען
און לעשט אים תכף אויס.

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע! א. אַ. וו.

אַ גרויסן קאָפּ האָט עקסעלע,
נאָר שכל זייער קנאַפּ;
ער לאָזט זיך בייז צו וואַסערלען
און זופּט אויס ביז אַ קאַפּ.
— אָט דאָס איז דײַן גערעכטיקייט,
דו אָקס, דו נאַר, דו טראַפּ?
קומט שוחט מיטן חלף אָן
און קוילעט עקסלען אָפּ.

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע! א. אַ. וו.

דערזעט דער מלאך־המות דאָס
און גורט די לענדן אָן:
— אַך שוחטל, דו קיילערל,
וואָס האָסטו דאָס געטאָן?
ער שטעלט אַ טויזנט אויגן אויס
און ציט זײַן שווערד פון שייד;
— געקוילעט האָסטו עקסלען —
טאָ זײַ אַליין געטויט.

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע! א. אַ. וו.

קומט אָן הקדוש־ברוך הוא
זײַן משפט איז גערעכט
ער זעט, דער מלאך פונעם טויט
האָט דאָ געהאַנדלט שלעכט.
האָט ער דעם מלאך־המות גלײַך
געשאָכטן מיט זײַן שווערד.
כדי אמת און גערעכטיקייט
זאָל הערשן אויף דער ערד.

אַ ציגעלע, אַ ציגעלע! א. אַ. וו.

ב. סיגאַל

גיטעלעס געבוירנטאָג

גיטעלע האָט צוויי געבוירנטעג. איינער פאַלט אויס אַלע יאָר דעם זעלבן טאָג אין מאַי, און דער אַנדערער, דער יידישער, פאַלט אויס ל״ג בעומר. ווען דער לערער האָט געפרעגט גיטעלען בײַם פאַרשרײַבן זי אין שול, ווען זי איז געבוירן געוואָרן, האָט זי געענטפערט ל״ג בעומר. און אַזוי האָט טאַקע דער לערער פאַרשריבן אין ביכעלע, ווו ער פאַרשרײַבט די געבוירנטעג פון אַלע קינדער פון דער שול. און אַזוי פײַערט גיטעלע איר געבוירנטאָג צוויי מאָל, איינס נאָכן אַנדערן. איר לערערין און אירע קלאַס־חברטעס אין דער אַרגענטינער שול, באַגריסן זי און גיבן איר מתנות צו איר געבוירנטאָג וואָס פאַלט אויס אין מאַי, יעדעס יאָר אין דעם זעלבן טאָג, און אין דער יידישער שול, גיט איר דער לערער אַ יידיש ביכעלע, אַ מתנה צו איר געבוירנטאָג אין ל״ג בעומר.

גיטעלע איז אַלט געוואָרן צען יאָר. די מאַמע האָט פאַר גיטעלעס קלאַס אָפּגעבאַקן אַ האָניק־לעקעך און געקויפט צוקערקעס און ניס. זי האָט דאָס געבראַכט אין שול אַרײַן, פונקט דעמאָלט ווען דער קלאַס האָט זיך אויסגע־

זעצט אויף די ערטער. דער לערער האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי היינט איז ל״ב בעומר, וועט מען שוין היינט נישט לערנען, נאָר זינגען און פֿאַרברענגען אין צווייען, אי צוליב גיטעלעס געבוירנטאָג, איז צוליב ל״ג בעומר. די קינדער האָבן זיך שטאַרק געפֿרייט. די מאַמע האָט זיי אַלעמען געגעבן אויף טעלערלעך שטיקלעך לעקעך, צוקערקעס מיט ניס, און די קינדער האָבן אויסגעזונגען אַלע שול-לידלעך וואָס זיי האָבן געקענט. דערנאָך האָט דער לערער געגעבן גיטעלען אַ מתנה אַ ביכעלע מיט רויטע טאָוולען און געזאָגט:

— אַזוי ווי דיין געבוירנטאָג פֿאַלט אויס אום ל״ג בעומר, וועל איך דיר געבן אַ מתנה „די ל״ג בעומר סעודה״ פֿון שלום עליכם.

גיטעלע האָט אויסגעשטרעקט דאָס הענטל, גענומען די מתנה וואָס דער לערער האָט איר דערלאַנגט... און זי האָט קוים געקענט אַרויסזאָגן שטיל:

— איך דאַנק אייך...

אגדה

צוויי ברידער

אַמאָל זיינען געווען צוויי ברידער. דער עלטערער האָט נישט געהאַט קיין ווייב, נישט קיין קינדער; דער יינגערער האָט געהאַט אַ ווייב מיט קליינע קינדערלעך. זיי זיינען ביידע געווען אָרעמע ערד-אַרבעטער און האָבן ביידע געהאַט נאָר איין שטיקל ערד, וואָס דער פֿאָטער האָט זיי איבערגעלאָזט בירושה. די ברידער האָבן נישט געוואָלט צעטיילן צווישן זיך זייער ירושה, ווייל זיי האָבן ליב געהאַט איינער דעם אַנדערן. זיי פֿלעגן באַאַרבעטן די ערד צוזאַמען, און פֿלעגן דערנאָך זיך צעטיילן מיט די גאַרבן גלייך אויף גלייך, און יעדער פֿון זיי פֿלעגט אָוועקלייגן די קופּעס גאַרבן לעבן זיין געצעלט.

איינמאָל איז דער עלטערער ברודער, באַלד נאָך אָפּשניידן די תבואה, געלעגן ביינאַכט אויף זיין געלעגער און נישט געקאָנט איינשלאָפֿן. ער האָט געטראַכט וועגן זיין ברודער: „ער האָט אַ פֿרוי מיט קינדער און דאַרף זיי געבן עסן און מאַכן פֿאַר זיי אַ קלייד און אַ שוך. אָבער איך בין מיר איין מענטש אויף דער וועלט; וואָס דאַרף איך? — אָפּעסן און גאָר! פֿאַר וועמען האָב איך צו זאָרגן? היינט, ווי אַזוי נעם איך דאָס פֿון דער תבואה אַזאַ חלק, ווי מיין ברודער? דאָס איז נישט קיין יושר!״

און ער איז אויפגעשטאַנען אַרום האַלבער נאַכט פון זײַן געלעגער, און האָט אין דער שטיל איבערגעלייגט אַ טייל פון זײַנע גאַרבן אין דעם ברודערס קופּע. און ווען ער האָט אָפּגעטאָן זײַן אַרבעט, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט און א[illegible] גלײַך זים אײַנגעשלאָפן.

די זעלבע נאַכט, האָט אויך דער ייִנגערער ברודער נישט געקאָנט אײַנשלאָפן. ער איז געלעגן און האָט געטראַכט וועגן זײַן עלטערן ברודער: „אַ רחמנות אויף אים. ער איז געבליבן עלנט. איך האָב אַ ווײַב מיט קינדערלעך, זאָלן לעבן און געזונט זײַן; אויף דער עלטער, וועלן מײַנע קינדער מיך אויסהאַלטן. אָבער וואָס וועט מיט אים זײַן אויף דער עלטער? הײַנט, ווי אַזוי טיילן מיר דאָס די תבואה פון פעלד גלײַך אויף גלײַך? דאָס איז נישט קיין יושר. ער דאַרף באַקומען אַ גרעסערן חלק!"

און נאָך גאַנץ פרי, פאַרטאָג, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט שטילערהייט איבערגעלייגט אַ טייל פון זײַנע גאַרבן אין דעם ברודערס קופּע. נאָכדעם האָט ער זיך צוריק געלייגט און איז באַלד אײַנגעשלאָפן.

אויף מאָרגן זענען די ברידער, אַז זייערע קופּעס זײַנען ביידע גלײַך; האָבן זיי זיך געוואונדערט, נאָר געשוויגן.

די אַנדערע נאַכט האָבן די ברידער געטאָן דאָס זעלבע, וואָס נעכטן און אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן זיי דערזען, אַז זייערע קופּעס זײַנען ווידער גלײַך. האָבן זיי זיך נאָך מער געוואונדערט.

די דריטע נאַכט, ווען די ברידער האָבן איינער צום אַנדערן געטראָגן זייערע גאַרבן, האָבן זיי זיך באַגעגנט אין מיטן וועג. זיי זײַנען געפאַלן איינער דעם אַנדערן אויפן האַלדז און מיט טרערן אין די אויגן גענומען קושן און האַלדזן זיך.

שלום עליכם

קוואַס

(פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס")

— א —

פאַר איין רובל — הונדערט רובל! הונדערט רובל אַ מאָנאַט און מער קען פאַרדינען יעדער איינציקער, ווער עס וועט זיך באַקענען מיט אונדזער בוך, וואָס קאָסט אינגאַנצן איין רובל מיט פּאָרטאָ. לויפט, קויפט! סטאַפּט, כאַפּט — איר וועט פאַרשפּעטיקן!

אָט אַזאַ מין זאַך האָט אויסגעלייענט ערגעץ אויף די בלעטער מײַן ברודער אליהו. באַלד ווי ער האָט נאָר זיך דערוווּסט, אַז ס׳איז דאָ אַזאַ בוך אויף דער וועלט, אַזוי האָט ער אַוועקגעשיקט אויף דער פּאָסט אַ קערבל (דאָס לעצטע קערבל) און האָט אָנגעזאָגט דער מאַמען זי זאָל נישט זאָרגן מער.

— מאַמע! דאַנקען גאָט, מיר זײַנען געהאָלפֿן.

— וואָס איז דען? — פֿרעגט די מאַמע. — האָסט געקראָגן אַ שטעלע?

— נאָך בעסער פֿון אַ שטעלע, — ענטפֿערט איר מײַן ברודער אליהו, און די אויגן בײַ אים לײַכטן, אַ פּנים פֿון גרויס שמחה, ער הייסט איר וואַרטן נאָך עטלעכע טעג, ביז דאָס בוך וועט אים אָנקומען.

— ב —

שאַט, שוין דאָ דאָס בוך! מיר האָבן דאָס נאָר אויסגעפּאַקט, האָט מײַן ברודער אליהו זיך אַוועקגעזעצט לייענען דאָס בוך. ווײ־ווײ, וואָס ער האָט דאָרט אויסגעלייענט! אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך מאַכן די בעסטע טינטן. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונ־דערט רובל אַ חודש דורך מאַכן גוטע שוואַרצע שוואַקס. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש דורך אַרויסטרײַבן מײַז. אַ רעצעפּט אויף צו פֿאַרדינען הונדערט רובל אַ חודש און מער, דורך מאַכן ליקאָרן זיסע בראָנפֿנס, לימאָנאַד, סאָדע־וואַסער, קוואַס און אַנדערע נאָך מער ביליקע געטראַנקען.

מײַן ברודער אליהו האָט זיך אָפּגעשטעלט אויפֿן לעצטן רעצעפּט, אויף קוואַס! קוואַס איז אַזאַ מין געטראַנק, וואָס קאָסט וואָלוול און עס גייט אַ סך, בפֿרט נאָך אין אַזאַ הייסן זומער ווי הײַנט.

מײַן ברודער אליהו לאָזט קיינעם נישט צו, בשעת ער מאַכט קוואַס. אַז ער גיסט וואַסער, זעען אַלע. נאָר אַז ער האַלט אין רעכטן מאַכן, פֿאַר־שליסט ער זיך אין דער מאַמעס אַלקער. נישט איך, נישט די מאַמע, קיי־נער טאָר נישט זײַן דערבײַ. נאָר אויב איר זאָגט מיר צו, אַז ס׳וועט זײַן אַ סוד, קאָן איך אײַך זאָגן, וואָס אין דעם געטראַנק געפֿינט זיך. איך ווייס דאָך, וואָס ער גרייט צו. דאָרטן געפֿינט זיך שאָלעכץ פֿון לימענע, שיטערע האָניק און דאָס איבעריקע — וואַסער. וואַסער איז דאָרטן דאָ מער פֿון אַלצדינג. וואָס מער וואַסער — מער קוואַס. דאָס אַלץ ווערט גוט אויס־געמישט מיט אַ שטעקן (אַזוי שטייט געשריבן אין בוך), און דאָס גע־טראַנק איז פֿאַרטיק. נאָכדעם ווערט עס אַרײַנגעגאָסן אין אַ גרויסן קרוג און מען וואַרפֿט אַרײַן אַ שטיק אײַז. אָן אײַז טויג דאָס גאַנצע געטראַנק נישט! דאָס זאָג איך אײַך נישט פֿונעם בוך, נאָר איך האָב איינמאָל אַליין פֿאַרזוכט אַ ביסל קוואַס אָן אײַז, האָב איך געמיינט, אַז ס׳איז אַן עק פֿון מײַן לעבן!

געמאַכט דאָס ערשטע פּעסל קוואַס, איז געבליבן, אַז אַרויסטראָגן פאַר־קויפן אויף דער גאַס זאָל איך. ווער דען, אַז נישט איך? מײַן ברודער אליהון פּאַסט נישט. דער מאַמען — אַוודאי נישט! מיר וועלן גאָרנישט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל אַרויסגיין מיט אַ קרוג איבערן מאַרק און שרײַען: „קוואַס! קוואַס! יידן קוואַס!" איז געבליבן, אַז דאָס דאַרף זײַן מײַן אַרבעט. איך אַליין האָב אויך אַזוי גערעכנט. איך האָב זיך מחיה געווען, אַז איך האָב דערהערט די נײַעס. מײַן ברודער אליהו האָט גענומען מיך לערנען, ווי אַזוי איך זאָל טאָן. דעם קרוג זאָל איך האַלטן אין איין האַנט, און כדי דער עולם זאָל זיך אָפּשטעלן, זאָל איך זינגען הויך, און מיט אַ ניגון אָט אַזוי:

יידן, אַ געטראַנק!
אַ קאָפּיקע אַ גלאָז!
קאַלט און זיס —
אַ דערקוויקעניש!...

אַ קול האָב איך אַ שיינס, אַ סאָפּראַנאָ שטים. האָב איך געגעבן אַ זינג אויס אויף אַ קול און האָב איבערגעדרייט אַלץ מיט די פיס אַרויף:

זיסער קוואַס אַ גלאָז!
אַ קאָפּיקע אַ ייד!
אַ קוויק און אַ קאַלט —
אַ דערטרינקעניש!...

איך ווייס נישט: צי מײַן געזאַנג איז אַזוי געפעלן געוואָרן? צי דאָס געטראַנק איז טאַקע געווען אַזוי גוט? צי אפשר, ווײַל דער טאָג איז געווען זייער אַ הייסער? איך האָב דעם ערשטן קרוג אויספאַרקויפט אין איין האַלבער שעה.

מײַן ברודער אליהו האָט אָפּגעגעבן דאָס געלט דער מאַמען, און מיר האָט ער באַלד אָנגעגאָסן אַ פרישן קרוג. ער האָט געזאָגט, אַז אויב איך וועל מיך קענען אויסדרייען אַזוי פינף־זעקס מאָל דורכן טאָג, וועלן מיר האָבן פאַרדינט פונקט הונדערט רובל אַ חודש. דאָס געטראַנק קאָסט אונדז זייער וואָלוול, מען קען זאָגן כמעט גאָרנישט. דאָס גאַנצע געלט גייט אַוועק אויפן אײַז.

נאָך מיר לויפן נאָך יינגלעך, זיי קרימען מיך איבער ווי איך זינג. איך הער זיי אָבער ווי דעם קאָטער. איך זע וואָס גיכער צו פאַרקויפן דעם קרוג און לויפן אַהיים נעמען נאָך אַ קרוג. וויפל איך האָב געמאַכט דעם ערשטן טאָג, ווייס איך אַליין נישט. איך ווייס נאָר, אַז מײַן ברודער אליהו מיט מײַן מאַמען האָבן מיך שטאַרק געלויבט.

פאַרן שלאָף בעט מיר אוים די מאַמע אויף דער ערד און פרעגט מיך, צי עס טוען מיר נישט ווי חלילה די פיס. מײַן ברודער אליהו לאַכט פון איר. ער זאָגט אויף מיר, אַז איך בין אַזאַ יינגל, וואָס מיר טוט קיינמאָל נישט ווי קיין זאַך.

— געוויס! — זאָג איך — אַ סימן, אויב איר ווילט, גיי איך באַלד מיטן קרוג אין מיטן האַלבער נאַכט.

אַלע דרײַ צעלאַכן זיך. נאָר אויף דער מאַמעס אויגן זע איך טרערן. נו, דאָס איז דאָך אַן אַלטער כלל — אַ מאַמע דאַרף וויינען! איך וואָלט וועלן וויסן: אַלע מאַמעס וויינען אַזוי שטענדיק ווי מײַן מאַמע?

— ד —

עס גייט אונדז קיין עין־הרע דורך טיר און דורך טויער. איין טאָג איז הייסער פונעם אַנדערן. עס ברענט! מענטשן גייען אוים פאַר היץ, קינדער פאַלן אַזוי ווי פליגן. ווען נישט דאָס גלעזעלע קוואַס, וואָלט מען פאַרברענט געוואָרן. איך קער מיך אום מיטן קרוג אפשר צען מאָל אַ טאָג!

מײַן ברודער אליהו קוקט אַרײַן אין פאַס אַרײַן מיט איין אויג און זאָגט, אַז עס טאָגט שוין. פאַלט ער אויף אַן עצה און גיסט צו נאָך אַ פּאָר עמער וואַסער. אויף דער עצה בין איך געפאַלן פריער פון אים. איך מוז זיך מודה זײַן פאַר אײַך, אַז איך האָב אָפּגעטאָן אַ שפּיצל שוין עטלעכע מאָל.

כמעט אַלע טאָג כאַפּ איך זיך אַרײַן צו אונדזער שכנה פּעסע און גיב איר פאַרזוכן אַ גלעזל פון אונדזער אייגענעם געטראַנק. איר מאַן, משה דעם אײַנבינדער, גיב איך צוויי גלעזלעך; ער איז אַ גוטער מענטש. די קינדער אַלע גיב איך אויך צו גלעזלעך קוואַס. לאָזן זיי אויך וויסן וואָס פאַר אַ געטראַנק מיר קאָנען מאַכן. אַלע מײַנע באַקאַנטע גיב איך קוואַס אומזיסט, אָן אַ קאָפּיקע געלט. און כדי ס'זאָל נישט זײַן קיין שאָדן, דערגיס איך דעם קרוג מיט וואַסער. אויף איטלעכס גלעזל קוואַס, וואָס איך גיב אַוועק אומזיסט, דערגיס איך צוויי גלעזלעך וואַסער.

דאָס אייגענע טוט מען אין דער היים אויך. למשל, מײַן ברודער אליהו טרינקט אוים אַ גלעזל קוואַס, דערגיסט ער באַלד מיט וואַסער. די מאַמע פאַרזוכט אַמאָל אַ גלעזל קוואַס (זי דאַרף מען בעטן, אַליין וועט זי נישט נעמען!), דערגיסט מען באַלד מיט וואַסער. עס גייט נישט פאַרלאָרן קיין טראָפּן! און מיר מאַכן קיין עין־הרע פײַן געלט. די מאַמע האָט זיך אַרומגעצאָלט מיט אַ סך חובות. אין שטוב האָט זיך באַוויזן אַ טישל, אַ בענקל, אויף שבת האָבן מיר פיש און פלייש און ווייסע קוילעטשן. מיר האָט מען צוגעזאָגט אויף ימים־טובים אַ פּאָר שטיוועלעך נײַע. מיר דאַכט, אַז קיינעם איז נישט אַזוי גוט ווי מיר!

גייט זײַט אַ נביא און טרעפט, אַז ס'וועט טרעפן אַזאַ מין אומגליק און אונדזער געטראַנק וועט מער נישט טויגן. נאָך אַ גליק, וואָס מען האָט מיך נישט פאַרנומען אין פּאָליציי. הערט אַ מעשה! איינמאָל האָב איך פאַר־בלאָנדזשעט מיטן קרוג קוואַס צו אונדזער שכנה פּעסע. דער גאַנצער עולם האָט גענומען צו גלעזלעך קוואַס און איך אַליין אויך מיט זיי. אויסגערעכנט, אַז עס פעלט מיר אַ גלעזלעך צוועלף, דרײַצן געטראַנק, האָב איך מיך אַרײַנגעכאַפּט אין הויז, דאָרטן ווו דאָס וואַסער שטייט בײַ זיי. נאָר אָנשטאָט דעם פאַס מיט וואַסער האָב איך אַפּנים געטראָפן צו דער באַליע ווו מען וואַשט גרעט, און האָב אַרײַנגעגאָסן אַ פופצן־צוואַנציק גלעזער צו מיר אין קרוג אַרײַן און בין אַוועק אין גאַס אַרײַן מיט אַ נײַעם ניגון, וואָס איך אַליין האָב צוגעטראַכט:

> יידן, אַ געטראַנק!
> טעם גן־עדן!
> אַזאַ יאָר אויף מיר,
> אויף אײַך און אויף אונדז ביידן!

שטעלט מיך אָפּ אַ ייד, באַצאָלט מיר אַ קאָפּיקע און ער הייסט זיך אָנגיסן אַ גלעזל קוואַס. ער טרינקט אויס די גאַנצע גלאָז און פאַרקרימט זיך.

— יינגעלע! וואָס איז דאָס בײַ דיר פאַר אַ געטראַנק?

עס שטייען נאָך צוויי יידן און וואַרטן, איך זאָל זיי שוין אָנגיסן. איי־נער זופּט אָפּ אַ האַלבע גלאָז, דער אַנדערער אַ דריטל. זיי באַצאָלן, שפּײַען אויס און גייען אַוועק. נאָך איינער טראָגט צו די גלאָז צו די ליפּן. ער פאַרזוכט און זאָגט, אַז עס שמעקט מיט זייף און ס'איז דאַכט זיך גע־זאַלצן. נאָך איינער טוט אַ קוק אויפן גלאָז און גיט מיר אָפּ צוריק מיט די ווערטער:

— וואָס איז דאָס בײַ דיר?

— אַ געטראַנק, — זאָג איך.

— אַ געטראַנק? — מאַכט ער צו מיר — אַ געשטאַנק, נישט קיין געטראַנק!...

איינער גייט צו, פאַרזוכט. און טוט אַ גאָס אויס די גלאָז גלײַך מיר אין פּנים אַרײַן. אין אַ מינוט אַרום שטייט אַרום מיר אַ גאַנץ רעדל מיט יידן, ווײַבער און קינדער. אַלע רעדן, מאַכן מיט די הענט, קאָכן זיך. דער־זעט אַ פּאָליציסט, אַז מען קלײַבט זיך, גייט ער צו און פרעגט, וואָס איז דאָ? דערציילט מען אים. גייט ער און קוקט אַרײַן צו מיר אין קרוג און

הייסט זיך געבן פאַרזוכן. גיס איך אים אָן אַ גלעזל מיט קוואַס. דער פּאָליציסט טוט אַ טרונק אָפּ און שפּײַט אויס און ווערט זייער בייז.
— ווו האָסטו גענומען אַזאַ געטראַנק? — פרעגט ער מיך.
— דאָס איז פון אַ בוך, — זאָג איך אים, — מײַן ברודערס מלאכה, מײַן ברודער אַליין מאַכט דאָס.
— ווער איז דײַן ברודער? — פרעגט ער מיך.
— מײַן ברודער אליהו, — זאָג איך אים.
— וואָסער אליהו? — פרעגט ער מיך.
— רעד נישט, דו נאַרישער יאַלד, אויף דײַן ברודער! — זאָגן צו מיר עטלעכע יידן אַלע אויף אַמאָל. עס ווערט אַ טומל. אַלע מינוט קומען צו נײַע מענטשן. דער פּאָליציסט האַלט מיך פאַר אַ האַנט און וויל אונדז אָפּפירן (מיך מיטן געטראַנק) גלײַך אין פּאָליציי אַרײַן. דער טומל ווערט גרעסער: „אַ יתום! נעבעך, אַ יתום!" — הער איך פון אַלע זײַטן. דאָס האַרץ זאָגט מיר, אַז איך האַלט שמאָל. איך קוק אויפן עולם וואָס אַרום מיר: „יידן, האָט רחמנות!"... מען וויל אַרײַנרוקן דעם פּאָליציסט אַ מטבע. ער נעמט נישט. רופט זיך אָן צו מיר איינער אַן אַלטער ייד אַ ביסל פאַרשטעלט:
— מאָטל! רײַס אַרויס דײַן יד פון יון, און הייב אויף די רגלים און מאַך פּליטה!
איך טו זיך אַ רײַס אַרויס, נעם די פיס אויף די פּלייצעס און מאַרש אַהיים! נישט טויט, נישט לעבעדיק פאַל איך אַרײַן אין שטוב אַרײַן.
— ווו איז דער קרוג? — פרעגט מיך מײַן ברודער אליהו.
— אין פּאָליציי! — ענטפער איך אים און פאַל צו צו דער מאַמען מיט אַ געוויין...

אברהם לעוו

אונדזער געזונטע פרייד

כ'האָב הײַנט אַ גאַנצן טאָג געשלעפּט קערב מיט מאַראַנצן,
עפּל גאָלדענע פון אונדזער בוים, פון אונדזער לאַנד.
אין אָוונט וועלן מיר אַוועקלאָזן זיך טאַנצן,
אַקסל אײַנגעפּרעסט צו אַקסל, האַנט צו האַנט.

ווער פילט עס די געזונטע פרייד פון אונדזערע גלידער?
דעם געזונטן גליק פון בויען אונדזער היים?

איר זענט אַ שאָד מיר שוועסטער מײַנע, ברידער,
וואָס פרעמד איז אײַך דאָס לאַנד, און איר קענט זי נישט פאַרשטיין.

איר זענט אַ שאָד מיר, ברידער מײַנע, אין דער ווײַטן,
און ס׳טוט מיר ווײ, וואָס ים האָט אונדז צעשיידט.
און איר קענט נישט זען ווי ס׳וואַקסט אַ לאַנד און צײַטיקט,
און איר קענט נישט פילן אונדזער געזונטע פרייד!

IIIIIIIIIIIIIIIIIIIIIII IIIII IIIIIIIIIIIIIIIIIIIIIII

נ ח ו ם י ו ד

ווינטער־אָוונט

ווינטער-אָוונט; שטיל און רואיק
איז אין אונדזער הויז.
בײַ דעם אויוון זיצט די באָבע,
האַלט מיך אויף איר שויס.

מיט אַן אומעטיקן שמייכל
קוקט זי אויפן פלאַם
און דערציילט מיר, ווי אַ פויגל
האָט געלעבט בײַם ים.

ווי אַ שיף איז צוגעשווומען
צו אַן אינדזל ווײַט,
ווו געלערנט האָבן תורה
זיבן אַלטע לײַט.

ווי אַ וואָרף געטאָן דער מלך
האָט זײַן רינג פון גאָלד,
נאָר דאָס קינד צום אָפּגאָט בוקן,
האָט זיך נישט געוואָלט.

ווי אַ בעטלער איז געקומען
צו אַ גוטן ייד...
אָדער גאָר זי הייבט אָן זינגען
שטילערהייט אַ ליד:

ווי געפלויגן איז אַ פּאַווע
איבער גרינעם וואַלד,
ווי די כאַפּערס פלעגן כאַפּן
קינדערלעך מיט געוואַלד.

און איך הער זיך צו פאַרכישופט
צו דער באָבעס רייד,
אין פון מײַנע אויגן פאַלן
טרערן שטילערהייט.

קיינער איז נישטאָ אין צימער.
מער נישט מיר באַנאַנד,
און די טאַנצנדיקע שאָטנס
אויף דער ווײַסער וואַנט.

——————::——————



מאַני לייב

דער פרעמדער

קאַלט און פינצטער איז די נאַכט,
טיר און טויער צוגעמאַכט.

פענצטער בלינדע, אָן אַ שײַן,
שטאַרן אין דער נאַכט אַרײַן.

קאַלט און פינצטער, קאַלט און שפּעט,
שלאָפט זיך יעדער אין זײַן בעט.

שלאָפן שלאָפט נאָר נישט דער ווינט
און די בילנדיקע הינט.

אויך דער פרעמדער שלאָפט נאָך ניט.
און מ׳יט וואַקלענדיקע טריט,

און מיט שמאַטעס שטיק אויף שטיק,
און פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק,

מיט אַ טאָרבע אויף די הענט, —
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט.

זעט ער ווײַט אַ פּאַלאַץ שטיין.
לאָזט ער זיך צום פּאַלאַץ גיין.

ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם פּאַלאַץ אָן:

— טוק־טוק־טוק! — ווער קלאַפּט
אין טיר?
— „גוטע מענטשן, עפנט מיר!

איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...“

טוק־טוק!... — „פרעמדער, גיי אַוועק!
אונדזער קליינעם קינד נישט וועק!

זאַט און וואַרעם אין ליו־ליו
שלאָפט זיך אונדזער קינד אין רו...“

בייגט דער פרעמדער איין דעם קאָפּ,
קערט זיך פון דעם פּאַלאַץ אָפּ.

זעט ער ווײַט אַ שטיבל שטיין,
לאָזט ער זיך צום שטיבל גיין.

ביז עס קרייט דער ערשטער האָן,
קלאַפּט ער אין דעם שטיבל אָן:

טוק־טוק־טוק! — ווער קלאַפּט אין טיר?
— גוטע מענטשן, עפנט מיר!

איך בין עלנט אויף דער וועלט,
מיד פון הונגער און פון קעלט...“

און דער פרעמדער וואַרט נישט פיל,
עמיץ שאַרט זיך אין דער שטיל.

בײַ דער טיר און בײַ דעם שלאָס,
ס'קומט אַרויס דער באַלעבאָס:

— „פרעמדער, פרעמדער, קום אַרײַן,
וועסט מײַן גוטער אורח זײַן.“

און דער פרעמדער בייגט זיך איין,
קריכט אין שטיבל קוים אַרײַן.

קומט אַרײַן און אָטעמט שווער,
קוקט אַהין און קוקט אַהער,

און ער זאָגט אַרויסעט גלײַך:
— „נו, אַ פינצטערניש בײַ אײַך!“

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן נאַפט ניטאָ פאַרוואָס.

— „ווי־ווי־ווי, און איז בײַ אײַך דאָ קאַלט
ממש ווי אין מיטן וואַלד!“

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן האָלץ ניטאָ פאַרוואָס.

— „הייסט עס, ס'איז ניט פריילעך דאָ.
און קיין ברויט איז אויך נישטאָ?“

ענטפערט אים דער באַלעבאָס:
— קויפן ברויט ניטאָ פאַרוואָס! — — —

אָך און ווי צו מײַנע זינד!
אַז מײַן הונגעריקעס קינד

האָט געוויינט פאַרשמאַכטערהייט:
„טאַטע, גיב אַ שטיקל ברויט!“

און אָן כוחות ליגט עס שטיל
איצטער אויפן האַרטן דיל...“

קראַצט דער פרעמדער זיך דעם קאָפּ,
לאָזט זיך אויפן דיל אַראָפּ:

שפרייט זײַן אַלטע טאָרבע אויס,
און ער זאָגט אַזוי אַרויס:

— „אַז ס'איז פינצטער דאָ און קאַלט
ממש ווי אין מיטן וואַלד,

אַז קיין ברויט איז אויך נישטאָ,
לייג איך מיך זיך אָט! אָ־דאָ...״

איז ווי נאָר ער זאָגט אַזוי
טוט דער ערשטער האָן אַ קריי.

ווי עס קרייט אַזוי דער האָן,
צינדט דער לאָמפּ אַליין זיך אָן.

און דער אויוון גוט און פײַן,
הייצט מיט האָלץ אַליין זיך אײַן.

און עס ווערט אַליין דער טיש
פול מיט טעלער, פלייש און פיש,

און מיט חלות און מיט ברויט,
ווי אויף יום־טוב צוגעגרייט.

און דער פרעמדער — אָט געווען,
אָט געוועזן און אָט געזען —

פּלוצלונג טוט אַ זאָג און לאַכט:
— „באַלעבאָס, אַ גוטע נאַכט!״ —

און ער פליט, ווי ער איז גרויס,
דורך אַ שפּאַלט פון טיר אַרויס.

— אַי, אַי, נסים, אָדער וואָס? —
טראַכט בײַ זיך דער באַלעבאָס.

נאָר ער זעט: דער אויוון ברענט,
און דער לאָמפּ באַלײַכט די ווענט,

און דער טיש אַ פולער שטייט
מיט מאכלים צוגעגרייט.

טראַכט דער באַלעבאָס נישט פיל,
הייבט ער אויף דאָס קינד פון דיל.

וואַשן זיי זיך, עסן פרום,
זעצן זיך בײַם טיש אַרום.

עסן זיי און לויבן גאָט
פאַר זײַן חסד און גענאָד.

און אין דרויסן פײַפט דער ווינט,
און אין פּאַלאַץ וויינט דאָס קינד.

לויפט מען איבער פּאַלאַץ אום,
און מען זוכט אַ לאָמפּ אַרום.

זוכט מען דאָרט און זוכט מען דאָ,
און קיין לאָמפּ איז אַלץ נישטאָ.

און אַלץ שטאַרקער וויינט דאָס קינד,
און אין דרויסן פײַפט דער ווינט...

און אין דרויסן פײַפט דער ווינט,
און עס בילן בייז די הינט.

נאָר דעם פרעמדן אַרט עס ניט.
און מיט וואַקלדיקע טריט,

מיט דער טאָרבע אויף די הענט
שאַרט ער האַרט זיך בײַ די ווענט.

שאַרט ער זיך אַזוי אַוועק
אין דער נאַכט, אין ווײַטן וועג.

חנן קיעל

ל״ג־בעומר

ס'האָט דער הימל דאָס שענסטע
בלוי אין שטוב געבראַכט,
און די זון האָט דורך מײַן פענצטער
גאָלדיק זיך צעלאַכט.

זײַנען קינדער פון שטאָט אַוועק
צו ברייטע, פרײַע לאַנען;
זיי ווערן נישט מיד מיט געפּעק
אויף פעלדער גרינע שפּאַנען.

נעמען אויף די ליבע געסט
געדיכטע, אַלטע ביימער;
זינגען פייגעלעך אין נעסט:
ס'איז יום־טוב הײַנט, ל״ג־בעומר!

אויפן גראָז צעלייגט זיך פרײַ,
גייט אויף אַ יידיש־ליד;
און ס'טראָגט זיך: „עם ישראל חי״,
וועלדער זינגען מיט.

און רבי עקיבא, אונדזער תּנא,
קוקט מיט מילדע אויגן,
און בר־כוכבא איז אויך פאַראַנען
מיטן פײַל און בויגן.

און בר־כוכבא אונדזער גבור,
האָט פאַריאָגט די רוימער;
און געבליבן איז דער ליבער,
אונדזערער, ל״ג־בעומר.

אברהם לעוו

ל״ג־בעומר אין ארץ־ישראל

דאָ, אונטער די הימלען,
די בלויע, די ליבטיקע:
זיי פילן דעם טעם פון
אַ היים, פון אַ ריכטיקער.

די ערד איז אַ טאַטע זיי,
דער הימל — אַ מאַמע זיי,
דער ים דאָ, דער בלויער —
אַ שפיגל אַ גלאַטער זיי.

און קינדערלעך שפילן
און לויפן אין זאַמדן,
און פילן די פרייד פון
אַן אייגענעם לאַנד דאָ.

ווײַל אַלץ איז דאָ זייערס,
די פעלדער די גרינע.
אַ קינד איז דער שטאָלץ דאָ
פון אונדזער מדינה.

אברהם רייזען

נאָך גרינס

נאָך צווײַגעלעך, קינדער, אין וואַלד לאָזט זיך גיין,
און פרײלעך מיט לידער כסדר,
אַזוי ווי עס וואָלט אויף דער וועלט נישט געווען
קיין רבי, קיין קאַנטשיק, קיין חדר.

נאָך צווײַגעלעך, קינדער, נאָך צווײַגעלעך גייט,
און פוצט אויס די אָרעמע שטיבלעך;
דער וואַלד איז נישט ווײַט, בײַ דעם שטעטל, ער שטייט
און קוקט אַזוי ווייך, אַזוי ליבלעך.

פאַרוווּנדערט וועט ווערן דער אַלטער, דער וואַלד;
— וואָס טוען דאָ יידישע קינדער?
דערציילט אים: ס'איז שבועות — דערציילט עס אים באַלד,
און זאָל אים נישט זײַן צו קיין וווּנדער...

און זוימט זיך וואָס לענגער, און רײַסט וואָס מער אָן —
נישט האָט פאַר די טאַטעס קיין מורא:
הײַנט מעגט איר אין וואַלד זײַן, מ'וועט גאָרנישט אײַך טאָן —
עס איז דאָך לכבוד דער תורה!



ת. מייטין

רות

עס האָט זיך געטראָפן אַ הונגער אַמאָל,
אין שטעטל בית־לחם אין ארץ־ישראל
איז איינער אַ ייד אלימלך, אויס נויט
אַוועק אין לאַנד מואב צו זוכן דאָרט ברויט.
עס האָט די משפחה באַגלייט אים אַהין —
נעמי זײַן ווײַב, און זײַנע צוויי זין.
און באַלד ווי זיי זײַנען אַהינצו געקומען,
האָבן די זין, דאָרט, זיך ווײַבער גענומען
איז אַן אומגליק געקומען אַ גרויסער אויף זיי:
עס שטאַרבט נעמיס מאַן און די זין אירע צוויי.
איז נעמי פאַרבליבן אַליין ווי אַ שטיין
און זי האָט באַשלאָסן, אַהיים צוריק גיין.
צום אַלטן בית־לחם, אין היימלאַנד צוריק,
דאָס האַרץ האָט געצויגן, אַזוי ווי מיט שטריק.
נאָר ס'האָבן געגרייט זיך צוזאַמען מיט איר
אין יידישן לאַנד, צו גיין, אירע שניר.
האָט גענומען זי טענהן צו ביידן,
זיי זאָלן מיט מואב זיך בעסער נישט שיידן,
און זאָלן פאַרבלײַבן אין אייגענעם לאַנד,
ווו אַלץ איז זיי נאָענט, פון קינדהייט באַקאַנט.
האָט איין שנור די רייד פון איר שוויגער געפאָלגט
און געבליבן צווישן איר אייגענעם פאָלק.
די צווייטע, רות, נישט געוואָלט האָט מיט נעמין זיך שיידן,
געוואָלט מיט איר טיילן אי לײַדן, אי פריידן.
און שוויגער און שנור קומען אָן זאַלבענאַנד
אין שטיטל בית־לחם, אין היייליקן יידישן לאַנד.
דאָרטן לײַדן זיי ביידע פון הונגער און נויט
און רות גייט אין פעלד קלײַבן זאַנגען אויף ברויט;

און איינמאָל, ווען רות איז אין פעלד נאָך געווען,
האָט בועז, דער פעלד־בעל־הבית זי דערזען,
צערעדט ער זיך מיט איר און דערוויסט זיך דערביַי,
ווי זי איז איר שוויגער פאַרבליבן געטריַי.
עס איז אים אַזוי דאָס געפעלן געוואָרן,
אַז ער האָט דערלויבט איר צו נעמען מער קאָרן.
ער האָט דערציילט איר אין שמועס נאָך מער,
אַז אלימלכס קרוב איז ער.
בועז געוואַרט האָט ביז האַרבסט איז געקומען,
און פאַר אַ וויַיב האָט ער רותן גענומען.
האָט מען געפיַיערט אַ חתונה פריילעך
פון דעם פאָרפאָלק, שטאַמט אָפּ דוד המלך.

דוד בריד זשער

די יידישע תורה

ווען גאָט האָט באַשאַפן די תורה, האָט ער געזאָגט:

— איך וועל געבן די תורה צו די מענטשן אויף דער וועלט. זאָלן די־ מענטשן לערנען די תורה. אַז זיי וועלן לערנען די תורה, וועלן זיי זײַן קלוג, גוט און פרום!

האָט גאָט גענומען די תורה און איז געקומען צו איין פאָלק און גע־ זאָגט:

— נעמט בײַ מיר די תורה. עס איז גוט פאַר אײַך!

האָבן די מענטשן געפרעגט:

— וואָס שטייט אין דער תורה?

האָט גאָט געזאָגט:

— אין דער תורה שטייט, אַז מע דאַרף אָפּהיטן שבת! זעקס טעג דאַרף מען אַרבעטן און אויפן זיבעטן טאָג דאַרף מען רוען!

האָבן די מענטשן געזאָגט:

— דאָס איז נישט גוט פאַר אונדז! אַז מיר וועלן נישט אַרבעטן יעדן טאָג, וועלן מיר נישט האָבן וואָס צו עסן!

האָט גאָט גענומען די תורה און איז געקומען צו אַן אַנדער פאָלק און געזאָגט:

— נעמט בײַ מיר די תורה!

האָבן די מענטשן געפרעגט:

— וואָס שטייט אין דער תורה?

האָט גאָט געזאָגט:

— אין דער תורה שטייט, אַז מע טאָר נישט גנבֿענען!

האָבן די מענטשן געזאָגט:

— דאָס איז נישט גוט פאַר אונדז! אַז מיר וועלן נישט גנבֿענען בײַ אַנדערע, וועלן זיי בײַ אונדז גנבֿענען!

איז גאָט געקומען צו אַן אַנדער פאָלק און געזאָגט:

— נעמט בײַ מיר די תורה!

האָבן די מענטשן געפרעגט:

— וואָס שטייט אין דער תורה?

האָט גאָט געזאָגט:

— אין דער תורה שטייט, אַז מע טאָר נישט אָפּנאַרן!

האָבן די מענטשן געזאָגט:

— דאָס איז נישט גוט פאַר אונדז! אַז מיר וועלן אַנדערע נישט אָפּ־נאַרן, וועלן זיי אונדז אָפּנאַרן!

אַט אַזוי איז גאָט געגאַנגען פון איין פאָלק צום אַנדערן. אָבער ווען זיי האָבן געהערט וואָס איז דער תורה איז געשריבן, האָבן אַלע געזאָגט דאָס זעלביקע:

— דאָס איז נישט גוט פאַר אונדז!

צום סוף איז גאָט געקומען מיט דער תורה צו דעם יידישן פאָלק און געזאָגט:

— יידן, נעמט ביי מיר די תורה!

האָבן די יידן גאַרנישט געפרעגט און אַלע האָבן אויסגערופן:

— מיר נעמען ביי דיר די תורה און מיר וועלן טאָן וואָס די תורה זאָגט!

פון דעמאָלט אָן איז די תורה געבליבן אויף שטענדיק ביי יידן. און יידישע קינדער זיינען אַלעמאָל געגאַנגען אין חדר און געלערנט גאָטס תורה.

ש. פרוג

זמן מתן תורתנו

שבועות, ליבע קינדערלעך,
שבועות איז געקומען!
באַפּלאַכטן מיט גירליאַנדן גרינס,
באַקראַנצט מיט פרישע בלומען.

גייט זומער־לעב עס שיינט און קלינגט
אין וואַלד, אין פעלד, אין גאָרטן;
עס פליען, פליען פייגעלעך
און זינגען שירה דאָרטן:

„דער ליבער גרינער יום־טוב גייט,
זמן מתן תורתנו!...
און גאָט איז אַן איין־איינציקער,
און זיין תורה איז איינע!"

שמואל צעסלער

ביכורים

פוצט מיט בלומען אויס דעם וואָגן,
פילט אָן קוישן ביזן ראַנד,
לאָמיר פירן, לאָמיר טראָגן
די בכורים פונעם לאַנד:

פרוכט פון סאָד און גרינס פון גאָרטן,
מעשר פון דעם פעלדפאַרזיי,
ערשטלינג־רינדער אַלע סאָרטן,
ווײַן און איילן אַלערליי.

און מיט אונדזער ליד דעם נײַעם,
און צום טאַקט פון פויק און פלייט,
ברענגען קיין ירושלים
די בכורים, פול מיט פרייד.

ראובן ליפשיץ

חלוצים אין קיבוצים

ווען ס'פאַרשווינדט די העלע נאַכט,
און די זון גייט אויף,
חלוצים אין קיבוצים
צו דער אַרבעט שטייען אויף.

און שעפּעלעך מיט גלעקעלעך
דאָרט קלינגען: בים־באָם־באָם!
מיט טאַנצנדיקע טריטעלעך,
זיי שפּאַנען צו דעם ים.

ביי רבקהלען און שלמהלען
דאָס ל'עבן איז באַנײַט,
ס'באַגריסן זיי די ביימעלעך:
— גוט מאָרגן! מיט אַ פרייד.

מיט ליבשאַפט צו דעם פאָלק און לאַנד
עס זינגען די חלוצים
און פריילעך טראָגט זיך דאָס געזאַנג
איבער די קיבוצים.

מ. ווארשאווסקי

גרויסער גאָט

גרויסער גאָט, מיר זינגען לידער,
אונדזער הילף ביסטו אַליין;
נעמט צונויף די סנאָפּעס, ברידער,
ביז די זון וועט אונטערגיין.

זאָל די זון אונדז בריען, בראָטן,
זי האָט אונדז געשיינט צום גליק;
זעט, דאָס ברויט איז אונדז געראָטן.
קינדער, קיינמאָל נישט צוריק!

גרויסער גאָט, דו העלפסט דעם מענטשן,
ווען ער רופט צו דיר אין נויט, —
זאָלסט אונדז, טאַקע, ווײַטער בענטשן,
מיט הצלחה און מיט ברויט.

לאָזן אונדזערע קינדער וויסן
פון אַ לעבן אויף דער וועלט,
אַז דאָס ברויט און יעדער ביסן,
איז פון אונדזער אייגן פעלד.

מאַני לייב

דאָס ליד פון ברויט

פאַר די הענטלעך אין די ריגנעז,
קליינע, שיינע קינדער זינגען:
— גאָט געטרייַער, גיב אַ רעגן,
פון די קליינע קינדערס וועגן!
ווייַזט אַ וואָלקן זיך פון אויבן,
נעמען זיך די פעלדער שטויבן,
און ווי פערל, רעגן רייַן,
טריף־טראָפּ, טריף־טראָפּ, הייבט אָן גייען.

נעמען זיך די פעלדער שפּרייטן,
פריש צעאַקערטע אין בייטן.
ווערן גרינע קאָרן־זאַנגען
אויף די פעלדער אויפגעגאַנגען;
הייבט אַ טוי אויף זיי אָן פאַלן,
וואַרעמט זיי די זון מיט שטראַלן;
ווערן פעלדער געל ווי גאָלד,
פול מיט קאָרן, רייַנעם גאָלד.

קומען שניטער מיט די מעסער,
איינס פון צווייטן שאַרפער, גרעסער, —
שנייַדן שניטער, שנייַדן, זינגען,
אַזש די שאַרפע מעסער קלינגען,
אַזש די פעלדער ווייַט פאַרשטאַרבן;
און דעם קאָרן אין די גאַרבן
לייגן זיי אין סקירדעס אויס,
ביז צום הימל הויך און גרויס.

נעמען פולע פורן פאָרן,
פורן קאָרן, פירן קאָרן
דורך די בערג און דורך די טאָלן,
אין די מילן אויסצומאָלן;
הייבן אָן די ווינטן ווייען,
און די מילן־פליגלען דרייען;
מאָלן מילן, מאָלן שנעל
פון דעם קאָרן ווייַסע מעל.

נעמט דער בעקער מעל מיט הייוון
און פאַרהייצט זייַן גרויסן אויוון;
ברענט דאָס פייַער, שייַטלעך קנאַקן,
נעמט דאָס ברויט זיך בעסער באַקן.
קויפן מאַמעס ברויט דעם פרישן
און דערלאַנגען אויף די טישן;
עסן קינדער פרישן ברויט,
זייַנען זיי געזונט און רויט.

ל. ניידוס

די זון מיט אַ רעגן

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס לאַכן מיר גאָלדענע טראָפּנס אַנטקעגן;
זיי לויכטן אין לופטן און פאַלן אויף מיר,
ווי גאָלדענע פונקען אויף זיַידענע שניר.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס דאַנקען די גראָזן בײַם ראַנד פון די וועגן,
עס שמייכלען די בלומען, צעקושטע פון ווינט,
אַזוי ווי עס שמייכלט, דורך טרערן, אַ קינד.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
עס וויגט זיך דער בלאַסלעכער טײַך אין די ברעגן,
עס פאַלן די טראָפּן אין וואַסער, און גרינג
צעלויפן זיי ווײַט, אין אַ גאָלדענעם רינג.

אַ זון מיט אַ רעגן! אַ זון מיט אַ רעגן!
און ווײַט, ערגעץ ווײַט, וואַרפט זיך איבער אַנטקעגן
אין הימל, אין בלויען, אַ פאַרביקע בריק,
אַזוי ווי אַ וועג צו דעם אייביקן גליק.

מ. ד. גיסער

די פּאַלמע

שטייט אַ פּאַלמע, שטייט אַ שלאַנקע,
צו דעם הימל וואַקסט זי שטאָלץ,
קומט דער העקער, סאַנטשע פּאַנטשע,
הוק, הוק, האַקט ער זי אויף האָלץ.

הייבט די פּאַלמע אָן צו שרײַען:
הו־הו! טראָגט זיך איר געוואַלד:
— ברידער, ביימער, זעט: דער קין —
גייט מיך אומברענגען שוין באַלד.

וואַרפן ביימער בייז די לאָקן,
ווערט אין וואַלד אַ שטורעם־ווינט
און דער העקער ווערט דערשראָקן,
און אַנטלויפט, אַנטלויפט געשווינד.

שלום עליכם

מיר פאָרן קיין אַמעריקע

(פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס")

— 1 —

שאַט, מיר פאָרן קיין אַמעריקע! ווו איז אַמעריקע? — ווייס איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז ס'איז ווייט, שרעקלעך ווייט. מע דאַרף אַהין פאָרן אַזוי לאַנג, — ביז מע קומט. און אַז מע קומט, איז פאַראַן אַ „קעסטל-גאַרטל", טוט מען אייך אויס נאַקעט און מע קוקט אייך אין די אויגן. האָט איר געזונטע אויגן איז גוט. אַלאַ נישט, פאָרט, זייט מוחל, צוריק! דאַכט זיך, איך האָב געזונטע אויגן. איינמאָל נאָר, האָב איך געהאַט צו טאָן מיט די אויגן. יינגלעך האָבן מיר דערטאַפּט, אַוועקגעלייגט און אַרייַנגעבלאָזן אין די אויגן טאַביק. אַי, האָט זיי מייַן ברודער אליהו, געפּאַטשט! איצט זייַנען בייַ מיר די אויגן לויטער ווי קרישטאָל. זעט איר, מיט מייַן מאַמען איז נישט פריילעך, אַזוי זאָגט מייַן ברודער אליהו. ווער איז שולדיק? אַז טאָג ווי נאַכט וויינט זי. זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן האָט זי נאָך נישט אויפגעהערט צו וויינען.

— אום גאָטעס ווילן! דו האָסט קיין רחמנות נישט אויף אונדז! איבער דיר וועלן מיר חלילה אַלע דאַרפן פאָרן צוריק!

אַזוי טענהט מיט איר מייַן ברודער אליהו, און זי ענטפערט אים:

— נאַריש קינד, וואָס דו ביסט! איך וויין דען? עס וויינט זיך אַליין, אָן מיר!...

אַזוי זאָגט די מאַמע, ווישט די אויגן אָן פאַרטעך און נעמט זיך צום בעטגעוואַנט, צו די קישנס. מע דאַרף איבערשיטן אַלע קישנס. אַלצדינג איז אין אַמעריקע דאָ, נאָר נישט קיין קישנס. ווי אַזוי שלאָפן דאָרטן די מענטשן?

— פאַרשטיי איך נישט. עס דאַרף זיין האַרט צו קאָפּנס! מייַן שוועגערן ברכה העלפט איר איבערשיטן די קישנס. מיר האָבן נישט צו פאַרזינדיקן, היפּשע עטלעכע קישנס. דרייַ גרויסע איבערבעטן מיט זעקס קישנס, מיט פיר קלייַנע קישעלעך. פון אַלע פיר קליינע קישעלעך מאַכט די מאַמע איין קישן. אָן עבירה, איך האָב ליב די קליינע קישעלעך בעסער פון די גרויסע. איך שפּיל זיך מיט זיי אַמאָל. איך מאַך פון זיי אַ המן-טאַש, אַ ספּאַדיק...

— מיר וועלן קומען, אם-ירצה-השם, געזונטערהייט אַהין, וועלן מיר זיי צוריק איבערשיטן אין קליינע קישעלעך.

אַזוי זאָגט די מאַמע צו מיר און צו מייַן שוועגערן ברכה און גיט איר אָנצוהערעניש, אַז זי זאָל אויך אַזוי טאָן. מייַן שוועגערן ברכה טוט אויך אַזוי, כאָטש זי איז פון דער נסיעה נישט צופרידן. ס'איר שווער זיך צו שיידן

פון איר טאַטע־מאַמע... מע זאָל איר געווען, זאָגט זי, זאָגן פאַראַיאָרן אין דער צײַט, אַז זי וועט פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלט זי יענעם, זאָגט זי, אָנגעשפּיגן אַ פולן פּנים.

— מען זאָל מיר געווען זאָגן פאַראַיאָרן, אַז איך וועל זײַן אַן אַלמנה...

אַזוי זאָגט די מאַמע און צעוויינט זיך; דערזעט מײַן ברודער אליהו און מאַכט אַ גוואַלד:

— ווידער אַמאָל געוויינט? ווילסט אונדז אַ פּנים אַלעמען אומגליקלעך מאַכן?!...

— 2 —

טאַמער איז קאַרג, טראָגט אונדז אָן אונדזער שכנה פּעסיע. דערזען אונדז בײַ דער אַרבעט, ווי מיר שיטן איבער די קישנס, שטעלט זי זיך אַוועק אונדז אויסרײדן אַביסל דאָס האַרץ. זי לייענט אונדז אַ גאַנצע תּחינה:

— פאָרט איר, הייסט עס, טאַקע קיין אַמעריקע? הלוואי דער אייבערשטער זאָל געבן, איר זאָלט קומען געזונטערהייט און זאָלט דאָרט באַגליקן. בײַ גאָט איז אַלץ מעגלעך. אָט איז פאַראַיאָרן אַוועקגעפאָרן מײַנע אַן אייגענע, ריוול, הייסט זי, זי מיט איר מאַן הלל, שרײַבן זיי, אַז זיי מוטשען זיך, נאָר זיי מאַכן אַ לעבן... וויפל מע בעט זיך בײַ זיי, זיי אַלן שרײַבן ווי מענטשן: וואָס און ווער און ווי אַזוי? ענטפערן זיי: אַמעריקע איז אַ לאַנד פאַר אַלעמען. יעדערער מוטשעט זיך און מאַכט אַ לעבן... האָט איר עפּעס צו זיי? נאָך גוט, וואָס זיי שרײַבן כאָטש. די ערשטע צײַט האָבן זיי גאָרנישט געשריבן, פאַרגעסן דעם זײַ־געזונט. מיר האָבן שוין געמיינט, אַז זיי זײַנען חלילה אַרײַנגעפאַלן אין ים אַרײַן. ערשט העט, ווייס איך ווען, קומט אָן אַ ידיעה, אַז זיי זײַנען שוין אַ דאַנק גאָט אין אַמעריקע. זיי מוטשען זיך און מאַכן אַ לעבן... אַוודאי, זאָג איך אײַך, איז כדאַי דער גאַנצער טאַראַראַם, מיטן ברעכן זיך, מיטן איבערשיטן דעם בעטגעוואַנט, מיטן פאָרן איבערן ים, מיט נאָך אַזעלכע זאַכן!

אונדזער שכנה פּעסיע וואָלט נאָך גערעדט און גערעדט. אַ גליק, וואָס די מאַמע מישט זיך אַרײַן און הייבט אָן צו איר מיט גוטן:

— איך בעט אײַך, פּעסיניו, נשמהניו, האַרצעניו, ליובעניו, זאָלט איר מיר זײַן געזונט און שטאַרק!...

מער קאָן די מאַמע נישט ריידן. זי צעוויינט זיך. דערזעט מײַן ברודער אליה, אַז זי וויינט, ווערט ער אָנגעצונדן. ער טוט אַ וואָרף די אַרבעט און לויפט אַרויס פון שטוב מיט אַ קלאַפּ אין טיר.

— 3 —

אין שטוב איז שוין בײַ אונדז פּוסט — אַ חורבה. דער אַלקער איז פול מיט פּעקלעך און בעטגעוואַנט. דאָס בעטגעוואַנט פאַרנעמט כמעט ביז דער

סטעליע. אז קיינער איז נישטאָ, דראַפּע איך זיך אַרויף אויף אַלע קישנס און גליטש זיך אַראָפּ ווי אויף אַ שליטן. מיר דאַכט זיך, אַז אַזוי גוט ווי איצט, איז מיר נאָך קיינמאָל נישט געווען. קאָכן קאָכט מען שוין נישט ביַי אונדז פון לאַנג. מיַין ברודער אליה ברענגט פון מאַרק אַ געטריקנט פישל, עסן מיר דאָס מיט ציבעלע. פיש מיט ציבעלע — וואָס קען נאָך זיַין בעסער פון דעם? אונדזער חבר פיניע עסט אויך מיט אונדז. ער איז דאָך פון תמיד אַ פאַרטראָגענער. דער קאָפּ פּליט ביַי אים. נאָר פון זינט מיר פאָרן קיין אַמעריקע איז ער גאָר צעדולט. אַזוי זאָגט אויף אים די מאַמע. איין הויז איז ביַי אים פאַרקאַטשעט אַרויף, איינער אַראָפּ, דאָס האַלדזטיכל שפּאַרט שוין אָן אויף יענער זיַיט. און קומט ער אַריַין צו אונדז אין שטוב, אַזוי מוז ער כאַפּן אַ זעץ אין שטערן. אַלע מאָל האָט צו אים מיַין מאַמע די זעלבע טענה:

— דו זעסט דאָך, אַז דו ביסט הויך אויסגעוואַקסן, בייגט מען זיך איַין אַביסל.

— ער האָט אַ נידעריקע ראיה, מאַמע!

אַזוי פאַרענטפערט אים מיַין ברודער אליה און ביידע גייען זיי מאַכן אַן עק מיט אונדזער האַלבער דירה. מען דאַרף זיך צעשריַיבן. מיר האָבן אונדזער האַלבער דירה שוין לאַנג פאַרקויפט. אונדזער האַלבע דירה האָט אָוועקגעקויפט זיליע דער שניַידער. פריער איז ער דריַי מאָל אין טאָג געקומען אָנקוקן אונדזער האַלבע דירה איינער אַליין, געשמעקט די ווענט, געטאַפּט דעם קוימען, געקראָכן אויפן בוידעם, באַטראַכט דעם דאַך. נאָכדעם האָט ער געבראַכט די וויַיב... שפּעטער האָט זיליע דער שניַידער אָנגעהויבן פירן מבינים אָנקוקן די דירה. מען האָט זיך אָנגעהויבן דינגען און מען האָט זיך אויסגעגליַיכט מיטן מקח, און מען האָט געשיקט נאָך בראָנפן, און מען האָט געטרונקען לחיים. מען האָט אונדז געווינטשעוועט, מיר זאָלן פאָרן געזונט, און קומען געזונט, און מאַכן גוטע געשעפטן, און פאַרדינען אַ סך געלט און קומען צוריק, אם־ירצה־השם...

— 4 —

איצט האָט זיך אָנגעהויבן אַ ניַיע חתונה — געזעגענען זיך. פון שטוב צו שטוב גייען מיר זיך געזעגענען. מיר זיַינען שוין געווען ביַי אַלע אונדזערע קרובים, שכנים און באַקאַנטע. ביַי אונדזער מחותן, יונה דעם בעקער, האָבן מיר פאַרבראַכט אַ גאַנצן טאָג. אונדזערע מחותנים האָבן געמאַכט פאַר אונדז אַ וואַרמעס, צונויפגערופן די משפּחה, געשטעלט ביר צום טיש. מיך האָט מען אָוועקגעזעצט באַזונדער מיט מיַין שוועגערנס שוועסטערל, אַלטע הייסט זי. זי איז עלטער פון מיר מיט אַ יאָר און טראָגט צוויי צעפּלעך צונויפגעדרייט פון הינטן ווי בייגל. זי פרעגט ביַי מיר, אויב איך וועל נאָך איר בענקען? — געוויס, וועל איך נאָך איר בענקען! נאָכדעם

פרעגט זי מיך, אויב איך וועל איר שרײַבן בריוועלעך פון אַמעריקע? — גע־ווים וועל איך איר שרײַבן בריוולעך פון אַמעריקע!

— ווי אַזוי וועסטו שרײַבן? דו קענסט דען שרײַבן?

— אַ טײַערע מציאה אין אַמעריקע זיך אויסלערנען שרײַבן! — זאָג איך און האַלט די הענט אין די קעשענעס. אַלטע קוקט אויף מיר און שמייכלט. זי מאַכט זיך אַ האַרץ. זי איז מיר מקנא, וואָס איך פאָר און זי נישט. אַלע זײַנען מיר מקנא, אַפילו יאָסי דעם נגידים יינגל, הענעך מיטן אייגל, זאָל מיך קאָנען דערטרינקען אין אַ לעפל וואַסער! ער שטעלט מיך אָפּ און מאַכט צו מיר מיטן אייגל:

— הער נאָר דו, דו פאָרסט קיין אַמעריקע?

— יאָ, איך פאָר קיין אַמעריקע.

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן? גיין איבער די הײַזער?

זײַן גליק וואָס מײַן ברודער איז דערבײַ נישטאָ. ער וואָלט אים געגעבן אַ „גיין איבער די הײַזער"!... איך וויל זיך מיט אים נישט אָנהייבן, מיט אַזאַ לאָבוס. איך ווײַז אים נאָר אַ צונג און לויף אַוועק צו אונדזער שכנה פעסיע זיך געזעגענען מיט איר כאַליאַסטרע: אַכט שטיק, איינס אין איינס. אַלע אַכט רינגלען מיך אַרום. זיי פרעגן מיך, צי בין איך צופרידן, וואָס איך פאָר קיין אַמעריקע? אַ שיינע מעשה, נאָר אַ קורצע! וואָס טויג מיר גרויס, זיי זײַנען מיר גוט מקנא. מער פון אַלע איז מיר מקנא הערשל. ער לאָזט פון מיר קיין אויג נישט אַראָפּ. ער זיפצט און זאָגט צו מיר: „דו וועסט זיך עס אָנזען אַ וועלט!"

יאָ איך וועל זיך אָנזען אַ וועלט! ווי דערלעבט מען שוין!...

— 5 —

שוין געקומען לייזער מיט די „אַדלערס". דרײַ ברענענדיקע פערד! זיי קאָנען נישט אײַנשטיין אויף אָן אָרט. אָדער זיי טופּען מיט די פיס, אָדער זיי פאָרשקען מיט די נאָזלעכער און באַשפּריצן מיר דעם פּנים. איך ווייס נישט וואָס איך זאָל טאָן פריער: צי איך זאָל קוקן אויף די פערד, צי איך זאָל העלפן טראָגן די פעקלעך מיט די קישנס אין וואָגן אַרײַן. איך קאָן באַשטיין ביידע זאַכן: איך שטיי בײַ די פערד און זע ווי מע טראָגט די פעקלעך מיט די קישנס. אַ פולער וואָגן מיט פעקלעך און מיט קישנס. אַ גאַנצער באַרג מיט בעטגעוואַנט. שוין צײַט אויפצוזעצן זיך און פאָרן. מיר האָבן פינף און פערציק וויאָרסט צו דער באַן. אַלע זײַנען שוין דאָ: איך און מײַן ברודער אליה, און מײַן שוועגערן ברכה, אונדזער חבר פּיניע און זײַן ווײַב טײַבל, און די גאַנצע משפחה זייערע. דער עולם הייבט אָן זאָגן, מען זאָל זיך געזעגענען. אַלע הייבן אָן זיך גרייטן צו געזעגענען. מען טוט זיך אַ כאַפּ — נישטאָ די מאַמע! ווו איז די מאַמע? קיינער ווייס נישט ווו איז די מאַמע! מײַן ברודער אליה איז אויסער זיך, אונדזער חבר פּיניע האָט אינגאַנצן פאַר־

לאָרן זײַן האַלדזטיכל. לייזער טרײַבט האַלדז און נאַקן. ער זאָגט, אַז מיר קענען פאַרשפּעטיקן די באַן. שאַט! אָט גייט די מאַמע. דער פּנים איז איר רויט. די אויגן פאַרשוואָלן. מײַן ברודער אליה פֿאַלט צו צו איר.

— וואָס איז מיט דיר? ווו ביסטו געווען?

— אויפֿן הייליקן אָרט, זיך געזעגענען מיטן טאַטן...

מײַן ברודער אליה קערעוועט זיך אָפּ אָן אַ זײַט. אַלע בלײַבן שטיין אָן לשון. זינט מיר פֿאָרן קיין אַמעריקע איז דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער טאַטע קומט מיר אויפֿן זינען. עס טוט מיר אַ צופּ בײַם האַרצן. איך טראַכט מיר: „אַלע פֿאָרן קיין אַמעריקע און דער טאַטע, נעבעך, בלײַבט דאָ, אויפֿן הייליקן אָרט, איינער אַליין”... לאַנג טראַכטן לאָזט מען מיך נישט. מע טוט אויף מיר אַ קוק און מע הייסט מיר קריכן אויפֿן וואָגן. ווי אַזוי קאָן איך קריכן אויף אַזאַ וואָגן מיט אַזאַ באַרג מיט בעטגעוואַנט? ס'איז דאָ אַן עצה: לייזער שטעלט מיר אונטער זײַנע ברייטע פּלייצעס. פּלוצלונג ווערט אַ קור־שערײַ מיט אַ געוויין, אַ יללה, ערגער ווי תשעה באָב. מער פֿון אַלע וויינט די מאַמע. זי פֿאַלט אונדזער שכנה פּעסיען אויפֿן האַלדז און זאָגט: „איר זענט מיר געווען אַ שוועסטער, געטרײַער פֿון אַ שוועסטער...” אונדזער שכנה פּעסיע וויינט נישט, נאָר איר גיידער טרייסלט זיך, און גרויסע טרערן ווי באָב, קײַקלען זיך איבער אירע פֿעטע גלאַנצנדיקע באַקן.

אַלע האָבן זיך שוין צעקושט, נאָר פּיניע נאָך נישט. זען פּיניען קושן זיך — דאַרף מען נישט קיין טעאַטער. מחמת ער האָט אַ נידעריקע ראיה, טרעפֿט ער נישט ווו מען דאַרף. אָדער ער קושט אין באָרד אַרײַן, אָדער אין שפּיץ נאָז, אָדער ער גיט זיך גאָר אַ בוקצע אין שטערן. דערצו האָט ער אַ טבע, אַז ער גייט, שפּרינגט ער אונטער, און ער פֿאַרטשעפּעט זיך בײַ זײַנע אייגענע פֿיס. איך זאָג אײַך, פֿון פּיניען קאָן מען בלײַבן אָן אַ בויך לאַכנדיק. מיר זיצן שוין אין וואָגן. לייזער נעמט זיך צו דער בײַטש. דער עולם געזעגנט זיך נאָך. די ווײַבער וויינען.

— זײַט געזונט!

— פֿאָרט געזונט!

— שרײַבט אונדז פֿון אײַער געזונט!

— זײַט מצליח!

— פֿאַרגעסט אונדז נישט!

— שרײַבט אַלע וואָך! למען השם, יעדע וואָך אַ בריוו!

— לאָזט געריסן משהן מיט בתיהן, מיט מאירן, מיט זלאַטען, מיט חנה־פּערלען, מיט שרה־רחלען, מיט זייערע קינדער.

— גאָר פֿרײַנדלעך! זײַט געזונט! זײַט געזונט!

אַזוי שרײַען מיר אַלע פֿונעם וואָגן אַרויס. און איך וואָלט געמעגט שווערן, אַז מיר פֿאָרן שוין. לייזער האָט געשענקט אַלע דרײַ אָדלערס צו רעכטע שמיץ. איינעם האָט ער מכבד געווען מיטן שטעקן. די רעדער קאַ־

טשען זיך. מיר שאָקלען זיך און העצקען זיך. איך שפּרינג אונטער אויף דער קעלניע און פאַל שיר נישט אַראָפּ פאַר פרייד. עס קיצלט מיך, עס גענדזלט מיך אין האַלדז. עס גלוסט זיך מיר זינגען: — מיר פאָרן, מיר פאָרן קיין אַמע־ריקע!

||||||||||||||||||||||| ||||| ||||||||||||||||||||||

שלום עליכם

וויגליד

שלאָף מײַן קינד, מײַן טרייסט, מײַן שײנער,
שלאָף מײַן זונעניו,
שלאָף מײַן קרוין, מײַן קדיש אײנער,
ליולינקע, ליו־ליו!

בײַ דײַן וויגל זיצט דײַן מאַמע,
זינגט אַ ליד און וויינט,
וועסט אַמאָל פאַרשטיין, מסתּמא,
וואָס זי האָט געמײנט.

אין אַמעריקע דער טאַטע
דײַנער, זונעניו;
ביסט אַ קינד נאָך, שלאָף לעת־עתּה,
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו!

דאָס אַמעריקע פאַר יעדן
זאָגט מען, איז אַ גליק,
און פאַר ייִדן אַ גן־עדן,
עפּעס אַן אַנטיק.

דאָרטן, זאָגט מען, זײַנען ייִדן,
קיין עין־הרע, רײַך,
יעדער לעבט זיך דאָרט צופרידן,
אַלע זײַנען גלײַך.

דאָרטן עסט מען, אין דער וואָכן,
חלה, זונעניו,
יאַיכלעך וועל איך דיר דאָרט קאָכן, —
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו!

גאָט וועט העלפֿן וועט ער שיקן
בריוועלעך, זונעניו,
גאָר אין גיכן אונדז באַגליקן
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו!

ער וועט שיקן צוואַנציק דאָלער,
זײַן פּאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען, לעבן זאָל ער,
אונדז אַהינצו.

ער וועט אַלץ פון אונדזערטוועגן
שאַפן זונעניו,
און וועט פאָרן אונדז אַנטקעגן,
ליולינקע, ליו־ליו!

ער וועט כאַפּן דיך צום קושן,
שוויַגן אַזש פאַר פרייד,
איך וועל קוואַלן טרערן גיסן,
וויינען שטילערהייט.

נאָר דערווײַלע לאָמיר האָפן,
אוי, וואָס קען מען טון,
כ'וואָלט שוין לאַנג צו אים געטראָפן —
ווייס איך נישט ווהין.

ביז ס'וועט קומען ס'גוטע קוויטל,
דאַרף מען, זונעניו,
שלאָפן, ס'איז אַ טײַער מיטל; —
שלאָף־זשע, שלאָף ליו־ליו.

שלום עליכם

מיר גנבענען די גרענעץ

(פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס")

— א —

פאָרן מיט דער באַן איז אַ גן־עדן! מיט דער פור איז אויך נישט שלעכט. נאָר סע טרייסלט, און די זײַטן טוען נאָכדעם ווײ, סכנות. לייזערס פערד פליען טאַקע ווי אָדלערס, פונדעסטוועגן האָבן מיר זיך גענוג געשלעפּט, ביז מיר זײַנען געקומען צו דער סטאַנציע. און אַז מיר זײַנען געקומען צו דער סטאַנציע, האָבן מיר נישט געקענט אַרויס. מיר איז געווען גרינגער פון אַלעמען: איך בין דאָך געזעסן מיט לייזערן אויף דער קעלניע. האַרט איז טאַקע געווען און די ביינער האָבן גוט ווי געטאָן. דערפאַר אָבער האָט מען געקענט אַראָפּשפּרינגען אין איין מינוט. זיי האָבן שוין נישט געקאָנט שפּרינגען. איר ווייסט דאָך ווער: מײַן ברודער אליה מיט מײַן שוועגערן ברכה, אונדזער חבר פּיניע מיט זײַן ווײַב טײַבל און די מאַמע מײַנע. ערגער פון אַלע איז געווען די ווײַבער. זיי זײַנען אַרײַן און פאַר־רוזניעט געוואָרן! מען האָט פריער באַדאַרפט אַרויסוואַרפן פונעם וואָגן אַלע פּעקלעך מיטן גאַנצן בעטגעוואַנט און ערשט נאָכדעם שלעפּן די ווײַבער איינציקווײַז.

דער גוי פון דער באַן האָט אונדז אָנגעטאָן צרות. ער האָט זיך גע־טשעפּעט צו אונדז פאַר די פּעקלעך, ווי פאָרן בעטגעוואַנט. זײַן עסק, וואָס מיר פירן אַ סך קישנס!

— מען דאַרף מיטן ערל שלאָגן בלאַט, אים עפּעס נותנען אויף דער יד...

אַזוי זאָגט מײַן ברודער אליה צו אונדזער חבר פּיניע. אונדזער חבר פּיניע איז אונדזער פירער, אונדזער קאָפּ. ער קאָן ריידן גוט רוסיש.

ער גייט צו צום גוי און טוט מיט אים אַ שמועס אויף רוסיש...

דער ערל האָט איבערגעטראָגן אַלע פּעקלעך מיט אַלע קישנס אין אַ גרויסער שטוב מיט הויכע פענצטער, וואָס מע רופט דאָס „וואָקזאַל". ערשט דאָ הייבט זיך אָן די רעכטע חתונה. דער גוי זאָגט, אַז מע וועט אונדז נישט אַרײַנלאָזן אין וואָגאָן אַרײַן מיט אַזוי פיל קישנס און מיט אַזוי פיל שמאַטעס (דאָס מיינט ער אַ פּנים די קאָלדרעס. אַביסל צעריסן דער אונ־טערשלאַק, זעט זיך אַרויס די וואַטע, הייסט דאָס שוין בײַ אים שמאַטעס!). עס בלײַבט, מען זאָל גיין צום „נאַטשאַלניק". ווער זאָל גיין? געוויינטלעך, פּיניע! פּיניע גייט מיטן גוי צום „נאַטשאַלניק". פונדעסטוועגן האָט דאָס

אויך נישט געהאָלפן. מע האָט געמוזט אַוועקגעבן דאָס גאַנצע בעטגעוואַנט אין באַגאַזש און אַרויסנעמען אַ קווימאַנציע. די מאַמע איז געווען אויסער זיך: אויף וואָס וועלן מיר שלאָפן?

— ב —

די מאַמע האָט זיך אומזיסט געזאָרגט: אויף וואָס וועלן מיר שלאָפן. איך בין אייך שוין מוחל דאָס שלאָפן. איך וואָלט אַ בעלן געווען, ס׳זאָל כאָטש זײַן וווּ צו זיצן. ווי אויף צו להכעיס, איז אין וואַגאָן אַזוי ענג, אַז מען קען דערשטיקט ווערן. אַ חוץ אונדז פאָרן נאָך אַ סך פאַרשוינען. ייִדן און קריסטן, און מע שלאָגט זיך פאַר די ערטער. איבערן בעטגעוואַנט האָבן מיר פאַרשפּעטיקט אַלע בעסטע ערטער. מיר האָבן קוים באַזעצט די ווײַבער מיט די פּעקלעך אויף דער ערד: די מאַמע אין איין זײַט וואַגאָן, ברכה און טײַבל אין דער אַנדערער זײַט וואַגאָן. אַז זיי ווילן ריידן, מוזן זיי שרײַען הויך איבערן גאַנצן וואַגאָן. לאַכט מען פון זיי. מײַן ברודער אליה און אונדזער חבר פּיניע זײַנען געבליבן הענגען ווי אין דער לופטן, נישט אַהין, נישט אַהער. פּיניע איז בלינד, כאַפּט ער אַלעמאָל אַ קלאַפּ אין שטערן. און איך? פאַר מיר זאָרגט זיך נישט, מיר איז גוט. מיר איז אויסגעצייכנט. מע קוועטשט מיך טאַקע פון אַלע זײַטן. איך שטיי אָבער בײַ אַ פענצטער. דאָס, וואָס איך זע, האָט איר געוויס קיינמאָל נישט געזען. פאַר מײַנע אויגן פליען שטיבער, וויאָרסטן, ביימער, מענטשן, פעלדער, וועלדער — ס׳איז נישט צו באַשרײַבן! און ווי אַזוי ס׳פליט די באַן! און ווי אַזוי קלאַפּן די רעדער! ווי אַזוי טראַסקעט דאָס! ווי אַזוי פײַפט דאָס! ווי אַזוי קוויטשעט דאָס! די מאַמע האָט מורא איך זאָל נישט אַרויספאַלן דורכן פענצטער, שרײַט זי אַלע מינוט אויף אַ קול: „מאָטל! מאָטל!” וואָס וויל זי ווײַטער? זי וויל, איך זאָל עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן. מיר פירן מיט זיך פון כל טוב: רעטעך און ציבעלעס און קנאָבל און גרינע אוגערקעס און האַרטע אייער, אויף יעדן איינציקן אַן איי. איך האָב שוין לאַנג נישט אַזאַ הנאה געהאַט פון עסן. עס לויפן אָפּ אַזוי עטלעכע סטאַנציעס. אויף יעדער סטאַנציע ליידיקט אויס דער וואַגאָן אַ פּאָר פאַרשוינדלעך, עס ווערט אַלעמאָל גערוימער. אונדזערע ווײַבער זיצן שוין ווי פּריצות אויף די בענק מיט זייערע פּעקלעך. מײַן ברודער אליה און אונדזער חבר פּיניע האָבן זיך מחיה געווען. זיי האָבן די בעסטע ערטער. פּיניע רעדט מיט די ייִדן. ער פרעגט זיי, וווּהין זיי פאָרן. אַ סך פון זיי פאָרן קיין אַמעריקע. דערהערט, אַז קיין אַמעריקע, ווערט אויף אונדז אַ גדולה.

— סטײַטש, וואָס האָט איר געשוויגן ביז אַהער? מיר פאָרן דאָך אויך קיין אַמעריקע.

אזוי זאָגט זיי פיניע, און מיר ווערן גיך באַקאַנט. מיר ווייסן אַלע, איך וואַסער אַ שטאָט איטלעכער פאַרט און צו וועמען.

— איר פאָרט קיין ניו־יאָרק? מיר קיין פילאַדעלפיע!

— וואָס איז דאָס פילאַדעלפיע?

— אויך אַ שטאָט ווי ניו־יאָרק!

— פּאַוואָליע, האַלט זיך אײַן! פילאַדעלפיע קעגן ניו־יאָרק, איז אַזוי ווי איישישאָק קעגן ווילנע, דראַזשנע קעגן אָדעס, אַטוואָצק קעגן וואַרשע, סע־מיענאָווקע קעגן פּעטערבורג, קאָזעליעץ קעגן כּאַרקאָוו...

— טעט־טע־טע! איר זײַט דאָך עפּעס אויסגעוווען אַ וועלט, קיין עין־הרע!

— לאָמיר עס פאַרמאָגן! אויב איר ווילט, וועל איך אײַך אויסרעכענען אַלע שטעט, וואָס איך בין דאָרט געוועזן...

— דאָס לאָזט איבער אויף שבת. זאָגט בעסער יידן, וואָס טו איך מיט דער גרענעץ?

— ג —

די גרענעץ, האָב איך געמיינט, איז מיט הערנער. צום סוף — גאָר־נישט: די אייגענע הײַזער, די אייגענע יידן, מיט די אייגענע גויים, וואָס בײַ אונדז. אַפילו אַ מאַרק מיט קלייטן און שטעלעכלעך, אַלצדינג אַזוי ווי בײַ אונדז. מײַן שוועגערין ברכה און אונדזער חבר פיניעס ווייב טײַבל, זײַ־נען געגאַנגען אין מאַרק אַרײַן אײַנקויפן. איך וויל אויך מיט זיי גיין, לאָזט מיך די מאַמע נישט אָפּ פון זיך אויף איין מינוט. זי האָט מורא, מע זאָל מיך נישט אַוועקגנבענען, סאַמע בײַ דער גרענעץ. מײַן ברודער אליה און אונדזער חבר פיניע זײַנען נישטאָ. זיי דרייען זיך אַרום מיט פרעמדע יידן, וואָס איך קען זיי נישט. די מאַמע זאָגט, אַז דאָס זײַנען אַגענטן. די אַגענטן וועלן מיט אונדז גנבענען די גרענעץ. איינער זעט טאַקע אויס ווי אַ גנב. אַ גרינע קאַפּאָטע, אַ ווײַסער שירעם, און אויגן גנבישע. דער אַנדערער איז דווקא אַ פײַנער מענטש, מיט אַ קאַפּעלוש. און אַ יידענע דרייט זיך אויך אַרום אין קאָן. די יידענע ווײַזט אויס אַ פרומע, אַן ערלעכע. זי טראָגט אַ שײַטל אויפן קאָפּ און רעדט מיט גאָט. זי פרעגט דער מאַמען, ווו וועט זי בענטשן ליכט, אויב מיר האַלטן דאָ שבת. די מאַמע זאָגט, אַז מיר האַלטן נישט קיין שבת. שבת וועלן מיר שוין, זאָגט זי, מיט גאָטס הילף, זײַן אויף יענער זײַט.

די יידענע מאַכט אַ פרום פּנים און זאָגט: אמן, רבונו־של־עולם! זי האָט אָבער מורא, זאָגט זי, אַז מע פירט אונדז אין באָד אַרײַן. די אַגענטן, זאָגט זי, וואָס מיר האַנדלען מיט זיי, זײַנען פּראָסטע גנבים. זיי וועלן אויסנאַרן בײַ אונדז דאָס געלט, זאָגט זי, און וועלן אונדז אַרײַנפירן אין אַ בלאָטע

אריין. אויב מיר ווילן, זאָגט זי, גנבענען די גרענעץ, זאָלן מיר גנבענען מיט איר, וועט אונדז זײַן, זאָגט זי, אַז וויל און גוט!... אַזוי, איז זי, הייסט עס, אויך אַ גנבטע?...

שוין געקומען מײַן ברודער אליה מיט אונדזער חבר פּיניע. ביידע זײַנען עפּעס שטאַרק צעטראָגן. אַ פּנים זיי האָבן זיך צעקריגט. איינער זאָגט אויפן אַנדערן, אַז איבער אים וועלן מיר מוזן דאָ שבת האַלטן. שבת האַלטן אַליין איז נאָך גאָרנישט. מיר ווערן געוואָר, אַז ביידע אַגענטן האָבן זיך באַרימט, אַז מען וועט אומדז מסרן, אַז מיר ווילן גנבענען די גרענעץ. ביז עפּעס וואָס — די מאַמע וויינט דערוויַילע. מײַן מרודער אליה בייזערט זיך אויף איר, וואָס זי מאַכט אַ תּל פֿון די אויגן: איבער אירע אויגן, זאָגט ער, וועט מען אונדז אַלעמען נישט אַרײַנלאָזן קיין אַמעריקע! מײַן ברודער אליה און פּיניע הערן אויף צו האַנדלען מיט די אַגענטן. זיי זאָגן: „אַן עק, מיר פֿאָרן נישט קיין אַמעריקע און גנבענען נישט די גרענעץ!" מיר רײַסט זיך אָפּ אין האַרצן. איך מיין, ס'איז טאַקע אַן אמת. צום סוף איז דאָס גאָר אַ מאַניפּאַדנע, פּיניעס קאָפּ! דאָס האָבן זיי אומיסטן אַזוי געזאָגט, בכדי זיך אָפּצושעפּען פֿון די אַגענטן. און מיר האָבן גענומען האַנדלען מיט דער יידענע. די יידענע האָט גענומען אַן אויפגאָב און האָט אונדז געזאָגט, מיר זאָלן זײַן גרייט אויף הײַנט אַרום האַלבע נאַכט. די נעכט זײַנען פֿינצטערע נעכט, סוף חודש, אויסגעצייכנט גוט אויף צו גנבענען די גרענעץ. איך וואָלט געוואָלט דערלעבן זען, וואָס הייסט דאָס „גרענעץ", און ווי אַזוי וועלן מיר דאָס גנבענען?

— ד —

אַ גאַנצן טאָג זײַנען מיר באַשעפֿטיקט מיט די זאַכן. מיר האָבן אַלצדינג געדאַרפֿט אײַנפּאַקן און אַוועקגעבן דאָס דער יידענע. די זאַכן וועט זי אונדז איבערפֿעקלען, נאָך דעם, דער עיקר איז בײַ איר, זאָגט זי, די נפֿשות. און זי זאָגט אונדז אַן ווי אַזוי מיר זאָלן זיך פֿירן. אַז ס'וועט ווערן, זאָגט זי, האַלבע נאַכט, זאָלן מיר אַרויסגיין אונטערן שטאָט. דאָרט איז פֿאַראַן, זאָגט זי, אַ בערגל. זאָלן מיר, זאָגט זי, דאָס בערגל דורכלאָזן און נעמען זיך לינקס און גיין און גיין, ביז מיר וועלן דערזען נאָך אַ בערגל. פֿון דעם בערגל זאָלן מיר זיך נעמען, זאָגט זי, רעכטס און גיין אַזוי לאַנג, ביז מיר וועלן קומען צו אַ שענקל. אין שענקל זאָל אַרײַנגיין נאָר איינער פֿון אונדז, נישט אַלע. אין שענקל וועלן מיר טרעפֿן, זאָגט זי, צוויי ערלים טרינקען בראָנפֿן בײַ איין טישל, זאָלן מיר צוגיין, זאָגט זי, צו די ערלים און אַ זאָג טאָן „כײַמאָוואַ" (ס'איז איר נאָמען). אַזוי וועלן זיי אויפשטיין און גיין מיט אײַך ביזן וועלדל. אין וועלדל וועלן אויף אײַך וואַרטן נאָך פֿיר גויים. טאָמער וועלן זיי שלאָפֿן, זאָלט איר זיי אויפוועקן. אין וועלדל, אַז איר וועט גיין, זאָלט איר, זאָגט

זי, זײַן שטיל, קײן פּיפּס נישט אַרױסלאָזן. מע זאָל הלילה נישט דערהערן און אױסשיסן. אױף יעדן טריט, זאָגט זי, איז דאָ אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס און שיסט... פֿון װעלדל, זאָגט זי, װעלן אײַך שױן די ערלים אַרױספֿירן אױפֿן רעכטן װעג, באַרג אַראָפּ, און אַט זײַט איר שױן אױף יענער זײַט...

מיר איז די מעשה, מיטן בערגל, מיטן שענקל, מיטן װעלדל, שטאַרק געפֿעלן. די מאַמע האָט אַביסל מורא, ברכה און טײַבל אױך. מיר לאַכן פֿון זיי, פּרוּװען ציטערן פֿאַר אַ קאָץ אױך!...

קוים דערלעבט נאַכט. אָפּגעדאַװנט מעריב, אָפּגעגעסן װעטשערע, האָבן מיר אָפּגעװאַרט, ביז עס װעט װערן רעכט פֿינצטער, פּונקט צװעלף דעם זײגער האָבן מיר זיך אַלע זאַלבעזעקסט געלאָזט אין װעג אַרײַן. פֿריער זײַנען געגאַנגען מיר, מאַנצבילן, נאָך אונדז זײַנען נאָכגעגאַנגען די װײַבער, װי געװײנטלעך. אַזױ װי די יידענע האָט נביאות געזאָגט, אַזױ איז טאַקע געװען. אַרױסגעגאַנגען פֿון שטאָט, האָבן מיר דערזען אַ בערגל. האָבן מיר דורכגעלאָזט דאָס בערגל און זיך גענומען לינקס. פֿון דאָרט זײַנען מיר געגאַנגען און געגאַנגען און געזען נאָך אַ בערגל. פֿון דעם בערגל האָבן מיר זיך גענומען, װי זי האָט אונדז אָנגעזאָגט, רעכטס און מיר זײַנען געגאַנגען אַזױ לאַנג, ביז מיר האָבן דערזען אַ שענקל. אין שענקל איז אַרײַן אײנער פֿון אונדז. װער? געװײנטלעך, פּיניע! מיר װאַרטן אַ האַלבע שעה, אַ שעה, צװײ שעה — נישטאָ פּיניע. הײבן אָן די װײַבער צו זאָגן, מע זאָל גײן זען װוּ איז פּיניע. װער זאָל גײן? מײַן ברודער אליה. זאָגט די מאַמע, זי װיל נישט. זאָג איך: „אַטאָ גײ איך". זאָגט די מאַמע, זי האָט מורא. שאַט! אָט איז פּיניע. „װוּ ביסטו געװען אַזױ לאַנג?" — „אין שענקל". — „װוּ זײַנען די ערלים" — „זײ שלאָפֿן". „פֿאַרװאָס האָסטו זײ נישט געװעקט?". „פֿאַר־װאָס האָסטו זײ נישט געזאָגט „כײַמאָװאָ"? — „פֿון װאַנען װײסט איר, אַז איך האָב זײ נישט געזאָגט?" „נו?" — „נו־נו!" „איז דאָך שלעכט!" — „װער זאָגט דען, אַז ס'איז גוט?..."

מײַן ברודער אליה איז טאַקע אַ חכם. ער זאָגט, זײ זאָלן גײן בײדע אין שענקל אַרײַן פּרוּװן זיך נאָכאַמאָל אױפֿװעקן די ערלים. עס האָט נישט גע־נומען קײן האַלבע שעה, מיר טוען אַ קוק, זײ גײען מיט די צװײ ערלים. די ערלים זײַנען נאָך פֿאַרשלאָפֿן, אַביסל שיכורלעך און שפּײַען און שילטן זיך סכנת־נפֿשות. די װײַבער הײבן אָן מורא האָבן, איך דערקען עס נאָך זײער זיפֿצן און קרעכצן. מע הערט פֿון אונדז קײן פּיפּס. מיר גײען און גײען און מער קײן גױים זעען מיר נישט. װוּ זײַנען די איבעריקע פֿיר? פּלוצלונג שטעלן זיך אָפּ אונדזערע צװײ ערלים און רופֿן זיך אָפּ צו אונדז, מיר זאָלן זײ זאָגן, װיפֿל געלט מיר האָבן. עס פֿאַלט אָן אױף אונדז אַ פּחד, אַז מיר קענען נישט רײדן קײן װאָרט. שטעלט זיך אַרױס די מאַמע און זאָגט, אַז מיר האָבן נישט קײן געלט. זאָגן זײ: ס'איז אַ ליגן. אַלע יידן האָבן געלט, און נעמען אַרױס צװײ לאַנגע מעסערס און טראָגן אונדז צו גלײַך צום פּנים

און זאָגן: „ווען איר אונדז נישט אָפּגעבן באַלד אינגאַנצן, וואָס איר האָט, זײַט איר געקוילעט!...” אַלע שטייען אָן לשון און ציטערן ווי די לעמעלעך. רופט זיך אָפּ די מאַמע צו מײַן ברודער אליה, ער זאָל אויפבינדן די קע־שענע און אָפּגעבן דאָס געלט. (דאָס איז דאָס געלט, וואָס מיר האָבן אָפּ־געלייזט פאַר אונדזער האַלבער דירה). אין דער מינוט געפעלט מײַן שווע־גערין ברכה צו פאַלן חלשות. דערזען, אַז ברכה איז געפאַלן, שרײַט די מאַמע: געוואַלד! אויף איר קוקנדיק, שרײַט טײַבל אויך: געוואַלד! פּלוצלונג — טראַך, טאַרעראַך!!... דאָס האָט מען אויסגעשאָסן. דער שאָס צעטראָגט זיך מיט אַ ווידערקול איבערן גאַנצן וואַלד. די ערלים זײַנען אויסגעטריקנט געוואָרן. ברכה האָט זיך אויפגעכאַפּט. די מאַמע כאַפּט מיך מיט איין האַנט און מײַן ברודער אליה מיט דער אַנדערער האַנט:

— קינדער! לאָמיר לויפן!...

איך ווייס נישט, וווּ עס נעמט זיך בײַ אונדז אַזוי פיל כוח אויף צו לויפן. אַלע מאָל פאַרטשעפּען מיר זיך אָן אַ בוים און פאַלן. מיר שטייען אויף און לויפן ווײַטער. אַלע מאָל דרייט אוים די מאַמע דעם קאָפּ צוריק און טוט אַ פרעג שטילערהייט:

— פיניע, דו לויפסט? ברכה, דו לויפסט? טײַבל, דו לויפסט?

וויפל מיר זײַנען אַזוי געלאָפן, קען איך אײַך נישט זאָגן. פון וואַלד זײַנען מיר שוין לאַנג אַרויס. עס הייבט אָן ווערן ווי טאָגלעך. עס בלאָזט אַ קיל ווינטל. נאָר אונדז איז הייס סכנות. מיר דערזעען פאַר זיך אַ גאַס און נאָך אַ גאַס, אַ ווײַסן קלויסטער, גערטנער, הויפן, שטיבלעך. אַ פּנים, דאָס איז דאָס שטעטל, וואָס די יידענע האָט אונדז געזאָגט. ווי באַלד אַזוי, זײַ־נען מיר דאָך שוין פון „יענער זײַט”. מיר באַגעגענען אַ יידן מיט אַזעלכע פאות, וואָס איך האָב אויף מײַן לעבן נישט געזען. אַ קאַפּאָטע טראָגט ער אַ לאַנגע, אַ צעפּליקטע; אויפן האַלדז אַ גרינעם שאַל; ער טרײַבט אַ ציג. מיר שטעלן אים אָפּ מיט דער ציג און גיבן אים „שלום!” דער ייד מיט דער ציג באַטראַכט אונדז פון קאָפּ ביז די פּיס. פיניע פאַרבינדט מיט אים אַ שמועס. דער ייד פון דער ציג רעדט עפּעס מאָדנע. טאַקע אונדזער לשון, נאָר מיט פּתחן. פיניע פרעגט אים, צי איז נאָך עפּעס ווײַט צו דער גרענעץ? דער ייד פון דער ציג קוקט אים אָן: „וואָסער גרענעץ?”... עס לאָזט זיך אויס אַ מעשה, אַז מיר זײַנען שוין לאַנג אויף דער זײַט, מיר זײַנען שוין ווײַט פון דער רוסישער גרענעץ.

— וויבאַלד אַזוי, הײַנט וואָס זשע לויפן מיר ווי די משוגעים?

עס פאַלט אָן אויף אונדז אַלעמען אַ מוראדיק געלעכטער. די ווײַבער פאַלן אַזש צו דער ערד לאַכנדיק. נאָר די מאַמע הייבט אויף די הענט אַרויף: „איך דאַנק דיר, גאָטעניו!” און צעוויינט זיך.

י. שוואַרץ

אַמעריקע

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פּעט און פרוכטבאַר,
אוצרות טראָגט זי אין איר שויס;
ס'איז דאָס לאַנד דאָ פריש אין יוגנט,
ס'איז דאָס לאַנד דאָ רײַך און גרויס.

ס'איז דאָס לאַנד דאָ פול מיט אוצרות —
אײַזן, קופּער, גאָלד און שטאָל;
ס'פאַלן זילבער-וואַסערפאַלן
פון די בערג אַראָפּ אין טאָל.

אונדזער לאַנד האָט טיפע טײַכן,
קלאָרע טײַכן פול מיט פיש;
אירע בערג דערגרייכן הימלען,
אירע טאָלן זײַנען פריש.

ס'איז מיט זון דאָס לאַנד באַגאָסן,
אירע פעלדער זײַנען גרין.
פלינקע, שטאַרקע — אירע טעכטער,
שטאָלץ און מוטיק אירע זין.

אין די פּרייריס — בופלאָקסן
און טאַבונעס ווילדע פערד;
און מיט ווייץ, מאַיִס און גערשטן
איז באַדעקט די גאַנצע ערד.



EL QUE LABRA SU TIERRA SE SACIA DE PAN
עובד אדמתו ישבע לחם
1939



מרדכי אַלפּערסאָן

דער ערשטער טאָג אין אַרגענטינע

אין אַ זונטיק טאָג, י״ט אב, אָדער דעם 23סטן אויגוסט פון 1891, האָט מיך די דײַטשע שיף „טיאַקאַ״, מיט נאָך דרײַ הונדערט אימיגראַנטן, געבראַכט פון האַמבורג קיין בוענאָס אײַרעס, נאָך אַ רײַזע פון 32 טעג אויפן ים.

אײדער דער דאַמפּער איז צום האַפן צוגעשוואומען, ווען מיר האָבן פון ווײַטן דערזען די שטאָט, אײַנגעהילט אינעם שאָטן פון די פּאַלמען-ביימער, האָט אונדז אַ שטאַרקע שמחה באַהערשט. די מאַמעס האָבן זייערע קינדער אין דער הויך געהויבן, דערקלערנדיק זיי מיט פרייד:

— זעט קינדערלעך! אָט, דאָרט, איז דער גן-עדן, דאָס שיינע, גרינע, לאַנד וואָס דער גוטער באַראָן הירש האָט פאַר אונדז געקויפט.

— ערד-אַרבעטער, קאָלאָניסטן, וועלן מיר ווערן! פרײַע יידן וועלן מיר זײַן! אויס פּאָגראָמען! אויס מיט די רוסישע קייסערלעכע גזרות! — האָבן די אַרויסגעטריבענע דאָרפס-יידן געטענהט.

קליינע שיפלעך זײַנען צו דער „טיאַקאַ״ צוגעקומען, אַרויפגענומען צו צוויי, דרײַ משפחות מיט זייערע פּעקלעך און קלומעקלעך, זיי צוגעפירט צום אַרגענטינער באָדן וווּ מען האָט געלאַנדעט.

עס געדענקט זיך נאָך ווי הײַנט, יענער עפּיזאָד אין שיפל. ווען איך, מײַן פרוי, און מײַנע דרײַ קינדערלעך, פון וועלכע דער עלטסטער, מײַן בכור אברהם, איז אַכט יאָר אַלט געווען — ווי ער האָט זיך, איבערראַשט, צו זײַן מוטער געווענדעט:

— זע נאָר מאַמע, דאָרט אויפן ברעג, שטייט אַ מענטש, רויכערט אַ גרויסע ליולקע, ציט און ציט און ס׳גייט אַלץ קיין רויך נישט!

ערשט שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט אַז דאָס האָט דער „וויזשי-לאַנט״ געצויגן דורך דער „באָמביזשע״, די פאַרפאַרעטע „זשערבאַ״-טיי, — דער נאַציאָנאַל-אַרגענטינער געטראַנק, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען

„מאַטע”, און וואָס ווערט דורך אַ בלעכן אָדער זילבער־רערל געטרונקען, פון אַ קירבעס־טעפּעלע.

די לאַדקעס האָבן אונדז, אימיגראַנטן, געבראַכט אינעם אימיגראַנטן־הויז; אַן אַלטע, גרויסע, מיט מאַך און שימל־באַוואַקסענע, הילצערנע געבײַדע, ווו עס זײַנען געווען צימערן און חדרימלעך אָן אַ שיעור. דאָרטן האָבן מיר אָנגעטראָפן, נאָך אַ צוויי הונדערט יידישע אימיגראַנטן, וואָס די שיף „ליסאַבאָן” האָט פריער מיט אַ פּאָר טעג געבראַכט.

עטלעכע פאַרברוינטע פאַרשוינען, האַלבע נעגערס, האָבן דורך מימיק אונדז צום טיש צוגעוווּנקען, ווײַזנדיק מיטן האַנט אין מויל אַרײַן — ווײַל שפּאַניש האָט פון אונדז קיינער קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, און מיר האָבן זיך אַרום די לאַנגע טישן געזעצט.

די שוואַרצע האָבן ברויט, און אַ בלעכענע שיסעלע מיט פלייש, דער־לאַנגט אַ יעדערן. קיין אַפּעטיט האָט קיינעם פון אונדז נישט געפעלט, אַלע סאַמע יונגע מענטשן, נאָך אַ לאַנגע ים־רײַזע, האָט מען זיך געשמאַק צו דער אכילה גענומען...

||||||||||||||||||||||||| |||||| |||||||||||||||||||||||||||

אברהם מאָשקאָוויטש

ייִדישע קאָלאָניסטן

קאָלאָניסטן יידישע,
אַ געזונט אין זייערע ביינער,
ווי זיי פאַרדינען זייער ברויט, —
ערלעכער פאַרדינט נישט קיינער!

זייערע האָרעפּאַשנע הענט,
אין בלאָטע אויסגעשמירטע,
זײַנען שענער פון די ווײַסינקע —
מיט דימענטן באַצירטע.

זיי זײַנען אָנגעקומען דאָ
פון לענדער ווײַט צופאָרן;
און עס איז אַרגענטינע
זייער נײַע היים געוואָרן.

און געטראָפן שטרעקעס ערד,
ווילד און פּוסט, פאַרלאָזן.
נישט קיין וועג, און נישט קיין שליאַך,
נאָר הויכע, ווילדע גראָזן.

איצטער ליגן שטאָלץ צעבליט
אַרגענטינער וויסטן —
אויסגעוואַקסן איז אַ דור
פון יונגע קאָלאָניסטן.

ח. י. פאַרבער

אַרגענטינע

גרויס און שיין איז אַרגענטינע
און אין אַלצדינג רײַך,
ווו עס לעבן פרײַ און פרידלעך,
אַלע מענטשן גלײַך.

קאָלאָסאַלע וועלדער גיבן
אונדז דאָס בעסטע האָלץ,
איז עס — מיט די גרויסע נוצן,
פאַרן לאַנד — אַ שטאָלץ.

אויף די גרינע פּאַשע־פעלדער,
פיטערן זיך פי,
און מיליאָנען שאָף און ציגן,
אָקסן, פערד און קי.

און פאַרזייטע רײַכע פעלדער
בליען פול מיט רייך:
מאַיס, גערשטן, ליאָן, אַלפאַלפאַ,
האָבער, קאָרן, ווייץ...

אויף די גרויסע טײַכן שווימען
שיפן אַלערליי —
גוטע פיש פון אַלע סאָרטן,
גיבן אויבעט זיי.

ביימער מיט געשמאַקע פרוכטן
וואַקסן אַזוי פײַן,
ווײַנשטאָקן מיט זיסע טרויבן,
שפיגלען זיך אין שײַן.

און נאַטור־שיינקייטן זײַנען
גאָר אַ סך פאַראַן:
דאָ אַ וואַסער־פאַל, גיגאַנטיש;
דאָרט אַ באַרג־טיטאַן.

גרויסע שטעט, וואָס פּראָגרעסירן,
זיכער, פעסט און שנעל;
מיט פאַבריקן, הימל־קראַצערס;
שולעס — ליכטיק העל.

ציען זיך די באַנען־ליניעס
אין דער ווײַטסטער ווײַט;
און שאָסייען אַספאַלטירטע,
ליגן בײַ דער זײַט.

גרויס דער מסחר און די אַרבעט,
וואָס עס ווערט געטון,
גלײַכע רעכט איז דאָ פאַר אַלע,
ווי צו לופט און זון.

שטאַרקע, שיינע זין און טעכטער,
האָט דאָס גאַנצע לאַנד,
פרײַהייט, שיינקייט, קראַפט און ליבע
גייען דאָ באַנאַנד.

גרויס און שיין איז אַרגענטינע,
און אין אַלצדינג רײַך,
ווו עס לעבן פרײַ און פרידלעך,
אַלע מענטשן גלײַך!

מ. א.

אַ בוים בליט אין מדבר

א. שווער איז געווען די אַרבעט

אין אַ קאַלטן פרילינג-פרימאָרגן איז אָנגעקומען אַ גרופּע חלוצים און חלוצות אין מדבר, לעבן ים המלח, (טויטן ים) און אָנגעהויבן אויפצושטעלן ביידלעך.

דריי אַראַבער וואָס זיינען געריטן אויף אייזלען האָבן זיך אָפּגעשטעלט און פאַרוואונדערט געפרעגט:

— וואָס טוט איר דאָ יידן?

— מיר שטעלן אויף אַ דאָרף, — האָבן די חלוצים און חלוצות געענטפערט.

האָבן די אַראַבער זיך צעלאַכט און אויסגערופן:

— משוגענע יידן, וואָס איר זענט. אַט דאָ אין מדבר שטעלט איר אויף אַ דאָרף? זעט איר נישט אַז אויף מײַלן ווײַט איז נישטאָ קיין סימן פון אַ גרעזל, קיין זכר פון אַ ביימל? די ערד איז דאָ פול מיט זאַלץ. גאָט האָט פאַרשאָלטן אָט דאָס שטיק לאַנד. מיר און אונדזערע עלטערן און אור־עלטערן לעבן דאָ טויזנטער יאָרן און מיר האָבן נאָך קיינמאָל נישט געזען אַז אַפילו אַ ווילד געוויקס זאָל זיך דאָ ווײַזן. זעט איר נישט, אַז מדבר איז דאָ? ס'איז דאָך נישט ווײַט פון טויטן ים און אַלץ אַרום איז טויט.

האָבן די חלוצים און חלוצות געענטפערט:

— קומט צוריק אַהער אין אַ צוויי, דרײַ יאָר אַרום, וועט איר זען. איר וועט דעמאָלט רעדן אַנדערע רייד.

האָבן די אַראַבער אַ טרײַב געטאָן די אייזלען און געזאָגט:

— משוגענע יידן, זיי מײַנען, אַז זיי זײַנען די קליגסטע אין דער וועלט.

— אַפּגעזאָגט און אַוועק.

טעג און חדשים זײַנען אַריבער. די חלוצים און חלוצות האָבן געאַר־בעט פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט. שווער איז געפאַלן די אַרבעט אויף דער יונגער חברה. די זון האָט געגאָסן מיט פײַער, די היץ איז אַרויף ביז פופציק גראַד און קיין שאָטן פון אַ בוים איז נישט געווען פאַר מײַלן ווײַט.

ב. טוריסטן פון אַמעריקע

אַ פּאָר חדשים שפּעטער זײַנען אָנגעקומען טוריסטן פון אַמעריקע. זיי האָבן אָנגעקוקט דעם טויטן ים און זיך אָפּגעשטעלט לעבן די חלוצים און חלוצות וואָס האָבן געאַרבעט אין מדבר.

— וואָס טוט איר דאָ? — האָבן די טוריסטן געפרעגט.

— מיר וואַשן די ערד, — האָבן די חלוצים געענטפערט.

— איר וואַשט די ערד? ווי וואַשט מען ערד? — האָבן די אַמעריקאַ־נער געפרעגט פאַרוווּנדערט.

האָבן די חלוצים געענטפערט:

— צוויי מײַל פון דאַנען פליסט דער ירדן. ברענגען מיר וואַסער אין עמערס און גיסן אויף דער מדבר־ערד. דאָס ירדן־וואַסער וואַשט אויס די זאַלץ פון דער ערד. אַז די גאַנצע זאַלץ וועט אויסגערייניקט ווערן פון דער ערד וועלן מיר פאַרפלאַנצן ביימער און פאַרזייען גראָז.

האָבן די טוריסטן געענטפערט:

— מיר קומען פון אַמעריקע, דעם לאַנד, וואָס קאָן אַלץ באַווײַזן. אַזאַ זאַך ווי וואַשן מדבר־ערד האָבן מיר נישט געהערט.

האָבן די חלוצים געענטפערט:

— נו, גוט, קומט אין אַ צוויי, דריַי יאָר אַרום וועט איר זען אַז ביי־מער וועלן דאָ בליען און פעלדער וועלן גרינען.

זיַינען די טוריסטן אַוועק, האָבן געקוועטשט מיט די פּלייצעס און געזאָגט:

— ווילע יונגען די יידישע חלוצים. אָבער ס׳איז אַ רחמנות אויף זיי. זייער מי איז אומזיסט. זיי זיַינען נעבעך געררירט געוואָרן פון דער היץ.

ג. אַ פּראָפעסאָר

מיט אַ חודש שפּעטער איז אַראָפּגעקומען צו די יונגען אַ פּראָפעסאָר. ער איז געווען אַ באַרימטער אַגראָנאָם און מען האָט אים געשיקט פון ירושלים זען ווי די אַרבעט גייט אין נייעם דאָרף. ער איז געקומען, האָט אַ קוק געטאָן דאָ, אַ שמעק געטאָן דאָרט. גענומען אַביסל ערד און אַריַינ־געלייגט אין איין פלעשעלע, וואָס איז געווען פול מיט עפּעס אַ גרינער פלי־סיקייט. גענומען נאָך אַביסל ערד און אַריַינגעלייגט אין אַ צווייטן פלעשעלע, וואָס איז געווען פול מיט אַ געלער פליסיקייט. ער האָט געטרייסלט די פלעשעלעך, געקוקט ווי די פליסיקייט פאַרלירט איר קאָליר און געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך האָט ער גענומען אַביסל ערד, צעשפּרייט עס אויף דער דלאָניע פון דער לינקער האַנט און עס אַ לעק געטאָן, ער איז אויפגע־שפּרונגען אַן אויפגערעגטער, דאָס פּנים רויט. די אויגן פאַרלאָפן. ער האָט אויסגעשריגן:

— ס׳איז סם, די ערד איז אַ פאַרסמטע. שנעל גיט מיר אַ גלאָז וואַסער.

מען האָט אים געבראַכט אַ גלאָז וואַסער. ער האָט אויף גיך אויסגע־שווענקט דאָס מויל. דערנאָך האָט ער געבעטן מילך. מען האָט אים גע־בראַכט אַ קריגל מילך. ער האָט געטרונקען די מילך פּאַמעלעך — אַראָפּ־געשווענקען דעם סם — און געטראַכט. אַז ער האָט אויסגעטרונקען די מילך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— הערט זיך איַין, טיַיערע חלוצים און חלוצות, איַיער אַרבעט איז אַרויסגעוואָרפן. איך זאָג איַיך אַז די ערד איז פאַרסמט. ס׳וועט קיינמאָל דאָ גאָרנישט וואַקסן.

די בחורים און מיידלעך האָבן געשוויגן און נישט געענטפערט, נאָר איין גדעון, דער בחור מיטן פאַרעקשנטן מויל און מילדע ברוינע אויגן, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— הער פּראָפעסאָר, קומט צו אונדז אין אַ יאָר צוויי אַרום וועט איר זען דאָ בליענדיקעביימער און גרינע פעלדער.

דער פּראָפעסאָר איז אין כעס געוואָרן און אַוועק.

ד. ווינט און פײַער

זעקס חדשים האָבן די חלוצים און חלוצות אָפּגעאַרבעט. אין אײנעם אַ האַרבסט־אָוונט זײַנען זײ געזעסן אין הויפּט־געצעלט (קײן הײַזער זײַנען נאָך נישט אויפגעבויט געוואָרן) און געגעסן זײער מאָגערן מאָלצײַט. אַ שטאַרקער ווינט האָט געבלאָזן און אויפגעהויבן וואָלקנס שטויב. די חלוצים האָבן פאַרשטײַפט די שטריק אַרום געצעלט און געוואַרט מיט געדולד דער ווינט זאָל זיך אײַנשטילן. מיטאַמאָל איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם און אַראָפּגעריסן דעם געצעלט. איבערגעקערט די שטולן, דעם טיש. אומגע־וואָרפן דעם נאַפט־לאָמפּ. אַ פײַער האָט אָנגעצונדן דאָס ביסל מעבל. דער געצעלט איז פאַרטראָגן געוואָרן אין מדבר. און די חלוצים און חלוצות זײַ־נען געבליבן אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

יענע נאַכט איז קײנער פון זײ נישט געשלאָפן. יעדער אײנער איז געלעגן אײַנגעוויקלט אין זײַן אויבערמאַנטל, דער קאָפּ טיף פאַרשטעקט און געוועזן וואַך מיט פאַרמאַכטע אויגן. אין דער פינצטער האָט זיך מיט־אַמאָל דערהערט אַ געוויין. דאָס האָט געוויינט די חלוצה עפרה, די, וואָס אַלע האָבן זי גערופן „עפרה די לאַכנדיקע”. זי האָט געוויינט און גערעדט מיט אַ שלוכץ:

— מער קאָן איך נישט, מער קאָן איך נישט.

אַז זי איז שטיל געוואָרן, האָט זיך דערהערט גדעונס שטים:

— ניין, מיר וועלן נישט אַוועק פון דאַנען.

קײנער האָט נישט געענטפערט. גדעון האָט ווײַטער גערעדט:

— חלוצים און חלוצות, אײדער מיר זײַנען געקומען אַהער האָבן מיר געוווסט וואָס פאַר אַ באָדן דאָס איז. מיר זײַנען געקומען אַהער מלחמה האַלטן, מלחמה האַלטן מיטן מדבר. מיט פופציק יאָר צוריק איז גאַנץ ארץ־ישראל געווען אַ מדבר. וואָס איז געווען דער גליל? — אַ מדבר! וואָס איז געווען דער עמק יזרעאל? — אַ מדבר! וואָס איז געווען די שטאָט תל־אביב? — אַ מדבר! מדבר, מדבר, מדבר. די בויער פון גליל, פון עמק יזרעאל און תל־אביב האָבן באַזיגט דעם מדבר. אויך מיר וועלן אים באַזיגן. אויב איר זײַט מיד, איר האָט מער קײן כוח נישט, גײט אײַך. אַנדערע וועלן קומען אויף אײַער אָרט.

— איך בלײַב דאָ, — האָט גדעון געזאָגט. — איך בין געקומען אַהער, באַוואַסערן דעם באָדן, אַקערן, זײען, פלאַנצן און בויען. הונדערטער וועלן קומען נאָך מיר. איבער די זאַמדן פון מדבר וועלן זיך ציען פעלדער, וועל־דער און גערטנער.

ווען גדעון האָט געענדיקט רײדן האָבן אַלע חלוצים און חלוצות זיך אויפגעשטעלט ווי אײן מענטש און געשוווירן:

— מיר גײען נישט. מיר בלײַבן.

און אַ געזאַנג איז אויסגעבראָכן. דער געזאַנג האָט איבערגעשטאַרקט דעם שטורעם-ווינט:

— אין לאַנד געקומען, פלאַנצן און זייען —
אַקערן און בויען, מדבר איינגענומען.

ה. צען ביימלעך

עס זיינען אַוועק די חדשים תשרי, חשון, כסלו און טבת, ס'איז געקומען חודש שבט. גדעון איז אַוועק קיין ירושלים און איז צוריקגעקומען מיט צען יונגע ביימלעך.

אין אָוונט האָט ער געזאָגט צו די חברים:

— איך האָב געבראַכט צען ביימעלעך — ריטעלעך נאָר. אין דריי טעג אַרום איז חמשה עשר בשבט, וועלן מיר פאַרפלאַנצן די ערשטע ביימעלעך לעבן טויטן ים.

האָט די לאַכנדיקע עפרה אויסגערופן מיט פרייד:

— מיר וועלן צונויפרופן אַלע חברים פון לאַנד און פייערן דאָ אין מדבר אונדזער ערשטן חמשה עשר בשבט.

האָט גדעון געענטפערט און געזאָגט:

— ס'איז נאָך צו פרי פאַר אַ חגיגה (יום־טוב, פייערונג). מיר וועלן טאַקע פאַרפלאַנצן די ביימעלעך אָבער ווער וויס צי וועלן זיי זיך אָננעמען. לאָמיר צוואַרטן. איבעראַיאָר אויב די ביימעלעך וועלן זיך אָננעמען און אונדזערע „קינדער" וועלן אויסוואַקסן, וועלן ווערן אַ יאָר אַלט, וועלן מיר מאַכן דעם אמתן יום־טוב, מירן פייערן דעם ריכטיקן חמשה עשר בשבט.

אַלע האָבן מסכים געווען מיט גדעונען.

חמשה עשר בשבט אין דער פרי זיינען אַלע חלוצים און חלוצות אַרויס אין „גאָרטן" און פאַרפלאַנצט די ביימעלעך. זיי האָבן זיי באַוואַסערט און אָנגעהויפט ערד אַרום זיי. געענדיקט די אַרבעט, האָבן די חלוצים און חלו־צות זיך גענומען פאַר די הענט, און האַנט אויף אַקסל — געטאַנצט אַ האָרא און געזונגען זייער ליד:

— אין לאַנד געקומען, פלאַנצן און זייען —
אַקערן און בויען, מדבר איינגענומען.

ו. קומט און זעט דעם װוּנדער

עס זיינען אַוועק טעג און וואָכן, די חלוצים האָבן געוואַכט איבער די צען ריטעלעך-ביימעלעך, ווי אַ מאַמע וואַכט איבער קינדער.

— זיי וואַקסן, זיי וואַקסן, — האָבן זיי אויסגערופן איינע צו אַנדערע יעדן פרימאָרגן, ווען זיי האָבן באַקוקט די ביימעלעך.

איינמאָל אין אַ פרימאָרגן איז גדעון אַרויס אין גאָרטן. ער האָט זיך באַלד צוריקגעקערט אַן אומעטיקער און געזאָגט:

— צוויי זײַנען געשטאָרבן.

די לאַכנדיקע עפרה האָט אים געטרייסט:

— אַכט זײַנען געבליבן.

אָבער ס׳איז נישט אַריבער קיין וואָך און די אַכט ביימעלעך זײַנען אויך פאַרדאַרט געוואָרן. גדעון איז ווידער אַוועק קיין ירושלים און געבראַכט פרישע צען ביימעלעך. מען האָט זיי פאַרפלאַנצט אין אַ ווינקל פון גאָרטן. אָבער אויך די צען האָבן זיך נישט צוגענומען. גדעון איז אַוועק צום דריטן מאָל קיין ירושלים, געבראַכט פרישע צען ביימעלעך־ריטעלעך און זיי פאַר־פלאַנצט אין אַ דריטן ווינקל פון גאָרטן.

ס׳איז אַריבער אַ חודש, נאָך אַ חודש און אַ דריטער חודש — די ביי־מעלעך וואַקסן. נײַן חדשים זײַנען אַריבער, די ביימעלעך האָבן זיך אַ הייב געטאָן. אַכט צווײַגן אויף איין ביימל און איינער פון זיי איז גאָר אַ פאַר־שוין. אַלע צען זײַנען לעבן געבליבן.

— נו, — האָט גדעון געזאָגט אין אַן אָוונט, — הײַ־יאָר חמשה עשר בשבט וועלן מיר אַ הוליע טאָן.

ס׳איז אָנגעקומען דער חודש טבת, די חלוצים און חלוצות האָבן גע־שיקט בריוו איבערן גאַנצן לאַנד: „קומט פרייט זיך מיט אונדזערע נײַע צען ביימעלעך, וואָס וואַקסן לעבן טויטן ים. אַ נײַער יידישער ישוב איז אויפגעקומען אין מיטן מדבר". אויך צו די אַראַבער אין יריחו האָבן זיי געשריבן און צו דעם פּראָפעסאָר אין ירושלים. צו די טוריסטן אין אַמע־ריקע האָבן זיי געשיקט אַ טעלעגראַמע:

— איר געדענקט ווי מיר האָבן געוואַשן די ערד, קומט און זעט דעם צוגעזאָגטן וווּנדער.

אויף חמשה עשר בשבט זײַנען אָנגעקומען הונדערטער מענטשן. עס זײַנען געקומען יידן פון די קאָלאָניעס, פּראָפעסאָרן און סטודענטן, פריילע־כע חלוצים, זינגענדיקע חלוצות און די אַראַבער פון יריחו.

אַלע האָבן געקוקט און געגאַפט: צען ביימער זײַנען געשטאַנען אין האַרץ פון מדבר. דער העכסטער פון זיי איז געווען אינגאַנצן אײַנגעטונקען אין בליעכץ.

— אַ בוים בליט אין מדבר!

און די אַראַבער האָבן געזאָגט:

— מכשפים זײַנען די יידן. מיר שווערן מיטן נאָמען פון אַללאַ, אַז די יידן זײַנען מכשפים.

מרדכי אַלפּערסאָן

פרילינג אין דער קאָלאָניע

דער ווינטער האָט זיך שוין געהאַלטן ביים געזעגענען. דער נעפּלדיקער מאָנאַט אויגוסט פון 1893, האָט זיך געענדיקט. סעפּטעמבער, דער אַרגענטינישער מאַי, דער פרילינג, האָט זיך, מיט זיין ליבלעכער ווארעמקייט, שוין באַוויזן; און פלאַנצן, ווי מענטשן, האָבן פריש אויפגעוואַכט.

די קאָלאָניסטקעס מיט זייערע קינדערלעך, האָבן זיך ווי די מוראַשקעס פאַרשפּרייט איבער די גערטנער און האָבן געגראָבן, געזייעט און געפלאַנצט. די מענער האָבן צוגעגרייט די מכשירים די מאַיִם צו זייען, און אַלץ איז אָנגעפילט געוואָרן מיט אַ מחיהדיקן אַרבעט-אימפּעט.

דער ווייץ, וואָס מיר האָבן פאַרזייט, האָט וואָס אַ טאָג ווייטער, אַלץ מער די ערד באַדעקט. די פעלדער האָבן געגרינט, און אין אונדז אַריינגעגאָסן האָפענונג, אַז גאָר אין גיכן וועלן מיר ענדלעך זיין באַקליידט און זאַט.

אויף שריט און טריט האָט מען געזען, ווי עס שפּינט און עס וועבט זיך אַ נייַ לעבן, און מיטן וואַרעמען פרילינג, וואָס איז אָנגעקומען, האָט צו אונדז אויך דערגרייכט אַ פריינדלעך-האַרציקער בריוו פון באַראָן הירש, אין וועלכן ער בעט, אַז מ'זאָל קיין פּאַריז צושיקן אַ מוסטער פון אונדזער ווייץ. „ער וויל — שרייבט ער, — מיט זיינע אייגענע אויגן זען די תבואה וואָס ז יי נ ע קאָלאָניסטן האָבן אויף דער וועלט געבראַכט מיט זייער אַרבעטסזאַמקייט און פליים".

אַ גרויסע שמחה, אַ גדולה, האָט אונדז אַלעמען באַהערשט. מיר זיינען אויפן שוועל פון אַ זיכערער, אַ רואיקער פרנסה; און דאָס נאָך, אין אַזאַ פריי לאַנד!

חבל ב״ץ

אַ קאָלאָניסט

איך בין אַ קאָלאָניסט,
בין פאַרוואָרפן ווײַסט,
אויף די קאַמפּן.
ערגעץ אָן אַ זײַט,
פון מענטשן ווײַט,
אין דער פּאַמפּאַ —
שטייט מײַן ראַנטשעל'ע
דאָרט אַן איינזאַמע,
האַלב אויסגעבויגן;
אין אַ שטיקל אָרט,
אָפּגעצוימט, אָט, דאָרט,
מיט דראָט אַרומגעצויגן.

האַרבסט אין דרויסן איז,
ס'איז שוין נאַס און קאַלט
אין דער ווייסטע.
דורכן פענצטערל
האַלב צעבראָכן, אַלט,
זע איך נאָר פעלדער פּוסטע;
ס'קאַפּעט אַ רעגנדל,
דינע טראָפּנדלעך,
ווי די נאַטור וואָלט קלאָגן...
זיצן הינדעלעך,
אויפגעקאָרטשעטע,
אויפן אַלטן וואָגן.

ס'שטייט און מעלה־גירהט
די ווײַסע ציג,
שאָקלט מיט איר בערדל.
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
שטייט עס דרעמלענדיק
דאָס אַלטע פערדל.
ליגן קאַטשקעלעך
אין איין קופּקעלע
אויפן רעגן.
ס'הערט זיך אַ האָנעך־קריי,
אַ ווילדער גאַטש־געשריי,
ערגעץ ווײַט פון וועגן.

איך זע דאָס שטעגעלע,
אָט דאָס בלאָטיקע,
בײַ די זײַטן;
ווי עס שלענגלט זיך
אין דער טיפעניש,
אין קאַמפּ אין ווײַטן;
צו דעם קאָלאָניסט,
וואָס האָט אַ טעכטערל —
אָ, קע ריקאַ!
זי גיט נדן אַ פערד,
מיט אַ שטיקל ערד
פון דער ייק״אַ.

וועל איך נעמען איר,
ברענגען דאָ צו מיר,
און אין צווייען,
וועלן מיר אַרבעטן,
וועלן מיר אַקערן,
וועלן מיר זייען!...

ד״ר הערצל

ביאָגראַפיע

•

ד״ר הערצל איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעשט אין יאָר 1860. זיינע עלטערן האָבן געהייסן יעקב און זשאַנעט.

אין יאָר 1878 באַזעצט ער זיך מיט זיינע עלטערן אין ווין, וווּ ער שטו־דירט רעכט־וויסנשאַפט.

אין 1884 באַקומט ער זיין דאָקטאָר טיטל אַלס יוריסט.

אין יאָר 1891 ווערט ער קאָרעספּאָנדענט פון דער גרויסער ווינער צײַ־טונג „נײַע פרײַע פרעסע״. פאָרט קיין פּאַריז צום דרייפוס־פּראָצעס וואָס מאַכט אויף אים אַ שוידערלעכן אײַנדרוק.

אין 1895 פּרוּווט ער צו געווינען צו זיין יידנשטאַט־אידייע דעם באַראָן הירש און שפּעטער די פאַמיליע ראָטשילד.

גיט אַרויס זיין „יידנשטאַט״ אין אַ ווינער פאַרלאַג דעם 14טן פעב־רואַר 1896, און הייבט אָן זיין ציוניסטישן קאַמף, געשטיצט פון אַ קליינער גרופּע ציוניסטן וואָס זיינען דאָן שוין פאַראַן אין ווין, גאַליציע, רומעניע און אין אַנדערע לענדער.

אין 1897 גרינדעט ד״ר הערצל, מיט זיינע אייגענע מיטלען, דאָס וואָכנ־בלאַט „די וועלט״ וואָס ווערט אַ שטאַרקער פּראָפּאַגאַנדע־כוח און פאַררופט דעם ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל, שווייץ, אין אויגוסט 1897.

די גרויסע אויפרעגונגען און אָנשטרענגונגען צו באַקומען ארץ־ישראל פאַר דעם יידישן פאָלק, צעטרייסלען הערצלס געזונט און ער שטאַרבט אין עדלאַך דעם 3טן יולי 1904 (כ׳ תמוז).



ק. מאָלאָדאַווסקי

ירושלים

(פאָלקס-מאָטיוו)

אויף די בערג פון יהודה
דערהויבן איז ירושלים.
אַלט איז ירושלים,
יונג איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

יאָר נאָך יאָר און דור נאָך דור
לײַכט די שטאָט ירושלים.
ווײַט איז ירושלים,
נאָענט איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

אין דעם סידור, אין דעם מחזור
פּעסטיקט זיך ירושלים.
טרייסט איז ירושלים,
יום-טוב איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

מזרח, מערב, צפון, דרום,
בוקן זיך צו ירושלים.
חכמה איז ירושלים,
תורה איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

און דער פּאַסטוך, דער מלך,
שטייט און היט ירושלים.
ברכה איז ירושלים,
שלום איז ירושלים,
אייביק איז ירושלים.

ח. נ. ביאַליק — נאָך ר׳ יהודה הלוי

ים־ליד

כ׳האָב פאַרגעסן אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מײַן אייגן הויז;
כ׳האָב דעם ים זיך אָפּגעגעבן:
טראָג מיך, ים, צום מוטערס שויס!

און דו, מ׳ערב־ווינט געטרײַער,
טרײַב מײַן שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מײַן האַרץ, מיט אָדלער־פליגל,
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברענג מיך נאָר אַהין בשלום, —
נאָכדעם פלי זיך דיר צוריק,
גריס זאָלסטו אַלע ליבסטע,
און דערצייל זיי פון מײַן גליק.

ז. סעגאַלאָוויטש

תל־אביב

פון חיפה אַ כביש, אַ מאַסיווער,
אַ ליכטיקער וועג און אַ ברייטער,
אויף גאַסן אַרײַן, תל־אביבער,
מיט איינעם אַ פרײַנט, אַ באַגלייטער,

געקומען איז איינער פון תימן,
דער צווייטער פון ווין און פון דאַנציג,
פון ליטע, פון רוסישע היימען,
און שפּראַכן — אויף זיכער אַ צוואַנציק.

פאַראַן איז אַ ים דאָ און אָטעם,
אַ שטאָט מיט פאַרנעם, זײַ צופרידן!
אַ שטאָט, וואָס איז ליב אין פיל פרטים—
געבויט און געהאַמערט פון יידן.

מיט לאַנגע געשיכטעס פון וואַנדער,
מיט טיפע לעגענדעס פון דויער...
איך גיי זיך מיט זיי נישט פאַנאַנדער,
אויף יידישע וועגן פון טרויער.

מיט קליידונג פון אַנדערע ראַסן,
מיט פרעמדע און אייגענע לידער...
און יידן פון וואַרשעווער גאַסן...
מיט מזל! מיר זעען זיך ווידער!

ח. נ. ביאַליק

איך מעלק די וואַנט

ביי יענער צייט האָט זיך מיר פאַרגלוסט אין קליינקייט: כ׳האָב געוואָלט מעלקן די וואַנט. פון די קינדער אין חדר האָב איך געהערט, אַז עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט אַזעלכע בעלי־מופתים, וואָס באַוויזן יאָ אַזוינס צו טאָן, ס׳איז ביי זיי אַ גאָרנישט שבגאָרנישט. און באַלד טאַקע האָב איך געוואָרפן אַן אויג אויף איינער אַ וואַנט פון הויז. די דאָזיקע וואַנט איז פון העלפט אַרונטער געווען פאַרשימלט און צעפוילט, און האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ מין גרינעם שווייס; און האָט שוין פון אַ שטיק צייט צוגעצויגן מיינע בליקן. אין האַרבסטיקע נאַסע טעג פלעג איך אָפּזיצן אַנטקעגן דער וואַנט גאַנצע שעהן, פאַרטיפט אין די משונהדיקע בילדער, וואָס דער שימל האָט אויף איר געמאָלן. כ׳האָב אין די גרינע פלעקן געזען אַלץ וואָס נאָר אַן אויג קען זען: בערג און טאָלן, פעלדער און וועלדער, שלעסער און פאַלאַצן... „די דאָזיקע וואַנט — האָב איך מיר געטראַכט — איז לכתחילה באַשאַפן געוואָרן אויף צו מעלקן" — און בין נישט אָפּגעטראָטן פון איר מיין יעדע פרייע מינוט. איך האָב זי בודק געווען פון אַלע זייטן, געזוכט אין איר דעם ריכטיקן פלאַץ אויף צו מעלקן. און אַז מ׳זוכט — געפינט מען: אונטן אויף דער וואַנט, גאַנץ נאָענט צום ווינקל, האָט זיך געפונען אַן אויפגעלאָפּענער פלאַץ, ווי אַ מין ברוסט — דאָס איז דער ריכטיקער פלאַץ. איך דאַרף בלויז מאַכן אַ קליין לעכל, אַריינטאָן אַהין אַ טרייבל — און מילך וועט זיך גיסן, ווי פון אַ קוואַל. און כדי אויפצונעמען דעם פולן שטראָם מילך, ס׳זאָל חלילה קיין איינציקער טראָפּ נישט גיין פאַרלוירן, האָב איך זיך פאַרגרייט אַפריער, פאַרן מעלקן, מיט כל המינים כלים: אַ פלעשל מיט אַן אָפּגעבראָכן העלדזל, אַ צעשפּאָלטענע שיסל וואָס ווערט באַנוצט אויף צו האַלטן ליים, אַ האַלבע פושקע פון ר׳ מאיר בעל הנס, אַ בלעכן קעסטל צעלעכערט און פאַרראָסט, אַ שמוציקע יאַרמולקע, אַ פאַרדאַרטער שוך, אַן „אַלמן" אָן אַ פּאָר, און נאָך אַזעלכע כלים וואָס האָבן זיך אומגעוואַלגערט אין מיסט, און אויפן בוידעם און אונטערן בעט. כ׳האָב אַפילו נישט פאַרגעסן זיך אָנצוגרייטן מיט אַ פּראָפּן. צו וואָס אַ פּראָפּן? כדי צו פאַרשטאָפּן צווישן מעלקן און מעלקן דעם וואָרצל פון ברוסט, דאָס לעכל פון וואַנט הייסט עס. אַרומגערינגלט מיט די אַלע כלים, און באַוואָפנט מיט אַ נאָגל און אַ מערזל, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד און זיך גענומען לעכערן די וואַנט.

דאָס מערזל — קלאַפּ! און דער טשוואָק הייבט אָן צו זינקען. ס׳האַרץ

צאַפּלט זיך, נאָך אַביסעלע, נאָך אַ רגעלע — און פון לעבעלע וועט אָנ־הייבן שפּריצן אַ ווײַסער וואַרעמלעכער שטראָם — טזזז... און דאָ איך רעכטן מיטן כאַפּ איך פון הינטן אַרום אַ הייסן פײַערדיקן פּאַטש:

— נאַ דיר, מטורף איינער, פאַר לעכערן די ווענט!...

דער פּאַטש — איז דעם טאַטנס אַ פּאַטש.

אהרן צייטלין

נעמען פון יידישע קינדער

בלומעשי, טויבעשי, ריוועלע,
לאהניו, פייגעניו, פּערעלע,
כאַצקעלע, מאָטעלע, קיוועלע,
הערשעלע, לייבעלע, בערעלע,

שאַיעשי, חיהשי, גאָלדעשי,
מענדעלעך, גנענדעלעך, מינדעלעך,
דאָבעלעך, רחלעך, נעכעלעך,
יאַנקעלעך, יונהלעך, מעכעלעך.

קאָפּעלע, ווו איז דײַן קעפּעלע?
ווו איז דאָס ליכט פון דײַן אייגעלע?
ווו איז דײַן הענטעלע, יענטעלע?
ווו איז דײַן פיסעלע, פייגעלע?

ווער קאָן געפינען איצט משהלען,
שווליקן, שמואליקן, ישראליקן?
גאָט האָט אויף זיי ניט דערבאַרעמט זיך,
האָט זיי געשאָנקען עמלקן.

נעמען — אָט דאָס זײַנען געבליבן נאָר:
דבורהלע, דוואָשעלע, חיהלע,
שמערעלע, פּערעלע, סערעלע,
שימעלע, שיעלע, שײַעלע.

בלומעשי, טויבעשי, ריוועלע,
לאהניו, פייגעניו, פּערעלע,
כאַצקעלע, מאָטעלע, קיוועלע,
הערשעלע, לייבעלע, בערעלע.

אוים און נישטאָ מער די הערשעלעך
הערשעלעך, פּעשעלעך, הינדעלעך,
קלאַנגען, בלויז קלאַנגען, בלויז
ליד־קלאַנגען!
נעמען פון יידישע קינדערלעך.

ווו איז דײַן פיסעלע, זיסעלע?
ציפּעלע, ווו איז דײַן צעפּעלע?
רויך ביסטו, יענטעלעס הענטעלע!
אַש ביסטו, קאָפּעלעס קעפּעלע.

ווי צו יענע

(פון ישעיה)

און אַ יום-הדין וועט זײַן, פֿאַר אַלע שטאָלצע און פֿאַר אַלע דערהויבענע.
און דערנידעריקט וועלן ווערן די אויגן פון די שטאָלצע, און אײַנגע-בויגן אַלע, וואָס זײַנען בײַ זיך גרויס.
ווי צו יענע, וועלכע זאָגן אויף שלעכטס, אַז ס'איז גוט, און אויף גוטס, אַז ס'איז שלעכט.
ווי צו יענע, וועלכע פֿאַרוואַנדלען דאָס ליכטיקע אין פינצטערניש און אויף פינצטערניש זאָגן זיי, עס איז ליכטיק.
ווי צו יענע, וועלכע גיבן רעכט דעם פֿאַרברעכער און נעמען פון דעם גערעכטן צו זײַן רעכט.
ווי צו די, וואָס לעבן פון אומרעכט און זייער גלאַנץ איז פֿאַלשקייט געוואָרן.
זיי פֿאַרדאַרבן דעם משפט פון די נויטבאַדערפטיקע און נעמען צו דאָס רעכט פון די אָרעמע; און אלמנות ווערן זייער רויב, און יתומים פרעסן זיי אויף.
וואָס וועט איר, אומווירדיקע, טאָן אינעם טאָג פון גרויסן משפט? צו וועמען וועט איר נאָך הילף לויפן? וו וועט איר אײַער שטאָלצן קאָפּ אַנידערלייגן?

און עס וועט קומען אַ צייט

(פון ישעיה)

און עס וועט קומען אַ צײַט, און די פעלקער וועלן איבערשמידן זייערע שווערדן אין אַקעראײַזנס; און זייערע שפּיזן, אויף גאָרטן-מעסער. און אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק וועט מער נישט אויפהייבן קיין שווערד, און זיי וועלן מער נישט לערנען צו גיין אין קריג.
און אַ וואָלף וועט וווינען צוזאַמען מיט אַ שעפּס, און אַ טיגער וועט ליגן לעבן אַ ציגעלע, און דער יונגער לייב און דאָס פעטע רינד, וועלן אַלע זײַן אינאיינעם, און פירן וועט זיי אַ קליין קינד.
און אַ קו און אַ בער וועלן זיך צוזאַמען פיטערן, און דער לייב וועט שטרוי עסן, ווי אַ רינד.

און אַ וויג־קינד וועט זיך שפּילן מיטן פּיפּערנאָטער, און דער גיפטיקער שלאַנג, וועט אַן ערשט־אַנטוויינט קינד, זײַן האַנט אַרײַנשטעקן אין מויל אַרײַן.

זיי וועלן קיינער קיין בייז נישט טאָן, און קיין שאָדן נישט טאָן איינער דעם אַנדערן; ווײַל מיט גערעכטיקייט וועט זײַן פאַרפלייצט די וועלט, אַזוי ווי דאָס וואַסער פאַרגיסט דעם דעק פון ים.

שלום עליכם

מיר איז גוט - איך בין אַ יתום

(פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס")

— א —

פון זינט איך בין צו מײַן שכל געקומען, געדענק איך נישט, איך זאָל זײַן אַזאַ מיוחס, ווי אַצינד. וואָס איז מיט מיר דער יחוס? — מײַן טאַטע פּייסי דער חזן, איז געשטאָרבן און איך בין געבליבן אַ יתום.

פון דעם ערשטן טאָג נאָך שבועות האָבן מיר אָנגעהויבן זאָגן קדיש — איך און מײַן ברודער אליה. ער טאַקע האָט מיך אויסגעלערנט זאָגן קדיש

מײַן ברודער אליה איז אַ געטרײַער ברודער, אָבער נישט קיין גוטער רבי: ער איז אַ כּעסן, ער שלאָגט זיך! ער האָט אויפגעעפנט אַ סידור און האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט מיר און האָט אָנגעהויבן מיט מיר צו שטודירן.

ער האָט מיט מיר איין מאָל איבערגעזאָגט דעם קדיש און ער וויל, אַז איך זאָל שוין קענען אויף אויסנווייניק. ער חזרט איבער מיט מיר נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל פון אָנהייב ביזן סוף און הייסט מיר, אַז איצט זאָל איך שוין זאָגן אַליין. איך זאָג אַליין, אָבער עס גייט נישט. —

ביזן מיטן קדיש איז נאָך ווי עס איז, און נאָך דעם פאַרטשעפּע איך זיך. דערלאַנגט ער מיר מיטן עלנבויגן און זאָגט מיר, אַז דער קאָפּ איז מיר אַפּנים ערגעץ אין דרויסן. ער פּוילט זיך נישט און חזרט איין מיט מיר נאָך אַמאָל. און ווען איך ווייס נאָך אַלץ נישט, נעמט ער מיר אַן פאַרן אויער און זאָגט, אַז דער טאַטע זאָל אויפשטיין און זען, וואָס פאַר אַ זון ער האָט...

— וואָלט איך פאַרשפּאָרט זאָגן קדיש!

אַזוי זאָג איך צו מײַן ברודער אליה און כאַפּ פון אים אַ געשמאַקן פּאַטש מיט דער לינקער האַנט אין דער רעכטער באַק אַרײַן.

דערהערט די מאַמע און גיט אים אַ פּסק, ער זאָל מיך נישט שלאָגן, וואָרעם איך בין אַ יתום.

— גאָט איז מיט דיר, וואָס טוסטו? וועמען שלאָגסטו? האָסט פאַרגעסן אַפּנים, אַז דאָס קינד איז אַ יתום?!

שלאָפן שלאָף איך מיט דער מאַמען אינעם טאַטנס בעט, דאָס איינציקע שטיקל מעבל אין שטוב; די קאָלדרע גיט זי אָפּ כמעט אין גאַנצן מיר.

— דעק זיך איין — זאָגט זי צו מיר — און ווער אַנטשלאָפן, מיין טייערער יתום, עסן איז נישטאָ וואָס...

דעקן דעק איך זיך איין, אָבער שלאָפן שלאָף איך נישט: איך חזר דעם קדיש אויף אויסנווייניק. אין חדר גיי איך נישט, לערנען לערן איך נישט, דאַוונען דאַוון איך נישט, זינגען זינג איך נישט. פּטור פון אַלצדינג. מיר איז גוט — איך בין אַ יתום!

— ב —

מזל־טוב! איך קאָן שוין גאַנץ קדיש אויף אויסנווייניק! דעם לאַנגן קדיש אויך. ווייל איך זאָג קדיש אין דער פרי און אויף דער נאַכט, גיי איך שוין מער נישט צו הערש־בער דעם חזן זינגען. איך בין פריי. אַ גאַנצן טאָג געפין איך זיך ביים טייך: אָדער איך כאַפּ פיש, אָדער איך באָד זיך. כאַפּן פיש האָב איך זיך אויסגעלערנט פון זיך אַליין. אַז אירווילט, קען איך אייך אויך אויסלערנען: מע טוט אויס דאָס העמד און מע פאַרקניפּט דעם אַרבל און מע גייט פּאַוואָליע ביזן האַלדז אין וואַסער. מע דאַרף גיין לאַנג, לאַנג. אַז איר פילט, אַז דאָס העמד איז שווער, איז אַ סימן, אַז ס׳איז פול; גייט איר אַרויס וואָס גיכער און טרייסלט אויס דאָס גאַנצע גראָז מיט דער בלאָטע און קוקט זיך גוט צו. אין גראָז ליגן פאַרפּלאָנטערט אָפּטמאָל קליינע זשאַבקעלעך, וואַרפט זיי אַריין צוריק אין וואַסער אַריין. קיין פיש זאָלט איר נישט זוכן. אַמאָל איז געווען פיש אויך. היינט איז נישטאָ.

פון וואַנען האָט זיך דערוווּסט מיין ברודער אַליה, אַז איך כאַפּ פיש, ווייס איך נישט, ער האָט מיר שיעור נישט אָפּגעריסן אַן אויער פאַר די פיש. אַ גליק, וואָס פּעסיע די גראָבע, אונדזער שכנה, האָט דערזען. אַן אייגענע מאַמע דאַרף זיך אַזוי נישט איינשטעלן פאַר איר קינד.

— אַט אַזוי שלאָגט מען אַ יתום?

מיין ברודער אליה האָט זיך פאַרשעמט און האָט מיר אָפּגעלאָזן דעם אויער.

אַלע שטעלן זיך איין פאַר מיר. מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

— ג —

אונדזער שכנה פּעסיע די גראָבע האָט זיך אין מיר פאַרליבט. זי האָט

זיך צוגעטשעפּעט צו דער מאַמען, איך זאָל דערווײַל זײַן בײַ איר, בײַ פּע־סיען הייסט עס.

— וואָס וועט אײַך אַרן? — האָט זי געטענהט. — עס גייען בײַ מ״ר צום טיש צוועלף, וועט ער זײַן אַ דרײַצנטער. בײַ דער מאַמע האָט זי קוים געפּועלט, האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט מײַן ברודער אליה:

— ווער וועט אויף אים אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש?

— איך וועל אַכטונג געבן, ער זאָל גיין זאָגן קדיש. נו, שוין? האָט איר צו מיר גאָרנישט? פּעסיע איז נישט קיין גבירטע. איר מאַן איז אַן אײַנבינדער און הייסט משה. ער האָט אַ שם פֿאַרן בעסטן באַלמעלאָכע, דאָס אַליין איז אָבער קאַרג. מע דאַרף נאָך האָבן מזל אויך. אַזוי זאָגט פּעסיע צו מײַן מאַמען.

מײַן מאַמע גיט איר נאָך. זי זאָגט, אַז צום שלימזל דאַרף מען אויך האָבן מזל. פֿאַר אַ סימן נעמט זי מיך; אָט בין איך אַ יתום און אַלע ווילן מיך. פֿאַראַן בעלנים, וואָס ווילן מיך צו זיך אויף שטענדיק. נאָר ווי לאַנג קרענקען אירע שונאים, ווי לאַנג זי וועט מיך אַוועקגעבן אויף שטענדיק! אַזוי זאָגט די מאַמע און וויינט. זי האַלט זיך אַן עצה מיט מײַן ברודער אליה.

— ווי מיינסטו? זאָל ער זײַן דערווײַל בײַ פּעסיען?

מײַן ברודער אליה איז שוין אַ גרויסער. אַנישט וואָלט מען זיך מיט אים נישט געהאַלטן קיין עצה. ער גלעט זיך מיט דער האַנט דעם ריינעם, נישט באַוואַקסענעם פּנים, גלײַך ווי ער וואָלט שוין געהאַט אַ באָרד, און רעדט ווי אַ גרויסער:

— אַבי ער זאָל נאָר נישט זײַן קיין שייגעץ.

און עס בלײַבט, אַז איך וועל זײַן דערווײַל בײַ אונדזער שכנה פּעסיע...

— ד —

אונדזער שכנה פּעסיע, זאָל מיר מוחל זײַן, האָט געזאָגט אַ גרויסן ליגן. צוועלף, האָט זי געזאָגט, גייען בײַ איר צום טיש. לויט מײַן מיינונג, בין איך דער פֿערצנטער. אַפּנים זי האָט פֿאַרגעסן אַרײַנצורעכענען דעם בלינדן פֿעטער ברוך. און אפשר האָט זי אים נישט אַרײַנגעשטעלט צווישן די עסערס דערפֿאַר, ווײַל ער איז שוין זייער אַלט און האָט קיין ציין נישט אויף צו קײַען. איך וועל מיך נישט שפּאַרן. קײַען קען ער נישט, אָבער דערפֿאַר שלינגט ער ווי אַ גאַנדז און כאַפּט. אַלע כאַפּן זיי. זייער כאַפּן איז אויסערגעוויינלעך. איך כאַפּ אויך. שלאָגן זיי מיך. מיט די פֿיס אונ־טערן טיש שלאָגן זיי מיך. מער פֿון אַלע שלאָגט זיך ושתי (וואַשטי). ושתי (וואַשטי) איז אַ רוצח. הייסן הייסט ער הערשל, נאָר ווײַל ער האָט אַ גוליע אויפֿן שטערן, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן ושתי. אַלע האָבן זיי דאָ נע־

מען און צונעמעניש: „קלעצל", „קאַטער", „פּעטעלעלע", „גיב מיר נאָך", „שמיר מיט פּוטער"...

האָט קיין יסורים נישט — יעדער נאָמען האָט זיך זײַן מיין. פּיניע הייסט „קלעצל" דערפאַר, ווײַל ער איז גראָב און קײַלעכיק ווי אַ קלעצל. וועלוול איז אַ שוואַרצער, רופט מען אים „קאַטער". מענדל האָט אַ שפּי־צעכיקע נאָז, איז ער אַ „טשערנאָהויז". „פּעטעלעלע" האָט מען אַ נאָמען געגעבן פּײַטלען דערפאַר, ווײַל ער קען נישט רעדן. בערל איז אַ גרויסער נאַשער: אַז מע גיט אים אַ שטיקל ברויט מיט שמאַלץ, זאָגט ער: „גיב מיר נאָך".

— ה —

מיר האָבן זיי אַ נאָמען געגעבן — טרעפט ווי אַזוי? — „מאָטל מיט די לעפּצן"... לעפּצן איז אַ דײַטשיש וואָרט. אויף אונדזער לשון הייסט דאָס „ליפּן". איך וואָלט וועלן זען יענעם מענטשן, וואָס זאָל עסן און נישט מאַכן מיט די ליפּן! אַפּנים זיי איז נישט געפעלן מײַנע ליפּן. איך ווייס נישט פאַרוואָס — מיר איז דאָס צונעמעניש שטאַרק נישט געפעלן! און ווײַל ס'איז מיר נישט געפעלן, רייצן זיי זיך מיט מיר און רופן מיר דווקא אַזוי. איר האָט נאָך אַזעלכע נישט געזען! פריער האָב איך בײַ זיי געהייסן „מאָטל מיט די לעפּצן"; נאָך דעם גלאַט „מיט די לעפּצן"; שפּעטער — די לעפּצן"; נאָך שפּעטער — „לעפּצן".

— לעפּצן, ווו זענט איר געווען?

— לעפּצן ווישט אָפּ די נאָז!

עס פאַרדריסט מיך און עס ברענט מיך, און איך וויין. דערזעט דער פאַטער זייערער, פּעסיעס מאַן, משה דער אײַנבינדער, איין מאָל, אַז איך וויין; פרעגט ער מיך, פאַרוואָס וויין איך? זאָג איך אים — ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, אַז איך הייס מאָטל, און מע רופט מיך „לעפּצן". פרעגט ער: ווער? זאָג איך: „ושתי". ווײַל ער שלאָגן „ושתין", זאָגט „ושתי": — ס'איז נישט איך, ס'איז „קלעצל". ווײַל ער שלאָגן „קלעצלען", זאָגט „קלעצל" — ס'איז נישט איך, ס'איז „קאַטער". איינער אויפן אַנדערן, דער אַנדערער אויפן דריטן — אַ מעשה אָן אַן עק! נעמט דער פאַטער, משה דער אײַנבינ־דער, און לייגט זיי אַוועק אַלע איינציקווײַז און שמײַסט זיי אָפּ מיט אַ טאַוול פון אַ סידור און זאָגט זיי: — איך וועל אײַך ווײַזן, ווי אַזוי צו לע־צעווען פון אַ יתום!

אָט אַזוי: יעדער נעמט זיך אָן פאַר מיר. אַלע שטעלן זיך אײַן פאַר מיר. מיר איז גוט — איך בין אַ יתום.

טרייסט

(אַגדה)

פיר גרויסע תנאים, זײַנען געגאַנגגען אין וועג, קיין רוים; ס'איז נאָך געווען ווײַט פון דער שטאָט, דערהערן זיי שוין דעם פריילעכן גאַסן-רויש פון רוים. הייבן אָן דרײַ צו וויינען, נאָר דער פערטער, ר' עקיבא, לאַכט.

— „וואָס לאַכסטו?!" — פרעגן זיי אים.

— „און איר, וואָס וויינט איר?" — פרעגט ער זיי.

— „ווי זאָלן מיר נישט וויינען", — זאָגן זיי — „אַז מיר זעען ווי די געצן-דינערס, וואָס בוקן זיך צו אָפּגעטער, און רויכערן צו געצן, זיי זיצן זיך אַזוי רואיק און זיכער, און מיר — אונדזער בית-המקדש ליגט פאַר-ברענט אין אַש".

— „דערפאַר טאָקע", — זאָגט ר' עקיבא — „לאַך איך. אויב זיי, וואָס האָבן געזינדעקט פאַר גאָט, לעבן זיך אַזוי, ווי וועט שוין זײַן מיט די וואָס טוען זײַן ווילן?"

די זעלבע פיר תנאים האָבן, איינמאָל נאָכן חורבן, זיך געלאָזט גיין קיין ירושלים. געקומען צום הר הבית, דערזעען זיי אַ שאַקאַל שפּרינגט אַרויס פון דעם אָרט, ווו ס'איז געווען דער קדשי-קדשים, הייבן אָן יענע דרײַ צו וויינען, און רבי עקיבא לאַכט. פרעגן זיי אים: וואָס לאַכסטו?

— „און איר, פאַרוואָס וויינט איר?"

— „ווי זאָלן מיר נישט וויינען, אַז אויף דעם הייליקסטן אָרט אונ-דזערן, ווו קיין מענטש, אויסער דעם כהן גדול, האָט קיינמאָל נישט גע-טאָרט אַהין אַרײַנטרעטן, — דאָרט שפּאַצירן איצט פרײַ אַרום שאַקאַלן".

— „דערפאַר טאָקע לאַך איך", — זאָגט ר' עקיבא — „צוויי נבואות זײַנען געזאָגט געוואָרן, איינע פון שטראָף: „ציון וועט אויף פעלד צעאַ-קערט ווערן, פון ירושלים — וועלן ווערן וויסטע בערגלעך, און דער הר הבית וועט באַוואַקסן ווערן מיט ווילדן וואַלד". די צווייטע נבואה איז פון טרייסט: „עס וועלן נאָך זיצן זקנים און זקנות אין די גאַסן פון ירושלים, יעדערער מיט זײַן שטעקן אין האַנט, אָנגעלאָדענע מיט יאָרן; און יונגע קינדערלעך — ייִנגעלעך מיט מיידעלעך, וועלן אַקעגן זיי פריילעך זיך שפּילן. און אָנפילן מיט זייער פריילעכן געלעכטער די גאַסן". איידער די ערשטע נבואה איז מקוים געוואָרן, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועט די צווייטע אויך נישט מקוים ווערן. איצט, אַז די ערשטע איז שוין דערפילט, מעג מען זיכער זײַן, אַז די צווייטע וועט אויך דערפילט ווערן."

אויסגעהערט ר' עקיבאן, האָבן זײַנע חברים אים געזאָגט מיט די ווערטער: — „עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט! עקיבא, דו האָסט אונדז געטרייסט!"

אגדה

מנחם

אינעם טאָג פונעם חורבן איז געבוירן געוואָרן דער גואל.

ערגעץ ווײַט פון ירושלים איז געשטאַנען איינער אַ דאָרפסמאַן אין פעלד און געאַקערט. גיט זײַן קו אַ ברום. דערהערט עס אַ פאַרבײַגייענדי־קער אַראַבער, שטעלט ער זיך אָפּ און פרעגט דעם דאָרפסמאַן:

— „ווער ביסטו?"

— „אַ ייד בין איך" — ענטפערט יענער.

— „היי, דו ייד, שפּאַן אויס דײַן קו, בינד אָפּ דײַן אַקעראײַזן".

— „וואָס איז דען?"

— „דער בית־המקדש איז ערשט חרוב געוואָרן".

— „פון וואַנען ווייסטו דאָס?" — פרעגט דער ייד אַ דערשראָקענער.

— „פון דײַן קוס ברום ווייס איך עס".

דערווײַל גיט די קו נאָך אַמאָל אַ ברום. רופט זיך אָן דער אַראַבער:

— „היי, דו ייד, שפּאַן אײַן צוריק דײַן קו, בינד צו ווידער דײַן אַקער־אײַזן, ערשט איז דאָך געבוירן געוואָרן משיח, דער יידישער דערלייזער.

— „ווי הייסט ער?" — פרעגט דער ייד.

— „מנחם הייסט ער".

— „און זײַן פאָטערס נאָמען?"

— „חזקיהו".

— „און ווו געפינט ער זיך?"

— „אין אַ דאָרף לעבן בית־לחם, יהודה".

גייט אַוועק דער ייד, פאַרקויפט זײַן קו, פאַרקויפט זײַן אַקעראײַזן און ווערט אַ הענדלער פון געוואַנט פאַר קינדער. לאָזט ער זיך אין וועג, לאַנד־אײַן, לאַנד־אויס, שטאָט־אײַן, שטאָט־אויס, ביז ער קומט אַהין אין יענעם אָרט. קומען ווײַבער פון אַלע אַרומיקע דערפלעך, אײַנקויפן בײַ אים גע־וואַנט פאַר זייערע קינדער. נאָר איין פרוי, מנחמס מוטער האָט גאָרנישט געקויפט. הערט דער הענדלער ווי ווײַבער שרײַען אויף אַ קול: מנחמס מו־טער, מנחמס מוטער! גיי קויף אײַן געוואַנט פאַר דײַן זונדל.

— „הלוואי וואָלט ער, שונאי־ציון, דערוואָרגן געוואָרן!" — ענטפערט יענע.

— „וואָס האָסטו צו אים?" — פרעגן די ווײַבער.

— „אינעם טאָג פון זײַן געבוירן איז דאָך דער בית־המקדש חרוב געוואָרן".

רופט זיך אָן דער ייד:

— „גלייב מיר, טאָכטער, מיט אים איז ער חרוב געוואָרן און דורך אים וועט ער, אם ירצה השם, צוריק אויפגעבויט ווערן. נעם קויף פאַר אים".

— „איך האָב אָבער קיין געלט נישט", — זאָגט די מוטער.

— „עס מאַכט נישט אויס, נעם אויף באָרג; אַן אַנדער מאָל, ווען איך וועל ווידער קומען, וועסטו מיר באַצאָלן".

אין אַ צייט אַרום קומט דער הענדלער ווידער אין יענעם אָרט. קלערט ער זיך: מען דאַרף גיין זען וואָס מאַכט דאָס קינד. קומט ער צו דער מוטער און פרעגט זי: „וואָס מאַכט עפּעס דיין קינד?"

— „ער איז נישטאָ!" — ענטפערט די מוטער — „באַלד נאָך דיין אַוועקגיין זיינען אָנגעקומען אַזעלכע ווינטן און שטורעמס, ביי מיר פון די הענט אים אַרויסגעכאַפּט, און מיט אים אין איינעם פאַרשוווּנדן געוואָרן — און ער איז נישטאָ!"

אברהם רייזען

ביימער

(אַ חמשה־עשר בשבט ליד)

די ביימער אין שניי, די ביימער אין ווינט —
דער פראָסט — אַזאַ בייזער, אַ פרעמדער;
ביי זייערע ברידער איז יום-טוב אַצינד —
אין ווייטע, אין וואַרעמע לענדער.

געהילטע אין אייז, געהילטע אין שניי,
די צווייַגן געבויגן און אָרעם;
זיי וואַרטן ביז וואַנען דער יום-טוב צו זיי
וועט קומען פון וואַרעמען דרום.

זיי מורמלען אַ תפילה אַ שטילע דערווייל,
מיט מידע און אָרעמע קרעפטן;
מיט ביימער, וואָס בליען פאַר טויזנטער מייל
ווילן זיי איצט זיך באַהעפטן...

מלכה לי

(די עלף קבוצות אין נגב געווידמעט)

עם ישראל חי

עם ישראל חי,
עם ישראל חי!

דורך די בערג עס שוועבט אַ ניגון,
אַלע שטערן זיך צעוויגן:
עם ישראל חי!

אַלע וועלטן הערן, הערן,
קיינער וועט מײַן פֿאָלק צעשטערן,
עם ישראל חי!

טאַנצן מיידלעך אין אַ „האָרע",
און די בחורים, קיין עין־הרע, —
עם ישראל חי!

פֿון די בונקערס, פֿון די קברים,
טאַנצן זיי אין נאַכט אַ „האָרע" —
עם ישראל חי!

שרה, רבקה, רחלס טעכטער,
מיט געזאַנג און מיט געלעכטער —
עם ישראל חי!

מדבר־פּאַנען אויפֿגעהעלטע,
עלף קבוצות אויפֿגעשטעלטע —
עם ישראל חי!

ווי אַ קוואַל עס רוישט די בשורה:
ברוינע פּיס מיט ערד און גבורה —
עם ישראל חי!

אויפֿגעשטאַנענע פֿון תהומען,
אויף צעפּיקעניש די שונאים —
עם ישראל חי!

אויסגעלייזט פֿון קאַלכאוויון,
טאַנצן זיי מיט נײַעם גלויבן —
עם ישראל חי!

מרים טאַנצט זיי איצט אַנטקעגן,
און זי פּײַקלט: חי, צום לעבן!
עם ישראל חי!

יעקב דרייט זיך מיט זײַן רחלען,
יידן, יידן, האָט בטחון!
עם ישראל חי!

אין די אויגן טאַנצן טרערן,
אונדזער פֿאָלק, עס וועט זיך מערן!
עם ישראל חי!

ר ח ל

פון העברעאיש: ז. רובאַשאָוו

מיין לאַנד

איך האָב דיך, לאַנד מיינס, נישט באַזונגען
און דיין נאָמען נישט באַשיינט.
מיט קיין גבורות און נצחונות
דיינע שלאַכטן נישט געקרוינט.

בלויז אַ בוים מיין האַנט געפלאַנצט האָט
אויפן ירדנס שטילן ברעג,
בלויז אין פעלדער, אויסגעטראָטן
האָט מיין פוס, אַ שמאָלן שטעג.

ס'איז אַן אָרעמע מתנה —
יאָ, איך ווייס עס, מאַמע־לאַנד,
גאָר אַן אָרעמע מתנה
האָט געבראַכט דיין טאָכטערס האַנט;

בלויז אַ יובל־שריי פון שמחה
ווען עס טוט דיין טאָג אַ שיין,
בלויז אַ שטיל' פאַרשטיקטן וויינען
אויף דיין פיין.

||||||||||||||||||||||| ||||| |||||||||||||||||||||||

מאיר זימל טקאַטש

צו דעם קינדערלאַנד פון חומש

צו דעם קינדערלאַנד פון חומש,
ווידער צו די חומש־יאָרן
פאָרן יידן אויף די שיפן:
אַלטע בענקשאַפט אין זכרון.

פאָרן זיי צוריק אין היימלאַנד,
אין תנכישער מדינה, —
צו דעם לאַנד דעם צוגעזאָגטן
נאָך צו אברהם אבינו, —

דאָרט צו פאַשען שאָף ווי יעקב
אויף די לאָנקעס, וואָס זיי אַרבן,
און אין צייט פון שניט צו בינדן —
נישט אין חלום — יוספס גאַרבן.

און צו אָנטרינקען דער מדבר —
יידן ווייסן, אַז זיי קאָנען, —
ווי פון שטיין ס׳ציט משה וואַסער,
דאַרפן זיי זיך נאָר דערמאָנען.

חומש-יידן קאָנען אַלץ טאָן,
וואָס אין חומש שטייט געשריבן, —
פון די מעשיות זײַנען מעשים
און דערפאַרונגען געבליבן.

וועט מען דאַרפן, וועלן יידן
אויך זיך שלאָגן, ווי די אומות,
צו באַשיצן פון די פלישתים
זייער קינדערלאַנד פון חומש.

י. ל. פּרץ

אַן אומזיסטער פּאַטש

פון געבוירנהייט אָן האָב איך פײַנט געהאַט זיסע זאַכן, אין מויל אַרײַן נישט גענומען. „ער וויל, מען זאָל אים האַלטן פאַר קלוג“. — האָט מען זיך געררייצט מיט מיר. די באָבע פלעגט באַקן אַלערליי גוטע זאַכן: ווײַסן לעקאַך, האָניק-לעקאַך, טאָרטן, פּרעגלען אײַנגעמאַכצן, פאַר זיך, פאַר די קינדער, פאַר די קראַנקע אין הקדש. אַלע איינינקלעך עסן; מען באַקומט, און מען גנבעט אַביסל צו; איך איינער אַן אויסנאַם: איך עס נישט.

מאַכט זיך אַ שמחה בײַ אונדז.

קומען אָרעמעלײַט אויף לעקאַך און בראָנפן; פאַרזאַמלען זיי זיך אין מיטל-שטוב. אין דער שטוב לינקס — די באַלעבאַטישע געסט. איז געווען בײַ אונדז אַ סאַרווער, זאָל ער מוחל זײַן, אַ גרויסער הונט, אַזוי האָבן אים

אַלע גערופֿן. אָרעמעלײַט האָט ער פֿײַנט געהאַט ווי דעם טויט. טראָגט דער רשע פֿון דער מאַמעס שטוב אַרויס, הויך איבערן קאָפּ, אַ טאַץ מיט לעקאַך צו די באַלעבאַטים אַרײַן, איבער דער מיטל־שטוב און איך זע, ווי אַ קראַנק מיידל קוקט מיט פֿאַרברענטע אויגן צו דער טאַץ אַרויף. פֿלינק בין איך געווען, שפּרינג איך אונטער, כאַפּ אַ שטיק לעקאַך און דערלאַנג דעם בלאַסן מיידל...

דער טאַטע — איך האָב נישט געוווּסט דערפֿון — איז געשטאַנען אין טיר פֿון דער מאַמעס שטוב. דעם שפּרונג אין דער הויך האָט ער געזען; וואָס איך האָב מיטן לעקאַך אין דער נידער געטאָן — נישט. גייט ער צו און דערלאַנגט מיר אין באַק. צומאָרגנס, מיר זיצן אַלע בײַם טיש, פֿאַרקלאָגט ער מיך פֿאַר דער מאַמען:

— דער קאָמעדיאַנט, עסט מכלומרשט נישט קיין זיסע זאַכן, און כאַפּט לעקאַך פֿון טאַץ!

קומט אַרײַן די דינסט מיט דער יויך — געהערט האָט זי אַפּנים הינטער דער טיר — און פֿאַרציילט, וואָס איך האָב מיטן לעקאַך געטאָן. זי האָט געזען.

די מאַמע האָט די ברעמען אַראָפּגעלאָזט איבער די אויגן. דער טאַטע איז בלאַס געוואָרן. די אויגן זײַנען בײַ אים פֿײַכט געוואָרן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן און איז אָפּגעגאַנגען אין צווייטן צימער אַרײַן.

שלום עליכם

שלום עליכם

וועגן זיך אַליין

— א —

אין אַ קליין שטעטל, וואָראָנקאָ, האָב איך פֿאַרבראַכט די בעסטע גילדענע יאָרן, מײַנע ערשטע גוטע, נאַרישע קינדער־יאָרן.

אין דעם דאָזיקן קליינעם שטעטל, איז מײַן פֿאָטער געווען דער גביר, דער גבאי! און מיר, די קינדער, אויך ניט קיין קליינינקייט! אַלע שבת צו נאַכטס איז געווען בײַ אונדז אַ מלווה־מלכה פֿאַר דעם גאַנצן שטעטל, אַלע

יום־טוב איז מען געקומען צו אונדז אויף קידוש, אַלע נײַעס האָט מען גע־בראַכט צו אונדז און אַרויסגעטראָגן פון אונדז, אַ גלעזל ווײַן האָט מען געטרונקען בײַ אונדז. אַלצדינג בײַ אונדז. און אונדז, די קינדער, האָט מען אָפּגעגעבן צו דעם בעסטן מלמד, און פרום זײַנען מיר געווען, באמת פרום.

די פאַנטאַזיע איז בײַ מיר געווען פון קינדווײַז אָן מאָדנע גרויס און צעהיצט. הײַזער האָבן בײַ מיר אויסגעזען ווי שטעט, ביימער — מענטשן. גראָז — זעלנער, שטעכעלקעס — פלישתים. און איך פלעג גיין אויף זיי אין מלחמה.

אויפכאַפּן דאָס קאָמישע פון יעדן מענטשן — דאָס איז געווען בײַ מיר כמעט אַ חולאת. איך פלעג נישט ווילנדיק נאָכמאַכן יעדן באַזונדער, פונעם רבין מיט דער רביצין מיט אַלע חברים, ביז די טאַטע־מאַמע. און פאַר אָט דעם נאָכמאַכן, האָב איך געכאַפּט פעטש. אין חדר בין איך געווען דער קאָמיקער. אַלע פלעגן לאַכן, ביזן טויט לאַכן, אחוץ מיר.

נאָר איינער איז געווען מיט מיר אַ גלײַכער אויף מאַכן אָנשטעלן. זיך פאַרשטעלן, „שפּילן" זיך, „גרימירן", און בשעת־מעשה זינגען שיינע, וווּנ־דער־שיינע לידער. דאָס איז געווען מאירל דעם רבינס. ער איז געגאַנגען באַרוועס און געזונגען דאָס שענסטע ליד פאַר אַ גראָשן אָדער פאַר אַ האַלבן עפּל. מיר אַלע האָבן געשפּילט דעם „גזלן", אַ טעאַטער־שטיק, אונ־דזער אייגענע פאַנטאַזיע. מאירל איז געווען דער גזלן, איך בין געווען דער ייִד, דער אָרעמאַן, און די איבעריקע חברים זײַנען געווען דער וואַלד (די ביימער פון וואַלד). איך, דער ייִד — דער אָרעמאַן, דער „אייביקער ייִד", בין געשטאַנען פאַר אים (פאַרן גזלן), אויף די קניען, געטענהט: „וואָס האָסטו צו מיר, איך בין אַ ייִד אַן אָרעמאַן!" און ער, דער גזלן, מיט אַ מע־סער אין האַנט, האָט געזונגען זייער אַ שיין לידל: אַז ער מוז, מוז אויס־קוילען אַלע ייִדן!... אַ קינדערישער נאַרישער שכל! קיין געשיכטע האָבן מיר נאָך דעמאָלט נישט געלערנט, קיין נביאים זײַנען מיר נישט געווען: פון וואַנען האָט זיך צו אונדז גענומען אַז דער ייִד איז אַן אביון, און באַדאַרף קניען פאַרן גזלן, און ער, דער גזלן, דאַרף זינגען אַ לידל: אַז ער מוז אויס־קוילען אַלע ייִדן!...

ווי ווײַט שלעכט מיר זײַנען נישט געווען, איז דאָס געפיל פון צער־בעלי־חיים געווען אַזוי גרויס, אַז אַ קראַנק פערד האָט מיך געקרענקט, אַ הונט מיט אַן איבערגעבראָכענעם פוס האָט אַרויסגערופן בײַ מיר טרערן, און אפילו אַ קאָץ איז בײַ מיר געווען טײַער און ליב. און פון קראַנקע אין אָרע־מע קינדער שמועסט מען נישט.

— ב —

דער חשק פון שרײַבן — מערקווירדיק! — האָט זיך גענומען בײַ מיר פון דעם רבינס זעלטן שיין הענטל... פאַר אַ שיינעם „כתב", האָט אונדז

דער טאַטע געשענקט אַ גראָשן, און צוליב דעם שיינעם כתב האָב איך זיך אויפגעגייט אַ ביכל און האָב שוין אָנגעשריבן („פּאַרפּאַסט") אַ גאַנצן חי־בור אויף תנ"ך און אַז איך האָב באַוויזן דעם טאַטן, איז ער פאַרוואונדערט געוואָרן פון מײַן „ווערק" און האָט דאָס לאַנג אַרומגעטראָגן בײַ זיך אין קעשענע, באַוויזן איטלעכן באַזונדער, ווי שיין זײַן זון שרײַבט (אַלט האָב איך דעמאָלט באַדאַרפט זײַן אַ יאָר צען).

געצויגן האָט מיך אַלץ אַהין, אין יענע וועלטן פון חלומות, פון געזאַנג, פון שפּילן, און איך האָב אַליין נאָך דער בר־מצווה, בגנבה זיך צוגעכאַפּט צום פידל און געכאַפּט דעם רעכטן פּסק פון מײַן טאַטן.

פאַראָרעמט געוואָרן, זײַנען מיר אַריבערגעפאָרן פון דעם קליינעם שטעטל אין דער גרויסער שטאָט. דאָרט האָט מען מיר אויפגעגייט די ער־שטע קורצע קאַפּאָטקעלעך, און אַז די מאַמע איז געשטאָרבן, האָט אונדז דער טאַטע אָפּגעגעבן אין דער שקאָלע, און איך האָב מיך אויסגעפּײַנט צווישן אַלע קינדער, און נאָך דעם ערשטן ביכל, וואָס איך האָב אויף מײַן לעבן געלייענט צו 15 יאָר — „ראָבינזאָן קרוזאָ", האָב איך גלײַך געמאַכט אַן אייגענעם „ראָבינזאָן קרוזאָ" מיטן נאָמען: „דער צווייטער ראָבינזאָן", באַוויזן דעם טאַטן, און דער טאַטע האָט באַוויזן די אורחים (בײַ אונדז איז געווען אַן אַרײַנפאָרהויז), און אַלע זײַנען אַרויס פון די כלים!

פון דעמאָלט אָן האָט דער טאַטע געקוקט אויף מיר ווי אויף אַן אוצר, ניט געלאָזט מען זאָל מיך שלאָגן, ניט געלאָזט וויגן די קליינע קינדער, ניט געלאָזט געבן מיר האַקן ראָזשינקעס ווי פריער (בײַ אונדז איז געווען אייך אַ ווײַנקעלער), און פאַרווערט מיר פּוצן די אורחים די שטיוול, שטעלן דעם סאַמאָוואַר, לויפן אַ גאַנג, און אַלץ וואָס איך פלעג פאַר זיי טאָן, ביז יענער צײַט.

שלום־עליכם

עפּיטאַפיע

דאָ ליגט אַ ייד אַ פּשוטער,
געשריבן יידיש־דײַטש פאַר ווײַבער,
און פאַרן פּראָסטן פאָלק האָט ער.
געווען אַ הומאָריסט, אַ שרײַבער.

דאָס גאַנצע לעבן אויסגעלאַכט,
געשלאָגן מיט דער וועלט כפּרות,
די גאַנצע וועלט האָט גוט געמאַכט,
און ער — אוי וויי, געוועזן אויף צרות!

און דווקא דעמאָלט ווען דער עולם האָט
געלאַכט, געקלאַטשט, און פלעגט זיך פרייען,
האָט ער געקרענקט — דאָס ווייס נאָר גאָט —
בסוד, אַז קיינער זאָל נישט זען.

א. לוצקי

אַ פליג אַן עראָפּלאַן

אַ פליגעלע — אַן עראָפּלאַן.
אַ קליינטשיק עראָפּלאַנטשיקל.
אַ פּיצעלע צעפּעלין.

נאָר גענוג פאַר זיך אַליין.
אַליין דאָס פּירעכל.
אַליין דאָס פליערל.

אייגעלעך צוויי פענצטערלעך.
פיסעלעך די רעדעלעך.
דאָס מײַלעכל — אַ טרובקעלע.

פליגעלעך — די פלאַטערלעך
אין הערצעלע — דאָס מאָטאָרל.
אין בײַכעלע — דער גאַזאָלין.

אין קעפּעלע — דער מאָטאָרמאַן
קוקט אַדורך די פענצטערלעך
און רודערט מיט די רעדעלעך.

און פלאַטערט מיט די פליגעלעך
און זשוזשעט דורכן טרובקעלע:
— אָט פליט אַן עראָפּלאַן.

פלי — איז נישט געגאַן.
בײַ מיר אַ מײַל — אַ שפּאַן
וועלט גענוג פאַראַן

אַרט מיר נישט ביז וואַן.
צי דאָרטן, צי ביז דאַן.
איך בין אַ גרויסער מאַן

אַליין דער קאַפּיטאַן.
אַליין דער עראָפּלאַן.
אַ פליענדיקע באַן:
זש! — זש! — זש!

שלום עליכם

די שטאָט קאַסרילעווקע

פאַראַן אַלערליי שטעט אויף דער וועלט. פאַראַן אויך אַזאַ שטאָט וואָס מע רופט זי „קאַסרילעווקע".

ווו געפינט זיך קאַסרילעווקע, ווילט איר וויסן?

ווײַט, ערגעץ, אין אַ זײַט, פאַרשטעקט אין אַ ווינקל, ווײַט פון אַ באַן, ווײַט פון אַ ים — און מע האָט דערפון קאַרג וואָס יסורים; ווינציקער טאַראַראַם.

ווי אַזוי זעט אויס די שטאָט קאַסרילעווקע?

זי זעט אויס ווי אַ... ווי אַ וואָס זאָל איך אײַך זאָגן, אַ שטייגער? ווי אַ סאָנישניק, וואָס איז אָנגעזייעט מיט סעמעטשקעס, אָדער ווי אַ לאָקשנברעט מיט פאַרפל אַ סך.

די לאָקשנברעט — דאָס איז די שטאָט, די פאַרפל — דאָס זײַנען די שטיבלעך וואָס זײַנען אָנגעזייעט איינס אויף דאָס אַנדערע.

קאַסרילעווקע שטייט אויף אַ באַרג, דאָס הייסט — אויף קאַסרילעווקע שטייט אַ באַרג, און אויפן באַרג און אונטערן באַרג שטייען הײַזלעך אַ סך, איינס אויף דאָס אַנדערע, ווי קברים אויף אַן אַלטן בית-עלמין; אַלטע, שוואַרצע, אײַנגעבויגענע, האַלב-אײַנגעפאַלענע מצבות.

קיין גאַסן איז נישט שײַך צו זאָגן, מחמת די הײַזער גייען נישט געבויט אויסגערעכנט, און אויסגעמאָסטן, נאָכן צירקל. און קיין סך פּלאַץ צווישן די הײַזער איז אויך נישטאָ: למאַי זאָל שטיין אומזיסט, אומנישט, אַ ליידיקער פּלאַץ, אַז מע קאָן דערויף אַנידערשטעלן אַ שטוב?

פונדעסטוועגן, האָט קיין יסורים נישט, פאַראַן גאַסן אויך, גרויסע גאַסן און קליינע געסלעך, און שמאָלע געסלעך, און הינטערגעסלעך. אַ וואָס? ס'איז נישט עפּעס אַזוי גלײַך, אַביסל געדרייט, באַרג-אַראָפּ, באַרג-אַרויף — און פּלוצים, נאָט אײַך אַ שטוב, אָדער אַ קעלער, אָדער גלאָט אַ גרוב? וועט איר אַ ברירה האָבן, נישט צו גיין איינער אַליין בײַנאַכט אָן אַ לאַמטערן! פאַר די קאַסרילעווקער זאָלט איר זיך נישט זאָרגן: אַ קאַסרילעווקער אין קאַסרילעווקע, צווישן קאַסרילעווקער, וועט נישט פאַרבלאָנדזשעט ווערן קיינמאָל. איטלעכער טרעפט צו זיך אַהיים, ווי אַ פייגעלע צו זיך אין נעסט אַרײַן.

און ווײַטער איז פאַראַן אין מיטן שטאָט אַ ברייטער, האַלב-קײַלעכיקער, און אפשר אַ דרײַעקעכיקער פּלאַץ, וואָס דאָרטן זײַנען די געוועלבן מיט די יאַטקעס מיט די שטעלעכלעך, און דאָרט שטעלט זיך אויס דער

מאַרק אַלע פרימאָרגן, ווו עס פאָרן זיך צונויף אַ סך גויים מיט אַ סך גויעס, מיט אַלערליי מינים סחורות און עסנוואַרג, פון פיש ביז ציבעלעס מיט כריין מיט פעטרעשקע, און מיט שאר ירקות, און דאָרטן ליגן אויסגעצויגן ביי־טאָג אַלע ציגן פון שטאָט און וואַרעמען זיך קעגן דער זון.

קאַסרילעווקע ווייסט נישט פון קיין קאַנאַליזאַציע און פון קיין עלעקטריע.

י. מאַניק לעדערמאַן

רמת־גן

רמת-גן, רמת-גן,
איז נאָך ערגעץ ווו פאַראַן
אַזאַ ישוב,
פול מיט כישוף
ווי עס איז רמת-גן?...

שטיי און שטוין איך אין באַקאַנטשאַפט
מיט דיין בערגלדיקער לאַנדשאַפט —
אומרו-ערד פון ראַנד צו ראַנד, —
שענסטע טאָכטער-שטאָט אין לאַנד!

דאָ אַ גאַס און דאָ אַ גאָרטן,
דאָ צעאַקערט פעלד און דאָרטן —
ווידער גאַסן אין צעוואָרף. —
ביסטו שטאָט, צי ביסטו דאָרף?

נישט געדערפלט... נישט געשטעטלט...
ס'האָבן ביידע זיך פאַרקייטלט
האַנט אין האַנט — און פעלד מיט שטאָט
טאַנצן דאָ אין קאַראַהאָד!

היִזער,ביימער, ווי מיט פליגל,
שפרינגען דאָ פון טאָל אויף היגל,
און פון היגל מיטאַמאָל
טאַנצן זיי אַראָפּ אין טאָל...

רמת-גן, רמת-גן,
איז נאָך ערגעץ ווו פאַראַן
אַזאַ ישוב,
פול מיט כישוף
ווי עס איז רמת-גן?...

מאַני לייב

ייִדיש

די וועלט איז פול מיט רעדן,
עס רעדט דאָך יעדע זאַך.
און יעדער אויף זײַן שטייגער,
און יעדער אויף זײַן שפּראַך.

און ייִדן רעדן ייִדיש
אויף אַלע עקן וועלט,
אין אַפריקע אין הייסער
און אין סיבירער קעלט.

און ייִדן רעדן ייִדיש,
און ייִדיש איז דאָך שיין,
איז גרינג אַ צווייטן ייִדן
פאַרשטיין ווי זיך אַליין.

א. שינדלער

ייִדיש-לשון

ייִדיש-לשון, פּשוט לשון
פון די טאַטע-מאַמעס,
ביסט דאָך מלא-חן אַזוי
ווי בלימעלעך אין תמוז!

ייִדיש-לשון, האַרציק לשון
פון מיליאָנען ברידער!
מאַמעס, באָבעס האָבן אונדז
געזונגען שיינע לידער,

זיידעס האָבן מעשהלעך,
אויף ייִדיש אונדז געגעבן, —
ייִדיש-לשון, מאַמע-לשון,
פרייד פון אונדזער לעבן!

ל. עלבע

לשנה טובה

עס איז אָנגעקומען אַ נײַ יאָר, און אַז איין מענטש האָט באַגעגנט אַ צווייטן, האָט ער אים געווונטשן: לשנה טובה! לשנה טובה! אַ גוט יאָר! אַ גוט יאָר, הייסט דאָס, זאָלט איר האָבן! און דער צווייטער האָט אים געענטפערט: גם אתם! דאָס הייסט, אײַך אויך!

בעני האָט אויך אַזוי געטאָן, און ווען ער האָט באַגעגנט פון זײַנע חברים, האָט ער צו אים געזאָגט: לשנה טובה! אַ גוט יאָר זאָלסטו האָבן! און מען האָט אים געענטפערט: דו אויך! אַ נײַ יאָר, אַ נײַ יאָר! אַלע האָבן גערעדט פון דעם נײַעם יאָר און געווונטשן זיך, אַז דאָס נײַע יאָר זאָל זײַן בעסער פון דעם אַלטן. אַלע האָבן געבעטן אַ גוט יאָר און בעני אויך. נאָר בעני האָט געטראַכט, ווי זעט מען אים, אָט דאָס נײַע יאָר, טאַקע, זען, אַזוי ווי מע זעט אַ מענטשן, און בעטן אים, ער זאָל זײַן גוט.

מילא אויפן וואָר האָט בעני נישט געקענט זען דאָס נײַע יאָר, אַזוי ווי מען קען זען אַ מענטשן, אָבער אַז ער האָט זיך געלייגט שלאָפן, איז ער אַוועק קיין חלום-לאַנד, דאָרטן וו ער זעט אַלצדינג, וואָס ער קען נישט זען אויפן וואָר. בעני איז נישט געגאַנגען אַליין, נאָר ער האָט מיט זיך גענומען אויך זײַן שוועסטער פּעני און זײַן חבר מעני.

זײַנען אַלע דרײַ קינדער אָנגעקומען קיין חלום-לאַנד. זוכן זיי און זוכן דאָס נײַע יאָר און קענען עס נישט געפינען. קומט אָן אַן אַלטער מאַן אין דרײַען געבויגן, מיט צוויי זעק אויף די אַקסלען, איינער אַ ווײַסער זאַק און איינער אַ שוואַרצער זאַק, און מיט אַ לאַנגן שטעקן אין האַנט. זעט דער אַלטער מאַן ווי די קינדער גייען און זוכן, רופט ער זיך אָן צו זיי:

— וואָס זוכט איר, קינדער? דעם נעכטיקן טאָג?

ענטפערט בעני: — ניין, מיר זוכן דאָס נײַע יאָר.

מאַכט דער אַלטער: — יאָ, איר זוכט דאָס נײַע יאָר? ער וועט טאַקע באַלד אָנקומען, גלײַך נאָך מיר.

פרעגט בעני: — און ווער זײַט איר, אַלטער מאַן?

ענטפערט דער אַלטער: — איך בין דאָס אַלטע יאָר.

פרעגט בעני: — און וואָס טראָגט איר אין די ביידע זעק?

ענטפערט דער אַלטער:

— אין דעם ווײַסן זאַק טראָג איך די טעג און אין דעם שוואַרצן זאַק טראָג איך די נעכט, דרײַ הונדערט פינף און זעכציק טעג און דרײַ הונדערט פינף און זעכציק נעכט וואָס איך האָב פאַרבראַכט בײַ אײַך.

פרעגט בעני:

— און קיין גוטע זאכן און קיין שפּילעכלעך האָט איר נישט?

ענטפערט דאָס אַלטע יאָר:

— דאָס האָב איך אַלץ צעטיילט, פאַראַיאָרן נאָך, בעת איך בין גע־קומען. איצטער האָב איך גאָרנישט, איצטער וועט אײַך שוין דאָס נײַע יאָר געבן. אָט ווען איך וועל אַוועקגיין און נישט ווערן, וועט ער קומען.

טראַכט בעני:

— טאָ גיי טאַקע גיכער אַוועק!

און זיי האָבן גענומען זינגען:

גיי אַוועק, אַלטער יאָר,
מיט דײַנע לאַנגע ווײַסע האָר!
גיי אַוועק מיט די זעק,
דײַנע נעכט, דײַנע טעג!
אַלטער יאָר, גיי אַוועק,
פאַרן נײַעם יאָר מאַך אַ וועג.

און דאָס אַלטע יאָר איז אַוועק, און די קינדער האָבן אים נאָכגעקוקט, און זיי האָבן געקוקט און געקוקט, ביז זיי האָבן אים שוין מער נישט גע־קענט זען. דאָס אַלטע יאָר איז נישט געוואָרן, און באַלד האָט זיך דערהערט דאָס בלאָזן פון אַ שופר:

טרו! טרו! אָ!

דאָס נײַע יאָר איז דאָ!

און בעני און מעני און פעני האָבן אַ קוק געטאָן: ערשט טאַקע, דאָס נײַע יאָר איז שוין דאָ. אַ ייִנגעלע אַזוי ווי בעני און מעני, טאַקע נישט גרעסער פון זיי. האָבן זיך די קינדער דערפרייט מיט אים און גענומען טאַנצן און זינגען:

טרו! טרו! אָ!
דאָס נײַע יאָר איז דאָ!
געקומען איז דאָס נײַע יאָר.
ווי אין חלום אויפן וואָר.
נײַער יאָר, נײַער יאָר,
זאָג אונדז נאָר, זאָג אונדז נאָר:
וואָס וועסטו אונדז געבן?

— גליק און פרייד און לעבן! — האָט געענטפערט דאָס נײַע יאָר.

ה. קאַהען

לשנה טובה, ישראל

— א —

ערב ראש השנה האָט דער לערער גערעדט וועגן נײַעם יאָר וואָס קומט אָן. פריער האָט ער גערעדט שטיל, אײַנגעהאַלטן און טרויעריק. אָבער באַלד איז געוואָרן זײַן קול שטאַרק און הויך, לעבעדיק און מונטער. די אויגן האָבן זיך בײַ אים צעשטראַלט, זײַן פּנים האָט זיך צערויטלט און פון מויל האָבן געשטראָמט הייסע פלאַמענדיקע רייד וועגן ייִדישן לאַנד, וואָס ייִדן האָבן איצט געקראָגן נאָך טויזנטער יאָרן פון וואַנדער צווישן פעלקער. ער האָט געענדיקט:

— איר זענט יונג, קינדער, איר וועט נאָך זען ווי ישראל וועט זיך צע־בליִען און ווערן דאָס וווּנדער פון דער וועלט. צום נײַעם יאָר ווינטש איך אײַך: זאָל זיך ענדיקן דאָס אַלטע יאָר מיט זײַנע אומגליקן און זיך אָנהייבן דאָס נײַע יאָר מיט זײַנע ברכות.

בײַנאַכט האָט די עלף־יעריקע רבקהלע לאַנג נישט געקענט אײַנשלאָפֿן. ווען זי האָט ענדלעך פאַרמאַכט די אויגן, איז זי אַרײַנגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף און איז גלײַך אַוועק אין טרוימלאַנד. זי האָט געזען ווי זי זיצט אין דרויסן בײַ דער טיר, קעגן דער זון, און אַזוי ווי זי הייבט אויף די אויגן, זעט זי דרײַ הויכע, שיינע, אַלטע לײַט מיט לאַנגע בערד גייען גלײַך צו איר שטוב. זיי קומען נענטער, נענטער, שטעלן זיך אָפּ קעגן איר, און פלוצים וואַקסן אַרויס פון זייערע אַקסלען גרויסע, ווײַסע פליגלען און צעשפרייטן זיך אין דער הויך. שטייט רבקה אויף פון בענקל און זאָגט:

— שלום עליכם, מלאכים פון פרידן!

— זאָל דיך גאָט בענטשן! — ענטפערן די דרײַ מלאכים.

— זײַט איר נישט די דרײַ מלאכים פון חומש, וואָס זײַנען געקומען צו אברהם אבינו? — פרעגט דאָס מיידל מיט פרייד און צעטומלעניש. — קומט אַרײַן אין שטוב.

— יאָ, — ענטפערן די מלאכים, — מיר זײַנען געקומען צו דיר אויף אַ רגע, צו בענטשן דיך צום נײַעם יאָר.

— אָ, גוטע מלאכים, — האָט דאָס מיידל זיך גענומען בעטן — איך האָב אײַך אַזוי פיל צו דערציילן.

— מיר מוזן איצט אַוועקפליִען איבער דער וועלט, — האָט איין מלאך

זיך אָפּגערופן. — אויב דו ווילסט, קום מיט אונדז. אויפן וועג וועסטו אונדז אַלץ דערציילן, און איך וועל דיך ברענגען צוריק.

— פלי איך מיט אײַך, — האָט רבקה געענטפערט.

און דער עכסטער און דער שענסטער פון די דרײַ מלאכים, דער מלאך מיט די גרעסטע פליגלען, האָט אַ כאַפּ געטאָן רבקהן אויף זײַן רוקן צווישן די פליגלען, און אַלע פיר זײַנען אַרויף הויך אין דער לופט. זיי זײַנען גע־פלויגן גיך־גיך, אפשר הונדערט מײַל אַ רגע. אָבער רבקה איז געזעסן אויפן מלאכס רוקן שטיל, רויק, מיטן קערפּער אויסגעגלײַכט, האָט זיך אַפילו נישט געטרייסלט און האָט אָנגעקוואָלן פון דער רײַזע. פון ביידע זײַטן פון דעם עכסטן מלאך, זײַנען געפלויגן די צוויי קלענערע מלאכים.

— האַלט זיך גוט אָן אָן מײַנע פליגלען, רבקה, און קוק אַראָפּ אויף דער ערד, — האָט געזאָגט דער גרויסער מלאך, וואָס האָט געטראָגן דאָס מיידל.

— ב —

רבקה האָט אַרונטערגעקוקט. די מלאכים האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט נידעריקער, און דאָס מיידל האָט געקענט גוט באַטראַכטן די ערד אַרום און אַרום. זי האָט געזען אַ זוניק לאַנד. העט־אַרום ליכט און לויטערקייט. די פעלדער וואַקסן און בליען און זײַנען פול מיט הויכער תבואה. די ביי־מער אָנגעלאָדן מיט פרוכט, וואָס גילדן זיך און גלאַנצן קעגן דער צע־שטראַלטער זון. די מענטשן זײַנען צעשפּרייט איבער די פעלדער, רוישן און פרייען זיך, און שנײַדן פרוכט פון זייער מי מיט פרייד און געזאַנג. און אַט טאַנצן דאָרט ערד־אַרבעטער אין אַ פריילעכן רונדן קרײַז. דער־פער און דערפער מיט נײַע, פאַרביקע, חנוודיקע שטיבלעך, וואָס ליגן אין שאָטן פון לאַנגע ביימער־אַלייען, און זײַנען אײַנגעטונקען אין אַ ים פון בלומען, מיט פעלדער און וועלדער אַרום זיי.

און דאָ און דאָרט — שטעט. פּרעכטיקע געבײַדעס הייבן זיך אויף נישט צו הויך פון דער ערד, און זעען אויס באַשײַדן, איידל און חנעוודיק. אַ גרויסע צאָל שטעט מיט קלענערע און גרעסערע שטיבער און געבײַדעס פון אַלערליי קאָלירן שײַנען קעגן בלויען, צעהעלטן הימל. און אַט האָבן קינדער ערגעץ אין אַ גרויסן הויף געשלאָסן די הענט אין אַ קרײַז, און זיי טאַנצן, און זינגען ווי די גרויסע אין דאָרף.

— אַ, ווי שיין, ס'איז דאָס לאַנד! — האָט זיך רבקה אַ כאַפּ געטאָן ווי פון אַ חלום. — וואָס איז דער נאָמען פון דעם לאַנד?

— ס'איז דאָס לאַנד פון דײַן פאָלק, — האָט דער עלטסטער מלאך גע־ענטפערט. — דער נאָמען איז „ישראל".

— אָ, ווי שיין, ווי פּרעכטיק, ס'איז וווּנדערלעך! — האָט רבקה אַלץ אַראָפּגעקוקט און גערעדט אַ באַגײַסטערטע.

— יאָ, רבקה, — האָט דער מלאך, וואָס האָט זי געטראָגן צווישן זײַנע פליגלען, געזאָגט — גאָט האָט חרטה אויף דעם וואָס ער האָט געטאָן, און וועט מער שוין די יידן קיין חורבן נישט ברענגען. און דאָס איז דער סימן פון זײַן חרטה: דאָס לאַנד ישראל ווערט איצט אומגעקערט צו זײַנע קינדער, די קינדער פון ישראל, אויף אייביק און אייביק.

דאָ האָבן די דרײַ מלאכים גענומען פליען מוראדיק גיך, און די ערד פון ישראל האָט זיך דערווײַטערט:

האָט רבקה אַראָפּגעשריגן:

— לשנה טובה! לשנה טובה, ישראל! האָט אַ גליקלעך יאָר און אַן אייביק לעבן, יידן!

— מאַמע, מאַ...!

זי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף...

זי האָט זיך געריבן די אויגן און זיך אַרומגעקוקט. זי ליגט בײַ זיך אין בעט. זי האָט זיך אויפגעזעצט און אַרויסגערעדט הויך:

— לשנה טובה, לשנה טובה, ישראל! האָט, יידן, אַ גליקלעך יאָר און אייביקן לעבן!

ר' אמנון

אַ מעשה פון מיטלאַלטער

די מעשה איז געשען מיט אַ סך הונדערטער יאָרן צוריק.

אין דײַטשלאַנד, אין דער שטאָט מײַנץ, האָט געלעבט אַ גרויסער רבי מיטן נאָמען רב אַמנון. רב אַמנון איז געווען זייער געלערנט און קלוג. האָט דער פירשט פון שטאָט ליב געהאַט צו רעדן מיט רב אַמנונען. דער פירשט האָט שטענדיק אײַנגערעדט רב אמנונען, אַז ער זאָל זיך שמדן. רב אמנון האָט געענטפערט, אַז ער וועט בלײַבן אַ ייד. דער פירשט פלעגט אַ ווײַלע ווערן אין כעס, אָבער ער האָט דאָך שפּעטער ווידער גערופן רב אַמנונען צו זיך, און ווידער געשמועסט מיט אים.

איינמאָל איז דער פירשט געווען זייער בייז. ער איז צוגעשטאַנען צו

רב אַמנונען אַז ער מוז זיך שמדן, אַנישט וועט ער אים פאַרטרייבן פון שטאָט. האָט רב אַמנון אַ זאָג געטאָן:

— „זאָל דער פירשט מיר געבן דריי טעג זיך צו באַטראַכטן. אין דריי טעג אַרום וועל איך קומען צום פירשט און אים געבן אַן ענטפער".

ווען רב אַמנון איז געקומען אַהיים, האָט אים זייער שטאַרק פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט אַזוי געענטפערט דעם פירשט. וואָס הייסט — ער דאַרף זיך באַטראַכטן? האָט ער דען וואָס צו טראַכטן? ווייסט ער דען נישט, אַז ער וועט קיינמאָל זיך נישט שמדן? פאַרוואָס-זשע האָט ער געגעבן אַזאַ ענטפער? איז רב אַמנון געווען זייער טרויעריק.

ווען די דריי טעג זיינען פאַרביי; איז רב אַמנון נישט געגאַנגען צום פירשט. האָט דער פירשט געשיקט זיינע מענטשן רופן רב אַמנונען. אָבער רב אַמנון איז נישט געגאַנגען. איז דער פירשט געוואָרן זייער אין כעס און געהייסן זיינע מענטשן, זיי זאָלן איבער גוואַלד ברענגען רב אַמנונען צו אים. האָט דער פירשט אים געפרעגט:

— „פאַרוואָס האָסטו נישט געהאַלטן וואָרט און דו ביסט נישט געקומען צו מיר? איך וועל דיך אַזוי באַשטראָפן, אַז אַלע וועלן וויסן, ווי אַזוי מע מוז האַלטן וואָרט!"

האָט רב אַמנון געענטפערט:

— „איך וועל אַליין זאָגן, ווי דער פירשט זאָל מיך באַשטראָפן: די צונג וואָס האָט געזאָגט אַ ליגן זאָל אָפּגעשניטן ווערן!"

— „ניין!" — האָט געענטפערט דער פירשט, — „די צונג האָט נישט געזאָגט קיין ליגן, און מע דאַרף זי נישט באַשטראָפן. דיינע פיס האָבן נישט געפאָלגט און זיי זיינען נישט געקומען צו מיר — זיי וועל איך לאָזן אָפּהאַקן!"

און דער פירשט האָט געהייסן, אַז מע זאָל אָפּהאַקן רב אַמנונעןביידע פיס.

ווען רב אַמנון איז געקומען צו זיך, איז ער געווען צופרידן: ער האָט געזינדיקט און איז געוואָרן באַשטראָפט! איצט איז ער געווען רואיק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז געווען ראש השנה. האָט רב אַמנון געהייסן, אַז מע זאָל אים טראָגן אין שול אַריין. אין שול האָט רב אַמנון געזאָגט אַ נייע, זייער שיינע תפילה. אַלע יידן האָבן אויסגעהערט די תפילה. זי איז זיי געפעלן געוואָרן, און פון דעמאָלט אָן, ווען עס קומט ראש השנה, זאָגט מען די זעלביקע תפילה. זי הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „לאָמיר דערציילן די הייליקייט פון דעם טאָג, וואָס ער איז פאַרכטיק און שרעקלעך".

יידן האָבן קיינמאָל נישט פאַרגעסן רב אַמנונען, וואָס האָט אַזוי טייער געהאַלטן זיין גלויבן.

לאה קאַפּילאָוויטש

יום־כּפּור

יום-כיפור וויינט די מאַמע
פונקט אַזוי ווי איך;
פאַר וואָס דאַרף זי דאָס וויינען
און רעדן שטיל צו זיך?

עס בוקן זיך די פלאַמען
פון דער מאַמעס ליכט,
זיי זעען אויך, אַוודאי,
גאָטס הייליקן געזיכט.

מסתמא איז איר טאַטע,
גאָט, ביי אונדז אין הויז
און מאַמע בעט ביי אים איצט
אַ גוטן יאָר זיך אויס.

די מאַמע זעט אים זיכער,
כ׳וויס נאָך איר געוויין,
איך זע אים נישט. מסתמא
ווייל איך בין נאָך צו קליין.

נאָר וואָס דאַרף מאַמע בעטן
מיט אַזאַ געוויין?
זי האָט דאָך מיך געלערנט,
אַז וויינען איז נישט שיין...

אפרים גאָלדבערג

פיש לכבוד יום־כפור

אין אַ רוימישער שטאָט האָט אַמאָל געוווינט אַן אָרעמער שניידער, וועלכער פלעגט אַ גאַנץ יאָר אַרבעטן שווער און ביטער מיט שער און אייזן און קוים פאַרדינט זיין לעבנסמיטל.

אַמאָל, אין אַן ערב יום-כפור, האָט זיך דער אָרעמער אַרבעטער אַרויסגעלאָזט אויפן מאַרק קויפן פיש לכבוד יום-טוב. אין יענעם טאָג האָט אויך דער דאָרטיקער גובערנאַטאָר געשיקט אַהין זיין דינער איינקויפן עסנוואַרג, צווישן וועלכע עס האָט נישט געטאָרט פעלן קיין פיש. דער טאָג איז דאַן געווען אַ קילער און אַ טריבער, ווען אויף פיש איז אַ מאַנגל.

שטייענדיק לאַנג אויפן מאַרק, האָט זיך ענדלעך באַוויזן אַ פישער, וואָס האָט געבראַכט צו פאַרקויפן אַן איין-און-איינציקן גרויסן העכט, פאַר וועלכן ער האָט געפאָדערט אַ הויכן פּרייז. האָבן אים ביידע געוואָלט קויפן,

דעם גובערנאַטאָרס דינער און דער שניידער, און קאָנקורירט מיט די פּריַיז־גיט דער אַזוי פיל, גיט דער צווייטער מער.

ווען דער דינער האָט שוין געהאַלטן ביַי צען גילדן, האָט דער שניידער געהעכערט אויף צוועלף און דער פיש איז טאַקע געבליבן פאַר אים, און ער האָט אים אַהיימגעטראָגן פאַר דער ערב־יום־כפּור־סעודה.

— פאַרוואָס דערלאַנגסטו נישט קיין פיש צום עסן? — האָט דער גו־בערנאַטאָר געפרעגט זיַין דינער, זיצנדיק ביַים טיש. — ווייסטו דען נישט, אַז ביַי מיר פיש איז אַ הויפּט־מאכל, אַן וועלכן עס באַקומט מיר נישט דער גאַנצער מאָלציַיט?

— אַ יידישער שניידער האָט מיר היַינט אויסגעקויפט אין מאַרק דעם פיש וואָס כ׳האָב געדונגען — און דער קנעכט דערציילט זיַין האַר די גאַנצע געשיכטע, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט אינדערפרי.

— ווי אַזוי איז עס מעגלעך אַז אַן אָרעמאַן, אַ שניידער, זאָל באַצאָלן אַזוי פיל געלט פאַר אַ פיש? — האָט זיך דער גובערנאַטאָר שטאַרק געוווּנ־דערט — גיי און זוך אים גליַיך אויף און ברענג אים אַהער. נישט קיין אָרעמאַן איז ער, נאָר אַן אוצר געפינט זיך אין זיַין הויז, וואָס מוז גליַיך קאָנפיסקירט ווערן פאַר דער רעגירונג!

דער שניידער איז באַלד געבראַכט געוואָרן צום רוימישן שטעלפאַר־טרעטער, פאַר וועלכן ער איז געקומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער, ווי אַזוי האָט ער געוואַגט אויסצודינגען דעם פיש און פאַרשטערן דעם רייכן מיטאָג, וואָס ס׳האָט געזאָלט היַינט פאַרקומען אין גובערנאַטאָרס הויז.

— מיַין האַר! — דערקלערט אים דער שניידער מיט טרערן אין די אויגן — איך בין אַן אָרעמער אַרבעטער, וואָס פאַרמאָגט גאָרנישט, נאָר, ביַי אונדז יידן איז מאָרגן יום־כפּור, דער טאָג פון חשבון־הנפש, דער יום־הדין, ווען מיר זאַמלען זיך צונויף אין די שולן און בעטן אַ פאַרגעבונג אויף די זינד פון גאַנצן יאָר. אין דעם טאָג פאַסטן מיר און גיסן אויס אונדזער האַרץ פאַר גאָט מיט געבעט פאַרן שלום און גליק פון דער גאַנצער וועלט. נו, זאָל איך כאָטש איין מאָל אין יאָר זיך נישט פאַרגינען פראַווען אַ סעודה, כדי צו פאַרפאַסטן ערב דעם הייליקן טאָג? זאָג אַליין, גרויסער הערשער, בין איך טאַקע באַ־גאַנגען אַ פעלער דורכן אויסדינגען דעם פיש? אויב יאָ, בין איך גרייט אָפּ־צוקומען מיַין שטראָף, און טוט מיט מיר וואָס איר ווילט.

אויסהערנדיק די האַרציקע ווערטער פון אַ פּראָסטן יידישן שניידער, איז דער גובערנאַטאָר טיף גערירט געוואָרן און האָט באַפריַיט דעם אָרעמען יידן פון יעדער שולד און אים אַהיימגעשיקט מיט גרויס כבוד.

קומענדיק אַהיים, האָט דער שניידער געעפנט דעם פיש און געפונען אין אים אַ טיַיערן דימענט, וועלכן ער האָט פאַרקויפט און איז זיַין גאַנץ לעבן געווען רייַך און גליקלעך.


סכות

שאול מאלץ

די זיבן אורחים אין דער סוכה

דער זומער איז אַוועק. קילע ווינטן האָבן אָנגעהויבן בלאָזן. פון די פעל־דער האָט מען שוין אַראָפּגענומען די לעצטע גאַרבן גאָלדענע זאַנגען. אין די סעדער האָבן זיך געריפּט די ווינטער־עפּל. פון די צווייגן האָבן אַראָפּ־געשמייכלט די לעצטע ווינטער־פרוכטן מיט רויט־צעגליטע הויטן.

עס זײַנען אָנגעקומען די האַרבסט יום־טובים. עס איז געווען ראש־השנה און די יידן האָבן זיך געווונטשן: לשנה טובה תכתבו — צו אַ גוט יאָר זאָל מען פאַרשריבן ווערן. נאָך דעם איז געקומען יום־כפור און די יידן האָבן זיך געווונטשן: לשנה טובה תחתמו — צו אַ גוט יאָר זאָל מען געחתמעט ווערן.

אין דער צײַט האָט דער ייד, לייזער, וואָס איז געווען אַ גרויסער אָרע־מאַן, געפילט זיך זייער שלעכט. ראש־השנה און יום־כפור האָט ער נאָך ווי עס איז געהאַלטן אויף אַן אָרעמען שטייגער. ער איז צוגלײַך מיט אַלע יידן געגאַנגען אין שול אַרײַן, אַלע זײַנען געווען אָנגעטאָן אין נײַע קליידער און ער איז געגאַנגען אין אַלטע, אָפּגעטראָגענע קליידער. אויך זײַנע קינדער זײַנען געווען אָנגעטאָן אָרעם, ממש לאַטע אויף לאַטע.

אין דער היים האָט ער געפּראַוועט די סעודות פון יום־טוב מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ געקאָכטער קאַרטאָפליע. קיין פיש און פלייש איז נישט געווען און מיט וואָס צו קויפן האָט ער אויך נישט געהאַט, ווײַל לײַ־זער האָט אַ לאַנגע צײַט גאָרנישט נישט פאַרדינט און לײַען געלט ביי יע־נעם האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט נישט געוווסט, צי ער וועט קענען אָפּגעבן. צו צדקה האָט ער נישט געוואָלט אָנקומען. אַזוי לאַנג, ווי עס איז נאָך דאָ אַ שטיקל ברויט אין הויז, דאַרף מען נישט בעטן בײַ יענעם. עס זײַנען דאָך דאָ אַנדערע וואָס האָבן קיין ברויט אויך נישט, און איצט, אַז ס'איז געקומען דער יום־טוב סוכות — זמן שמחתנו — די צײַט פון פרייד, איז לייזער אַרומגעגאַנגען אַ טרויעריקער. פײַערן סוכות מיט אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַ קאַרטאָפליע איז אים גאָרנישט געווען צום האַרצן.

און דאָ האָט לייזער געזען, ווי יידן זײַנען פאַרהאָרעוועט בײַם בויען די סוכות. אָט איז שוין ערב סוכות אין דער פרי און מען הענגט אויס די סוכות מיט פאַרביקע טעפּיכער און געבלומטע פאָרהאַנגען. מען באַצירט די סוכות מיט פאַרשיידענע פרוכטן, און ער שטייט אַ פאַרטרויערטער. אפשר, טראַכט ער, זאָל ער אויך בויען אַ סוכה. אמת, עס איז נישטאָ וואָס צו עסן אין איר, אָבער דעם יום־טוב סוכות דאַרף מען פּראַווען, ווי אַלע יידן. עס

שטייט דאָך „כי בסוכות תשבו"... אין דער סוכה זאָלט איר זיצן זיבן טעג. און לייזער האָט באַשלאָסן צו בויען אַ סוכה.

צו זײַן האַלב איינגעפאַלן הײַזל, וואָס איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אין אַן אַנדער הויז, האָט ער צוגעבויט צוויי ווענטלעך מיט אַ טיר און פענצ־טער. זײַן גאַנצע משפּחה האָט אים געהאָלפן. די צוויי יינגלעך, דודל און בערעלע, האָבן צוגעהאַלטן די ברעטער, וואָס לייזער האָט פון זיי געבויט די ווענט. און ווען די סוכה איז פאַרטיק געוואָרן, האָט זײַן טעכטערל שרהלע אויסגעשאָטן אויף דער דיל געל־גאָלדן זאַמד.

אָבער סכך! ווו נעמט מען סכך? קיין געלט צו קויפן סכך האָט לייזער נישט געהאַט. איז ער מיט זײַנע צוויי יינגלעך אַוועק צום טײַך און אַליין אָפּגעשניטן גרינעם, שמעקעדיקן סכך און דערמיט געדעקט די סוכה.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן צוצופאַלן. לייזער איז געגאַנגען אין שול אַרײַן אַביסל פריילעכער ווי פריער. נאָר אין דער שול איז ער ווידער אַמאָל גע־וואָרן טרויעריק. לייזער האָט געזען, ווי אַלע יידן גייען אָנגעטאָן אין שיינע, נײַע קליידער און ער גייט אַרום אין שמאַטעס. אַנדערע קינדער לויפן אַרום פריילעך און זאָרגלאָז און זײַנע קינדער שטייען אין אַ ווינקל אַזוי טרויע־ריק...

נאָכן אַהיימקומען פון דער שול האָט לייזער גענומען אַ שטיקל ברויט און זיך געלאָזט גיין אין דער סוכה אַרײַן. זײַן ווײַב האָט געצונדן צוויי קליינע ליכטלעך און זיי אַרײַנגעשטעלט אין אויסגעהוילטע קאַרטאָפליעס. קיין לײַכטער האָט זי נישט געהאַט און איצט, בײַם בענטשן די ליכט, איז זי לאַנג געשטאַנען און געוויינט.

לייזער האָט געמאַכט קידוש איבער דעם שטיקל ברויט. אין דער האַלב־פינצטערער סוכה האָט זײַן קול אָפּגעהילכט זייער אומעטיק. ער האָט זיך געוואַשן און געטונקען דאָס שטיקל ברויט אין זאַלץ. זײַן ווײַב האָט אַרײַנ־געבראַכט אין סוכה אַ טעלער קאַרטאָפליעס מיטן געקאָכטן וואַסער. קיין פיש אָדער פלייש האָט לייזער נישט געהאַט. דאָס מאָלצײַט איז געווען זייער טרויעריק און אָרעם.

נאָך דער אָרעמער סעודה איז לייזער געבליבן זיצן אין דער סוכה. די ליכט האָבן געהאַלטן בײַם אויסגיין. לייזער איז געזעסן און געטראַכט. ווי שיין און פריילעך דער יום־טוב סוכות איז געווען אַמאָל אין ארץ־ישראל. שמחת בית־השואבה איז געווען אויף מאָרגן אין אָוונט: דער יום־טוב פון שעפּן וואַסער און גיסן אויף דעם מזבח. אין זײַן פאַרטראַכטקייט האָט ער געזען, ווי די כהנים גייען צום קוואַל השלוח און שעפּן וואַסער אין גאָלדע־נע קרוגן בעת די לויים שפּילן אויף פליטן און האַרפעס. און אָט דערמאָנט ער זיך אָן די אושפּיזין — די געסט, וואָס יעדער ייד פאַרבעט אין דער סוכה אַרײַן. דעם ערשטן טאָג פאַרבעט מען אברהם אָבינו; דעם צווייטן טאָג

סוכות פאַרבעט מען יצחק אָבינו און נאָך דעם יעקב, יוסף, משה, אהרן און דוד המלך.

לייזער זאָגט פאַרטראַכטערהייט דעם פסוק מיט וועלכן מען לאַדט איין די אושפּיזין — און פּלוצלונג זעט! די טיר עפנט זיך און עס באַווייזט זיך אַ גרייז־גרויער מאַן אָנגעטאָן אין פּאַרצײַטיקע קליידער. אויף די אַקסלען אַ טלית און אויפן קאָפּ אַ טורבאַן. אין איין האַנט האַלט ער אַ גרויסן פאַסטוך־שטעקן און אין דער אַנדערער האָט ער געטראָגן אַ גרויסן פּאַק... שטייענ־דיק אין דער טיר האָט דער גרייז־גרויער מאַן, וואָס איז געווען אברהם אָבינו, געזאָגט:

„איך האָב געזען דײַן צער, לייזער,
און ווען דו האָסט דערמאָנט מײַן נאָמען,
בין איך געקומען האַלטן מיט דיר יום־טוב".

לייזער האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זײַן פאַרטראַכטקייט און האָט קוים געקענט אַרויסשטאַמלען:

— „אַוודאי זײַט איר אַן אַנגעלייגטער גאַסט, אָבער מיר האָבן ניט מיט וואָס אײַך אויפצונעמען, סײַדן מיט אַ שטיקל ברויט און אַ קאַרטאָפליע. מער האָבן מיר נישט".

— „נישט געזאָרגט, לייזער, — ענטפערט אברהם אָבינו, — איך האָב געבראַכט מאכלים פאַר דיר און דײַן גאַנצער משפּחה".

און באַלד האָט אברהם אָבינו אַרויסגענומען פון זײַן פּאַק אַ שניי־ווײַס טישטעך און עס פאַרשפּרייט אויף דעם טיש. אין זילבערנע לײַכטער האָט ער אָנגעצונדן גרויסע ליכט.

אין סוכה איז ליכטיק געוואָרן, ווי אין אַ פּאַלאַץ. די ווענט זײַנען גע־וואָרן ווי קרישטאַל. און דורך דעם סכך האָבן אַרײַנגעלויכטן בריליאַנטענע שטערן.

און די טעלער, וווּ עס איז פריער געווען בלויז קאַרטאָפל, זײַנען איצט געווען פול מיט פיש און פלייש. אויבנאָן זײַנען געלעגן צוויי גרויסע קוי־לעטשן. עס זײַנען געשטאַנען גאָלדענע בעכערס מיט ווײַן און אין זילבערנע זאַלץ־מעסטלעך האָט זיך געווײַזט דאָס זאַלץ.

לייזער און זײַן משפּחה זײַנען געשטאַנען מיט טרערן אין די אויגן. זיי האָבן קוים געקענט גלויבן, וואָס זיי האָבן געזען. אברהם אָבינו, דער ער־שטער אורח פון אושפּיזין, האָט זיי געהייסן זיך זעצן צום טיש און נאָך אַמאָל האַלטן די סעודה. ער האָט טאַקע אַליין אָנגעפירט מיט דער סעודה.

שפּעט בײַנאַכט האָט זיך ערשט די קיניגלעכע סעודה געענדיקט. לײַ־זער און זײַנע בני־בית זײַנען געגאַנגען שלאָפן אין הײַזל אַרײַן. און דער אורח אברהם אָבינו איז געבליבן שלאָפן אין דער סוכה.

אין דער פרי איז ווידער געשען אַ נס. די אַלטע קליידער, וואָס לייזער,

זײַן פרוי און זײַנע קינדער האָבן אויסגעטאָן די נאַכט פריִער, זײַנען פאַר־שוווּנדן און אויף זייער אָרט זײַנען געלעגן נײַע, וווּנדער־שיינע קליידער. אַפילו זייער שטיבל איז גרעסער און שענער געוואָרן און האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער פּאַלאַץ. די פרייד פון לייזערן און זײַן משפחה איז געווען גאָר גרויס.

דער ערשטער טאָג סוכות איז אַוועק אין פרייד. עס איז געקומען דער צווייטער טאָג סוכות און דאָ האָבן שוין ביידע: אברהם אָבינו און לייזער פאַרבעטן דעם צווייטן אורח, יצחקן, אין דער סוכה אַרײַן.

יצחק אָבינו איז אויך געקומען און געבראַכט מיט זיך אַ פּאַק פול מיט כל־טוב. און ווידער האָט לייזער און זײַן משפחה פאַרבראַכט דעם צווייטן טאָג סוכות אין גרויס פרייד. — דעם ערשטן טאָג חול־המועד איז געקומען יעקב אָבינו. נאָך אים יוסף, משה רבנו, אהרן הכהן און דער לעצטער איז געקומען דוד המלך. יעדער האָט מיטגעבראַכט די שיינקייט פון זײַן צײַט.

די אָבות זײַנען געווען אָנגעטאָן אין פּאַסטוך־קליידער און געלערנט לייזערן צו זײַן גוטהאַרציק צו מענטשן. יוסף איז געווען אָנגעטאָן ווי אַ פּרינץ פון פּרעהס קיניגלעכן הויף און געלערנט לייזערן חכמה. משה און אהרן האָבן אים געלערנט תורה, וואָס איז דער קוואַל פון לעבן. דער, וואָס לערנט, בלײַבט אייביק יונג. און דוד המלך, אין קיניגלעכע קליידער און מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, האָט געזונגען אין דער סוכה די שיינע תהילים־געזאַנגען און צוגעשפּילט אויף זײַן פידעלע.

דער יום־טוב סוכות איז אַוועק. פאַר אַנדערע האָט זיך אָנגעהויבן די גרויע וואָך מיט רעגנס און קעלטן, אָבער פאַר לייזערן האָט זיך דער יום־טוב קיינמאָל נישט אויסגעלאָזט. די זיבן אורחים פון די אושפּיזין האָבן פאַר אים איבערגעלאָזט אַ סך עשירות.

אָבער איין זאַך האָט לייזער אין זינען געהאַט: איידער עס איז גע־קומען אַ יום־טוב איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די גאַסן און געטיילט צו אָרעמעלײַט גאָלדענע רענדלעך, זיי זאָלן האָבן מיט וואָס אָנצוגרייטן אויף יום־טוב און אויסקליידן זיך. דערפאַר האָט דאָס מזל זיך קיינמאָל נישט אָפּגעטאָן פון אים.

ער און זײַן משפחה האָבן שטענדיק געלעבט גליקלעך.



אברהם רייזען

סוכות אין דער אַלטער היים

אונדזער יידיש-ליבע היים
שיינקייט האָט פאַרמאָגט אַ סך;
צווייַגעלעך פון גרינעם בוים
ברענגט דאָס פויערל פאַר סכך...

פון דעם הויף, בייַם קליינעם הויז,
בייַ אַ פענצטערל אין מיט,
זעט די סוכה זיך אַרויס,
און עס דאַכט זיך אַז זי בליט...

און דער פאָטער, לויט זייַן שטאַנד,
לאַנג אַן אתרוג האָט געזוכט,
ביז ער האָט פון אונדזער לאַנד
זיך דערגרייכט די שיינע פרוכט...

און די אָרעמקייט פאַרשווינדט:
בלוי — דער הימל, קלאָר די לופט;
פאַלמען רוישן לינד אין ווינט,
און אתרוגים שפרייטן דופט.

און דער גלות איז ווי אויס,
ווי דורך צויבערדיקער האַנט;
זעסט דאָס ביידל, זעסט דאָס הויז,
ווי אַמאָל, אין אונדזער לאַנד...



הקפות

שלום עליכם

די פאָן

— א —

קינדער! איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה מיט אַ פאָן, ווי אַזוי איך, אַן אָרעמאַנס אַ יינגל, האָב באַקומען אויף שמחת-תורה אַ פאָן, ווי שווער זי איז מיר אָנגעקומען און ווי גרינג איך האָב זי פאַרלוירן.

איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין יינגעלע, האָט מען מיך גערופן „טאַ-פּעלע טוטעריטו", דאָס הייסט, „קאַפּל קוקעריקו". ווייסט איר פאַרוואָס? ווייל ערשטנס האָב איך געהאַט אַ דין קוויטשיק קולכל, ווי אַ יונג האָנעכל, וואָס האָט נאָר וואָס אָנגעהויבן צו קרייען. און צווייטנס האָב איך נישט געקאָנט אַרויסרעדן קיין „קוף" און קיין „גימל", און ווי אויף צו להכעיס האָט מיין טאַטע גענדאַרפט הייסן קלמן, מיין מאַמע גיטל קלמנס, איך — קאַפּל גיטל קלמנס.

— יינגעלע! ווי אַזוי רופט מען דיך?

— מיך? טאַפּל דיטל טלמנס...

— העכער אַ ביסל!

— טאַפּל דיטל טלמנס...

— נאָך העכער!

איך שריי הויך אויף אַ קול:

— טאַפּל דיטל טלמנס.

דער עולם לאַכט.

דער עולם לאַכט — און איך וויין.

איך וויין נישט פון דעם, וואָס מע לאַכט פון מיר, נאָר דערפאַר וואָס מע שלאָגט מיך; איטלעכער. ווער עס האָט גאָט אין האַרצן, דער שלאָגט מיך: דער טאַטע, די מאַמע, די שוועסטער, דער רבי, די תלמידים; מע לערנט מיך איך זאָל רעדן „ווי אַ מענטש"...

— ב —

האָבן אויף שמחת תורה אַ פאָן, טאַקע וואָס אַ פאָן הייסט, אַ פאָן מיט אַ שטעקעלע, פון אויבן אַן עפּל, אינעם עפּל אַ ליכטל — דאָס האָט ביי מיר דעמאָלט אויסגעוויזן אַזאַ גליק, אַזאַ גליק, וואָס איך האָב מורא געהאַט אַפילו צו טראַכטן פון דעם. קאַרג גוטע זאַכן איז פאַראַן אויף דער וועלט? למאַי ס'זיינען פאַראַן אַזעלכע יינגלעך אין חדר, וואָס פאַרמאָגן געלט אויף צו קויפן אַ מעסערל, אַ ביימעלע, אַ שטעקעלע! למאַי ס'זיינען פאַראַן יינג-לעך אַזעלכע, וואָס עסן ווייסע בולקע אין דער וואָכן... אַזאַ מזל!

אוי, קינדערלעך, איך האָב קיין וויַיסע בולקע אין דער וואָכן קיינמאָל נישט געגעסן! איך בין געוואָרן געווען, אַז איך האָב געהאַט שוואַרץ ברויט צו זאַט. איך האָב נישט געוווּסט דעם טעם, וואָס הייסט אָפּעסן אַזוי, אַז איך זאָל טאַקע באַלד נישט קאָנען עסן נאָכאַמאָל.

הײַנט ווער שמועסט, האָבן בײַ זיך אין קעשענע אַ קאָפּיקע, אָן איי־גענע קאָפּיקע, — דאָס האָט זיך מיר אַפילו נישט געחלומט.

און שטעלט זיך פאָר, אַז איך, קאַפּל קוקעריקו, ווער מיט אַ מאָל אַ גביר און באַקום מײַן אייגנס צוויי און צוואַנציק קאָפּיקעס.

אפשר מיינט איר אַ נס — אַ פריץ האָט פאַרלוירן און איך האָב גע־פונען? האָט איר דווקא נישט געטראָפן. איך האָב זיי, שווער איך אײַך, פאַרדינט, פאַרהאָרעוועט מיט מײַנע אייגענע... פיס.

דאָס איז געווען פורים, האָט מײַן טאַטע — דער אונטער־שמש פון שול — געשיקט איך זאָל צעטראָגן דעם שלח־מנות צווישן די באַלעבאַטים. האָב איך גענומען דאָס טעלערל מיטן פּלעדל. אַרומגעטראָגן דאָס פון שטוב צו שטוב, צווישן אַלע באַלעבאַטים, געקנאָטן מיט די באָרוועסע פיס די קאַלטע, גליטשיקע בלאָטע, און פון די גראָשנס, וואָס מען האָט מיר געשענקט פאַרן וועג, האָבן איך געמאַכט אַ זילבערנעם פערציקער מיט פיר גראָשנס.

איז געבליבן בײַ מיר, איך זאָל איבערלאָזן דאָס געלט אויף סוכות — זיך קויפן אַ פאָן.

— ג —

— מזל־טוב! טאָפּעלע טוטעריטו האָט אַ פאָן! שלום־עליכם, אַ גוטער ייד!

— אַזוי האָט מיך חברה באַגעגנט, אַז איך בין געקומען אויפן שול־הויף מיט מײַן פאָן.

איך באַטראַכט אַלע פאָנען און וואַרף אַ קוק אויף מײַן פאָן — ווער? וואָס? ווען? ווי קומען זייערע פאָנען צו מײַן פאָן?

ערשטנס, די פאָן אַליין. בײַ קיינעם שטייט זי נישט אַזוי גלײַך אַרײַנ־געשטעקט אין שטעקל, אַז מע זאָל אַרויסזען ביידע זײַטן. בײַ קיינעם איז נישטאָ אַזאַ גלײַך קײַלעכדיק שטעקל. בײַ קיינעם איז נישטאָ אַזאַ רויטער גלאַטער עפּל. בײַ קיינעם איז נישטאָ אַזאַ שיין געראָטן ליכטל. איך מאַך אַ פאַרגלײַך צווישן מײַן פאָן און די אַלע איבעריקע פאָנען — און מײַן האַרץ ווערט פול מיט פרייד. עס מאַלט זיך מיר אויס, אַז איך וואַקס און וואַקס העכער און העכער, לענגער און ברייטער. די פיס טראָגן מיך. עס גלוסט זיך מיר לאַכן, שרײַען, קוויטשען, כאַפּן אַ טענצל...

— אַנו, ווײַז נאָר! — רופט זיך צו מיר אָן יואליק דעם נגידס און בלײַבט שטיין פאַרגאַפט.

ער באַקוקט מײַן פאָן איך באַקוק זײַן פאָן. „אויך מיר אַ פאָן!" — טראַכט איך מיר. — „אויך מיר אַ שטעקל!" איך זע, אַז ער איז אַן אויפגע־קאָכטער, נאָר איך מאַך זיך נישט װיסנדיק און קוק כלומרשט אָן אַ זײַט.

— קאַפּל! — מאַכט ער צו מיר — װו האָסטו גענומען אַזאַ שײן שטע־קעלע?

— האַ? — זאָג איך און דריי זיך אויס צו אים מיטן פּנים.

— װו האָסטו דערטאַפּט, — זאָגט ער נאָכאַמאָל, — אַזאַ שטעקעלע?

— װאָס איז דען? — זאָגט איך אים, — װילסט זיך אפשר בײַטן אויף דײַן טשװאָק?...

יואליק פאַרשטײט דעם שטאָך. ער טוט אַ גלאַנץ מיט די אײגעלעך, לײגט אַרײַן די האַנט אין קעשענע און טרעט אָפּ. איך קוק אים נאָך און קװעל, עס קומט מיר צו אַ שטיק געזונט. איך זע װי ער רופט אָפּ נחמיהן מיטן קרומען פּיסל אויף אַ זײַט, און סודעט זיך מיט אים און װינקט אויף מיר מיט די אויגן. איך זע גאַנץ גוט. נאָר איך מאַך מיך נישט װיסנדיק. אין אַ מינוט אַרום גײט צו צו מיר נחמיה מיטן קרומען פּיסל, האַלט יואליקס פאָן מיטן קרומען שטעקל און רופט זיך אָן צו מיר:

— גיב מיר אָנצינדן דאָס ליכטל, מײַנס האָט זיך פאַרלאָשן.

— ס'איז דען דײַן פאָן? — זאָג איך, און בײג אים אָן מײַן פאָן מיטן ליכטל. — איך װײס דאָך װעמענס פאָן דאָס איז...

און אײדער איך קוק זיך אַרום, טראָגט צו נחמיה זײַן אָנגעצונדן ליכטל צו מײַן פאָן, און מײַן פאָן צינדט זיך אָן, טוט אַ פלאַקער, פּ־פּ־פּו, — אויס פאָן.

װען עס פאַלט אַראָפּ פון הימל אַ שטײן גלײַך מיר אין קאָפּ אַרײַן; װען אַ װילדע חיה פאַלט אָן אויף מיר און װיל מיך פאַרצוקן, אָדער װען עס קומט מיר אָנטקעגן אַ מת אום האַלבע נאַכט און װיל מיך װאַרגן — װאָלט מײַן שרעק נישט באַדאַרפט זײַן אַזוי גרויס, װי בשעת איך האָב דערזען מײַן נאַקעט שטעקל מיט דער אָפּגעברענטער פאָן. עס האָט זיך אַרויסגעריסן בײַ מיר פונעם האַרצן אַ געשרײ:

— אוי װײ, מײַן פאָן! מײַן פאָן! מײַן פאָן!...

עס האָבן זיך אַ גאָס געטאָן טרערן פון מײַנע אויגן. די גאַנצע װעלט איז פאַר מיר געװאָרן פינצטער. דאָס שטעקל, מיטן עפּל, מיטן ליכטל זײַ־נען אַרויסגעפאַלן פון מײַנע הענט, און איך האָב מיך געלאָזט גײן. איך װײס אַלײן נישט װוהין. איך גײ און גײ, און גיס מיט הײסע ביטערע טרערן. איך ברעך די הענט און באַװײן מײַן פאָן, װי מע באַװײנט אַ טויטן, און איך קום צו גײן אַהײם, אײנער אַלײן, אָן אַ פאָן, און איך פאַרקלײַב מיך אין אַ װינקעלע, און אין דער פינצטער זיץ איך, דעם קאָפּ צװישן די קני, און װײן שטילערהײט, קײנער זאָל נישט הערן.

און איך פרעג ביי גאָט אַ קשיא:

— גוואַלד, גוואַלד, רבונו־של־עולם! פאַרוואָס קומט דאָס מיר? פאַר־זוואָס און פאַר ווען?

***

אויפן אַנדערן יאָר האָב איך געהאַט אַ פאָן, נאָך אַ שענערע, מיט אַ שענערן שטעקל, מיט אַ שענערן עפּל און בין דווקא געווען אין שול אויבן־אָן מיט אַלע באַלעבאַטישע קינדער. די ליכט האָבן געברענט. מײַן פאָן האָט געשײַנט. יידן זײַנען געגאַנגען מיט הקפות. ווײַבלעך און מיידלעך האָבן געקושט די תורה, געשפּרונגען אין פּנים אַרײַן און געשריגן מיט אַ קוויטש: „דערלעבט איבער אַ יאָר! דערלעבט איבער אַ יאָר!" — „גם אתם! גם אתם!"

קינדער, גם אתם!



מתתיהו

שמואל צעסלער

מכביער־מאַרש

ווי העלדן ווי די חשמונאים,
צעשטעלט זיך נאָר, קינדער, אין ריי!
אָ, ציטערט איר שונאים, רשעים,
דערשרעקט זיך פאַר אונדזער אַרמיי!

ווייַל מוט און גלויבן — דאָס פאַרמאָגן מיר,
און אונדזער פאָן, אַ שטאָלצע, טראָגן מיר,
צום קאַמף, אין וועג, פאָרויס געשפאַנט,
פאַר אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד!

מיר קומען באַגייַסטערטע זייער
פון הייליקן פרייַהייטס־געדאַנק,
מיר קומען ווי די מכביער —
און קיינער פאַרצוימט אונדזער גאַנג!

ווייַל מוט און גלויבן — דאָס פאַרמאָגן מיר.
און אונדזער פאָן, אַ שטאָלצע, טראָגן מיר,
צום קאַמף, אין וועג, פאָרויס געשפאַנט,
פאַר אונדזער פאָלק און אונדזער לאַנד!

ל. אמנאן

אַ זיסער חלום

אַ מעשה וועגן אַ דריידל

ווי נאָר יאַנקעלע האָט דערזען דאָס דריידל וואָס זײַן מאַמע האָט אים געגעבן, האָט ער עס אַ כאַפּ געטאָן און געגעבן אַ שטאַרקן דריי. דאָס דריידל האָט זיך נישט אײַנגעשפּאַרט, עס האָט זיך אָנגעהויבן דרייען אויפן טיש, פון עק ביזן אין מיטן און צוריק, ביז עס איז אַראָפּ פון טיש, זיך צוגעדרייט צו דער אָפענער טיר און אַרויס אויפן גאַס. יאַנקעלע איז נאָכגעלאָפן, אָבער דאָס דריידל האָט זיך געדרייט מיט גרויס אימפּעט אויף בערג און אין טאָלן, יאַנקעלע איז נאָכגעלאָפן, ער איז אָבער באַלד מיד געוואָרן, זײַנע פיס האָבן נישט געקאָנט מער לויפן. דאָס דריידל איז פאַרשוווּנדן פון זײַנע אויגן. יאַנקעלע האָט זיך צעוויינט. זײַן מאַמעס טײַערע מתנה, דאָס דריידל, איז נישטאָ, אַהיימצוגיין ווייסט ער אויך נישט. ער האָט פאַרלוירן דעם וועג, פאַרבלאָנדזשעט, וואָס וועט זײַן?

די זון איז פאַרגאַנגען, ס'איז געוואָרן נאַכט, און יאַנקעלע גיסט מיט הייסע טרערן. וואָס וועט זײַן?

פלוצים האָט ער דערזען, ווי עפּעס לײַכט פון דער ווײַטנס. לאַנג נישט געטראַכט און יאַנקעלע לאָזט זיך צו דער ליכט. עס איז געווען אַ טיפע הייל. ער איז אַהין אַרײַן און דערזען אַ גרויסן שיינעם זאַל. אין מיטן זאַל — אַ גרויסע גאָלדענע מנורה, און אַן אַלטער שיינער ייד צינדט אָן די ליכט פון דער מנורה. לעבן דעם אַלטן ייד, שטייען פינף ריזן מיט אויסגעשטרעקטע שווערדן. יאַנקעלע האָט זיך זייער דערשראָקן.

— שרעק דיך נישט, מײַן זון, האָט דער אַלטער געזאָגט מיט ליבשאַפט, איך בין מתתיהו חשמונאי, און דאָס זײַנען מײַנע פינף זין, די העלדישע מכביער.

ער האָט צוגערופן יאַנקעלען צו זיך, און אים געגעבן אַ גאָלדן דריידל, און אים געזאָגט:

— נעם, מײַן זון, דאָס דריידל ווי אַן אָנדענק, אַז דו ביסט געווען אין דער הייל פון די חשמונאים. דריי דאָס דריידל, מײַן קינד, עס וועט דיך פירן אויפן ריכטיקן וועג, עס וועט דיך באַלד ברענגען צו דײַנע עלטערן אַהיים.

יאַנקעלע האָט זיך זייער דערפרייט. ער האָט געקושט מתתיהוס האַנט, ער האָט זיך געזעגנט מיט די העלדישע מכביער, און אַ שטאַרקן דריי געטאָן דאָס גאָלדענע דריידל.

עס האָט לאַנג נישט געדויערט און יאַנקעלע איז באַלד געוועז בײַ זיך אין דער היים. ער האָט דערציילט זײַנע עלטערן און זײַנע חברים וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, ווי ער איז געוועז אין דער הייל פון די חשמונאים, אַז ער האָט אַליין גערעדט און געזען מתתיהו חשמונאי און זײַנע פינף זין, די העלדישע מכביער, און האָט זיך באַרימט פאַר אַלעמען מיט דער טײַערער מתנה, וואָס מתתיהו האָט אים געגעבן, דאָס גאָלדענע דריידל. אָט אַזאַ חלום האָט זיך געחלומט יאַנקעלען אין די טעג פון חנוכה.

ח. נ. ביאַליק — יידיש: י. גויכבערג

לכבוד חנוכה

דער טאַטע צינדט אַכט ליכטלעך אָן,
באַדינט פון שמש איינעם —
און אַלץ לכבוד חנוכה,
דעם יום-טוב אונדזער שיינעם.

דער לערער שענקט אַ דריידל מיר
פון בלײַ געגאָסן ריינעם,
און אַלץ לכבוד חנוכה,
דעם יום-טוב אונדזער שיינעם.

הייסע לאַטקעס באַקט די מאַמע
פאַר מיר — איר זון דעם קליינעם,
און אַלץ לכבוד חנוכה,
דעם יום-טוב אונדזער שיינעם.

ס׳האָט מײַן פעטער מיר געשאָנקען
אַ גראָשנדל אַ קליינעם, —
און אַלץ לכבוד חנוכה,
דעם יום-טוב אונדזער שיינעם.

REPUBLICA ARGENTINA

(די אַרגענטינער רעפּובליק)



TEMAS PATRIOS

טעמאַס פּאַטריאָס

(אַרגענטינער נאַציאָנאַלע טעמעס)

צוזאַמענגעשטעלט

פון

אברהם טקאַטש

(לויטן פּראָגראַם וואָס דער נאַצ. דערציאונגס־ראַט
האָט אָנגעצייכנט פאַר די שולן פונעם ועד־החנוך)

א.

קריסטאָפאָר קאָלומבוס (קריסטאָבאַל קאָלאָן)

קאָלומבוס איז געווען אַ מאַטראָז, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין דער העלפט פונעם 15טן יאָרהונדערט. מען ווייסט נישט אויף זיכער ווו, כאָטש געגנוג פרעטענדירט, אָט דעם כבוד, פאַר זיך.

אין יענער צײַט איז נאָר אַ קליינע טייל פון אונדזער וועלט געווען באַקאַנט פאַר די אייראָפּעער. און די פאָרשטעלונג איבער דער פאָרם פון דער ערד איז געווען אַ טעותדיקע. דער גרעסטער טייל מענטשן האָט געגלויבט, אַז די ערד האָט אַ פאָרם פון אַ פלאַטשיקן טעלער. כאָטש אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז זי איז רונד ווי אַ באַל, און אַז אין די הויכע געגענטן פון דעם זעלבן איז אוממעגלעך צו פאָרן, ווײַל די ימים זידן דאָרט.

די פּאָרטוגעזער האָבן אין 15טן יאָרהונדערט אַדורכגעמאַכט לענגערע ים־רײַזעס, אַ דאַנק וועלכע עס זײַנען פאַרשוווּנדן אַ סך פון יענע מיינונגען.

בײַ פיל מאַטראָזן איז געוואַקסן דער חשק צו פאָרן אַנטדעקן נײַע לענדער.

איינער פון די דאָזיקע איז געווען קאָלאָן. אַזוי ווי ער איז געווען איבערצײַגט, אַז די ערד איז קײַלעכדיק, האָט ער געדענקט, אַז אַרויספאָרנדיק פון אייראָפּע, אין דער ריכטונג צו מערב, קומט מען אָן קיין אַזיע; און פאָרזעצנדיק אין דער זעלבער ליניע, קערט מען זיך אום אַהין, פון וואַנען מען איז אַרויסגעפאָרן. ער האָט, נאַטירלעך, נישט געוווּסט, אַז אין מיטן איז נאָך פאַראַן אַ קאָנטינענט, און אַז זײַן שטח איז אַזאַ גרויסער.

ב.

קאָלומבוס אין שפּאַניע

אַזוי ווי ער האָט נישט געהאַט קיין מיטלען צונויפצושטעלן אַן אייגענעם פלאָט, האָט קאָלומבוס געבעטן הילף אין פּאָרטוגאַל. דאָרט האָט מען זיך אויסגעלאַכט פון זײַנע טעאָריעס. איז ער אַוועק קיין שפּאַניע און פאָרגעשלאָגן זײַנע פּלענער דער מלכה איזאַבעל און דעם מלך פערנאַנדאָ, באַקאַנט אונטערן נאָמען פון „די קאַטוילישע מלכים“.

נישט ווײַט פונעם שטעטל הועלווא, האָט אים דער וועכטער פונעם מאָנאַסטיר „ראַבידאַ“ אַרויסגעהאָלפן, און „פראַי אַנטאַניאָ מאַרטשענאַ“ האָט אים שריפט־

לעך פאַרגעשטעלט אין דעם קעניגלעכן הויף, ווו די מלכה איזאַבעל האָט אויפגע־נומען זײַנע פּלענער.

אינעם חודש אַפּריל פון 1492, האָבן קאָלומבוס און די שפּאַנישע מלכים גע־חתמעט אַ קאָנטראַקט, לויט וועלכן ער באַקומט דעם טיטל פון אַדמיראַל און שני־למלך פון אַלע לענדער וועלכע ער וועט אַנטדעקן, און געבנדיק אים אויך די נייטיקע מאַטעריעלע הילף פאַר אָט דעם צוועק. נאָכן שליסן דעם אָפּמאַך, איז קאָלומבוס אַוועק קיין פּאַלאָס, דאָרט צוצוגרייטן זײַנע שיפן, מיט דער הילף פון אַנטאָניאָ אַלאָנסאָ פּינסאָן.

ג.

די אַנטדעקונג פון אַמעריקע

דעם 3טן אויגוסט פון יאָר 1492, איז קאָלומבוס אַרויסגעפאָרן פון דעם פּאָרט פּאַלאָס און זיך געלאָזט צו מעריב. זײַן פלאָט איז באַשטאַנען פון דרײַ זעגל־שיפן: „סאַנטאַ מאַריאַ", „פּינטאַ" און „ניניאַ", מיט אַ מאַנשאַפט פון 120 פּערזאָן. קאָלומבוס איז געפאָרן אין דער ערשטער שיף, און די ברידער פּינסאָן — אין די אַנדערע.

צוויי חדשים זײַנען זיי געפאָרן נישט אַנטרעפנדיק קיין ערד. און עס זײַנען געווען מאָמענטן, ווען די מאַנשאַפט האָט שוין געוואָלט זיך אומקערן צוריק.

אין דעם חודש אָקטאָבער האָבן זיי געזען פייגל פליען אין דער דרום־הערבדיקער ריכטונג. האָבן זיי דעריבער באַשלאָסן צו פאָרן אין דער זעלבער ריכטונג. דעם 11טן האָבן זיי אַנגעטראָפן צווײַגן און גראָזן; עס איז געווען אַן אָנזאָג אויף דער נאָענטקייט פון יבשה. די זעלבע נאַכט האָבן זיי געזען ליכט פון דער ווײַטנס.

פאַרטאָג פון דעם 12טן אָקטאָבער, האָט איין מאַטראָז פון דער „פּינטאַ" אויסגעשריגן:

— ערד!

אַ ווײַלע שפּעטער, איז שוין קאָלומבוס אָפּגעשטיגן אויף אַן אינדזל וועלכן די אינדיאַנער האָבן גערופן גואַנאַהאַן, און ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן: „סאַן סאַלוואַדאָר".

פאָרזעצנדיק זײַן רײַזע, האָט ער אַנטדעקט די אינדזלען: „קובאַ" און „האַיטי" בײַ וועמענס ברעגן עס איז אונטערגעגאַנגען די שיף „סאַנטאַ מאַריאַ".

אויף דער שיף „ניניאַ" האָט זיך קאָלומבוס אומגעקערט קיין שפּאַניע, מיטנעמענדיק עטלעכע אינדיאַנער און געוויסע פּראָדוקטן פון די אַנטדעקטע אינדזלען, וועלכע ער האָט גערעכנט אַז זיי געהערן צום אַזיאַטישן קאָנטינענט. אין באַרצעלאָנאַ האָבן אים די שפּאַנישע מלכים אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

ד.

די אַנדערע רייזעס פון קאָלומבוסן

נאָך דרײַ רײַזעס האָט קאָלומבוס געמאַכט קיין אַמעריקע. אין זײַן צווייטער עקספּעדיציע זײַנען שוין געפאָרן טויזנט פּערזאָן און מען האָט שוין מיטגעפירט הויז־חיות און נוצלעכע פלאַנצן, כדי זיי צו אַקלימאַטיזירן אין דער נײַער וועלט.

מען האָט אַנטדעקט די אינדזלען: „פּוערטאָ ריקאָ" און „יאַמאַיקאַ".

אויפן אינדזל „האַיטי" אָדער „סאַנטאָ דאָמינגאָ", האָט קאָלומבוס געטראָפן צעשטערט די פעסטונג וואָס ער האָט אויסגעבויט בעת זײַן ערשטער רײַזע. ער האָט זי צוריק אויפגעשטעלט אויף אַ בעסערן אָרט און איר אַ נאָמען געגעבן „איזאַבעלאַ", גרינדנדיק אַזוי אַרום, דעם ערשטן שפּאַנישן ישוב אין אַמעריקע.

אין זײַן דריטער רײַזע, איז ער צוגעקומען צו די ברעגן פון זיד־אַמעריקע און האָט אַנטדעקט דעם אינדזל „טרינידאַד". אָבער נאָך דעם האָבן אים זײַנע שונאים באַשולדיקט אין אַכזריות, וואָרפנדיק אויף אים און אויף זײַנע צוויי ברידער, די פאַראַנטוואָרטלעכקייט פון דעם אויפשטאַנד, וואָס די אינדיאַנער האָבן געמאַכט אין איזאַבעלאַ.

אַ געשמידטן אין קייטן האָט מען קאָלומבוסן און זײַנע ברידער אָפּגעשיקט קיין שפּאַניע.

אַ דאַנק דער מלכה, זײַנען זיי באַפרײַט געוואָרן און האָבן צוריק באַקומען זייערע רעכטן.

בעת זײַן פערטער רײַזע, וועלכע איז אויך געווען די לעצטע, האָט קאָלומבוס אויסגעפאָרשט דעם ברעג פון צענטראַל־אַמעריקע, זוכנדיק אַ דורכגאַנג, וואָס זאָל אים דערלויבן צו פאַרענדיקן די רײַזע אַרום דער וועלט.

אַלט און קראַנק האָט ער זיך אומגעקערט קיין שפּאַניע, וו דער טויט פון דער קעניגין האָט בײַ אים אַוועקגענומען די איינציקע שוץ, אויף וועלכער ער האָט זיך געקאָנט שטיצן.

געשטאָרבן איז קאָלומבוס אין „וואַזשאַדאָליד" אין יאָר 1506, נישט וויסנדיק, אַז ער האָט אַנטדעקט אַ נײַעם קאָנטינענט.

די אַנטדעקונג פון „לאַ פּלאַטאַ טייך"

נאָך דעם ווי וואַסקאָ נוניעז דע באַלבאָאַ האָט דורך צענטראַל־אַמעריקע אַנטדעקט דעם שטילן (פּאַסיפישן) אָקעאַן, און נאָכדעם ווי אַמעריקע וועספּוסיאָ האָט דערגרייכט די בראַזיליאַנער ברעגן, איז קלאָר געוואָרן, אַז די לענדער וואָס קאָלומבוס האָט אַנטדעקט, געהערן נישט צו אַזיע, נאָר בילדן אַ זעלבסטשטענדיקן קאָנטינענט.

דעמאָלט האָבן די שפּאַניער געצוווּנגען זוכן אַ דורכגאַנג וואָס זאָל פאַראייניקן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן מיט דעם פּאַסיפישן.

צוליב דעם, איז דאָן כואַן דיאַז דע סאָליס אַרויסגעפאָרן פון שפּאַניע אין יאָר 1515 בראש פון די שיפן.

ער האָט דורכגעשניטן דעם אַטלאַנטיק, און פאָרנדיק לענג אויס די בראַזי־ליאַנער ברעגן, איז ער אין יאָר 1516 אָנגעקומען צום טײַך וואָס מיר רופן איצט הײַנט „לאַ פּלאַטאַ טײַך".

אַ דאַנק זײַן ריזיקער ברייט, וואָס קען פאַרגליכן ווערן צו אַ ים, האָט סאָליס אים אַ נאָמען געגעבן „דער זיסער ים".

סאָליס איז אָפּגעשטיגן אויפן לינקן ברעג פונעם טײַך, כדי דורכצופירן די צערעמאָניע פון „דערקלערן אַלס אייגנטום", און דאָ האָבן אים די אינדיאַנער, אומגעריכטערהייט, אַטאַקירט, און ער מיט זײַנע חברים זײַנען געפאַלן טויט פון זייערע פײַלן.

אַזוי ווי סאָליס האָט זײַן ציל נישט דערגרייכט, האָט שפּאַניע געשיקט דעם פּאָרטוגעזן, הערנאַנדאָ דע מאַגאַזשאַנעס, וואָס האָט געדינט אין איר פלאָט, אַז ער זאָל זוכן דעם דורכגאַנג וואָס פאַראייניקטביידע אָקעאַנען.

מאַגאַזשאַנעס איז אַרויסגעפאָרן פון שפּאַניע אין 1519, אָנהאַלטנדיק די זעל־בע ריכטונג וואָס סאָליס. אָבער זעענדיק, אַז דער לאַ פּלאַטאַ טײַך איז נישט דער געזוכטער דורכגאַנג, איז ער ווײַטער געשוווּמען לענג אויס דעם דרומדיקן ברעג. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אין דעם פּאָרט „סאַן כוליאַן" צו פאַרברענגען דאָרט דעם ווינטער. אַ טייל פון דער מאַנשאַפט האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד, כדי אים צו צווינגען זיך אומצוקערן. אָבער מאַגאַזשאַנעס האָט זיי באַהערשט.

אין פרילינג, איז מאַגאַזשאַנעס ווײַטער געפאָרן.

אין אָקטאָבער 1520, האָט ער אַנטדעקט דעם שמאָלן וואַסער־דורכגאַנג וואָס פאַראייניקט ביידע אָקעאַנען. ער האָט אים אַ נאָמען געגעבן „פון אַלע הייליקע" און הײַנט טראָגט ער דעם נאָמען פון זײַן אַנטדעקער „מאַגאַזשאַנעס".

פאָרזעצנדיק זײַן רײַזע איבערן פּאַסיפיק קיין מערב, איז ער אָנגעקומען צו די פיליפּינען אינדזלען, וווּ די ווילדע האָבן אים דערהרגעט.

סעבאַסטיאַן על קאַנאָ האָט איבערגענומען די אָנפירונג, און מיט דער איינ־ציקער שיף „וויקטאָריאַ", איז ער אָנגעקומען קיין שפּאַניע אין יאָר 1522, דער־ווײַזנדיק, און באַשטעטיקנדיק, די רונדקייט פון דער ערד.

גאַבאָטאָ

גאַבאָטאָ איז געווען אַן איטאַליעניִשער מאַטראָז וואָס האָט געדינט אין שפּאַ־נישן פלאָט. אין יאָר 1526 האָט מען אים געשיקט צו די „מאָלוקן אינדזלען" נאָכ־פאָלגנדיק מאַגאַזשאַנעסעס רײַזע־ליניע.

ווען ער איז דורכגעפאָרן דורך בראַזיל, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דאָס לאַנד איז זייער רײַך.

גאַבאָטאָ האָט דעמאָלט באַשלאָסן אויפצוגעבן זײַן רײַזע צו די „מאָלוקן אינדזלען" און איז אַרײַנגעפאָרן אין דעם לאַ פּלאַטאַ טײַך, גלויבנדיק, אַז דורך דעם וועג וועט אים זײַן גרינגער אָנצוקומען אין יענעם לאַנד וואָס איז אַזוי באַ־רימט מיט זײַנע רײַכטימער.

ער האָט פריער אויסגעפאָרשט אַ טייל פון דעם טײַך „אורוגוויי" און דערנאָך איז ער געפאָרן איבערן „פּאַראַנאַ" און דאָרט ווו דער זעלבער גיסט זיך צונויף מיטן „קאַרקאַראַניאַ" האָט ער אויסגעבויט די פעסטונג „סאַנקטי ספּיריטוס", ווו ער האָט איבערגעלאָזט 30 פערזאָן. ער איז ווײַטער געפאָרן איבערן „פּאַראַנאַ", טײַך־אַרויף, ביז דעם וואַסער־פאַל „אַפּיפּע"; פון דאַנען האָט ער זיך אומגעקערט און איז אַרײַן אין דעם טײַך „פּאַראַגוויי".

די דאָרטיקע אינדיאַנער האָבן אים געשאָנקען שטיקער זילבער און האָבן אים פאַרזיכערט, אַז אָט דער מעטאַל געפינט זיך לרוב אין צפון־מערב (זיי האָבן גע־מיינט פּערו).

דעמאָלט איז אָנגעקומען פון שפּאַניע אַ צווייטע עקספּעדיציע אָנגעפירט פון דיעגאָ גאַרסיאַ.

נאָך אייניקע דיסקוסיעס, האָבן זיך ביידע גרופּעס פאַראייניקט און זיך גע־לאָזט וואַסער־אַרויף פונעם טײַך „פּילקאָמאַזשאָ". אַזוי ווי מע האָט געדאַרפט האָבן מער כוחות, כדי אָנצוגיין מיטן באַזעצן דאָס לאַנד, האָט גאַבאָטאָ אַוועקגעשיקט אַ שיף קיין שפּאַניע, אַז זי זאָל די דאָזיקע כוחות בעטן.

דערווײַל האָבן די אינדיאַנער פאַרברענט די פעסטונג „סאַנקטי ספּיריטוס" און אויסגעהרגעט די דאָרטיקע אײַנוווינער.

אַזוי ווי די געפאָדערטע פאַרשטאַרקונג איז נישט געקומען, האָט גאַבאָטאָ אין יאָר 1530 באַשלאָסן זיך אומצוקערן קיין שפּאַניע.

די ערשטע גרינדונג פון בוענאָס איירעס

נאָך דעם ווי פראַנציסקאָ פּיסאַראָ, האָט אין יאָר 1533 אײַנגענומען פּערו, אָנקומענדיק אַהין דורך צענטראַל־אַמעריקע, האָט אין אייראָפּע, זיך פאַרשפּרייט דער קלאַנג וועגן די גרויסע אוצרות פון גאָלד און זילבער וואָס זײַנען דאָרט פאַ־ראַן. האָבן די אייראָפּעער געמיינט, אַז ווי נאָר מע קומט קיין אַמעריקע — ווערט מען באַלד רײַך.

דאָן פּעדראָ דע מענדאָסאַ, אַ גענעראַל, וועמען דאָס מזל האָט תּמיד באַגלייט, האָט געבעטן בײַם קעניג פון שפּאַניע אַ דערלויבעניש אויף אַן עקספּעדיציע צום לאַ פּלאַטאַ טײַך.

אַלס באַלוינונג האָט אים דער קעניג באַשאַנקען מיטן טיטל „אַדעלאַנטאַדאָ" און האָט אים אויטאָריזירט אײַנצונעמען, באַזעצן און באַהערשן די דאָזיקע לענדער.

די עקספּעדיציע איז באַשטאַנען פון 14 שיפן און פון איבער טויזנט פּערזאָן. זי איז אַרויס אין 1535 פון סאַן לוקאַר און איז אָנגעקומען צום לאַ פּלאַטאַ טײַך אין יאָר 1536.

מענדאָסאַ האָט געלאַנדעט אויפן רעכטן ברעג, נאָענט פון טײַך ריאַטשועלאָ. אינעם חודש פעברואַר פונעם זעלבן יאָר, האָט ער געגרינדעט אַ שטאָט וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „דער פּאָרט פון סאַנטאַ מאַריאַ דע בוענאָס אײַרעס".

די שטיבער פון דעם נײַעם ישוב האָט מען געמאַכט פון ניט־געברענטע ציגל, מיט דעכער פון שטרוי, און אַרום דער שטאָט האָט מען אויפגעשטעלט אַן ערדע־נע וואַנט.

די 72 פערד וואָס די אָנגעקומענע האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט, זײַנען געווען דער אָנהייב פון די עשירות פון פערד וואָס אונדזער לאַנד פאַרמאָגט הײַנט צו טאָג.

די צעשטערונג פון דער ערשטער בוענאָס אײַרעס

די באַציאונגען צווישן די שפּאַניער און די אינדיאַנער (מיטן דאָזיקן נאָמען האָבן די אייראָפּעער גערופן די אור־אײַנוווינער פון דעם אַנטדעקטן קאָנטינענט) זײַנען אין אָנהייב געווען גאַנץ גוטע. די אינדיאַנער האָבן זיי באַזאָרגט מיט די בייטיקע שפּײַזן. שפּעטער אָבער, האָבן זיי דאָס מער נישט געוואָלט טאָן, ווײַל זיי זײַנען זייער שלעכט באַהאַנדלט געוואָרן.

דעמאָלט האָט מענדאָסאַ געשיקט זײַן ברודער דיעגאָ מיט אַ גרופּע סאָלדאַטן, אַז זיי זאָלן באַשטראָפן די אינדיאַנער. די שטראָף־עקספּעדיציע האָט אָנגעטראָפן אויף אַ ווידערשטאַנד, און אין דעם קאַמף וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, זײַנען גע־פאַלן דאָן דיעגאָ דע מענדאָסאַ און אייניקע פון זײַנע באַגלייטער.

דערמוטיקט פון דעם זיג, האָבן די אינדיאַנער אַרומגערינגלט דאָס נײַע שטעטל און נישט אַרויסגעלאָזט די שפּאַניער צו זוכן שפּײַז. לסוף האָבן זיי באַשאָסן די שטיבלעך מיט פײַלן צו וועלכע זיי האָבן צוגעבונדן בינטלעך ברענענדיקע שטרוי.

דער גרעסטער טייל פון די „כאַטעס" איז אַוועק מיטן פײַער.

נאָך פריער האָט דער „אַדעלאַנטאַדאָ" געהאַט געשיקט כואַן דע אַזשאָלאַס, אַז ער זאָל זוכן שפּײַז, פאַרנדיק טײַך־אַרויף, פונעם פּאַראַנאַ.

אַזשאָלאַס האָט זיך אומגעקערט, ברענגענדיק אַ ביסל עסנוואַרג, נאָכדעם ווי ער האָט געגרינדעט דאָס קליינע פעסטונגל „קאָרפּוס קריסטי".

מענדאָסאַ איז קראַנק געוואָרן און אַזוי ווי פון טאָג צו טאָג האָט ער זיך גע־

פילט שוואַכער, האָט ער באַשטימט, אַז אַזשאָלאַס — ווען ער האָט פריער אַוועקגעשיקט זוכן דעם וועג קיין פּערו — זאָל בלייבן גובערנאַטאָר אויף זיין אָרט, און אַליין האָט ער זיך געלאָזט פאָרן קיין שפּאַניע, און איז געשטאָרבן אויפן וועג.

די צווייטע גרינדונג פון בוענאָס איירעס

איראַלאַ איז געווען אַזשאָלאַס שטעלפאַרטרעטער ווען אַזשאָלאַ איז אַוועקגעפאָרן אויף דער עקספּעדיציע קיין פּערו.

אין אַזשאָלאַס אָפּוועזנהייט איז געגרינדעט געוואָרן די שטאָט „אַסונסיאָן". ווען מען האָט זיך דאָרטן דערוווסט פון אַזשאָלאַס טויט, אַז ער איז דערהרגעט געוואָרן דורך די אינדיאַנער, האָט מען אויסגעקליבן איראַלאַן פאַר גובערנאַטאָר. אין יאָר 1541 איז איראַלאַ אַוועק קיין בוענאָס איירעס און געצוווּנגען דעם רעשט פון די דאָרטיקע איינוווינער אַריבערצופאָרן קיין אַסונסיאָן. אַזוי איז פון דער שטאָט וואָס מענדאָסאַ האָט געגרינדעט גאָרנישט געבליבן.

נאָך איראַלאַס טויט, איז באַשטימט געוואָרן אַלס „אַדעלאַנטאַדאָ" פון דעם געגנט פון לאַ פּלאַטאַ טייך, כואַן אָרטיס דע סאַראַטע.

אַזוי ווי ער האָט געדאַרפט באַקומען פון דעם שפּאַנישן קעניג די באַשטעטיקונג אויף זיין אַמט, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין שפּאַניע, לאָזנדיק אויף זיין אָרט זיין פּלימעניק כואַן דע גאַראַי, און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל גרינדן אייניקע ישובים וואָס זאָלן פאַרבינדן דעם לאַ פּלאַטאַ טייך מיט אַסונסיאָן.

אין יאָר 1575 האָט זיך סאַראַטע אומגעקערט פון שפּאַניע. ער איז געשטאָרבן הערשנדיק ניט מער ווי עלף חדשים. זיין יורש איז געוואָרן כואַן טאָרעס דע וועראַ אי אַראַגאָן, ווייל ער האָט חתונה געהאַט מיט סאַראַטעס טאָכטער.

וועראַ אי אַראַגאָן האָט באַשטימט אַלס צייטווייליקן גובערנאַטאָר כואַן דע גאַראַי. וועראַ אי אַראַגאָן איז אָפּגעווען דריי יאָר „אַדעלאַנטאַדאָ" און האָט רעגונסירט. מיט אים ענדיקט זיך די עפּאָכע פון די „אַדעלאַנטאַדאָס" און עס הייבט זיך אָן די צייט פון די גובערנאַטאָרן.

דער גובערנאַטאָר כואַן דע גאַראַי, איז געווען אַ קלוגער, אַקטיווער פאָרגעשריטענער און אינטעליגענטער מענטש. ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז אַנשטאָט זיך איינצושליסן אין אַסונסיאָן, דאַרף מען זיך דערנענטערן צום ים דורך דעם לאַ פּלאַטאַ טייך. דערפאַר, נאָך אַלס צייטווייליקער גובערנאַטאָר פון פּאַראַגווייַ, און איידער וועראַ אי אַראַגאָן, איז געהאַט אָנגעקומען, האָט כואַן דע גאַראַי, באַשלאָסן ווידער צו באַפעלקערן די שטאָט בוענאָס איירעס.

מיט זעקציק מענטשן, מערסטנס „קריאָזשאָס" איז ער אַרויס פון אַסונסיאָן מיטנעמענדיק די נייטיקע געצייג און וואָפן, ווי אויך מיטטרייבנדיק די פי.

דעם 11טן יוני פון 1580 האָט גאַראַי געגרינדעט אַ שטאָט נאָענט פון דעם אָרט וואָס מענדאָסאַ האָט אויסגעקליבן. דעם נייעם ישוב האָט ער אַ נאָמען גע־

געבן „די שטאָט פון דער הייליקער דרײַאייניקייט און פּאָרט פון סאַנטאַ מאַריאַ דע בוענאָס אײַרעס״.

די נײַע שטאָט האָט אַרומגענומען 144 קוואַרטאַלן.

גאַראַי האָט אַרומגערינגלט די שטאָט מיט טראַנשייען און פעסטונגען. ער האָט אײַנגעטיילט די ערד צווישן די אײַנוווינער און זיי געגעבן אַלס דינער, איי־דיאַנער וואָס האָבן זיך געלאָזט באַהערשן.

אין דרײַ יאָר אַרום, האָט גאַראַי זיך געלאָזט פאָרן קיין סאַנטאַ פע, און אין איין נאַכט, ווען ער האָט געלאַנדעט נישט ווײַט פון דעם טײַך „באַראַדעראָ״, איז ער באַפאַלן געוואָרן פון אינדיאַנער וואָס האָבן אים געטויט מיט נאָך 40 פון זײַנע באַגלייטער.

קאָלאָניזאַטאָרישע שטראָמען

פון דרײַ זײַטן האָבן געשטראָמט די קאָלאָניסטן, וואָס האָבן באַזעצט די איצ־טיקע אַרגענטינע.

א) פון מזרח — דאָס זײַנען געווען די אימיגראַנטן, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון שפּאַניע, דירעקט צו די ברעגן פונעם לאַ פּלאַטאַ טײַך. דורך דעם דאָזיקן שטראָם זײַנען געגרינדעט געוואָרן פאָלגנדע שטעט: אַסונסיאָן, סאַנטאַ פע, בוע־נאָס אײַרעס און קאָריענטעס.

ב) פון צפון — דאָס איז דער שטראָם וואָס איז אַרײַנגעדרונגען קיין אַר־גענטינע, אָנקומענדיק פון פּערו, גרינדנדיק די שטעט: טוקומאַן, קאָרדאָבאַ, סאַל־טאַ, לאַ ריאָכאַ, כוכוי און קאַטאַמאַרקאַ.

ג) פון מערב — דער שטראָם איז אָנגעקומען פון טשילע און האָט פאַרנו־מען און קאָלאָניזירט דעם געגנט וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „קוזשאָ״, גרינדנדיק די שטעט: מענדאָסאַ, סאַן כואַן און סאַן לואיס. ער איז אויך אַרײַנ־געדרונגען אין דער טוקומאַנער געגנט און געגרינדעט די שטאָט סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ.

„דער ווירעינאַט״ (וויצע־קעניגטום)

ביז דעם יאָר 1776 האָט דער גרעסטער טייל פון דער איצטיקער אַרגענטינע געהערט צום „ווירעינאַט״ פון פּערו, וואָס איר הויפּטשטאָט איז געווען לימאַ. אָבער אין דעם דערמאָנטן יאָר, האָט קאַרלאָס דער דריטער באַשלאָסן צו שאַפן דעם „ווירעינאַט״ פון ריאָ דע לאַ פּלאַטאַ און באַשטימט אַלס זײַן הויפּשטאָט, בוענאָס אײַרעס.

דער נײַ־געשאַפענער „ווירעינאַט״ האָט אַרומגענומען: די איצטיקע אַרגענ־טינער רעפּובליק, אורוגוויַ, פּאַראַגוויַ, באָליוויע און אַ שטיקל בראַזיל. די סיבות פון דער שאַפונג זײַנען געווען:

1) דער וווקס פון בוענאָס אײַרעס אַלס קאָמערציעלער צענטער.

2) דער אומגעהויערער שטח, וואָס איז געווען צווישן בוענאָס אײַרעס און לימאַ, ספּעציעל, נעמענדיק איז אַכט די שוועריקייטן פון די דעמאָלסטדיקע קאָמוניקאַציעס. און צום לעצט — די נייטיקייט צו שאַפן אַ שטאַרקע רעגירונג וואָס זאָל קענען אָפּשלאָגן דעם פאָרשריט פון די פּאָרטוגעזער אין דער „באַנדאַ אָריענטאַל" (אורוגווײַ).

דער לאַ פּלאַטאַ „ווירעינאַט" האָט עקזיסטירט ביזן יאָר 1810. פון די צען וויצע־קעניגן וואָס האָבן דאָ געהערשט, האָבן זיך אויסגעצייכנט: סעוואַזשאָס, ווערטיס און ליניערס. דער לעצטער איז געווען סיסנעראָס.

סעוואַזשאָס איז געווען דער ערשטער וויצע־קעניג פון לאַ פּלאַטאַ טײַך. זײַן גרעסטער אויפטו איז געווען אויפצועפענען דעם בוענאָס אײַרעסער פּאָרט פאַר אַלע שיפן און פראַכטן וואָס זײַנען געקומ'ען פון שפּאַניע. דאָס האָט געגעבן דעם ערשטן גרויסן שטויס פאָרויס, דער בוענאָס אײַרעסער קאָמערץ.

דער פאָרגעשריטנסטער פון אַלע וויצע־קעניגן איז געווען ווערטיס. ער האָט שיין געמאַכט די שטאָט בוענאָס אײַרעס, אויסגלײַכנדיק די גאַסן, מאַכנדיק טראָטואַרן און אײַנפירנדיק עפנטלעכע באַלײַכטונג. ער האָט אַנטוויקלט די פאָלקס־בילדונג און האָט געגרינדעט די באַרימטע שולע „סאַן קאַרלאָס", ווו עס האָבן שטודירט בעלגראַנאָ, ריוואַדאַוויאַ און אַנדערע באַרימטע פּאַטריאָטן.

בעת זײַן רעגירונג האָט מען דורכגעפירט דעם ערשטן צענז אין בוענאָס אײַרעס, לויט וועלכן די שטאָט האָט פאַרמאָגט קאַרגע 25.000 אײַנוווינער.

ער האָט געשיקט אויספאָרשן פּאַטאַגאָניע און גרינדן אייניקע שטעט אין פאַרשיידענע געגנטן פונעם „ווירעינאַט".

אין דער צײַט איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פונעם באַרימטן „קאַציק" טופּאַק אַמאַרו, וועלכער איז אונטערדריקט געוואָרן דורך די כוחות וואָס עס האָבן געשיקט ווערטיס און דער וויצע־קעניג פון פּערו.

א.

די ענגלישע אינוואַזיעס

ענגלאַנד האָט אין אָנהייב פון 19טן יאָרהונדערט צעשלאָגן פראַנקרײַכס און שפּאַניעס פלאָטן צוזאַמען. דורך דעם איז זי געבליבן די באַלעבאָסטע פון די ימ׳ים. האָט זי באַשלאָסן צוצונעמען בײַ אירע קעגנער זייערע קאָלאָניעס.

אין דעם חודש יוני פון יאָר 1806, האָט דער ענגלישער גענעראַל, בערעספאָרד מיט 1600 סאָלדאַטן, געלאַנדעט נעבן קילמעס און זיך געלאָזט גיין אויף בוענאָס אײַרעס. זיי אַנטקעגן זײַנען אַרויס פון בוענאָס אײַרעס 700 מאַן. נאָר בײַ דעם ערשטן צוזאַמענשטויס מיט די ענגלענדער, זײַנען זיי אָפּגעטראָטן און זיך צעלאָפן. דער דעמאָלסדיקער וויצע־קעניג סאָברעמאָנטע, איז פחדניש אַנטלאָפן קיין קאָרדאָבאַ. די ענגלענדער האָבן אַוואַנסירט, נישט אָנטרעפנדיק קיין ווידערשטאַנד און האָבן פאַרנומען די פעסטונג. אין לוכאַן האָבן זיי פאַרנומען דעם אוצר, פון וועלכן זיי האָבן אַ טייל אַוועקגעשיקט קיין ענגלאַנד.

אין נאָמען פון דעם ענגלישן קעניג, האָט בערעספאָרד זיך דערקלערט אַלס גובערנאַטאָר, און אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף אין וועלכן ער האָט גאַראַנטירט דעם רעספּעקט פאַרן אייגנטום, רעליגיעזע פרײַהייט, און פרײַהייט פון קאָמערץ.

ב.

די ווידער־דעראָבערונג

די ענגלישע הערשאַפט איז בכלל נישט געפעלן געוואָרן די בוענאָס אײַרעסער אײַנוווינער. האָט זיך אָנגעהויבן אויסבילדן אַ גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט פאַר דער ווידער־דעראָבערונג פון דער שטאָט. אין דער דאָזיקער גרופּע האָבן זיך אויסגעצייכנט: כואַן מאַרטאַן דע פּועירעדאָן און סאַנטיאַגאָ דע ליניערס. פּועירעדאָן האָט צונויפגענומען עטלעכע הונדערט פּויערים אין דעם גוט פּ ע ד ר י ע ל. זיי זײַנען אָבער שנעל צעטריבן געוואָרן דורך בערעספאָרדס סאָלדאַטן. מער מזל האָט געהאַט ליניערס. דער מאָנטעווידעער גובערנאַטאָר האָט געשטעלט צו זײַן דינסט 1.000 פּערזאָן, און אויסנוצנדיק אַ געדיכטן נעפּל, איז אים געלונגען, אַז אָט די קליינע אַרמיי זאָל לאַנדן אין טיגרע, אומבאַמערקטערהייט פאַר די ענגלענדער. פון דאָרט האָבן זיי זיך געלאָזט גיין קיין בוענאָס אײַרעס. אויפן וועג זײַנען צו זיי צוגעשטאַנען פּויערדאָנס פּויערים, און זיי: אַלע

זײַנען אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס באַגײַסטערונג פון די בוענאָס אײַרעסער אײַנוווינער.

ליניערס האָט אויפגעשטעלט זײַן לאַגער אין די קאָראַלן פון „מיסערערע״ (די פּלאַסאַ אָנסע). דעם 11טן איז ער אַרײַנגעדרונגען אין שטאָט מיט 2 באַטאַליאָנען. נאָך אַן עקשנותדיקער שלאַכט אין די גאַסן פון בוענאָס אײַרעס, האָבן די ענגלענ־דער זיך פאַרמאַכט אין דער פעסטונג, און אַרויסגעהאָנגען די פאָן, אויף אונטער־צוהאַנדלען. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז די ענגלענדער האָבן זיך אַלע איבער־געגעבן אַלס געפאַנגענע.

דערפאַר ווערט דער 12טער אויגוסט אָנגערופן: „דער טאָג פון דער ווידער־דעראָבערונג״.

ג.

די צווייטע ענגלישע אינוואַזיע

ניט קוקנדיק אויף דעם זיג, האָט דער ענגלישער פּלאַט זיך ניט צוריקגעצויגן פונעם לאַ פּלאַטאַ טײַך.

די בוענאָס אײַרעסער אײַנוווינער האָבן פאַרשטאַנען, אַז מע דאַרף זיך ריכטן אויף אַ צווייטער אינוואַזיע. האָבן זיי זיך געגרייט צום ווידערשטאַנד. אונטער ליניערס אָנפירונג, האָבן זיך אָרגאַניזירט באַטאַליאָנען פון „קריאָזשאָס״ און שפּאַ־ניעס, און די צאָל קעמפער, האָט דערגרייכט צו 8.000.

דערווײַל האָבן די ענגלישע חיילות אַטאַקירט מאָנטעווידעאָ און זי פאַרנו־מען. (דעם 3טן פעברואַר פון יאָר 1807).

דער וויצע־קעניג סאָברעמאָנטע, האָט זיך דאָ אַרויסגעוויזן אַלס דער זעלבער פייגלינג, וואָס אין בוענאָס אײַרעס.

אין אַ צײַט אַרום איז אָנגעקומען קיין מאָנטעווידעאָ דער ענגלישער גענע־ראַל ווייטלאָק מיט פריש מיליטער, ווענענס צאָל עס האָט דערגרייכט ביז 12.000 פערזאָן.

דער גענעראַל ווייטלאָק, אַלס שעף פון די ענגלישע כוחות, האָט אין יוני 1807 געלאַנדעט אין „ענסענאַדאַ דע באַראַגאַן״ און זיך געלאָזט גיין אויף בוענאָס אײַ־רעס. ליניערס האָט אים אָפּגעוואַרט אויף דעם דרום־ברעג פון ריאַטשועלאַ, אָבער דורך אַ געלונגענעם מאַנעוור זײַנען די ענגלענדער אַריבער דעם טײַך איז אַן אַנדער אָרט, און זיך געלאָזט אין שטאָט אַרײַן.

ליניערס איז אַוועק נאָך זיי. און בײַ די „קאָראַלן פון מיסערערע״ איז פאָר־געקומען אַ שלאַכט צווישןביידע אַרמייען און ליניערס מיליטער איז צעשלאָגן געוואָרן.

ד.

די פאַרטיידיקונג

עס האָט זיך געדאַכט, אַז דורך ליניערס מפּלה, איז אַלץ פאַרלוירן געגאַנגען. די ענגלענדער זײַנען אָבער באַגאַנגען אַ פעלער, מיט דעם, וואָס זיי האָבן זיך נישט געאײַלט פונעם אָרט. די בוענאָס אײַרעסער באַפעלקערונג האָט זיך אָרגאַני־זירט פאַר דער פאַרטיידיקונג. בראש פון דער אַרבעט איז געשטאַנען דער „אַל־קאַלדע", דאָן מאַרטין דע אַלסאַגאַ.

אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין די צוגרייטונגען. אַפילו די פרויען האָבן אָנ־געזאַמלט ציגל, שטיינער און זודיק וואַסער צו קענען אַטאַקירן דעם שונא. פון אַלע זײַטן זײַנען געקומען וואָלונטירן וואָס האָבן געבעטן וואָפן. דער קאָמאַנדאַנט פון די חיילות איז ווידער געווען ליניערס, וועלכער האָט זיך אומגעקערט אין שטאָט אַרײַן.

נאָך אַ בלוטיקן קאַמף האָט ווייטלאָק פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ פאַרלוי־רענער, און ער האָט קאַפּיטולירט. לויטן אָפּמאַך וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן, דעם 7טן יולי, האָבן זיך די ענגלענדער פאַרפּליכטעט, זיך צוריקצוציען פון בוענאָס אײַרעס און מאָנטעווידעאָ אין משך פון צוויי חדשים.

ה.

די רעזולטאַטן פון די ענגלישע אינוואַזיעס

די ענגלישע אינוואַזיעס האָבן געהאַט זייער אַ גרויסן אײַנפלוס אויף דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פון „ווירעינאַט".

נאָך דעם ווי מען האָט אָפּגעשלאָגן די אינוואַזיע, איז פאָרגעקומען די ערשטע עפנטלעכע פאָלקס־פאַרזאַמלונג (קאַבילדאָ אַביערטאָ), וואָס האָט אַראָפּגעזעצט סאָברעמאָנטען און איבערגעגעבן די מיליטערישע מאַכט ליניערסן. דאָס איז גע־ווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס אַ פאָלקס־פאַרזאַמלונג האָט געוואַגט אַראָפּצוזעצן אַ שני למלך.

די פאַרמירונג פון „קריאָזשאָ" באַטאַליאָנען, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויס־געצייכנט, דער אַזוי גערופענער, „פון די פּאַטריסיאָס", אָנגעפירט פון דאָן קאָר־נעליאָ סאַאַוועדראַ, האָט אויפגעוועקט, בײַ די הי־געבוירענע, דעם באַוווסטזײַן פון זייער אייגענער ווערט, און האָט געוועקט בײַ זיי דעם חשק צו פרײַהייט, און די זיכערקייט — אַז זיי זײַנען פעאיק צו זעלבסטפאַרוואַלטונג. אַ חוץ דעם, די גע־ציילטע טעג פון בערעספאָרדס הערשאַפט האָבן דערוויזן די נוצן פון פרײַער קאָ־מערץ. און אין מאָנטעווידעאָ האָט זיך געגרינדעט אַ צײַטונג „דער דרום שטערן", וואָס האָט פאַרשפּרייט ליבעראַלע אידייען.

דאָס אַלץ האָט געפירט צו דעם, אַז צווישן דער באַפעלקערונג האָבן זיך אויס־געבילדעט צוויי שטרעמונגען: די „קריאָזשאָס", אָנגעפירט פון ליניערס און די שפּאַניער — פון אַלסאַגאַן.

די פּרעלודיע צו דער מאַי־וואָך

שטייענדיק פאַר געשעענע פאַקטן, האָט דער שפּאַנישער „הויף" באַשטימט ליניערסן, אַלס פראָוויזאָרישן וויצע־פּרעזידענט.

ווען די באַשטימונג איז אָנגעקומען קיין בוענאָס איירעס, איז שוין שפּאַניע געווען פאַרנומען פון די פראַנצויזן; האָבן די בוענאָס איירעסער שפּאַניער זיך פאַר־זאַמלט און געפאָדערט, אַז ליניערס זאָל רעזיגנירן, ווייל ער איז אַ פראַנצויז.

ווען ליניערס איז שוין געווען גרייט דאָס צו טאָן, איז אָנגעקומען דער „פּאַ־טריציער רעגימענט" און צעטריבן די אויפשטענדלער. נישט קוקנדיק אויף דעם דורכפאַל, האָבן די שפּאַניער פאַרגעזעצט זייער שתדלנות און ס'איז זיי געלונגען, אַז די צענטראַלע מאַכט וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין סעוויזשע, זאָל באַ־שטימען פאַר וויצע־קעניג דאָן הידאַלגאָ דע סיסנעראָס.

ווען סיסנעראָס איז אָנגעקומען קיין בוענאָס איירעס, האָט געבראָוויזט די אונ־טערדישע אַרבעט פון באַפרייאונג. ער האָט זיך פון דעם דערוווסט און פאַרשטאַ־נען, אַז מען דאַרף האַנדלען פאָרזיכטיק. אָבער די דרינגענדיקסטע פאָדערונג פון די „קריאָזשאָס" איז געווען: פרייע קאָמערץ. דער אַדוואָקאַט מאַריאַנאָ מאָרענאָ, האָט אין נאָמען פון די פי־ציכטלער און אַגריקולטאָרן געפאָדערט ביים וויצע־קעניג פרייע קאָמערץ מיט די ענגלענדער און פּאָרטוגעזן. די פאָדערונג איז באַקאַנט אונ־טערן נאָמען „די רעפּרעזענטאַנץ פון די גוט־באַזיצער".

סיסנעראָס האָט אויפגעעפנט דעם בוענאָס איירעסער פּאָרט פאַר די אויסלענ־דישע שיפן. די רעזולטאַטן האָבן זיך באַלד געלאָזט פילן: די אויסלענדישע סחו־רות זיינען געוואָרן ביליקער און די אינלענדישע פּראָדוקטן האָט מען פאַרקויפט פאַר העכערע פּרייזן. דורך דעם זיינען די הכנסות אין צאָל־אַמט („טאַמאַזשנע") אויסערגעוויינלעך געשטיגן.

אין דער זעלבער צייט האָבן נאַפּאָלעאָנס חיילות אינוואַדירט שפּאַניע. פער־נאַנדאָ דער זיבעטער איז גענומען געוואָרן געפאַנגען און נאַפּאָלעאָנס ברודער, כאָסע באָנאַפּאַרט, איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אַלס קעניג פון שפּאַניע. פאַרשידענע רעגירונגען האָבן זיך געביטן אין שפּאַניע, אויף צו פאַרבייטן דעם געפאַנגענעם מלך. די באַרימטסטע פון זיי איז געווען, „די צענטראַלע מאַכט פון סעוויזשאַ", די וואָס האָט באַשטימט סיסנעראָסן פאַר שני־למלך.

די פראַנצויזישע חיילות האָבן אָבער אויפגעלייזט די אַלע „רעגירונגען" איינס נאָך דער צווייטער.

דעם 14טן מאַי פון יאָר 1810 האָט מען זיך דערוווסט אין בוענאָס איירעס, אַז אויך די רעגירונג פון סעוויזשאַ איז געפאַלן. דאַן האָט דאָס פאָלק דערקלערט,

אז סיסנעראָס האָט נישט קיין רעכט צו רעגירן, אויב די מאַכט וואָס האָט אים באַשטימט עקזיסטירט שוין נישט. נאָך אייניקע וואַקלענישן האָט דער וויצע־קעניג נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה ווי מעלדן דורך אַן עפנטלעכער פּראָקלאַמע אַז די אַלע געשעענישן (דעם 18טן מאַי 1810) און אין איר האָט ער געבעטן, אַז דאָס פאָלק זאָל בלײַבן טרײַ דער שפּאַנישער מאָנאַרכיע.

די עפנטלעכע פאַרזאַמלונג פונעם 22סטן מאַי

די פּאַטריאָטן האָבן געבילדעט אַ געהיימע געזעלשאַפט וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען „דער פאַריין פון די זיבן". מיטגלידער פון דער זעלבער זײַנען געווען: בעלגראַנאָ, פּאַסאָ, קאַסטעלי און אַנדערע. זיי פלעגן זיך פאַרזאַמלען אינעם הויף פון ראָדריגעז פּעניאַ אָדער אין דער פאַבריק פון וויעיטעס.

ווען עס זײַנען באַקאַנט געוואָרן די וויכטיקע פּאַסירונגען אין שפּאַניע, זײַנען זיי געקומען צום באַשלוס, אַז עס מוז באַלד אויסברעכן די רעוואָלוציע, שטיצנדיק זיך אויף דעם „פּאַטריציער רעגימענט" וואָס סאַאַווערדראַ האָט אָנגעפירט. נאָך וועלנדיק פאַרמײַדן בלוט־פאַרגיסונגען, האָבן זיי באַשלאָסן בעטן סיסנעראָסן, אַז ער זאָל דערלויבן, אַז דער שטאָט־ראַט (קאַבילדאָ) זאָל אײַנלאַדן די חשובסטע שכנים, בדי אַלע צוזאַמען זאָלן באַשטימען צי דער וויצע־קעניג דאַרף ווײַטער רעגירן.

אונטערן דרוק פון די אויפגעברויזטע געמיטער, האָט סיסנעראָס נאָכגעגעבן. אויפן 22סטן מאַי האָט דער שטאָט־ראַט אײַנגעלאַדן 450 שכנים פון וועלכע מער ווי העלפט זײַנען געקומען. די וויכוחים האָבן זיך פאַרצויגן פון 9 אינדערפרי ביז האַלבער נאַכט. די שפּאַניער האָבן געטענהט, אַז דער וויצע־קעניג מוז בלײַבן אויף זײַן אַמט. די „קרעאָזשאָס" — אַז דער וויצע־קעניג דאַרף פאַרלאָזן די מאַכט און אויף זײַן אָרט זאָל באַשטימט ווערן אַ דערווײַלטע רעגירונג. בײַ דער אָפּשטימונג איז באַשלאָסן געוואָרן פאָלגנדעס:

א) דער וויצע־קעניג פאַרלאָזט די מאַכט.

ב) דער שטאָט־ראַט באַשטימט אַ פּראָוויזאָרישע רעגירונג וואָס וועט הערשן אין נאָמען פון פערנאַנדאָ דעם זיבעטן.

אין יענעם אָוונט האָבן זיך אויסגעצייכנט די „קריאָזשאָ"־רעדנער פּאַסאָ און קאַסטעלי.

די אויסגעקליבענע רעגירונג האָט געדאַרפט אײַנלאַדן אַלע פּראָווינצן, אַז זיי זאָלן שיקן פאָרשטייער צו אַן אַלגעמיינעם קאָנגרעס, אויף וועלכן עס זאָל באַשלאָסן ווערן די אַנטגילטיקע פאָרם פון דער רעגירונג.

די רעוואָלוציע און די אומאָפּהענגיקייט

די באַשלוסן פון דער פּאָלקס־פאַרזאַמלונג פון 22סטן מאַי זײַנען געשטאַנען אין געפאַר אויסגעלאַכט צו ווערן דורך די מיטגלידער פון דעם שטאַט־ראַט (קאַבילדאָ), וועלכע זײַנען געווען געניגט לטובת דעם וויצע־קעניג.

צוליב דעם האָבן זיי באַשטימט אַ קרײַז פון פינף פּערזאָן, אונטערן פּאָרזיץ פון סיסנעראָסן. אים האָבן באַגלייט צוויי „קריאָזשאָ" וואָקאַלן און צוויי שפּאַניער.

דער קרײַז האָט נישט נושא־חן געווען, נישט בײַם פּאָלק און נישט בײַם „קריאָזשאָ"־מיליטער, ווײַל ס'איז געווען קעגן אַלע באַשלוסן פון דעם 22סטן מאַי, דאָס וואָס סיסנעראָס האָט זיך ווידער געפונען בראש פון דער רעגירונג.

די אַלץ וואַקסנדע פּאָלקס־אויפרעגונג, האָט געבראַכט דערצו, אַז דער גאַנצער קרײַז האָט געמוזט פאַרלאָזן די אַמטן.

דעם 25סטן מאַי, אינדערפרי, האָט דער שטאַט־ראַט זיך פאַרזאַמלט צו באַהאַנדלען די רעזיגנאַציע פונעם קרײַז.

פון גאַנץ פרי אָן, — כאָטש ס'האָט גערעגנט און אַ קאַלטער ווינט האָט געבלאָזן — איז דאָס אויפגעברויזטע פּאָלק שוין געשטאַנען אויף דעם בולוואַר וואָס אַרום דעם ראַט־הויז.

צוויי יונגע פּאַטריאָטן, פרענטש און בערוטי, האָבן מיט זייערע ווערטער געמוטיקט דעם המון און צעטיילט ווײַס־בלויע סטענגעס, אַלס אָפּצייכענונג, צווישן זייערע אַנהענגער.

דערווײַל האָט דער שטאַט־ראַט אָנגענומען אַלע מיטלען, כדי זיך קאָנען קעגנשטעלן דעם פּאָלקס־ווילן.

צוליב אָט דעם צוועק האָבן זיי אײַנגעלאָדן די מיליטער־שעפן אָנפרעגנדיק זיך בײַ זיי, אויף וועמעס צד דאָס מיליטער געפינט זיך. דער ענטפער איז געווען, אַז דאָס חייל איז מיטן פּאָלק.

די מאַסע האָט אָנגעהויבן צו פאָדערן אויף אַ הויכן קול, וואָס האָט זיך געלאָזט הערן פון אַלע עקן בולוואַר, אַז סיסנעראָס זאָל זיך פאַרנעמען...

נישט באַקומענדיק קיין ענטפער איז בערוטי אַרײַן אין דעם זיץ־זאַל און דאָרט צוגעטראָגן אַ רשימה פון פּערזאָנען, וואָס דאַרפן צוזאַמענשטעלן דעם נײַעם קרײַז (כונטאַ).

דער נײַער שטאַט־ראַט איז געווען געצוווּנגען אָנצונעמען די רשימה, און דער נײַער קרײַז איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַזוי:

פרעזידענט — קאָרנעליאָ סאַאַוועדראַ.

סעקרעטאַרן — מאַריאַנאָ מאָרענאָ און כאָסע פּאַסאָ.

וואָקאַלן — מאַנועל בעלגראַנאָ, כואַן כאָסע קאַסטעלי, מ. אַזקועינאַגאַ, מ. אַלבערטי, ד. מאַטהעאו און כ. לאַררעאַ.

נאָך מ'יטאָג פונעם זעלבן טאָג, האָבן די מיטגלידער פונעם זעלבן קרײַז אָפּגע־

דאָס פאָלק וויל וויסן וואָס ס'קומט פאָר...

געבן די שבועה פון שטאַט־ראַט, און די ערשטע פּאַטריאָטישע רעגירונג איז אַזוי אַרום געשאַפן געוואָרן.

לפנים האָט עס נאָך געהייסן, אַז דער קרײַז רעגירט אין נאָמען פון פערנאַנדאָ דעם זיבעטן; דער אמתער ציל אָבער איז געווען קלאָר פאַר אַלעמען: דערגרייכן דורך אַלע מיטלען, די אומאָפּהענגיקייט פונעם לאַנד.

די פאַרשידענע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג

אין דעם ערשטן פּאַטריאָטישן קרײַז (פּרימערא כונטאַ) האָבן פונעם אָנהייב אָן זיך אויסגעצייכנט צוויי פּערזענלעכקייטן, וועמענס אידייען־גאַנג איז געווען קעגנזעצלעך: סאַאַוועדראַ און מאָרענאָ.

דער ערשטער האָט זיך געשטעלט בראש פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי, און מאָרענאָ — פון דער דעמאָקראַטישער.

די קאָנסערוואַטאָרן האָבן געהאַלטן, אַז מען דאַרף אָנהאַלטן דעם רעזשים וואָס שפּאַניע האָט אײַנגעפירט, און, אַז די גאַנצע רעוואָלוציע איז נישט מער ווי אַ פּשוטער בײַט פון פּערזאָנען. און די דעמאָקראַטן האָבן פאַרקערט, געפאָדערט גרויסע שינויים.

פאַרבײַטן דעם אַלטן רעזשים אויף אַן אַנדערן, וועמענס גרונט־פּרינציפּן זאָלן זײַן: די פרײַהייט און די גלײַכהייט. דאָס האָט נאַטירלעך געדאַרפט ברענגען מיט זיך דעם איבערבײַט פונעם רעגירונגס־סיסטעם, פון די געזעצן און פון די מנהגים.

כדי באַקאַנט צו מאַכן דעם ברייטן פובליקום זײַנע דעמאָקראַטישע אידייען, האָט מאָרענאָ געגרינדעט אַ צײַטונג מיטן נאָמען: „לאַ גאַזעטאַ דע בוענאָס אײַרעס״.

מאָרענאָ איז געווען יונג, געבילדעט און ענערגיש, און איז אייגנטלעך געווען די נשמה פונעם קרײַז. אָבער אינגיכן איז צוליב דער פאַרשיידנאַרטיקייט פון די מיינונגען פון ביידע פּאַרטייען, געוואָרן שווער די ווײַטערדיקע עקזיסטענץ פון דער רעגירונג. ווען עס האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען קיין בוענאָס אײַרעס די דעפּוטאַטן פון אינלאַנד, וועלכע האָבן געדאַרפט בילדן דעם צוקונפטיקן קאָנגרעס, האָבן די קאָנסערוואַטאָרן געוואָלט, אַז די דאָזיקע דעפּוטאַטן זאָלן גלײַך אַרײַנגענומען ווערן אין דער כונטאַ. מאָרענאָ האָט געהאַלטן, אַז די דעפּוטאַטן דאַרפן בילדן אַ באַזונדערן קאָנגרעס. אַזוי ווי די מערהייט האָט געשטימט קעגן זײַן מיינונג — האָט מאָרענאָ דימיטירט. אין אײַניקע טעג אַרום האָט מען אים געשיקט אין אַ ספּעציעלער דיפּלאָמאַטישער שליחות קיין ענגלאַנד, און אויפן וועג איז ער געשטאָרבן.

עס זײַנען באַרימט זײַנע לעצטע ווערטער:

„לעבן זאָל מײַן פאָטערלאַנד, כאָטש איך קום אום!״

זײַנע אידייען זײַנען מיט אים נישט געשטאָרבן. זײַנע פּאַרטיי־לײַט האָבן געגרינדעט אין בוענאָס אײַרעס די פּאַטריאָטישע געזעלשאַפט וואָס האָט פאָרגעזעצט דעם קאַמף.

מאַנואל בעלגראַנאָ (דער 3טער יוני)

— א —

דעם 3טן יוני פון יאָר 1770, איז אין בוענאָס איירעס געבוירן געוואָרן דער פּאַטריאָט מאַנועל בעלגראַנאָ. זיין דערציאונג האָט ער באַקומען אין דער שולע סאַן־קאַרלאָס. שפּעטער האָט ער זי דערגענצט אין שפּאַניע, באַקומענדיק אין דער שטאָט „וואַזשאַדאָליד" דעם אַדוואָקאַטן־טיטל.

אומקערנדיק זיך קיין בוענאָס איירעס, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס סעקרעטאַר פון דער קאָנסערוואַטאָריע. אויף זיין עפנטלעכן אַמט, האָט ער באַלד אַרויסגעוויזן זיינע ליבעראַלע אידייען. אַלץ וואָס ס'האָט געהאָלפן בליען די אינדוסטריע און איז געווען גינסטיק פאַרן לאַנד, האָט געקראָגן זיין אויפריכטיקע שטיצע. זיין פּרינציפּ איז געווען, אַז „קיין שום זאַך איז נישט אַזוי וויכטיק פאַר אַ פּערזאָן, ווי דאָס גליק פון זיינע מיטמענטשן".

אַ גאָר לעבעדיקן אינטערעס האָט ער אַרויסגעוויזן פאַר דער שאַפונג פון פאָלקס־שולן, וועלכע — לויט זיין מיינונג — האָבן געדאַרפט זיין צאָלרייך און אומזיסטיקע. ער איז געווען דער העכסטער ביישפּיל פון נישט זוכן קיין אייגננוצן אין זיין טעטיקייט.

ער איז געווען דער שעפער פון דער אַרגענטינער פאָן.

— ב —

דורך זיין עקספּעדיציע קיין פּאַראַגוויי — פון גרויסע נוצן, כאָטש מיליטעריש האָט זי קיין דערפאָלג נישט געהאַט — איז אים געלונגען צו פאַרשפּרייטן

די פרײַהייטס־אידייע אין יענע מקומות; און טאַקע אין גיכן, איז דאָרט פאָרגעקומען דער אויפשטאַנד, וואָס האָט מיט זיך געבראַכט די אומאָפּהענגיקייט פון פּאַראַגווײַ.

דעם 27סטן פעברואַר פון יאָר 1812, האָט גענעראַל בעלגראַנאָ באַנײַט די באַטעריעס: „אומאָפּהענגיקייט און פרײַהייט", וואָס זײַנען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף די ברעגן פון דעם טײַך פּאַראַנאַ, ניט ווײַט פון ראָזאַריאָ, כדי ניִשט צו דערלאָזן, אַז דעם שונאס שיפן זאָלן קענען דורכגיין. בײַ אָט דער געלעגנהייט, האָט ער „צום ערשטן מאָל" אַרויסגעצויגן די ווײַס־בלויע פאָן, וואָס ער האָט געשאַפן.

ביז אָט דעם טאָג, האָט די רעוואָלוציע נישט געהאַט קיין סימבאָל, וואָס זאָל זי פּרעזענטירן. דעריבער האָט בעלגראַנאָ בײַ אָט דער געלעגנהייט פאָרגעשלאָגן דער רעגירונג צו שאַפן אַן עסקאַראַפּעלאָ פון ווײַסע און בלויע קאָלירן. דעם 18טן פעברואַר פון יאָר 1812 איז זײַן פאָרשלאָג אָנגענומען געוואָרן און עס איז דעקרעטירט געוואָרן דאָס באַנוצן זיך מיט דער נײַער עסקאַראַפּעלאָ. דאָס האָט אָבער נישט אינגאַנצן באַפרידיקט בעלגראַנאָן; און כדי זײַנע סאָלדאַטן זאָלן ניט דאַרפן באַנוצן די זעלבע פאָן וואָס די שפּאַניער, האָט ער אַרויסגעצויגן, צום ערשטן מאָל, די נאַציאָנאַלע פאָן און האָט אַוועקגעשיקט דער רעגירונג אָט אַזאַ מעלדונג:

„אַזוי ווי עס איז נייטיק אַרויסצוציען אַ פאָן און אַזוי ווי מיר פאַרמאָגן ניט אַזאַ, האָב איך געהייסן מאַכן אַזעלכע פון ווײַס־בלויע קאָלירן, לויט די קאָלירן פון דער נאַציאָנאַלער עסקאַראַפּעלאָ".

אָט די מוטיקע האַנדלונג וואָס האָט באַדײַט אַן אַבסאָלוטע אומאָפּהענגיקייט, איז ניט גוטגעהייסן געוואָרן פון דער רעגירונג, און זי האָט אים באַפוילן די פאָן אַרונטערצוציען.

בעלגראַנאָ האָט אָבער אין דער צײַט געדאַרפט איבערנעמען די אָנפירונג פונעם מיליטער פון צפון און איז אַוועק אַהין, דערפאַר איז פאַרבליבן אומבאַקאַנט דער פאַרבאָט פון דער רעגירונג.

אין 1812, ווען מען האָט געפײַערט דעם 2טן יאָרטאָג פון דער רעוואָלוציע, אין דער שטאָט כוכוי, האָט בעלגראַנאָ ווידער פאָרגעשטעלט פאַר די סאָלדאַטן די פאָן וואָס ער האָט געשאַפן. דערזעענדיק זי, האָבן די סאָלדאַטן אויסגעשריען:

— אונדזער בלוט וועלן מיר פאַרגיסן פאַר אָט דער פאָן!

בײַ די ברעגן פון דעם טײַך כוראַמענטאָ, האָט ער דעם 13טן פעברואַר פונעם יאָר 1813, קורץ פאַר דעם זיג פון סאַלטאָ, אָפּגענומען בײַ זײַנע סאָלדאַטן אָט די שבועה:

— דאָס וועט זײַן דער קאָליר פון אונדזער נײַער פאָן, מיט וועלכער ס'וועלן גיין אין קאַמף די סאָלדאַטן פונעם פאָטערלאַנד!

דער היסטאָרישער קאָנגרעס פון טוקומאַן האָט אין זײַן סעסיע פון 25סטן יולי פונעם יאָר 1816 אָנגענומען די ווײַס־בלויע פאָן, אַלס דעם נאַציאָנאַלן סימבאָל.

אין דער גרעסטער אָרעמקייט איז אין דער שטאָט בוענאָס איירעס, דעם 20סטן יוני פון דעם יאָר 1820, געשטאָרבן דער גענעראַל מאַנועל בעלגראַנאָ. ער איז אויסגעגאַנגען אַרום 7 אַזייגער אינדערפרי, שעפּטשענדיק:

— אוי, פּאַטערלאַנד מיינס!...

ביי דער אויטאָפּסיע האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין האַרץ איז געווען גרעסער ווי אַ געוויינלעך מענטשלעך האַרץ.

שטיל, אין אַ פּשוטן קאַסטן פון יאַדלע־האָלץ, האָבן זיינע ברידער און אייניקע געציילטע חברים אים אַוועקגעטראָגן צום קבורה־פּלאַץ, וואָס האָט זיך געפונען אַ האַלבן קוואַרטאַל פון זיין הויז.

„די איינוווינער פון בוענאָס איירעס, האָבן זיך אַפילו נישט דערוווּסט פון דעם טויט פונעם ריינסטן און גרעסטן פון זיינע העלדן".

אונדזער גרויסער שרייבער, מיטרע, רעדנדיק וועגן בעלגראַנאָ, זאָגט אַזוי:

„בעלגראַנאָ איז איינער פון די סימפּאַטישסטע אַרגענטינער פיגורן און איינער פון די ריינסטע רומען פון אַמעריקע.

„נישט נאָר צוליב זיינע אומפּאַרגעסלעכע דינסטן פאַר דער אומאָפּהענגיקייט און פרייהייט, נאָר אויך — און דער עיקר — צוליב דער דערהויבענער מאָראַל פון זיין כאַראַקטער און דער לויטערקייט פון זיינע דעמאָקראַטישע פּרינציפּן".

עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע

דער ערשטער טריאומוויראַט האָט זיך פאַרפליכטעט צו פאַררופן אַ קאָנגרעס וואָס זאָל אויסאַרבעטן די קאָנסטיטוציע פונעם לאַנד. ער האָט אָבער זיין צוזאָג נישט מקיים געווען.

צוליב דעם, איז דעם 8טן אָקטאָבער פונעם יאָר 1812, אויסגעבראָכן אַן אויפשטאַנד אָנגעפירט פון מאָנטעאַגודאָ, סאַן מאַרטין און אַלוועאַר, וועלכע — אַלס דעמאָקראַטן — האָבן פאַרלאַנגט אומאָפּהענגיקייט און אַ קאָנסטיטוציע פאַרן לאַנד.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ נייער טריאומוויראַט, אין באַשטאַנד פון כ. כ. פּאַסאָ, מ. ראָדריגעז פּעניאַ און אַ. אַלוואַרעז כאָנטע.

צווישן די ערשטע באַשלוסן פון דער נייער רעגירונג האָט פיגורירט אַ דעקרעט וועגן דעם פאַררוף פון אַן אַלגעמיינעם קאָנגרעס, וועמענס אויפגאַבע זאָל זיין די שאַפונג פון דער קאָנסטיטוציע און וועמענס מיטגלידער עס האָבן געדאַרפט דערוויילט ווערן פונעם פאָלק.

דער קאָנגרעס איז באַקאַנט, אַלס די פאַרזאַמלונג פון יאָר 13, ווייל זי האָט זיך פאַרזאַמלט אין יאָר 1813.

די פאַרזאַמלונג פונעם יאָר XIII

דער צווייטער טריאומוויראַט האָט פאַררופן דאָס פאָלק צו וויילן די דעפּו־טאַטן וואָס האָבן געבילדעט די אַלגעמיינע קאָנסטיטואירנדע פאַרזאַמלונג.

דעם 31סטן יאַנואַר פונעם יאָר 1813, האָט די דאָזיקע אָנגעהויבן אירע זיצונ־גען. אַלס הויפּטציל האָט זי זיך געשטעלט צו דיקטירן אַ קאָנסטיטוציע, לויט וועל־כער דאָס לאַנד זאָל רעגירט ווערן.

אין דער ווירקלעכקייט אָבער, האָט זי דאָס נישט דערגרייכט. דערפאַר אָבער, האָט זי באַשטעטיקט אַ סך געזעצן פון אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט וואָס האָבן זי באַרימט געמאַכט אין אונדזער געשיכטע.

ביז דאַן האָבן די פּאַטריאָטישע רעגירונגען געהאַנדלט ווי גלייך זיי זאָלן ריידן אין נאָמען פון פערנאַנדאָ דעם זיבעטן, ווי דאָס האָט באַשטימט די אָפענע פאַרזאַמלונג פון 22סטן מאַי.

די פאַרזאַמלונג פון יאָר 13, כאָטש זי האָט נישט פּראָקלאַמירט די אומאָפּ־הענגיקייט, האָט זי אָנגענומען באַשלוסן דורך וועלכע ס'איז געוואָרן קלאָר דער פאַרלאַנג זיך צו באַפרייען פון שפּאַניע.

די געזעצן זיינען פאָלגנדע:

1) עס ווערט באַזייטיקט דער נאָמען פונעם שפּאַנישן קעניג, פון אַלע עפנט־לעכע דאָקומענטן.

2) עס ווערט געשאַפן דער נאַציאָנאַלער הערב.

3) אַרויסלאָזן מטבעות מיט דעם הערב אויפן אָרט פון דעם בילד פון די שפּאַנישע מלכים.

4) עס ווערט דערקלערט דער 25סטער מאַי, אַלס נאַציאָנאַלער יום־טוב.

5) עס ווערט אָנגענומען אַלס נאַציאָנאַלער הימן, דער, וואָס עס האָט גע־שאַפן וויסענטע לאָפּעז אי פּלאַנעס, מיט דער מוזיק פון בלאַס פּאַררעראַ.

6) עס ווערן דערקלערט פריי אַלע שקלאַפן־קינדער וואָס וועלן געבוירן ווערן אין דער צוקונפט.

7) עס ווערן אָפּגעשאַפט די טיטלען פון די אַדללייט און די שקלאַפעריי פון די אינדיאַנער.

8) עס ווערט פאַרבאָטן דאָס באַנוצן טאָרטורן בעת די משפּטים און עס ווערן צעשטערט אַלע עינויים־אינסטרומענטן.

9) עס ווערט דערקלערט פרייהייט פון קאָמערץ און דרוקעריי.

10) עס ווערט געשאַפן אַן אויספיר־מאַכט פון איין פּערזאָן אויפן אָרט פון דריי, און וועלכע באַקומט דעם נאָמען „דירעקטאָריום".

גענעראַל דאָן כאָסע דע סאַן מאַרטין

סאַן מאַרטין איז געבוירן געוואָרן אין זשאַפּעזשו, אין דער פּראָווינץ קאָריענ־טעס, דעם 25סטן פעברואַר פון דעם יאָר 1778.

זײַן מיליטערישע קאַריערע האָט ער דורכגעמאַכט אין שפּאַניע, דינענדיק יע־נעם לאַנד ביז זײַן עלטער פון 34 יאָר.

אינעם יאָר 1812 קומט ער קיין בוענאָס אײַרעס, מיט דעם געדאַנק, זיך אָנ־צושליסן אין דעם קאַמף פאַר דער פרײַהייט, און ער באַקומט פון דעם טריאומווי־ראַט די אויפגאַבע צו שאַפן אַ קאַוואַלעריע־קאָרפּוס, און אַזוי, איז אַ דאַנק אים אַנטשטאַנען דער באַרימטער רעגימענט פון די „רײַטער־גראַנאַדירן".

זײַן ערשטע מיסיע איז געווען, צו געבן אַ לעקציע די שפּאַנישע באַהערדן, וועלכע האָבן נישט דערלאָזט, אַז די באַלאַגערטע אין מאָנטעווידעאָ זאָלן באַקומען די נייטיקע שפּייזן, נאָר פאַרקערט, זיי פלעגן נאָך אַוועקרויבן די אַרגענטינער פּי פון די גיטער, אויף די ברעגן פון פּאַראַגווײַ און פּאַראַנאַ.

סאַן מאַרטין האָט מיט 120 גראַנאַדירן זיך באַהאַלטן נעבן דעם מאָנאַסטיר פון סאַן לאָרענסאָ, און ווען די שפּאַניער זײַנען געקומען נעמען די בהמות וואָס מען האָט ספּעציעל צוגעגרייט אַלס פּאַסטקע, האָט סאַן מאַרטין זיי אַטאַקירט און האָט אָפּגעהאַלטן דעם ערשטן זיג (דעם 3טן פעברואַר פונעם יאָר 1813).

אין אָט דער שלאַכט האָט סאַן מאַרטין שיעור ניט פאַרלאָרן זײַן לעבן. גע־ראַטעוועט האָט אים דער סערזשאַנט קאַבראַל, וועלכער האָט אים מיט זײַן אייגע־נעם קערפּער פאַרשטעלט פון די שונאים. אין עטלעכע שעה אַרום איז קאַבראַל גע־שטאָרבן מיט די ווערטער:

„איך שטאַרב צופרידן! מיר האָבן צעשלאָגן דעם שונא!"

די אַרגענטינער נאַציאָנאַלע סימבאָלן

סאַן מאַרטין איז די ליכטיקסטע מיליטערישע פיגור אין אונדזער געשיכטע. עס זײַנען באַרימט זײַנע נצחונות אין טשאַקאַבוקאָ און מאַיפּו. ער איז דער באַפרײַער פון דרײַ פעלקער:

אַרגענטינע, טשילע און פּערו.

די נאָבלקייט פון זײַן כאַראַקטער האָט זיך אַמבעסטן אַרויסגעוויזן אין באַרימטן צוזאַמענטרעף פון גואַזשאַקיל, ווו ער האָט אָפּגעטראָטן דאָס פּלאַץ באָליוואַרן — כדי אויסצומײַדן אַ ברידער־מלחמה — און אַליין איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פראַנקרײַך, ווו אין דעם שטעטל בולאָן סור מער, איז ער געשטאָרבן אין אָרעמקייט און אַ פאַרגעסענער, דעם 17טן אויגוסט פונעם יאָר 1850, אין דער עלטער פון 72 יאָר.

דער 9טער יולי — טוקומאַנער קאָנגרעס

אַזוי ווי די איבעריקע פּראָווינצן איז נישט געווען אָנגענעם דאָס וואָס אַלע פאַרזאַמלונגען זײַנען פאָרגעקומען אין בוענאָס אײַרעס, האָט מען באַשטימט, אַז דער אַלגעמיינער קאָנגרעס זאָל פאָרקומען אין דער שטאָט טוקומאַן.

גענעראַל אַרטיגאַס, דער אורוגווײַער „קאַודיזשאָ”, האָט דעמאָלט באַהערשט די פּראָווינצן: ענטרע ריאָס, קאָריענטעס, סאַנטאַ־פע און באַנדאַ אָריענטאַל, און האָט נישט דערלאָזט, אַז זיי זאָלן אויספאָלגן בוענאָס אײַרעסער אָנווײַזונג. זייער שווער איז געווען די סיטואַציע פונעם לאַנד אינעם יאָר 1816. פון אויסלאַנד האָבן זיך אָנגערוקט געפאַרן: די שפּאַניער האָבן געזיגט אין טשילע און הויך־פּערו איבער די פּאַטריאָטן; און פערנאַנדאָ דער זיבעטער האָט צוריק פאַרנומען זײַן טראָן און געדראָט מיט שיקן אַן עקספּעדיציע צום לאַ פּלאַטאַ טײַך. פון אינעווייניק האָט דער ציווילער קאַמף און די אַנאַרכיע זיך גענומען אויסשפּרייטן איבערן לאַנד, צוליב די פּראָווינציעלע „קאַודיזשאָס”.

געעפנט זײַנע זיצונגען האָט דער טוקומאַנער קאָנגרעס, דעם 24סטן מערץ פון יאָר 1816. איינע פון זײַנע ערשטע באַשלוסן איז געווען צו באַשטימען כ. מ. דע פּועירעדאָן, אַלס דעם העכסטן דירעקטאָר פון די פאַרייניקטע פּראָווינצן.

דעם 9טן יולי פון יאָר 1816, איז דער קאָנגרעס צוגעטראָטן צו באַהאַנדלען די טעמע פון דער אומאָפּהענגיקייט. פּרעזידענט פון דער זיצונג איז דעמאָלט געווען גאַרסיאַ לאַפּרידאַ און דער סעקרעטאָר כ. כ. פּאַסאָ האָט געפרעגט די דעפּוטאַטן:

— ווילן די פּאַרייניקטע פּראָווינצן זײַן אַ פרײַ פּאָלק און אומאָפּהענגיק פון די קעניגן פון שפּאַניע?

אויפשטעלנדיק זיך מיט אַמאָל, האָבן אַלע געענטפערט:

— יאָ!!

באַלד איז געמאַכט געוואָרן דער געהעריקער אַקט, וועלכן אַלע בײַוועזנדע דע־פּוטאַטן האָבן געחתמעט.

דעם 21סטן יולי איז געשווירן געוואָרן די אומאָפּהענגיקייט. דעם 25סטן איז אָנגענומען געוואָרן די בלוי־ווײַסע פאָן וואָס בעלגראַנאָ האָט געשאַפן.

שפּעטער איז מען איבערגעגאַנגען צום פונקט: „וועלכע זאָל זײַן די רעגי־רונגס־פאָרם", אָבער מ'איז צו קיין שום הסכם נישט געקומען. די מערהייט איז געווען פאַר דעם מאָנאַרכיסטישן סיסטעם. דער גלח סאַנטאַ־מאַריאַ האָט פאָרגע־לייגט, אַז מען זאָל פרעגן בײַם פאָלק און דער ענין איז אָפּגעלייגט געוואָרן. אין יאָר 1817 האָט דער קאָנגרעס זיך אַריבערגעטראָגן קיין בוענאָס אײַרעס און אויס־געאַרבעט דעם „פּראָוויזאָרישן רעגלאַמענט" וואָס האָט געדאַרפט הערשן, ביז עס וועט אויסגעאַרבעט ווערן די קאָנסטיטוציע.



(דאָס היסטאָרישע הויז)

ריוואַדאַוויאַ

דעם 20סטן מאַי פון יאָר 1780, איז אין בוענאָס אײַרעס געבוירן געוואָרן בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ.

ער האָט זיך באַטייליקט אינעם קאַמף מיט די ענגלענדער, אָנטייל גענומען אין די ערשטע נאַציאָנאַלע רעגירונגען, דורכגעפירט דעליקאַטע דיפּלאָמאַטישע מיסיעס און אין פעברואַר פונעם יאָר 1826, איז ער באַשטימט געוואָרן אַלס פּרעזידענט פונעם לאַנד.

דעמאָלט איז די שטאָט בוענאָס אײַרעס דערקלערט געוואָרן אַלס די הויפּטשטאָט פון דער נאַציע.

אַלס רעגירונגס־מענטש האָט ער דורכגעפירט נוצלעכע איניציאַטיוועס און געמאַכט פּלענער פאַר אַנדערע, וואָס זײַנען שפּעטער רעאַליזירט געוואָרן. אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָט ריוואַדאַוויאַ געשענקט דער עפנטלעכער בילדונג. ער האָט געגרינדעט שולן, אויסגעבעסערט די טעקסטן און אויך די שול־בנינים.

ריוואַדאַוויאַ איז געווען דער מענטש פון דער צוקונפט. דערפאַר האָט זײַן עפּאָכע אים נישט אָפּגעשאַצט, און ער האָט אינעם לעבן נישט געהאַט קיין גליק.

אין יאָר 1827 האָט ער אויף אייביק פאַרלאָזט אונדזער לאַנד, באַזעצנדיק זיך אין בראַזיל ווו ער האָט געלעבט איינזאַם. מען דערציילט, אַז צוויי אַרגענטינער יונגעלײַט האָבן אים געוואָלט באַזוכן, אָבער ער האָט זיי נישט אויפגענומען, נאָר זיי געשיקט זאָגן:

— פאַר די אַרגענטינער לעבט שוין נישט בערנאַרדינאָ ריוואַדאַוויאַ!

ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1845 אין דער שטאָט קאַדיז. זײַן ארון האָט מען שפּעטער געבראַכט און באַערדיקט אין זײַן באַליבטער שטאָט בוענאָס אײַרעס.

אויף זײַן מאָנומענט איז אויפגעשריבן מיטרעס אַ פראַזע:

„די גרעסטע ציווילע פערזענלעכקייט פון דער אַרגענטינער ערד“.

Himno Nacional Argentino

(LAS ESTROFAS QUE SE CANTAN)

Oíd, mortales, el grito sagrado:
¡Libertad! ¡Libertad! ¡Libertad!
¡Oíd el ruido de rotas cadenas!
¡Ved en trono a la noble igualdad!

Ya su trono dignísimo abrieron
Las Provincias Unidas del Sud.
Y los libres del mundo responden:
Al gran pueblo argentino ¡Salud!

CORO

Sean eternos los laureles
Que supimos conseguir:
Coronados de gloria vivamos
O juremos con gloria morir.

דער נאַציאָנאַלער הימן

(זײַן שאַפונג)

דער אַלגעמיינער קאָנגרעס פון די פּאַרייניקטע פּראָווינצן פון לאַ פּלאַטאַ טײַך, האָט פאַרגעבן דעם יונגן וויסענטע לאָפּעז, די אויפגאַבע, צו שאַפן אַ פאָלקס־ליד, וואָס זאָל דערמוטיקן די העלדישקייט פון אונדזערע חיילות און זאָל וועקן אין האַרץ פון די בירגער דעם ענטוזיאַזם פאַר דער פרײַהייט.

דער מחבר דערציילט, אַז אים איז אָנגעקומען זייער שווער צו קריגן די נייטיקע ווערטער, וואָס זאָלן פאַרמאָגן דעם גלאַנץ און די פּראַכט וואָס די דערגרייכונגען פון דער רעוואָלוציע האָבן פאַרדינט. נעמענדיק אין אַכט די שוין באַרימטע נצחונות פון הויך־פּערו, טוקומאַן, סאַלטאַ און סאַן לאָרענסאָ.

און דער פּאָעט האָט שוין געמיינט, אַז זײַן מוזע האָט אים פאַרלאָזט, און פּראַי קאַזשעטאַנאָ, וועלכער האָט אויך באַקומען די זעלבע אויפגאַבע, וועט זײַן דער, וואָס וועט פאַראייביקן זיין נאָמען מיט דער שאַפונג פון דעם אומשטערבלעכן הימן.

וועלנדיק זיך אַביסל צעשטרײַען, איז וויסענטע לאָפּעז אַוועק דעם 8טן מאַי אין טעאַטער אַרײַן. אָבער בײַם צווייטן אַקט פון דער פאָרשטעלונג, האָט ער פאַרלאָזט דעם זאָל מיט אַן איבערגעפולט האַרץ און מיט אַ ברענענדיקן מוח. עפּעס אַ מאָדנער געפיל האָט אים אײַנגענומען באַהערשט. קומענדיק אַהיים, האָט ער זיך צוגעזעצט נעבן זײַן קליין טישל און בײַ דער שײַן פון אַ ליכט האָבן אָנגעהויבן געבוירן צו ווערן די רומפולע שורות פון דעם פּאַטערלאַנדס ליד, דאָס ליד וואָס האָט אים אַרײַנגעשריבן אין אַלע אייביקייטן.

אויף דער גאַס פּערו, צווישן ווענעסועלאַ און מעקסיקאָ, אין אַ קאָלאָניאַל הויז, איז אין אַ מאָמענט פון גרויסער עמאָציע, געבוירן געוואָרן דער אַרגענטינער הימן, אַ שאָד וואָס דאָס הויז עקזיסטירט שוין נישט. דאָס הויז ווו דער פּאָעט איז געבוירן געוואָרן און ווו ער האָט געענדיקט די ליכטיקע טעג פון זײַן עלטער.

ווען וויסענטע לאָפּעז האָט אָנגעשריבן דעם הימן, איז ער אַלט געווען 29 יאָר. דעם 11טן מאַי האָט וויסענטע לאָפּעז פּרעזענטירט דאָס ליד פאַר דער פאַרזאַמלונג. מיט גרויס ענטוזיאַזם האָבן אַלע אײַנשטימיק און פײַערלעך דערקלערט, אַז דאָס ליד איז דאָס איינציקע פּאַטריאָטישע געזאַנג. די מוזיק צו אונדזער הימן האָט געשאַפן בלאַס פּאַררעראַ.

דער נאַציאָנאַלער הערב

איינע פון די באַשלוסן, וואָס די פאַרזאַמלונג פון דעם 13טן יאָר האָט אָנגענומען, איז געווען די שאַפונג פון אַ נאַציאָנאַלן הערב, וואָס זאָל סימבאָליזירן די אידייען פון דער רעוואָלוציע און אומעטום זי פאַרשטעלן.

עס איז אָנגענומען געוואָרן פאָלגנדער הערב:

אַן אָוואַל אַרומגערינגלט מיט צוויי לאָרבער קרענץ, וועלכע סימבאָליזירן דעם נצחון. אינעווייניק, אינעם אָוואַל, געפינען זיך צוויי הענט, וואָס שטעלן מיט זיך פאָר די אידייע פון ברודערשאַפט און פרײַנטשאַפט.ביידע הענט האַלטן אַ שטעקן, אויף וועלכן עס איז אָנגעטון דאָס פריגיער היטעלע, וואָס סימבאָליזירט די פרײַהייט.

דער אָוואַל איז צעטיילט אין צווייען:

אויבן — דער הימל, אונטן — די וואַסערן פונעם לאַ פּלאַטאַ־טײַך. אויף דעם שפּיץ פונעם אָוואַל, צווישן ביידע לאָרבער־קרענץ, געפינט זיך די אויפגייענדיקע זון, וואָס באַלײַכט דעם רומפולן געבורט פון דער אַרגענטינער נאַציע. אונטן זײַנען ביידע לאָרבער־קרענץ פאַרייניקט דורך דער ווײַס־בלויער אַרגענטינער פאָן.

דער טאָג פון דער קאָנסטיטוציע

אין דער שטאָט סאַנטאַ פע, האָט זיך אין דעם יאָר 1852, פאַרזאַמלט דער אַל־געמיינער קאָנסטיטואירנדער קאָנגרעס, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען, שאַפן אַ קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער אונדזער לאַנד זאָל רעגירט ווערן.

פאַרשיידענע פּאָליטישע מאָמענטן האָבן באַשווערט די אַרבעט פונעם קאָנגרעס. אָבער סוף כל סוף, איז דעם 1טן מאַי פון יאָר 1853, אָנגענומען געוואָרן די קאָנסטיטוציע וואָס רעגירט אונדז איצטער, און וועמעס הויפּט־פּרינציפּן זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך אונדזער גרויסן דענקער און פרײַהייטס־גײַסט כואַן באַוטיסטאַ אַלבערדי.

די פאַרזאַמלונג האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט דער קאָנסטיטוציע ווערט נישט דערגרייכט די פולקאָמענהייט פון דער געזעלשאַפט. נאָר זייער פאַרלאַנג איז געווען צו געבן דער נאַציע די רעגירונגס־מיטלען, וואָס ס'האָבן געפאָדערט די דעמאָלסדיקע ספּעציעלע באַדינגונגען, די פאָלקס־קולטור און זײַנע טראַדיציעס.

גענעראַל אורקיסאַ האָט באַפוילן, אַז דעם 25סטן זאָל מען דורכפירן אין דער גאַנצער טעריטאָריע פונעם לאַנד דאָס העכסטע געזעץ וואָס איז אָנגענומען געוואָרן אין 1טן מאַי.

דעם 9טן יולי פון דעם זעלבן יאָר, איז אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון די פּראָווינצן, דורך פאָלקס־פאַרזאַמלונגען, געשווירן געוואָרן טרײַהייט דער אָנגענומענער קאָנסטיטוציע.

נישט געטאָן דאָס זעלבע האָט בלויז די פּראָווינץ בוענאָס אײַרעס, וואָס איז ביזן יאָר 1860 געבליבן דערווײַטערט פון דער פאָלקס־פאַראייניקונג, און זיך צוריק אומגעקערט, נאָכדעם ווי אייניקע אַרטיקלען פון דער קאָנסטיטוציע זײַנען געענדערט געוואָרן.

די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע

הקדמה

„מיר, די פֿאָלקס־פֿאַרטרעטער פֿון דער אַרגענטינער נאַציע, פֿאַרזאַמלט אין דעם אַלגעמיינעם קאָנסטיטואירנדן קאָנגרעס, דורכן ווילן און דערווײַלונג פֿון די פּראָווינצן וואָס בילדן זי, דערפֿילנדיק פֿריער־עקזיסטירנדע אָפּמאַכן, מיטן ציל צו בילדן די נאַציאָנאַלע איינהייט, באַפֿעסטיקן די יוסטיץ, פֿאַרשטאַרקן דעם אינערלעכן שלום, באַזאָרגן די געמיינזאַמע פֿאַרטיידיקונג און פֿאַרזיכערן די אינערלעכע פֿרײַהייט, פֿאַר אונדז, פֿאַר אונדזערע קומענדיקע דורות און פֿאַר אַלע מענטשן פֿון דער וועלט וואָס וועלן באַוווינען די אַרגענטינער ערד, פֿאַררופֿנדיק זיך אויף דעם געטלעכן שוץ, דער קוואַל פֿון אַלע רעכטן און גערעכטיקייטן: פֿאַראָרדענען מיר, דעקרעטירן און שטעלן אײַן די דאָזיקע קאָנסטיטוציע פֿאַר דער אַרגענטינער נאַציע.“

אַרט. 14: „אַלע אײַנוווינער פֿונעם לאַנד, געניסן פֿון פֿאָלגנדע רעכטן, אין אײַנקלאַנג מיט די געזעצן וואָס רעגלאַמענטירן זייער אָנווענדונג; דאָס זײַנען: אַרבעטן און פּראַקטיצירן יעדער דערלויבטע מלאכה, מאַכן שיף־רײַזעס און האַנדלען, זיך ווענדן מיט פּעטיציעס צו דער מאַכט; אַרײַנקומען, בלײַבן, דורכפֿאָרן און אַרויספֿאָרן פֿון דער אַרגענטינער טעריטאָריע; פֿאַרעפֿנטלעכן זייערע אידייען דורך דער פּרעסע אָן אַ פּאָרויסיקער צענזור; זיך באַנוצן און האָבן אין באַזיץ זייער אייגנטום; זיך פֿאַראייניקן צוליב נוצלעכע צוועקן; דינען פֿרײַ זייער קולט; אונטעררעכטן און זיך לערנען.

אַרט. 16: „די אַרגענטינער מלוכה אָנערקענט נישט קיין פֿאָרצוגלעכע רעכט פֿון יחוסדיקן בלוט אָדער געבורט: נישטאָ אין איר קיין פּערזענלעכע פּריווילעגיעס און אַדלטיטלען. אַלע אײַנוווינער זײַנע גלײַך פֿאַרן געזעץ און ווערן אָנגענומען אויף אַמטן אָן קיין שום אַנדערן באַדינג, אַ חוץ זייער פֿעאיקייט. די גלײַכהייט איז די באַזע פֿון דעם שטײַער און פֿון די מלוכהשע לאַסטן.

אַרט. 20: „די אויסלענדער געניסן אויף דער טעריטאָריע פֿון דער מלוכה אַלע ציווילע בירגער־רעכט: זיי קענען פּראַקטיצירן זייער מלאכה, האַנדל און פּראָפֿעסיע; באַזיצן אומבאַוועגלעכע גיטער, זיי קויפֿן און פֿאַרקויפֿן; פֿאָרן אויף שיפֿן איבער די טײַכן און ים־ברעגן; פֿרײַ פּראַקטיצירן זייער קולט; שרײַבן צוואות און חתונה האָבן אין הסכם מיט די געזעצן; זיי זײַנען נישט געצוווּנגען אָנצונעמען די בירגערשאַפֿט און נישט צו צאָלן אויסערגעוויינלעכע צוואַנג־שטײַערן; זיי באַקומען בירגערשאַפֿט נאָך צוויי יאָר כּסדרדיקן וווינען אינעם לאַנד; אָבער די מאַכט

קען פֿאַרקירצן דעם טערמין לטובת דעם וואָס בעט עס, אָנגעבנדיק און באַשטע־טיקנדיק זײַנע דינסטן פֿאַר דער רעפּובליק."

אַרט. 21: „יעדער אַרגענטינער בירגער איז פֿאַרפּליכטעט זיך צו באַוואָפֿענען צו פֿאַרטיידיקן דאָס פֿאָטערלאַנד, און די דאָזיקע קאָנסטיטוציע, אין אײַנקלאַנג מיט די געזעצן וואָס דער פּאַרלאַמענט וועט צו דעם צוועק אַרויסגעבן, און מיט די דע־קרעטן פֿון דער נאַציאָנאַלער אויספֿיר־מאַכט. די נאַטוראַליזירטע בירגער זײַנען פֿרײַ צו לײַסטן די דינסט אָדער נישט, אין משך פֿון 10 יאָר, רעכענענדיק פֿון דער צײַט וואָס זיי האָבן באַקומען זייער בירגער־ביכל."

אַרט. 22: „דאָס פֿאָלק באַשליסט נישט, און רעגירט בלויז דורך זײַנע פֿאַר־טרעטער און דורך דער מאַכט, וואָס ווערט געשאַפֿן פֿון דער דאָזיקער קאָנסטיטו־ציע. יעדע באַוואָפֿנטע קערפּערשאַפֿט אָדער גרופּע פּערזאָנען, וואָס נעמט זיך דאָס רעכט פֿונעם פֿאָלק און פֿאָדערט אין זײַן נאָמען, באַגייט אַ פֿאַרברעכן פֿון אויפֿ־שטאַנד."

דער קאַמף אַרום דער קאָנסטיטוציע

פֿון דעם 12טן אַפּריל 1854 זײַנען אין אַרגענטינע געווען ווי צוויי כמעט אומ־אָפּהענגיקע „שטאַטן":

פֿון איין זײַט די אַרגענטינער קאָנפֿעדעראַציע וואָס האָט אָנגענומען די קאָנס־טיטוציע פֿון ערשטן מאַי; פֿון דער צווייטער זײַט — די פּראָווינץ בוענאָס אײַרעס.

די אַזוי גערופֿענע צוויי „שטאַטן" האָבן געשלאָסן צווישן זיך קאָמערציעלע אָפּמאַכן און זיך פֿאַרפּליכטעט געמיינזאַם צו קעמפֿן קעגן יעדן אויסערלעכן שונא, און פֿאַרטיידיקן די אומבאַרירקייט פֿון דער אַרגענטינער טעריטאָריע.

שטילערהייט האָבן עקזיסטירט אין ביידע „שטאַטן" צווייערליי פּאַרטייען: די ערשטע האָט געוואָלט עס זאָל בלײַבן אַלץ ווי עס איז און האָט געזוכט שלום; די צווייטע פּאַרטיי האָט געזוכט אַרויסצורופֿן קאָנפֿליקטן.

פֿאַרשאַרפֿט דעם מצב האָט דער אונטערשייד אין דער פֿינאַנציעלער לאַגע פֿון די ביידע „שטאַטן".

בוענאָס אײַרעס האָט געהאַט רײַכע הכנסות פֿון צאָלאַמט, דאַקעגן די קאָנפֿע־דעראַציע איז געווען אָרעם.

דער געזעץ וועגן „דיפערענצירטע רעכטן״ האָט פאַרשאַרפט די לאַגע און ס׳איז אויסגעבראָכן דער קאָנפליקט. דער קאָנגרעס פון פאַראַנאַ האָט באַפוילן דעם גע־בעראַל אורקיסאַ, אַז ער זאָל מיט אַ באַוואָפנטן כוח אונטערטעניק מאַכן דעם „שטאַט״ בוענאָס אײַרעס.

דעם 23סטן אָקטאָבער פון 1854 איז צעשלאָגן געוואָרן דאָס מיליטער אָנגע־פירט פון גענעראַל מיטרע, אין דער שלאַכט פון סעפּעדאַ.

דעם 11טן נאָוועמבער איז געשלאָסן געוואָרן אַן אָפּמאַך צווישן ביידע צדדים לויט וועלכן בוענאָס אײַרעס שליסט זיך אָן אין דער קאָנפעדעראַציע מיטן באַדינג, אַז אין משך פון 20 טעג זאָל זיך פאַרזאַמלען אין דער שטאָט אַן אַסיפה פון פאָר־שטייער פון אַלע פּראָווינצן וועלכע זאָלן דורכפירן די נייטיקע רעפאָרמעס אין דער נאַציאָנאַלער קאָנסטיטוציע.

דעם 5טן יאַנואַר פון 1860 האָט די פאַרזאַמלונג אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן מיט דער באַטייליקונג פון באַרימטע נאַציאָנאַלע פערזענלעכקייטן ווי מיטרע, סאַר־מיענטאָ, אַדאָלפאָ אַלסינאַ, מאַרמאָל, עליזאַלדע, וועלעס סאַרספיעלד א״אַ.

די הויפּט־רעפאָרמעס וואָס זײַנען פאָרגעשלאָגן געוואָרן זײַנען געווען:

א) עס דאַרף ווערן די הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק, דאָס אָרט וואָס דער נאַציאָנאַלער קאָנגרעס וועט באַשטימען מיט דער הסכמה פון דער פּראָ־ווינציעלער לעגיסלאַטור. דאָס דאָזיקע פלאַץ וועט פעדעראַליזירט ווערן.

ב) די הכנסות פון דעם צאָלאַמט פון דער פּראָווינץ בוענאָס אײַרעס — דאַרפן נאַציאָנאַליזירט ווערן. דער פּראָווינץ בוענאָס אײַרעס דאַרף פאַרזיכערט ווערן איר ביודזשעט אויפן משך פון פינף יאָר.

צום באַדויערן זײַנען אויסגעבראָכן מיספאַרשטענדענישן און קאָנפליקטן, וואָס האָבן געבראַכט צו נײַע שלאַכטן.

דעם 17טן סעפּטעמבער פון 1861 האָט מיטרע צעשלאָגן דאָס מיליטער פון דער פעדעראַציע אין די פעלדער פון פּאַוואָן.

נאָך דעם זײַנען פאָרגעקומען די נייטיקע אונטערהאַנדלונגען, וועלכע האָבן סוף־כל־סוף געבראַכט צו אַן אײַנפאַרשטענדעניש צווישן ביידע צדדים, און באַר־טאָלאָמע מיטרע ווערט פּראָקלאַמירט דעם 5טן אָקטאָבער פון 1862 אַלס פאַרדינסט־פולער, נאַציאָנאַלער טוער פאַרן פאָטערלאַנד און ווערט אויסגעקליבן אַלס קאָנסטי־טוציאָנעלער פּרעזידענט פון דער רעפּובליק.

דער 11טער סעפּטעמבער

(סאַרמיענטאָ און לערער־טאָג)

צופוסנס פון די אַנדן־בערג, איז אין סאַן־כואַן, דעם 15טן פעברואַר פון דעם יאָר 1811, געבוירן געוואָרן דער גרויסער אַרגענטינער שטאַטס־מאַן און דערציער דאָמינגאָ פאַוסטינאָ סאַרמיענטאָ, און איז געשטאָרבן אין אַסונסיאָן פון פּאַראַגווײַ דעם 11טן סעפּטעמבער 1888.

זײַן ערשטע בילדונג האָט ער באַקומען אין זײַן געבורטס־שטאָט. ס׳איז באַקאַנט זײַן גרויסע ליבע צו דער שול און צום לייענען. אַ דאַנק זײַנע בעסטע חברים, די ביכער, האָט ער באַקומען אַ רײַכע און אַלזײַטיקע בילדונג, כאָטש ער האָט קיינמאָל נישט באַזוכט קיין העכערע שול. צו 15 יאָר לערנט ער שוין מיט שילער, וואָס זײַנען אַ סך עלטער פון אים. צו 16 יאָר באַטייליקט ער זיך אין דעם קאַמף צווישן די פעדעראַלן און „אוניטאַריאָס". ווען פאַקונדאָ קיראָגאַ ווערט באַלעבאָס פון דער געגנט, עמיגרירט סאַרמיענטאָ קיין טשילע, און אַרבעט דאָרטן אַמאָל אַלס לערער און אַמאָל אַלס מינען־אַרבעטער.

אינעם יאָר 1836 איז ער צוריק דאָ אין סאַן כואַן און גרינדעט דאָרט אייניקע שולן און די צײַטונג „על סאָנדאַ".

אינעם יאָר 1842, איז ער ווידער אין טשילע, וווּ ער שרײַבט אָן זײַן באַרימט ווערק „פאַקונדאָ" און גרינדעט די ערשטע צײַטונג אין סאַנטיאַגאָ דע טשילע.

שפּעטער רײַזט ער איבער נאָרד אַמעריקע און אייראָפּע, גרינדעט דערנאָך אין טשילע נײַע צײַטונגען אין וועלכע ער באַקעמפט ראָסאָסעס הערשאַפט.

ווען אורקיסאַ מאַכט דעם אויפשטאַנד קעגן ראָסאַסן קערט זיך סאַרמיענטאָ אום קיין אַרגענטינע און באַטייליקט זיך אין דער שלאַכט פון קאַסעראָס.

אַלס אַלגעמיינער דירעקטאָר פון די שולן, טוט ער זייער אַ סך אויף פאַר דער אויסבעסערונג און פאַרפולקאָמונג פון דער אונטערריכט.

שפּעטער באַטייליקט ער זיך אַקטיוו אין דעם פּאָליטישן לעבן פון דעם לאַנד. ער פאַרנעמט די אַמטן פון גובערנאַטאָר און אַמבאַסאַדאָר.

פון 1868 ביז 1874 איז ער פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק, און אין דער צייט ווערן געגרינדעט אַ סך מיטל־שולן, ביבליאָטעקן, מיליטערישע שולן און די אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע אין קאָרדאָבאַ.

ביז אין יאָר 1879, זעצט ער ווייטער פאָר זיין אינטענסיוו־פּאָליטיש לעבן, ביז ער דערפילט זיך שלאַף און פאָרט אַריבער קיין אַסונסיאָן זוכנדיק אין יענעם וואַרעמען קלימאַט אַ פאַרלייכטערונג צו זיין קרענק, און שטאַרבט דאָרט אין עלטער פון 77 יאָר.

דער טאָג פון סאַרמיענטאָס טויט, איז באַשטימט געוואָרן אַלס לערער־טאָג, ווייל „סאַרמיענטאָ איז געווען דער לערער פון דער שול פון דעם אַרגענטינער פאָלק".

אַ באַגריף פון סאַרמיענטאָס אינטענסיווער אַרבעט לטובת דער אַרגענטינער פאָלקס־בילדונג, שאַפט דער פאַקט, וואָס אונטער זיין פּרעזידענץ איז די צאָל תלמידים אין די אַרגענטינער שולן געוואַקסן פון 30.000 ביז 100.000.

ווען סאַרמיענטאָ וואָלט געקענט אויפשטיין און זען, וואָס פאַר אַ רייכע פּרוכטן עס טראָגן די זוימען, וואָס ער האָט פאַרזייט!

באַרטאָלאָמע מיטרע

דעם 26סטן יוני פונעם יאָר 1821, איז געבוירן געוואָרן אין בוענאָס איירעס, באַרטאָלאָמע מיטרע און איז געשטאָרבן אין דער זעלבער שטאָט דעם 19טן יאַנואַר 1906.

זיין יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין פּאַטאַגאָניע, ביי די ברעגן פונעם ריאָ נעגראָ. זיין דערציונג האָט ער באַקומען אין בוענאָס איירעס און אין מאָנטעווידעאָ.

צו 17 יאָר הייבט ער אָן זיין דאָפּלטע קאַריערע אַלס מיליטאַר און אַלס פּאָעט.

בעת ראָסאַסעס חיילות האָבן באַלאַגערט מאָנטעווידעאָ האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זיין מיליטערישן מוט און מיט זיין שאַרפער פען, ווייל מיט ביידע האָט ער באַקעמפט ראָסאַסן.

אין דעם יאָר 1845 גרינדעט ער אין באָליוויע די מיליטער־שול; עמיגרירט קיין טשילע, ווו ער גיט זיך אָפּ מיט פּעריאָדיזם.

אין דער שלאַכט פון קאַסעראָס געפינט ער זיך נעבן אורקיסאַן.

פונעם יאָר 1852 נעמט ער אָן אַקטיוון אָנטייל אינעם פּאָליטישן לעבן פון אונדזער לאַנד.

פון 1862 ביז 1868 איז ער פּרעזידענט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק.

בעת דער מלחמה מיט פּאַראַגווײַ איז ער דער אויבער־קאָמאַנדיר פון די פאַר־אייניקטע חיילות פון אַרגענטינע, אורוגווײַ און בראַזיל.

אין דעם יאָר 1891 ווײַל מען אים נאָכאַמאָל אויסוויילן אַלס פּרעזידענט, נאָר ער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אָפּ פון דעם.

עס איז באַרימט מיטרעס פּרעכטיקע לידער־זאַמלונג אונטערן נאָמען „רימאַס״, זײַן איבערזעצונג פון ד. אַליגיעריס „געטלעכע קאָמעדיע״ און זײַנע גרויסע היס־טאָרישע ווערק איבער סאַן מאַרטין און בעלגראַנאָ.

ער האָט געגרינדעט די צײַטונג „לאַ נאַסיאָן״, וועלכע איז איינע פון די פּראַכט־פולסטע אויסדרוקן פונעם אַרגענטינער צײַטונגס־וועזן.

אַלבערדי

איינער פון די ליכטיקסטע גײַסטער פון אַרגענטינע, איז געווען כואַן באַו־טיסטאַ אַלבערדי.

אַלבערדי האָט ניט פאַרנומען קיין שום אָפיציעלן אַמט און האָט ניט רעגירט איבערן לאַנד פון עפנטלעכע פּאָזיציעס וואָס ווערן געשטיצט פון באַשטימטע כו־חות. אַלבערדיס אויטאָריטעט שטאַמט פון גאָר אַן אַנדער קוואַל, און דאָך האָט ער געהאַט איינע פון די גרעסטע, דויערהאַפטיקסטע ווירקונגען אויף דער אַנטוויקלונג פון אונדזער לאַנד; ווײַל אַלבערדי האָט באַצייכנט די וועגן אויף וועלכע ס׳האָט זיך אַנטוויקלט די עקזיסטענץ פון דעם אַרגענטינער פאָלק, דורך דעם כוח פון זײַ־נע אידייען, דורך דער פאַרשפּרייטונג פון זײַנע געדאַנקען, און דורך דער ווירקונג פון זײַנע דעמאָקראַטישע געפילן.

דאָס אַלץ דורך דעם קולטורעלן ווערק און ווירקנדיקער פּראָפּאַגאַנדע וואָס ער האָט דורכגעפירט אַלס פּובליציסט.

אין דעם זין איז ער געווען און וועט זײַן אַן אומשטערבלעכער וואָס הערשט און באַפעלט; אַ שטענדיקער און אומדערמידלעכער רעגירער פאַר אַלע צײַטן און אין אַלע היניזיכטן פון דעם נאַציאָנאַלן לעבן.

אַלבערדיס ביאָגראַפיע ווערט ניט צוזאַמענגעשטעלט דורך די, אָדער יענע האַנדלונגען, נאָר דורך שריפטן; זי באַשטייט ניט פון פאַקטן, נאָר פון געדאַנקען.

אַלבערדי נעמט ניט אָנטייל אין קיין שום שלאַכט, ער איז ניט קיין קאַנדידאַט פאַר רעגירונגס־אַמטן. ער טראַכט און שרײַבט. פון אויסלאַנד דינט ער זײַן פאָטער־לאַנד מיט דער אויסערגעוויינלעכער קראַפט פון זײַן אינטעליגענץ און זײַן קולטור.

פאַר דער זעלטענער פּערזענלעכקייט פון דעם מחבר פון „לאַס באַסעס״ האָבן זיך געבויגן מיט יראת הכבוד אַפילו זײַנע גרעסטע קעגנער, ווײַל ער איז געווען דער קינסטלער און אין דער זעלבער צײַט דער אויספירער פון דער מאָראַלישער גרויסקייט וואָס איז דער כבוד פון אונדזער טראַדיציע.

על פי וו. ס. גאַזשאַ.

די באַפעסטיקונג פון דער נאַציאָנאַלער אייניקייט

נאָך סאַרמיענטאָס פּרעזידענץ הייבט זיך אָן אין אונדזער לאַנד די צײַט פון ריכטיקן פּראָגרעס. אַלע פּרעזידענטן וועגן וועלכע מיר וועלן שפּעטער רעדן, ווי אַוועזשאַנעדאַ, ראָקאַ, איריגאָזשען א״א, האָבן פאָרגעזעצט סאַרמיענטאָס פרוכט־באַרע טעטיקייט: מען האָט אַנטוויקלט די אַגריקולטור, פּיצוכט און קאָמערץ.

אַ ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָט מען געשענקט דער דערציונג פון די פאָלקסמאַסן; די באַנליניעס האָבן זיך אַלץ טיפער געצויגן צו די ווײַטסטע ווינקלען פון אונדזער לאַנד.

די שטאָט בוענאָס אײַרעס, אַלס הויפּטשטאָט פון דער רעפּובליק, און אָפּגע־טיילט פון דער פּראָווינץ מיטן זעלבן נאָמען, איז געוואַקסן און איז שענער געוואָרן פון יאָר צו יאָר.

מע קען זאָגן, אַז אין דער דאָזיקער עפּאָכע האָט זיך פאַרפעסטיקט די אייני־קייט פון דעם אַרגענטינער פאָלק: עס זײַנען מער ניט געווען קיין רעוואָלוציעס וואָס זאָלן אויסברעכן צוליב קאָנפליקטן פון איין פּראָווינץ מיט דער צווייטער. אויך דער עקאָנאָמישער פּראָגרעס איז אין דער זעלבער צײַט געווען אַן אויסער־געוויינלעכער. אונדזערע רחבותדיקע פעלדער, באַאַרבעט דורך אַרגענטינער און אויסלענדער וועלכע האָבן דאָ געמאַכט זייער היים, האָבן דערמעגלעכט, אַז אונדזער לאַנד זאָל פאַרנעמען איינעם פון די הויפּטפּלעצער פון די פּראָדוצירער פון תבו־אות און פלייש.

די ווערק פון די פּראָסערס ווי ריוואַדאַוויאַ, מיטרע און סאַרמיענטאָ, האָבן געשאַפן פאַר אונדזער לאַנד די פונדאַמענטן פון איר רײַכטום. רײַכטום אין צווייער־ליי הינזיכטן: ערשטנס — די מאַטעריעלע גיטער, די פּראָדוקטן פון דער ערד. די אינדוסטריע און קאָמערץ; צווייטנס — די גײַסטיקע אוצרות.

די דערציאונג פון די פאָלקסמאַסן מיט וועלכער ס׳האָבן געטרוימט מאָרענאָ, ריוואַדאַוויאַ און סאַרמיענטאָ, איז הײַנט אַ זיכערע ווירקלעכקייט.

אונדזערע גרויסע פאָרגייערס האָבן נישט געזייט אומזיסט.

די טויזנטער פאָלקסשולן, די הונדערטער מיטלשולן, די פאַרשיידענע הויכ־שולן און אוניווערזיטעטן וואָס געפינען זיך אין אַרגענטינע, דערציילן אַז דאָס גײַסטיקע לעבן פון אונדזער לאַנד שפּאַנט מיט ריזיקע טריט פאָרויס.

אַז ניט נאָר די אָנפאַנגס־בילדונג, נאָר אויך די מיטלבילדונג ווערט איצט דער קנין פון דעם גרעסטן טייל פון דער אַרגענטינער יוגנט אין אונדזערע שטעט.

אויך אונדזערע אוניווערזיטאַריער שאַפן אונדז אַ שם צווישן די אַלע ערשט־ראַנגיקע וויסנשאַפטלער. די געלערנטע פון דער גאַנצער וועלט נעמען אויף מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט און רעספּעקט זייערע אַנטדעקונגען און אָנווײַ־זונגען.

ווייטערדיקע פרעזידענטן

נאָך סאַרמיענטאָן איז געווען פרעזידענט דער גרויסער טריבון אַוועזשאַנעדאַ (1874 — 1880). אין זײַן פעריאָד האָט זיך פאַרענדיקט די דעראָבערונג פון „מדבר", און די שטאָט בוענאָס אײַרעס איז דעפיניטיוו פעדעראַליזירט געוואָרן און אָנערקענט געוואָרן אַלס די הויפּטשטאָט פון דער אַרגענטינער רעפּובליק.

אונטער דער פרעזידענץ פון כוליאָ אַ. ראָקאַ (1880 — 1886 און 1904 — 1898), ווערט אָנגענומען דאָס געזעץ פון אָבליגאַטאָרישע און אומזיסטיקע בילדונג פאַר קינדער פון 6 און 14 יאָר. אונטער דער פרעזידענץ פון ראָקעס סאָענס פעניאַ (1910 — 1914), ווערט סאַנקציאָנירט דאָס וואַל־געזעץ וואָס שטעלט פעסט די געצוווּנגענע און געהיימע שטימרעכט.

אין דער צײַט ווען היפּאָליטאָ איריגאָזשען (1916—1922 און 1928—1930), איז געווען פרעזידענט, קומט פאָר די ערשטע וועלט־מלחמה און איריגאָזשענען געלינגט אויפצוהאַלטן די נייטראַליטעט פון אַרגענטינע, נישט קוקנדיק וואָס אַ סך אַנדערע אַמעריקאַנער לענדער האָבן זיך באַטייליקט אין קאָנפליקט.

דעם 4טן יוני 1943, ברעכט אויס אַ מיליטערישע רעוואָלוציע וועלכער דערפירט דערצו, אַז ד"ר קאַסטיזשאָ, וועלכער איז געווען פרעזידענט פון 1942 ביז 1943, זאָל צושטעלן זײַן רעזיגנאַציע דעם 5טן יוני.

דעם 7טן יוני ווערט געשאַפן אַ רעגירונג אונטער דער פרעזידענץ פונעם גענעראַל ראַמירעז.

דעם 9טן מאַרץ 1944, ווערט פרעזידענט גענעראַל עדעלמיראָ כ. פאַררעל.

ח. נ. ביאַליק ייִדיש: ש. צעסלער

דער אלף בית

גלײַך דעם ערשטן טאָג, ווען דער באַהעלפער האָט מיר געוויזן דעם טאָוול מיטן „אלף־בית" מיט זײַנע גלײַכע שורות אותיות — האָט מיר באַלד אַ בליץ געטאָן אין מײַן פאַנטאַזיע, און פאַר מײַנע אויגן האָבן זיך באַוויזן: פאַלקן, פאַלקן מיט סאָלדאַטן, ענלעך צו יענע, וועלכע מאַרשירן אַמאָל דורך פאַרבײַ אונדזער שטוב, מיטן פײַקלער בראש:

— טאַם! טאַ־ראַ־ראַם!

באַזונדער ענלעך צו דעם, זײַנען מ'ר אויסגעקומען די שורות „אַלפן" און „גימלען" מיט די „קבוצן" פון אונטן, זיי האָבן מיר אויסגעוויזן ממש ווי זעלנער באַוואָפנט פון קאָפּ ביזן פוס. אָט די „אַלפן" מיט זייערע רוקזעק פון הינטן, גייען אַ ביסל אײַנגעבויגן אונטער זייער משא, ווי סאָלדאַטן, וועלכע ציען צום קריג. און אָט די „גימלען" מיט געשטרעקטע פיס פאָרויס, שטייען גרייט צום פּאַראַד־מאַרש.

מײַנע אייגעלעך האָבן אָנגעהויבן אַרומצוואַנדערן און זוכן אויף די זײַטן פונעם טאָוול און אויף זײַנע ברעגן.

— וועמען זוכסטו? — גיט מיר אַ פרעג דער באַהעלפער.

— דעם באַראַבאַנשטשיק! — — — ענטפער איך און מײַנע אייגעלעך הערן נישט אויף צו זוכן.

דער באַהעלפער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר מײַן גאַמבקעלע, פאַרריסן מײַן קעפעלע אַ ביסל אַרויפצו און אויסגעגלאָצט אויף מ'ר אַ פּאָר בהמהשע אויגן. אָבער, גלײַך איז ער געקומען צו זיך און אויסגערופן:

— אַוועק! אַרונטער!

באַלד איז אַרויף אויף דער באַנק אַ צווייט קינד, אויף מײַן פּלאַץ, און איך בין אַ צעקלעמטער אַרונטער פון דער באַנק און זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקעלע, נישט פאַרשטייענדיק וואָס דער באַהעלפער פאַרלאַנגט פון מיר.

דעם גאַנצן טאָג, האָב איך געהאַלטן אין איין קלערן וועגן פאַלקן און וועגן סאָלדאַטן. און אויף מאָרגן, ווען איך בין ווידער אַרויף אויף דער באַנק, האָט דער באַהעלפער מיר געוויזן אַן „א" און געזאָגט:

— דו זעסט אַ קאָראָמיסלע מיט צוויי עמערס? — — —

— „אמת, כ'זאָל אַזוי לעבן, אַ קאָראָמיסלע מיט צוויי עמערס" — — — —

— דאָס איז אַן „אַלף" — באַשטעטיקט דער באַהעלפער.

— דאָס איז אַן „אַלף" — זאָגט איך אים נאָך.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט מיך, דער באַהעלפער ווידער.

— אַ קאָראָמיסלע מיט צוויי עמערס! — רוף איך זיך אָן און קוועל פון גרויס הנאה, וואָס דער רבונו של עולם האָט מיר דאָ צוגעגרייט אָט די שיינע כלים.

— ניין, זאָג: „אַלף״! — חזרט איבער דער באַהעלפער, און איך נאָך אים.

— געדענק: „אַלף״, „אַלף״!

— „אַלף״, „אַלף״ — — — —

און ווי נאָר איך בין אַרונטער פון דער באַנק און אַוועק פונעם באַהעלפער, איז באַלד די „אַלף״ מיר אַרויסגעפלויגן פונעם קאָפּ און אויף איר פּלאַץ איז געקומען מאַרוסיע די וואַסער־טרעגערין. אַ גאַנצן טאָג איז זי נישט אַוועק פון מײַנע אויגן. כ׳האָב זי געזען ווי זי שטייט און גייט: מיט אירע באָרוועסע פיס, גראָבע קליידער, און מיט דער קאָראָמיסלע און עמערס אויף אירע אַקסלען.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט מיך דער באַהעלפער צומאָרגנס און ווײַזט מיר אויף דער „אַלף״.

— אוי, מאַרוסיע! — — — שרײַ איך אויס אַ פריילעכער פון מײַן אַנטדעקונג.

דער באַהעלפער האָט מיך אָנגענומען פאַר מײַן גאָמבקע און אויסגערופן:

— גוי! — „אַלף״! „אַלף״! — — — —



אברהם רייזען

דער גמרא־ניגון

וואָס זשע קלאָגסטו בײַ דער גמרא
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער?
און דײַן ווײנענדיקער ניגון
אין מײַן האַרצן גייט אַריבער;

און מײַן אויג איז פֿײַכט געוואָרן,
מיט אַ טרער איז עס פֿאַרלאָפֿן.
קלויזניק בלאַסער, קלויזניק ליבער,
זאָג, וואָס האָט מיט דיר געטראָפֿן?

צי דו בענקסטו אַהיים נאָך דײַנע
טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער —
וואָס אָן זיי ביסטו געבליבן,
ווי אַ שיפֿל אָן אַ רודער?

אָדער, אויפֿן טאָג בײַ לייבן,
ביסט אַ לאַנגע צײַט געזעסן,
ביז מען האָט געזאָגט: „נו, בחור,
נעם די קוואָרט און וואַש זיך עסן?!"

אָדער אפשר, גלאַט, דו שעמסט זיך
עסן ברויט אויף פֿרעמדע טישן,
און מיט בלוט, מיט הייסע טרערן,
שלינגסטו אַראָפּ דו יעדן ביסן?

אָדער ס'פֿעלט דיר אויס אַ „מאָנטיק",
און עס האָט דיר שוין געטראָפֿן
נישט איינמאָל, זיך לייגן הונגעריק,
אויף דער האַרטער באַנק צו שלאָפֿן?

און דו האָסט זיך איצט דערמאָנט אַליין
און דו קאָנסט עס נישט פֿאַרטראָגן,
און בײַ רבא'ן, בײַ רב פּפּא'ן,
ווילסטו איצט דײַן וויי אויסקלאָגן?

הייב זשע העכער אויף דעם ניגון,
שטאַרקער, העכער, דריי די טרעלן;
וועסט דײַן בענקעניש פֿאַרגעסן,
און דער הונגער וועט נישט קוועלן.

שלום עליכם

דאָס מעסערל

— א —

צו קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי קיין חשק נישט געהאַט, ווי צו אַ מעסערל; קיין זאַך אויף דער וועלט האָב איך אַזוי נישט געגאַרט צו האָבן ווי אַ מעסערל, אַן אייגן מעסערל. דאָס מעסערל זאָל זיך ליגן אין קעשענע, און ווען איך וויל זאָל איך מיר דאָס אַרויסנעמען, און וואָס איך וויל, זאָל דאָס מיר שנײַדן — און לאָזן מײַנע חברים וויסן! איך האָב נאָר וואָס אָנגעהויבן גיין אין חדר צו יאָסל דרדקי, האָב איך שוין געהאַט אַ מעסערל, דאָס הייסט, כמעט ווי אַ מעסערל. איך האָב דאָס מיר טאַקע אַליין געמאַכט. איך האָב אויסגעריסן אַ גענדזענע פֿעדער פֿון

אַ פלעדערוויש, פון איין זײַט אָפּגעהאַקט, פון דער אַנדערער זײַט אויסגעגלעט און האָב מיר פאַרגעשטעלט, עלעהיי ס׳איז אַ מעסערל און ס׳שנײַדט...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פעדער, וועלכע שוואַרצע יאָר?! וואָס איז דאָס פאַר אַן אַרומטראָגן זיך מיט פעדערן? — פרעגט מיך דער טאַטע, אַ קראַנקער ייד מיט אַ געל אויסגעטריקנט פּנים און פאַרהוסט זיך. — נאַ דיר גאָר פעדערן, שפּילעכלעך — קהע־הע־הע־הע!

— וואָס אַרט דיך, אַז דאָס קינד שפּילט זיך? — ענטפערט אים די מאַמע, אַ נידעריטשקע יידענע מיט אַ זײַדן טיכל אויפן קאָפּ, — אַבי אויסעסן זיך דאָס האַרץ, מײַנע שונאים!

שפּעטער אַז איך האָב שוין געהאַלטן בײַ „חומש מיט חיבור״ האָב איך שוין געהאַט כמעט אַן אמתדיק מעסערל, אויך מײַן אייגענע מלאכה. איך האָב דערטאַפּט אַ שטיקל שטאָל פון דער מאַמעס „קרינעלינע״ און האָב דאָס אײַנגעזעצט זייער קונציק אין אַ שטיקל האָלץ. דאָס שטיקל שטאָל האָב איך רעכט אָנגעשאַרפט אָן אַ טאָפּ און איך האָב זיך דערבײַ, געוויינטלעך, צעשניטן אַלע פינגער.

— זע נאָר, זע, ווי ער האָט זיך דאָס אַביסל צעבלוטיקט, דער קדיש דײַנער, — שרײַט דער טאַטע און נעמט מיך אָן בײַ די פינגער אַזוי, אַז די ביינדלעך קנאַקן.

— אוי, אַ דונער איז מיר! — זאָגט די מאַמע און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל און וואַרפט דאָס אַרײַן אין אויוון אַרײַן, קוקט נישט אויף מײַן געוויין: — אַצינד וועט דאָס האָבן אַן עק, וויי איז מיר נישט!

איך האָב אָבער גיך באַקומען אַן אַנדער מעסערל, טאַקע אויף דער רעכטער אמת אַ מעסערל, אַ הילצערנער קלעצל, אַ קײַלעכיקס, אַ בײַכיקס, ענלעך אויף אַ פעסל, מיט אַ האַרבאַטע קלינגל, וועלכעס האָט זיך אי געעפנט אי פאַרמאַכט. איר ווילט וויסן ווי אַזוי האָב איך דאָס באַקומען? איך האָב מיר צונויפגעשלאָגן אַ קאַפּיטאַל פון די אָנבײַסנס און האָבן אָפּגעקויפט בײַ שלמהלען פאַר זיבן גראָשן מזומן און דרײַ בין איך אים געבליבן שולדיק.

אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! אוי, האָב איך דאָס ליב געהאַט! געקומען אַהיים פונעם חדר, אַ הונגעריקער, אַ שלעפעריקער, איז דאָס ערשטע געווען — אַרויסנעמען דאָס מעסערל פון אונטער דער שוואַרצער שאַפע (דאָרט איז דאָס געלעגן אַ גאַנצן טאָג, מחמת אין חדר האָב איך דאָס נישט געטאָרט האַלטן און אין דער היים, האָט אַוודאי קיינער נישט געטאָרט וויסן, אַז איך האָב אַ מעסערל); נאָכדעם האָב איך דאָס גענומען אויסגלעטן, איבערשנײַדן אַ שטיקל פּאַפּיר. איבערהאַקן אַ שטרוי אויף דער האַלב און ערשט נאָכדעם צעשנײַדן מײַן חלק ברויט אויף קליינטשינקע שטיקלעך, אויפשטעכן אויפן שפּיץ פון קלינגל און ערשט נאָכדעם לייגן אין מויל אַרײַן.

שפּעטער, פאַרן שלאָף, האָב איך דאָס אויסגערייניקט, אויסגעשײַערט, אויסגעפוצט, גענומען דאָס שאַרפשטיינדל וואָס איך האָב געפונען בײַ אונדז אויפן בוי־

דעם, אָפּגעשפּיגן און גענומען זיך שטילערהייט צו דער אַרבעט — שאַרפן דאָס מעסערל, שאַרפן, שאַרפן...

דער טאַטע מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ זיצט איבער אַ ספר, לערנט און הוסט, הוסט און לערנט.

די מאַמע איז אין קיך, פּאָרעט זיך בײַ דער חלה. איך הער נישט אויף דאָס מעסערל צו שאַרפן, שאַרפן...

פּלוצלונג כאַפּט זיך אויף דער טאַטע פונעם שלאָף.

— ווער פּישטשעט דאָרטן? ווער אַרבעט דאָס? וואָס טוסטו, דו ש־היי־היי־געץ איינער?

ער גייט צו צו מיר און בייגט זיך אָן איבער מײַן שאַרפשטיינדל און כאַפּט מיר פאַרן אויער און פאַרהוסט זיך.

— א־א־א? מעסערלעך!? ע־ע־ע! — זאָגט דער טאַטע — און נעמט צו בײַ מיר דאָס מעסערל מיטן שאַרפשטיינדל. — אַזאַ יונגאַטש, קאָן נישט נעמען אַ ספר אין האַנט!

איך הייב אָן צו וויינען אויף אַ קול; דער טאַטע פאַרבעסערט מיר מיט עטלעכע פּעטש און די מאַמע לויפט אַרײַן פון קיך מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל מיט אַ געוואַלד:

— שאַ, שאַ, וואָס איז דאָרט אַזעלכעס? פאַרוואָס שלאָגסטו אים? גאָט איז מיט דיר! וואָס האָסטו צום קינד! ווי איז מיר נישט!...

— מעסערלעך?... — שרײַט דער טאַטע און פאַרהוסט זיך, — אַ ברעקעלע קינד?... אַזאַ יונגאַטש!... קאָן נישט נעמען אַ ספר אין האַנט? אַ בחורל פון אַכט יאָר!... איך וועל דיר געבן מעסערלעך, דו פוסטער בחור איינער, אין מיטן דרינען גאָר מעסערלעך!

געוואַלד, וואָס האָט ער געהאַט צו מײַן מעסערל? וואָס האָט דאָס בײַ אים אַזוינס פאַרזינדיקט?... פאַרוואָס איז ער אַזוי אין כעס!...

איך געדענק מײַן טאַטן כמעט שטענדיק קראַנק, שטענדיק בלאַס, געל און תמיד אין כעס, תמיד ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט. פאַר אַ מינדסט נאַרישקייט ווערט ער אָנגעצונדן און וויל מיך נאָר שלאָגן. אַ גליק, וואָס די מאַמע פאַרהיט מיך, זי לייזט מיך אויס פון זײַנע הענט.

און דאָס מעסערל מײַנס האָט מען פאַרוואָרפן, פאַרוואָרפן אַזוי ווײַט, אַז איך האָב דאָס אַכט טאָג כסדר געזוכט און האָב דאָס נישט געקאָנט געפינען אין ערגעץ! צו וועמען וועל איך זיך קערן און ווענדן? עלנט בין איך געבליבן אָן דעם האַרבאַטן מעסערל, עלנט ווי אַ יתום און קיינער, קיינער האָט נישט געזען מײַנע טרערן וועלכע איך האָב שטילערהייט פאַרגאָסן בײַ זיך, אויף מײַן בעטל, בײַ נאַכט, קומענדיק פונעם חדר. שטיל האָב איך מיך אויסגעוויינט, אויסגעווישט די אויגן, אַנטשלאָפן געוואָרן, און אויף מאָרגן פרי, ווידער אין חדר אַרײַן, ווידער דעם טאַטנס כעס, דעם טאַטנס הוסט, דעם טאַטנס קללות, ווידער נישטאָ קיין

פרײַע מינוט, קיין פרײלעכע מינע, קיין שמייכעלע, קיין איינציק שמייכעלע פון קיינעם — איינער אַליין, עלנט, אויף דער גאַנצער וועלט!...

— ב —

פון יענער צײַט אָן איז איבערגעגאַנגען אַ יאָר און אפשר אַנדערהאַלבן. איך האָב שוין כמעט אָנגעהויבן צו פאַרגעסן דאָס האָרבאַטע מעסערל. עס ווײַזט אויס, אַז מיר איז אָבער אָנגעצייכנט געוואָרן מן השמים, אַז מײַנע אַלע קינדערשע יאָרן זאָל איך אָפּקומען פאַר מעסערלעך; איז געבוירן געוואָרן אַ נײַ מעסערל, אויף מײַן אומגליק, גאָר אַ שפּאָגל־נײַ מעסערל, אַ זעלטן מעסערל, מיט צוויי קלינגעלעך און מיט אַ ווײַס ביינערן קלעצל.

בײַ אונדז איז געשטאַנען סטאַנציע אַ יידישער דײַטש, הער הערץ הערצנהערץ. דער טאַטע האָט אים תמיד אָפּגעטראָטן דעם אויבנאָן און אויך אַלע אַנדערע יידן וואָס פלעגן אַרײַנקומען צו אונדז אין שטוב אַרײַן, פלעגן אים שטאַרק אָפּגעבן כבוד: — שלום עליכם! רב הערץ הערצנהערץ, ברוך הבא! רב הערץ הערצנהערץ! זיצט, רב הערץ הערצנהערץ!

איינמאָל, גיי איך אַרײַן איך זאָל אַרײַן און פאַרגנבע זיך אין אַ ווינקעלע און הער זיך צו ווי מען רעדט בײַ אונדז, ווי דער הער הערץ הערצנהערץ לאַכט אויף אַ קול און רויכערט גראָבע, שוואַרצע ציגאַרן, וואָס שמעקן מחיה נפשות... פּלוצ־לונג גייט צו צו מיר דער טאַטע:

— אַוועק! וואָס פּלאָנטערסטו זיך דאָ אַרום, וועלכע שוואַרצע יאָר? קענסט ניט נעמען אַ ספר אין האַנט?

— ווידער אַ ספר? רבונו של עולם! איך וויל אויך זען, איך וויל אויך הערן, וואָס ער רעדט...

דער הער הערץ הערצנהערץ שטעלט זיך אײַן פאַר מיר: „אָבער לאָזן זי אים, לאָזן זי אים!“ נאָר עס העלפט נישט, דער טאַטע טרײַבט מיך אַרויס.

איך נעם אַ „ספר“ אין האַנט, נאָר עס ווילט זיך מיט פאַרט נישט קוקן אין ספר אַרײַן, וואָס טוט מען?... איך גיי פון איין חדר אינעם אַנדערן ביז איך קום צו דעם שענסטן פון אַלע חדרים, דאָרט, ווו עס שלאָפט תמיד דער הער הערץ הערצנהערץ; אַך, ווי שיין, ווי ליכטיק דאָרט איז! די לאָמפּן ברענען און די שפּיגלען גלאַנצן, אויפן טיש אַ גרויסער, אַ זילבערנער טינטער מיט שיינע פּע־נעס; מענטשעלעך מיט פערדעלעך, מיט צאַצקעלעך, מיט ביינדלעך, מיט שטיינד־לעך און... אַ מעסערל. אַך, וואָס פאַר אַ שיין מעסערל! ווען איך, אַ שטייגער, זאָל האָבן אַזאַ מעסערל! ווי גליקלעך וואָלט איך געווען! וואָס פאַר אַ מינים זאַכן וואָלט איך מיט דעם אויסגעשניצט, אַנו, מען דאַרף דאָס פּרוּוון, עס איז

עפּעס שאַרף?... אַך! עס כאַפּט אַ האָר! עס האַקט איבער אַ האָר! אײַ־אײַ־אײַ, אַ מעסערל!!...

איין מינוט — דאָס מעסערל איז בײַ מיר אין האַנט; איך קוק זיך אַרום אויף אַלע זײַטן און פּרוון זיך דאָס אַרײַנלייגן אויף אַ מינוטקעלע צו זיך אין קעשענע... עס ציטערט מיר די האַנט... עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ אַזוי שטאַרק, אַז איך הער, ווי עס מאַכט: „טיק־טיק־טיק״!... איך הער, ווי עמיצער גייט, עמי־צער סקריפּעט מיט די שטיוול; דאָס איז ער, דער הער הערץ הערצנהערץ! אײַ־אײַ, וואָס טוט מען? דאָס מעסערל לאָז זײַן בײַ מיר, איך וועל עס נאָכדעם צוריק אַגידערלייגן, דערוויל דאַרף מען אַרויסגיין, אַוועקגיין פון דאַנען, אַנטלויפן!

— ג׳ —

— קום נאָר אַהער, תכשיט מײַנער! — מאַכט צו מיר אויף מאָרגן דער טאַ־טע, — האָסט נישט געזען ערגעץ דאָס מעסערל?...

תחילת בין איך געווען זייער דערשראָקן; עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער ווייסט, אַז זיי ווייסן אַלע... שיר־שיר האָב איך זיך נישט אַרויסגעכאַפּט: האָ? דאָס מעסערל? אָט איז דאָס... עס האָט מיך עפּעס ווי אַ וואַרג געטאָן אין האַלדז און איך האָב מיט ציטערניש געענטפערט:

— ווו — וואָסער מעסערל?...

— ווו — וואָסער מעסערל! — קרימט מיך איבער דער טאַטע, — ווו — וואָסער מעסערל! דאָס גילדענע מעסערל! אונדזער אורחס מעסערל, דו בחורעץ, דו שייגעץ איינער!

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צום קינד! — מישט זיך אַרײַן די מאַמע; — דאָס קינד ווייסט ניט פון קיין פּותר און פון קיין חלום און ער דולט אים אַ ספּאָדיק. — מעסערל, מעסערל!

— מעסערל, מעסערל! וואָס הייסט ער ווייסט נישט? — זאָגט דער טאַטע מיט כעס: — אַ גאַנצן פרימאָרגן הערט ער, ווי מען שרײַט: „מעסערל, מעסערל! מעסערל!״ מען קערט איבער די שטוב נאָך דעם מעסערל, פרעגט ער ווו — וואָ־סער מעסערל! גיי שוין, גיי וואַש זיך, דו פּוסטער בחור איינער, דו גוי — גויעץ!

איך דאַנק דיר, רבונו של עולם, וואָס זיי האָבן מיך כאַטש נישט באַזוכט! נאָר וואָס טוט מען ווײַטער? מען באַדאַרף דאָס מעסערל באַשטאַטן ערגעץ אויף אַ גוט אָרט... ווו באַהאַלט מען דאָס? אַהאַ — אויפן בוידעם! איך כאַפּ דאָס אַרויס פון קעשענע און טו דאָס אַ שטופּ אין שטיוול אַרײַן... איך עס און ווייס נישט וואָס איך עס; איך וואַרג זיך...

— וואָס כאַפּסטו זיך אַזוי, וועלכע שוואַרצע יאָר? — פרעגט מיך דער טאַטע.

— איך אײַל מיך אין חדר אַרײַן, — ענטפער איך אים — און פיל אַז איך ווער רויט ווי פײַער...

— אַ מתמיד געוואָרן, וואָס זאָגסטו אויף דעם צדיק? — וואָרטשעט ער און קוקט אויף מיר בייז...

קוים, קוים דערלעבט אָפּעסן, אָפּבענטשן...

— נו, פאַרוואָס גייסטו שוין נישט אין ח...חדר. צדיק מײַנער? — פרעגט מיך דער טאַטע.

— וואָס טרײַבסטו אים אַזוי? — פרעגט אים די מאַמע, — לאָז דאָס קינד זיצן אַ מינוט!

איך בין שוין אויפן בוידעם... ווײַט, ווײַט ליגט דאָס ווײַסע מעסערל; עס ליגט און שווײַגט...

— וואָס קלעטערסטו אויפן בוי... בוידעם? — שרײַט דער טאַטע: — דו יונגאַטש אײנער, דו בר־מצווה יונג, קכע־הע־הע־הע!

— איך זוך דאַ עפּעס... — ענטפער איך אים און פאַל שיר ניט אום פאַר שרעק.

— עפּעס? וואָס הייסט „עפּעס״? וואָס איז דאָס פאַר אַ מין „עפּעס״?

— אַ... אַ ס... ספר אַ... אַ... אַן אַלטע ג... גמרא.

— האַ? אַ ג... גמרא? אויפן בוידעם? אַ דו היצל! קריך שוין אַראָפּ, קריך וועסט שוין לײזן, דו הינטשלעגער, דו כ... כלבוניק אײנער...

נאָר עס אַרט מיך נישט אַזוי דעם טאַטנס כעס, ווי עס אַרט מיך דאָס, וואָס איך האָב מורא, טאָמער געפינט מען דאָס מעסערל; אַ קשיא אויף אַ מעשה? טאָ־מער גראָד הײַנט קריכט מען אַרויף אויפן בוידעם גרעט אויסהענגען? מען דאַרף דאָס פון דאָרטן אַראָפּנעמען און באַשטאַטן אויף אַ בעסער אָרט!... איך גיי אַרום אין איין ציטערניש; יעדער קוק פון טאַטנס אויגן ווײַזט מיר אויס, אַז ער ווייס שוין, אַז אָט־אָט טוט ער מיך אַ כאַפּ מכּוח דעם אורחס מעסערל... איך האָב שוין אַן אָרט אויף דעם, אַ טײַער אָרט. ווו? — אין דער ערד, אין אַ גריבל בײַ דער וואַנט אַרײַנגעשטעקט און פון אויבן רעכט פאַרשאַרט מיט שטרוי פאַר אַ סימן... געקומען פונעם חדר, כאַפּ איך זיך באַלד אַרויס אין הויף אַרײַן, איך נעם מיר פאַ־וואָליע אַרויס דאָס מעסערל און איך האָב קיין צײַט אַפילו רעכט אָנשפּיגלען זיך אין דעם, הער איך שוין דעם טאַטנס געפילדער:

— ווו ביסטו ערגעץ דאָרט? פאַרוואָס גייסטו שוין נישט דאַווענען, דו בעל־עגלה־יונג, דו וואַ... וואַסער־פירער...

נאָר וויפל דער טאַטע רודפט מיך און יאָגט, וויפל דער רבי הרגעט מיך און שלאָגט מיך, איז דאָס בלאָטע קעגן יענע פאַרגעניגנס וואָס איך האָב בשעת איך קום פונעם חדר און זע מיך מיט מײַן טײַערן, מײַן אײנציקן ליבן חבר — מיט מײַן מעסערל! די פאַרגעניגנס זײַנען אָבער — אוי וויי! — אויסגעמישט מיט יסו־רים, פאַרביטערט, מיט מרה־שחורה, מיט שרעק, מיט גרויסע פּחדים!

זומער־לעבן. די זון זעצט זיך, די לופט ווערט עטוואס קילער. דאָס גראָז שמעקט, די זשאַבעס קוואַקען און שטיקער כמאַרעס פליען דורך אַן רעגן, פאַרבײַ דער לבנה, ווילן זי אײַנשלינגען. די ווײַסע זילבערנע לבנה באַווײַזט זיך אַלע מינוט און באַהאַלט זיך ווידער, דאַכט זיך, זי שוועבט און שוועבט און שטייט אויף איין אָרט. דער טאַטע זעצט זיך צו אויפן גראָז אין אַ כאַלאַט, האַלב נאַקעט, מיט אַ ווײַסן טלית־קטן, האַלט איין האַנט אין בוזעם און מיט דער אַנדערער האַנט שאַרט ער בײַ דער ערד און קוקט אויפן אויסגעשטערנטן הימל און הוסט; דאָס פּנים אַקעגן דער לבנה איז טויט, פאַרזילבערט; ער זיצט פונקט אויף דעם אָרט וווּ דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן, און ער ווייסט גאָרנישט וואָס אונטער אים טוט זיך. אַך, ווען ער זאָל אַ שטייגער וויסן? וואָס וואָלט איך געהאַט?

— אַהאַ, טראַכט איך מיר אין האַרצן, האָסט מיר פאַרוואָרפן מײַן האַרבאַטע מעסערל, האָב איך איצט אַביסל אַ בעסערס, אַ שענערס! דו זיצסט אויף דעם, און דו ווייסט גאָרנישט! אוי טאַטע! טאַטע!...

— וואָס גלאָצסטו אויף מיר די אויגן, ווי אַ קאַ... קאָטער?. כאַפּט מיך אָן דער טאַטע: — וואָס זיצסטו צונויפגעלייגט די הענט ווי אַ שטאָט־באַלעבאָס? קאָנסט זיך שוין גאָר קיין אַרבעט ניט אָפּזוכן? און „קריאַת־שמע” לייענען ביסטו פּטור? פאַרשרפעט זאָלסטו ניט ווערן, יונגאַטש איינער, קהע־הע־הע!

אַז ער זאָגט: פאַרשרפעט זאָלסטו „ניט” ווערן, איז דאָס אַ באַווײַז, אַז ער איז נישט אַזוי שטאַרק אין כעס; אַדרבא, דאָס איז אַ סימן, אַז ער איז אויפגע־לייגט. און באמת טאַקע: קאָן מען דען זײַן ניט אויפגעלייגט אין אַזאַ שיינער, וווּנדערלעכער זומער־נאַכט, ווען עס ציט יעדן באַזונדער און עס טרײַבט אים אַרויס אויף דער גאַס, אויף דער לופט, אויף דער ווייכער, פרישער, אויסגעצייכנטער לופט? אַלע, אַלע זײַנען אַצינד אין דרויסן. דער טאַטע, די מאַמע, די קלענערע קינדער, וואָס זוכן קליינע שטיינדלעך און שפּילן אין זאַמדלעך. דער הער הערצנ־הערץ דרייט זיך אויך אַרום איבערן הויף אָן אַ היטל, רויכערט אַ ציגאַר און זינגט אַ דײַטשיש לידל, קוקט אויף מיר און לאַכט... דאָס לאַכט ער פון מיר אַ פּנים, וואָס דער טאַטע טרײַבט מיך. איך לאַך אָבער פון זיי אַלע. אָט באַלד וועלן זיי אַלע גיין שלאָפן, וועל איך מיך דעמאָלט אַרויסכאַפּן אין הויף אַרויס (איך שלאָף אין הויז, פון פאַרנט אויף דער ערד, ווייל אין שטוב איז די היץ שרעקלעך גרויס), איך וועל מיך שוין אָנקוויקן, אָנשפּיגלען אין מײַן מעסערל!...

דער עולם שלאָפט. שאַ, שטיל אַרום און אַרום. פּאַוואָלינקע הייב איך מיך אויף אויף אַלע פיר און שטיל, ווי אַ קאַץ, גנבע איך מיך אַרויס אין הויף אַרויס. די נאַכט איז שטיל, די לופט איז פריש, מחיה נפשות. פּאַמעלעך קריך איך צו צו יענעם אָרט, וווּ דאָס מעסערל ליגט באַגראָבן. פּאַוואָליע גראָב איך דאָס אויס פון דאָרטן און באַטראַכט דאָס בײַ דער לבנה; עס גלאַנצט, עס בלישטשעט ווי

גינגאָלד, ווי אַ בריליאַנט; איך הייב אויף די אויגן אַרויף און דערזע — די לבנה קוקט גלײַך אַראָפּ צו מיר אויף מײַן מעסערל... וואָס קוקט זי זיך אַזוי אײַן? איך דריי מיך אויס צוריק — זי קוקט מיר נאָך; איך פאַרשטעל דאָס מעסערל מיטן העמדל — זי קוקט מיר נאָך; זי ווייסט געוויס, וואָס דאָס איז פאַר אַ מעסערל און וווּ איך האָב דאָס גענומען... גענומען?, איך האָב דאָס געגנבעט!

דאָס ערשטע מאָל, פון זינט דאָס מעסערל איז מײַנס, קומט מיר דאָס דאָזיקע שרעקלעכע וואָרט אויף די געדאַנקען, געגנבעט? בין איך דאָך, הייסט דאָס, אַ גנב! פשוט אַ גנב? אין דער תורה שטייט געשריבן, אין די עשרת הדברות, מיט גרויסע אותיות:

— ל א ת ג נ ו ב !

זאָלסט נישט גנבענען! און איך האָב געגנבעט! וואָס וועט מען מיר דערפאַר טאָן אין גיהנום? אוי, וויי! מען וועט מיר אָפּהאַקן די האַנט, די האַנט, וואָס זי האָט געגנבעט... מען וועט מיך שמײַסן מיט אײַזערנע ריטער... מען באַדאַרף אָפּגעבן דאָס מעסערל, מען באַדאַרף אַנידערלייגן צוריק דאָס מעסערל. מען באַדאַרף נישט קיין גנביש מעסערל. מאָרגן לייג איך אַנידער צוריק דאָס מעסערל!

אַזוי טראַכט איך מיר און נעם דאָס מעסערל צו זיך אין בוזעם אַרײַן. איך פיל, אַז ס'בריט מיך, סע בראָט מיך. ניין, מען באַדאַרף עס צוריק באַהאַלטן, באַגראָבן אין דער ערד אַרײַן ביז מאָרגן!... און די לבנה פון אויבן קוקט אויף מיר. וואָס קוקט זי? די לבנה זעט, זי איז אַן עדות... איך קריך צו פּאַוואָלינקע צוריק אין הויז אַרײַן אויף מײַן געלעגער און לייג זיך שלאָפן און קען נישט אַנטשלאָפן ווערן. איך קאַטשע זיך פון איין זײַט אויף דער אַנדערער און איך קען נישט שלאָפן... מיט טאָגלעך שוין בין איך אַנטשלאָפן געוואָרן און עס האָט זיך מיר געחלומט אַ לבנה, און עס האָבן זיך מיר געחלומט אײַזערנע ריטער, און עס האָבן זיך מיר געחלומט מעסערלעך... גאַנץ פרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט אָפּגעדאַוונט געשמאַק מיט כוונה און אָפּגעכאַפּט דעם אָנבײַסן אויף איין פוס און מאַרש אין חדר אַרײַן.

— וואָס כאַפּט דאָס דיך אַזוי אין חדר אַרײַן? — שרײַט אויף מיר דער טאַטע, — וואָס יאָגט דאָס דיך אַזוי? וועסט נישט אָנווערן די תורה דײַנע שפּעטער אויך; בענטש בעסער ווי עס קער צו זײַן און היפּער נישט קיין ווערטער! וועסט נאָך צײַט האָבן זײַן אויסגעלאָזט, דו הולטײַ איינער, דו אַפּיקורס, טריי... טרייפיניאַק איינער...

— ה —

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט? טו נאָר אַ קוק אַהער? — זאָגט דער רבי און ווײַזט מיר אָן מיטן פינגער אויף מײַן חבר, „בערל דעם רויטנס", וואָס שטייט איך אַ ווינקעלע מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ: — זעסט, ווײַסער חברהניק? זאָלסטו וויסן זײַן, אַז פון הײַנט אָן און ווײַטער איז שוין זײַן נאָמען ניט „בערל דעם

רויטנס", ווי ער האָט געהייסן ביז אַהער; נײן! ער הייסט אַצינד אַ שענערן נאָ־מען; אַצינד הייסט ער: בערעלע דער גנבֿ! — שרײַט־זשע, קינדער: בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ! בערעלע דער גנבֿ!

די דאָזיקע ווערטער ציט אויס דער רבי מיט אַ ניגון און אַלע תּלמידים כאַפּן אים אונטער ווי משוררים:

— בערעלע דער גאַ־אַ־נבֿ! בערעלע דער גנבֿ!

איך בלייב אַ פאַרשטיינערטער און אַ פראָסט גייט איבער אויפן לײַב. איך פאַרשטיי נישט, וואָס דאָס באַטײַט...

— וואָס שווײַגסטו, דו שייגעץ איינער? — רופט זיך אָן דער רבי צו מיר.

— וואָס שווײַגסטו, דו גויעץ? דו הערסט דאָך, אַז אַלע זינגען. העלף זינגען מיט אַלע גלײַך: „בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ, בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ!"

עס ציטערן מיר הענט און פיס; עס קלאַפּט מיר אַ צאָן אויף אַ צאָן; נאָר איך העלף זינגען: „בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ"!

— העכער, שייגעץ איינער! — טרײַבט מיך אונטער דער רבי, — שטאַרקער — שטאַרקער!...

און איך מיטן גאַנצן כאָר זינגען אויף אַלערליי קולות: „בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ! בערעלע דער ג־אַ־אַ־נבֿ!"...

— שששששששששאַאַאַאַ! — שרײַט אויס פּלוצים דער רבי און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש: — שאַ! אַצינד וועלן מיר זיך נעמען צום משפּט.

בערל רירט נישט קיין אבר, די אויגן אַראָפּ, — אַ געשטאָרבענער, אַ טויטער!...

דער רבי רופט אַרויס איינעם פון די גרעסערע תּלמידים:

— אַנו, הערשעלע, דער גרויסער, גיי נאָר אַרויס פונעם טיש, אַהער, צו מיר, געשווינטער, אָט אַזוי, און דערצייל אונדז אָקאָרשט די מעשה פון אָנהייב ביזן סוף ווי אונדזער בערעלע איז געוואָרן אַ גנבֿ; הערט, חבֿרה, מיט קאָפּ!

און „הערשל דער גרויסער" הייבט אָן צו דערציילן אַ מעשה ווי אַזוי בערל האָט זיך דערשלאָגן צו ר' מאיר בעל הנס פּושקע, וואָס זײַן מאַמע וואַרפט אַהין אַלע פרײַטיק פאַר ליכט־בענטשן אַ קאָפּיקע און אַמאָל צוויי; ווי אַזוי בערל האָט זיך דאַביוועט צו דער דאָזיקער צדקה־פּושקע, אויף וועלכער עס הענגט אַ שלעס־סעלע; ווי אַזוי בערל האָט מיט אַ שטרויעלע מיט סמאָלע אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן אַלע קאָפּיקעס איינציקווײַז ביז לעצט; ווי אַזוי די מאַמע זײַנע, „זלאַטע די הייזעריקע" האָט זיך געכאַפּט, געעפנט די דאָזיקע צדקה־פּושקע; דאָרט איז גע־לעגן אַ שטרוי אײַנגעטונקען אין סמאָלע, ווי אַזוי זלאַטע די הייזעריקע האָט אים „צוגעשטעלט אַ בענקעלע"; ווי אַזוי בערל האָט זיך באַלד נאָך דעם רבינס שמיץ מודה געווען, אַז אַ גאַנץ יאָר, אַ קײַלעכיק יאָר, האָט ער געשלעפּט פון דער פּושקע די קאָפּיקעס; ווי אַזוי ער האָט זיך יעדן זונטיק געקויפט צוויי לעקעכלעך מיט אַ באָקסער; ווי אַזוי... און אַזוי ווײַטער און ווײַטער...

— אַצינד, קינדער, משפּט אים! לאָז יעדער זאָגן זײַן משפּט, וואָס קומט אַ גנב וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

הערשל דער קלײנער ענטפערט הויך אויף אַ קול:

— אַ גנב וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע, קומט... מען זאָל אים קאַטעווען, ביז בלוט זאָל גײן.

— משהל, וואָס קומט אַ גנב וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

— אַ גנב, — זאָגט משה׳ל מיט אַ װײנענדיק קול, — אַ גנב, וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע קומט, מען זאָל אים אַנידערלײגן צװײ אויפן קאָפּ, צװײ אויף די פיס און צװײ זאָלן אים שמײַסן מיט אײַנגעזאַלצענע ריטער...

— טאָפּעלע טוטאַריטו, וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

קאָפּל קוקאַריקו, אַ ײנגל וואָס קאָן נישט אויסרײדן קײן קוף און קײן גימל, ווישט אויס דאָס נעזל און זאָגט זײַן משפּט מיט אַ קוויטש:

— אַ דנב, וואָס שלעפּט טאַפּיטעס פון אַ פּושטע, טומט אים, אַז אַלע ײנגלאַך זאָלן צודײן צו אים נאָענט און אים זאָדן אין דלײַך אין פּנים דרײַ מאָל אויף אַ טאָל: דנב! דנב! דנב!

אין חדר ווערט אַ געלעכטער. דער רבי ווענדט זיך צו מיר:

— זאָג נאָר, דו, שלומניו, מײַן טײַערינקער, דײַן פּסק, וואָס קומט אַ גנב, וואָס שלעפּט קאַפּיקעס פון אַ צדקה־פּושקע?

איך וויל ענטפערן — פאָלגט מיך ניט די צונג; איך ציטער ווי אין אַ קדחת, עס וואַרגט מיך אין האַלדז; אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגט מיך פון אויבן ביז אַראָפּ; עס פײַפט מיר אין די אויערן; איך זע שוין פאַר זיך ניט דעם רבין ניט דעם נאַקעטן „בערל דעם גנב״, ניט קײן חברים; איך זע פאַר זיך נאָר מעסערלעך, מיט אַ סך קלינגעלעך... און דאָרט בײַ דער טיר, הענגט די לבנה, זי שמײכלט און קוקט אויף מיר ווי אַ מענטש... עס דרײט זיך מיר דער קאָפּ, דער גאַנצער חדר, מיטן טיש, מיט די ספרים, מיט אַלע חברים, מיט דער לבנה, וואָס הענגט אויף דער טיר און מיט אַלע מעסערלעך... איך פיל ווי די פיס ווערן מיר אונטערגע־האַקט, נאָך אַ מינוט — פאַל איך אום. נאָר איך שטאַרק זיך מיט אַלע כוחות און האַלט זיך אײַן, איך זאָל נישט פאַלן...

פאַרנאַכט קום איך אַהײם און פיל, אַז דאָס פּנים ברענט מיר, די בעקלעך פלאַמען און אין די אויערן רוישט מיר. איך הער, מען רעדט צו מיר, נאָר וואָס — ווייס איך נישט. עפּעס זאָגט דער טאַטע, עפּעס בײזערט ער זיך, וויל מיר געבן פּעטש; די מאַמע שטעלט זיך אײַן פאַר מיר; איך הער גאָרניט, איך וויל גאָרניט הערן, איך וויל נאָר ס׳זאָל שוין ווערן גיכער נאַכט, איך זאָל קענען מאַכן אַן עק מיטן מעסערל... וואָס טוט מען מיט דעם? מודה זײַן זיך און אָפּגעבן דאָס? וועל איך האָבן בערלס פּסק... אונטערוואַרפן דאָס? טאָמער כאַפּט מען מיך... פאַר־וואַרפן און אַן עק, אַבי פּטור ווערן!... וווהין פאַרוואַרפט מען דאָס, אַז מען זאָל דאָס נישט געפינען? אויפן דאַך, וועט מען הערן אַ קלאַפּ, אין גאָרטן? וועט מען

דאָס געפינען... אַהאַ! איך ווייס שוין, איך האָב אַן עצה: אַרײַנוואַרפן אין וואַסער אַרײַן! אַ טײַערע עצה כ'לעבן — אין וואַסער אַרײַן, אין ברונעם טאַקע אָט דאָ בײַ אונדז אויפן הויף!... דער דאָזיקער געדאַנק געפעלט מיר אַזוי שטאַרק, אַז איך וויל גאָר לאַנג ניט קלערן; איך כאַפּ דאָס מעסערל און לויף גלײַך צום ברונעם און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין די הענט ניט קיין מעסערל, נאָר עפּעס אַ מיאוסקייט, אַ מין שרץ, פון וועלכן עס ווילט זיך מיר וואָס גיכער צו באַפרײַען זיך, פּטור ווערן. נאָר סע טוט מיר באַנג — אַזאַ טײַער מעסערל! אַ מינוט שטיי איך פאַרטראַכט און און עס דאַכט זיך מיר, אַז איך האַלט אין האַנט אַ לעבעדיקע זאַך... דאָס האַרץ טוט מיר ווײ אויף דעם: ס'טײַטש, ס'טײַטש, עס קאָסט מיר אַזוי פיל מי', עס איז אַ צער בעלי חיים... איך נעם זיך אַן מיט האַרץ און לאָז דאָס מיט אַמאָל אַרויס פון די פינגער — „פּליאַך"!... עס טוט אַ פּלעשטשע דאָס וואַסער און מ'ער הערט מען נישט... ניטאָ קיין מעסערל! איך שטיי נאָך אַ מינוט בײַם ברונעם און הער זיך צו — מע הערט גאָרנישט. דאַנקען גאָט, פּטור געוואָרן! כאָטש דאָס האַרץ קלעמט מיר, טוט מיר ווײ: ס'טײַטש, אַזאַ מעסערל, אַזאַ מעסערל!...

איך גיי צוריק צו מײַן געלעגער און זע, ווי די לבנה קוקט מיר נאָך, און עס דאַכט זיך מיר, אַז זי האָט געזען אַלץ, וואָס איך האָב דאָ אָפּגעטאָן, און איך הער ווי אַ קול פון ווײַטנס: „אָבער דו ביסט פאָרט אַ גנבֿ!... כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ גנבֿ! אַ ג־אַ־אַ־נבֿ!" איך גנבֿע זיך צוריק אַרײַן אין הויז אַרײַן און לייג זיך שלאָפן און עס חלומט זיך מיר, אַז איך לויף, איך שוועב, איך פלי אין דער לופטן מיטן מעסערל און די לבנה קוקט אויף מיר און זאָגט: „כאַפּט אים, קלאַפּט אים, ער איז אַ גנבֿ! אַ ג־אַ־אַנבֿ!"...

אַ לאַנגער, אַ לאַנגער שלאָף! אַ שווערער, זייער אַ שווערער חלום!...

איך עפן אויף איין אויג און דאָס אַנדערע אויג... וווּ בין איך? דאַכט זיך, אויף אַ בעט?

מע דרייט זיך אַרום מיר; מען קוקט אויף מיר; יעדער גייט צו און טוט מיך אַ טאַפּ בײַם קאָפּ; מען שפּרעכט מיך אָפּ, מען שעפּטשעט מיך, מען לעקט מיך דעם שטערן און מען שפּײַט אויס און מען פילנעוועט מיך; מען גיסט מיר אין מויל אַרײַן זודיקע יויך און מען שטופּט מיר מיט לעפּעלעך אײַנגעמאַכץ; אַלע דרייען זיך אַרום מיר, מען היט מיך אָפּ ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג; מען האָדעוועט מיך מיט יאַיכלעך ווי אַ פּיצעלע קינד און מען לאָזט מיך ניט אַליין; עס זיצט תמיד לעבן מיר די מאַמע און דערציילט מיר איבער אַלעמאָל איבעראַנײַס די גאַנצע געשיכטע: ווי אַזוי מען האָט מיך אויפגעהויבן פון דער ערד כמעט אַ טויטן; ווי אַזוי איך בין געלעגן צוויי וואָכן כּסדר אין איין העליש פײַער און האָב נאָר געקוואַקעט ווי אַ זשאַבע און עפּעס כּסדר גערעדט פון שמיץ און פון מעסערלעך... מען האָט שוין גערעכנט אַז איך בין שוין חלילה געשטאָרבן, און נאָכדעם, פּלוצלונג, האָב איך אַ ניס געגעבן זיבן מאָל, ממש פון טויט לעבעדיק געוואָרן...

און דער טאַטע גייט צו צו מיר פּאַוואָליע, לייגט אַרויף זײַן בלייכע, קאַלטע האַנט מיר אויפן שטערן און זאָגט צו מיר שוין ווייך אָן אַ שום כעס:

— איַ, האָסטו אונדז איבערגעשראָקן, דו שקאָץ איינער!

אויך דער יידישער דײַטש, אָדער דער דײַטשער ייד, הער הערץ הערצנהערץ, מיט אַ ציגאַר אין די ציין, בייגט זיך אָן מיט זײַן געגאָלטער מאָרדע איבער מײַן בעטל און טוט מיך אַ גלעט איבערן בעקל און זאָגט:

— גוט, גוט! געזונט, געזונט!...

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום נאָך מײַן אויפשטיין פון בעט רופט זיך אָן צו מיר דער טאַטע:

— נו, מײַן זון, אַצינד גיי אין חדר און האָב שוין מער נישט אין זינען קיין מעסערלעך מיט קיין נאַרישקייטן... שוין צײַט, זאָלסט שוין אָנהייבן ווערן אַ שטיקל מענטש: אם ירצה השם איבער דרײַ יאָר ווערסטו שוין בר־מצווה, צו הונדערט און צוואַנציק יאָר, קהע־הע־הע־הע!

מיט אַזעלכע זיסע ווערטער שיקט מיך דער טאַטע אַרויס אין חדר אַרײַן צו אַ נײַעם מלמד. דאָס ערשטע מאָל הער איך פון מײַן בייזן טאַטן אַזעלכע גוטע ווייכע ווערטער און איך פאַרגעס אין איין מינוט אַלע זײַנע רדיפות מיט אַלע זײַנע קללות, מיט אַלע זײַנע פּעטש, גלײַך ווי ס'איז גאָרנישט געווען אויף דער וועלט. איך זאָל מיך ניט שעמען, וואָלט איך אים אַרומגעכאַפּט קושן. נאָר בי־כי־כי — ווי אַזוי קושט מען אַ טאַטן?...

די מאַמע גיט מיר מיט אין חדר אַרײַן אַ גאַנצן עפּל מיט צוויי גראָשן, און אויך דער דײַטש שענקט מיר אַ פּאָר קאָפּיקעס מיט אַ קניפּ אין בעקל, רעדט אויף דײַטש:

— היבשער קנאַבע! גוט, גוט!...

איך נעם די גמרא אונטער דער האַנט, און גיי אין חדר אַרײַן ווי אַ נײַ־געבוירענער, מיט אַ ריין האַרץ, אַ גרינג האַרץ, אַ לויטערן, קלאָרן קאָפּ, מיט נײַע מחשבות, מיט פרישע, ערלעכע פרומע געדאַנקען. די זון קוקט אַראָפּ און גריסט זיך צו מיר מיט אירע וואַרעמע שטראַלן, דאָס ווינטעלע פאַרגנבעט זיך צו מיר אונטער אַ פּאה, די פייגעלעך פּישטשען: „טיף־טיף־טיף־טיף!"... עס הייבט מיך, עס טראָגט מיך, אין דער לופט, עס ווילט זיך מיר לויפן, שפּרינגען, טאַנצן!... אָך, ווי גוט, ווי זיס דאָס איז, אַז מען לעבט און מען איז אַן ערלעכער, מען איז ניט קיין גנב, ניט קיין ליגנער!

איך קוועטש די גמרא צום האַרצן שטאַרק־שטאַרק און לויף אין חדר אַרײַן געשמאַק־געשמאַק און איך שווער בײַ דער גמרא, אַז איך וועל קיינמאָל־קיינמאָל ניט אָנרירן קיין פרעמדס, קיינמאָל־קיינמאָל ניט גנבענען, קיינמאָל־קיינמאָל ניט לייקענען, תמיד זײַן אַן ערלעכער, אַן ערלעכער, אַן ערלעכער!...

ח. נ. ביאַליק — יידיש: י. י. שוואַרץ

דער מתמיד

עס הערט זיך פון ווײַטן אַ טרויעריקע שטימע,
און ס'זעען אַ שײַן פון אַ ליכט דײַנע אויגן,
דאָרט, ווײַט דורך אַ פענצטער. אים רײַסט דורך אַ שאָטן,
וואָס וויגט זיך אַהער און אַהין, מיט האַלב־שײַן באַצויגן;

וואָס נעמט אָן בײַם האַרצן, אין שטילקייט פון נאַכט:
און ס'טראָגט זיך אַ ניגון, אַ ווײנענדער ניגון,
דאָס זעסטו אַ מתמיד, וואָס האָט זיך אין תפיסה,
אין פינצטערער תפיסה גוטוויל'יק פאַרמאַכט!

אָט דאָרט אין דעם הויז איז אַוועק נישט איין טאָג אים,
נאָר גאַנצע זעקס יאָר זײַנען דאָרטן פאַרפלויגן;
אָט דאָרט איז זײַן יוגנט און קינדהייט פאַרלאָפן,
פאַרלאָשן דאָס ליכט פון די לויטערע אויגן.

קיין טאָג — נאָר זעקס יאָר, זײַט ער האָט דאָ צום ווינקל,
צום פינצטערן ווינקל, געווענדעט זײַן געזיכט;
געזען פאַר זיך האָט ער אַ וואַנט נאָר און שפּינוועבס,
קיין איינציקן שטראַל נישט, קיין אָפּגלאַנץ פון ליכט.

זײַן שטענדיקער הונגער, נישט שלאָפן, זײַן וועלקן —
וואָס האָט בײַ דעם ייִנגל דאָס אַלץ פאַר אַ ווערט?
צי ווייסט ער דען נישט ווי אַמאָל פלעגט מען לערנען?
צי ווערט נישט בײַ ייִדן אַ למדן פאַרערט?

אין שטייענד־פאַרשימלטן זומפּ, אין ישיבה,
פאַלט אויך ווען אַ נײַעס אין לויף פון די יאָרן;
נאָר איינער שטייט אַלץ צו זײַן אָרט צוגעשלאָגן,
די מעשים, די יאָרן, אַהינטער אים פאַלן;

און פאַר אים? פאַר אים שטייט אַ וואַנט ווי פון אײַזן,
אַ טונקעלער ווינקל, אָן ליכט און אָן שטראַלן!
זינט ס'האָט זיך דאָס ייִנגל אין ווינקל פאַרקליבן,
האָט קיינער באַמערקט זײַן אַוועקגיין, זײַן קומען;

דער שמש צומאָל נישט געוווּסט האָט די שעה,
ווען ער גייט אַהיים רוען און טוט צוריק קומ'ען;
און שטערן נאָר זעען אים הויך פֿונעם הימל,
אין הימל, אין טיפֿן, אָן שיעור און אָן ברעג.
עס הערשט אין ישיבה אַ הייליקע שטילקייט,
דער ערשטער צעשטערט זי דער מתמיד, דאָס ייִנגל;
עס וואַרטן אויף אים דרײַ חברים, מיט וועלכע
ער איז שטאַרק באַפֿרײַנדעט אין פֿינצטערן ווינקל:
דער שטענדער, דאָס ליכט, און די ברייטע גמרא.
ער אײַלט צו די פֿרײַנד, קיין מינוט צו פֿאַרלירן,
און הייבט גלײַך אָן לערנען מיט לוסט און מיט חשק.
דאָרט עסט ער אין ווינקל זײַן שטיק שוואַרצן ברויט. —
ס'איז שטאַרקער פֿון שטיין און פֿון אײַזן אַ ייִנגל,
אַ ייִדישס, וואָס ל'ערנט די תורה דורך נויט!
אַזוי שטייט דאָס ייִנגל טאָג־טעגלעך אין ווינקל,
פֿון פֿריאיקן מאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט;
ער טיילט אײַן זײַן טאָג: איינס פֿאַר זיך,
און דרײַ האָט ער אַ קרבן דער תורה געבראַכט.
און איינזאַם געשמידט צו זײַן ווינקל, דאָרט שטייט ער,
דאָס פּנים געקנייטשט, מיט אַ בלאַסקייט באַגאָסן;
ער האָט אין דער גמרא זײַן גאַנצע נשמה
אויף אייביק, אויף אייביק, פֿאַרזונקען, פֿאַרשלאָסן! —

— — — — — — — — — — — — — —

ווער האָט אײַער שטימע מיט גיפֿט אָנגעטרונקען?
וואָס יאָמערט און קלאָגט אײַער טרויעריק געזאַנג?
באַווײנט איר דאָס אײַערע באַגראָבענע יאָרן,
צי ס'איז אײַך אויף אײַער פֿאַרגאַנגענהייט באַנג?
צי דערויף, וואָס ס'איז חרוב די וועלט אײַך געוואָרן,
צי דערויף, וואָס די יוגנט איז פֿון אײַך פֿאַרפֿלויגן?
צי ווילט איר אויפֿלעבן די ווערטער, וואָס האָבן
דעם מאַרך אײַך פֿון אײַערע קעפּ אויסגעזויגן?
צי שרײַט איר צו הילף און איר רופֿט אײַער גואל,
ער זאָל אײַך באַפֿרײַען פֿון שרעקל'עכן שמאַרץ?
אומגליקלעכע מענטשן... עס הערט נישט קיין אויער!
אַזוי ווי אַ תּפֿילה, וואָס לאַנג איז געוואָרן
פֿאַרטראָגן פֿון ווינט און פֿאַרגעסן פֿון מענטשן,
אַזוי גייט אײַער ביטערער זיפֿץ אויך פֿאַרלאָרן.

מײַן מזל באַשערט האָט נישט, אָרעמע מ׳ענטשן,
אַז איך זאָל אינאײנעם מיט אײַך גײן פֿאַרלאָרן.
געפֿעלשט איז מײַן תּורה. אין אַנדערע װעגן
בין איך אַלײן אײנזאַם פֿאַרלאָרן געװאָרן.
ס׳איז אַנדערע צײַטן... און װײַט פֿון אײַך האָב איך
אין אַנדערע ערטער געשטעלט מײַן מזבח.
נאָר געדענקען געדענק איך אײַך אַלעמען אײביק,
עס גײט אײַער בילד נישט אַרױס פֿון מײַן מוח!
כ׳געדענק אײַך, װי שטאַרק און געזונט איז דער קערן,
די זריעה, װאָס ליגט בײַ אײַך אין פֿעלד טיף באַהאַלטן.
װי גרױס װאָלט געװעזן די ברכה, װען ס׳װאָלט אײַך
אײן אײנציקער, װאַרעמער זון־שטראַל אױפֿשפּאַלטן:
פֿיל װאָלטן מיר גאַרבן מיט שמחה געשניטן,
װען ס׳װאָלט אױף אײַך אײן מילדער װינטל געבלאָזן,
און אָפּגערױמט װאָלט ער דעם װעג צום ישיבֿה,
װאָס איז אַזױ װילד און אוממענטשלעך פֿאַרלאָזן.
און כ׳װײס — אײַער סוף װי פֿאַרשװערט איז און שרעקלעך.
מ׳ײַן אומגליקלעך פֿאָלק, אָ, װי לײַד טוסטו מיר!

יוסף אָפּאַטאָשו

מרדכיס יחוס

(פונעם ראָמאַן „אין פּוילישע וועלדער")

מרדכי, זײַן טאַטע, זײַן זיידע, זײַן עלטער זיידע, ביז דעם זעקסטן דור, זײַנען אַלע געבוירן געוואָרן אין די ליפּאָווצער וועלדער, חתונה געהאַט צווישן זיך, געלעבט משפּחהוויַז. יעדן חנוכה זײַנען זיי זיך צונויפגעפאָרן צום עלטסטן אין דער משפּחה און זיך געחשבונט.

אין די אַלטע, גוטע צײַטן פלעגן זיי קומען איבער הונדערט. איינס באַאיינס געקליבענע, ווי די ביימער. זיי זײַנען געזעסן ביז האַלבער נאַכט איבער דעמבאָווע טישן, געשריבן מיט קרײַט פּאַסעקלעך מיט רינגעלעך און געגעסן גריוון, געבראָטענע קאַטשקעס, אַז די ווײַבער זײַנען אַוש מיד געוואָרן פליקן די פעדערן.

זיי האָבן פאַרטרונקען מיט היימישן ביר, זיך געקריגט אויף וואָס די וועלט שטייט. כהנים געווען, זיך אָפּט צעדמט, באַלד זיך איבערגעבעטן, געשלאָסן צווישן זיך שידוכים און זיך צעפאָרן.

האָט זיך בײַ איינעם געמאַכט אַ חתונה (און דאָס זייער אָפּט), זײַנען זיך צונויפגעפאָרן בלויזע מחותנים איבער דרײַ הונדערט.

יעדע משפּחה האָט זיך מיטגעבראַכט פון איר געגנט דעם רב און אַ קאַפּעליע קלעזמאָרים — האָט מען געשפּילט אונטערן פרײַען הימל, זיך געקריגט, תמיד געוואָלט אָפּלאָזן דעם שידוך פאַר דער חופּה, תמיד זיך איבערגעבעטן און געטאַנצט אין אַלע צימערן, אין די שײַערן און וואַלד.

פון צופּיל ווילטאַג און ליידיקגיין האָט דאָס יונגוואַרג זיך געהאַלטן אין איין ליבן, תמיד געסטראַשעט די עלטערן, אַז אויב מ׳וועט זיי שטערן, וועלן זיי זיך סמען. די עלטערן פון זייער זײַט האָבן תמיד געשלאָגן, אַרויסגעיאָגט פון שטוב און דאָס יונגוואַרג האָט זיך תמיד איבערגעבעטן און צוריקגעקומען.

און אַז עס האָט איינמאָל פּאַסירט — אַ פישער־שייגעץ, פון דער צווייטער זײַט ווײַסל, האָט זיך פאַרליבט אין זייערס אַ טאָכטער און מיט איר אַ חופּה געשטעלט אין אַ נאָענטן „קאָשציאָל", האָט דאָס יונגוואַרג אָפּגעוואָרט דאָס פּאָרל אויפן טראַקט, אָפּגעשלאָגן די מויד פון דעם שייגעץ, נישט געוואָלט האָבן אַ משומדת אין דער משפּחה. פון חרפּה האָט די מויד זיך געוואָרפן אין דער ווײַסל, אָפּגעוואַשן דעם פלעק.

אַזוי האָט מרדכיס משפּחה, פּראָסטע, גוטע יידן, געלעבט אין די ליפּאָווצער וועלדער ביז אין די גרויסע יאָרן אַרײַן. האָבן פײַנט געהאַט אַ למדן, דרך־ארץ געהאַט פאַר אַ רב, ווייניק געזאָרגט, געפּראָפּט די קופּערס מיט כל־טוב, זיך געמערט, געהאַלטן מלמדים צו די קינדער ביז איבער זעכצן יאָר און מער ווי דאָווע־

נען און מעביר סדרה זײַן און זעלטן װען, לײענען די תורה, האָט דאָס יונגװאַרג זיך נישט אויסגעלערנט.

איינמאָל אַ חנוכה, װען דער עולם האָט זיך נאָר װאָס געהאַט אָפּגעקריגט און פאַרעסן מיט פעטע קאַטשקעס, איז מרדכיס עלטער־זיידע, דעמאָלט דער עלטסטער אין דער משפחה, מיטאַמאָל אַװעקגעפאַלן. די אַלטע פישערס, דער רופא, דער שטאָ־טישער דאָקטאָר — קיינער האָט נישט געהאָלפן און דער קראַנקער איז געװען חרוב פאַרבײַ. די װאַלד־יידן זײַנען געזעסן אַרום דעם קראַנקן, געפּיפקעט שאַרפן טאַ־באַק, זיך שוין געהאַט מ׳איש געװען, און יעדער איינער האָט בײַ זיך געטראַכט, װער עס װעט ירשענען די ספרי־תורות, (די ספרי־תורות פלעגן איבערגיין צום עלטסטן פון דער משפחה, װו מען איז זיך צונויפגעפאָרן חנוכה חשבונען) איז װי דורך אַ נס פונקט דעמאָלט פאַרפאָרן אונטערן פענצטער אַ בויד מיט צװיי פערד. אַ ייד איז אַרויס פון דער בויד און געבעטן, מע זאָל אים לאָזן איבערנעכטיקן. ער פאָרט מיטן לובלינער. גלײַך װי דער רבי איז אַרײַן אין שטוב און אַרויפגע־לייגט דעם קראַנקן די האַנט אויפן קאָפּ, איז דער חולה בעסער געװאָרן און ער האָט זיך אויפגעזעצט.

פון דעמאָלט אָן האָט ר׳ מרדכיס משפחה גענומען פאָרן נאָך לובלין, דער־נאָך נאָך פּשיסכע, דערנאָך קאָצק.

און אַזוי װי זיי זײַנען געװען װאַרעמע יידן, אַזוי זײַנען זיי געװאָרן הייסע חסידים, געזעסן בײַם רבין אויבנאָן, אויפגעהערט צו שליסן שידוכים צװישן זיך, און אַז מע האָט געהאַלטן בײַ אַ שידוך, איז מען געפאָרן צום רבין.

ביסלעכװײַז האָבן די װאַלד־יידן אָנגעהויבן אַרויסצושיקן די זין אין אַנדערע גוב׳ערניעס, אַראָפּגעבראַכט פאַר די טעכטער חסידישע לומדים, װאָס האָבן זיך באַלד נאָך דער חתונה באַזעצט אין די אַרומיקע שטעט, נישט געװאָלט װוינען אין װאַלד. האָבן זיך די װאַלד־יידן זיך צעשאָטן איבער פּוילן, איבער װאָלין, זיך אויפ־געהערט צו מערן. יעדעס יאָר חנוכה צום חשבונען איז די משפחה געװאָרן קלע־נער. ביז אין אַ משך פון צװיי דורות איז אין די ליפּאָװוצער װעלדער געבליבן בלויז מרדכיס פאָטער.

דורות לאַנג האָט מרדכיס משפחה געװוינט אין די ליפּאָװוצער װעלדער. און כאָטש זיי זײַנען נאָר געװען „שרײַבער" — האָבן זיי פונדעסטװעגן די חזקה גע־האָט איבער די װעלדער און זיך גערעכנט פאַר די אמתע באַלעבאַטים. װו נאָר אַ נײַע קהילה, האָט מרדכיס משפחה געשיקט פאַרטיק געהילץ — פאַרזאָרגט אַ שטיק פּוילן מיט שולן, בתי־מדרשים, װו יידן האָבן געדאַװנט. װו נאָר אַ תלמוד־תורה, אַ בית־המדרש האָט פאַרלאַנגט אויף װינטער האָלץ, האָט מרדכיס משפחה געשיקט — באַהייצט אַ האַלבע גובערניע.

די פויערים פון דער אַרומיקער אָקאָליצע האָבן פראַנק און פרײַ געקליבן די צװײַגן פון די אַראָפּגעלאָזטע ביימער, און װו נאָר אַ מת בײַ אַן אָרעמען פויער — האָט מרדכיס משפחה געגעבן ברעטער אויף אַ טרומנע.

משה קולבאַק

מע קאָסיעט היי

אין פעלד האָט גענומען שוין ציען מיט נעפּלען פון אָסיען...
אַרויס איז דער זיידע פאַרטאָג, צום געמויזעכץ, דאָס היי אַראָפּקאָסיען,
איז מען ביים שאַריען אויף טאָג שוין געווען בגילופין אַזוי ווי די
אמתע קלעזמער.
מען האָט זיך צעשטעלט זאַלבעאַכצעט, דער זיידע בראש, און אַוועק
איז אַ מזמור:

אַ שפּרייז, און אַ קער מיט די פּלייצעס, אַ שווישטש, פונקט עס
טאַנצן אין זומפּ אַרום בליצן.
פאַר דאָס שטיקעלע ברויט — האָט דער זיידע געזאָגט — מוז מען,
קינדערלעך, שוויצן...
און ס'האָבן זיך בלאַנקער די קאָסעס צעפּייפּט, די קאַפּאָטעס אַראָפּ,
מיט באַוואַקסענע גלידער,
אַזוי ווי די האָריקע יאָדלעס — אַ טאַטע אַן אַלטער מיט זיבעצן
לייבלעכע ברידער...

עס צופּן די קאָסעס, ס'צעשפּריצט זיך דער טוי און עס פאַלן די
גרעזער אויף גרעזער אַנידער,
אַ פייגעלע זינגט אויף אויף אַ נוס־בוים דערביי, אַז דער זיידע קאָן
פּשוט קיין אָרט נישט געפינען:
„וואָס זאָגסטו דערצו? נאַ דיר גאָר אַ קאַנאַריק, אַ חזן, אין מיטן דערינען"...
באַווייזט זיך, פאַרשווינדט צווישן גראָז, טוט אַ בלאַנק — אַכצן
קאָסעס כסדר!...

און ס'בייגן זיך זיבער די הענט, אָ, עס קנאַקן די שענקלען, און פּעסט
זיצט אַ יעטוועדער גלידער — —
אַזוי ביז דער עולם דערזעט, ווי דער רויטער פאַרנאַכט לייגט זיך אַפּ
אין די קאָסעס,
טוט חברה אַ שמייכל, מען זעט שוין דעם הערינג דעם ברייטן, דער
באַבעשים קעז־סאַלטענאָסעס,
דערלאַנגט מען אַ נעם די קאַפּאָטעס, מע גייט, און מע הערט, צו די
וואַכטלען, וואָס שרייען,
מען גייט מיט די קאָסעס פאַרלייגט אויף די פּלייצעס, מע קוקט און מע
שווייגט, ווי די שלייען...

שלום אַש

פּריוויטיק אין שטעטל

זומערדיקע פּרײַטיקס־נאָכמיטאָג!

חדר־ייִנגלעך זאָגן אָפּ די הפטורה, זײַנען מעביר די סדרה און גייען אַהיים מיט די סידורימלעך, חומשים און מיט די גמרות, אויף מאָרגן צו פאַרהער. געקומען אַהיים, שלעפּט מען אַרויס יאַגדעס. די מאַמע גיט דעם יאַגדע־סטאַניק און מען שמירט זיך דאָס גאַנצע פּנים אײַן. מען גנבעט אַרויס פון קעלער אַ פּאָר מערן. די מאַמע נעמט צו די שטיוול מיט די רעקלעך און שליסט זיי אײַן אין קאַסטן, אויף מאָרגן צום דאַווענען. נאָר באָרוועס און האַלב־נאַקעט, אין גאַס אַרײַן, הינטער דעם שול־פּלאַץ, — דאָרט וואַרט שוין חברה. מיט פּעק שטיינער לויפט מען אויפן מאַרק און מען צעטרײַבט דעם בעקערס טויבן, וואָס פליִען איבערן מאַרק אַרום, און דער בעקער לויפט אַרויס יאָגן, כאַפּט מען די פּיס און מען מאַכט פּליטה...

דאָס שטעטל, וואָס איז אָפּגעברענט געוואָרן, איז האַלב צוגעלאַטעוועט. דאָ און דאָרט זעט מען חורבות, אַרומגעקלאַפּט מיט האַלב־אָפּגעברענטע ברעטער. יעדנס רשות איז באַזונדער אין אַ צוים אײַנגעצוימט. דאָ און דאָרט זײַנען אָפּגעלייגטע קלעצער און ברעטער. בײַ דער געבײַדע זיצן ייִדן ליידיק־גייערס, אָן פּרנסה־דיקע, קוקן ווי גוים אַרבעטן און גיבן עצות ווי מען דאַרף מאַכן די פענצטערליך, די טירן. ייִדן שפּאַרן זיך איבער די געבײַדעס און די גוים מאַכן פון זיי חוזק. אויפן מאַרק זײַנען שוין דאָ גרינע עפּעלעך, שיינע באַרנעלעך — אַ פּאָר אַ צווייער. אַ ייִנגל בלאָזט אין אַ גאָרגל פון אַ געשאָכטענער קאַטשקע, און חברה נאָך אים כרר... כרר... עס לויפט פאַרבײַ אַ מיידל אין בית המדרש אַרײַן צו פרעגן אַ שאלה אויף אַן עוף, און דאָ ווײַזט זיך אַ ייִדענע מיט אַ טרפה׳ר קאַטשקע אויף אַ טעלער, טראָגנדיק זי צום גוי׳שן בעקער. טאַטעס און ייִנגלעך גייען צוריק פון שערער מיט אָפּגעגאָלטע קעפּלעך, ווי די שעפּסן לכבוד שבת־נחמו. פון וועג, קומען אָן צוגיין ייִדן אורחים מיט פּעקלעך אויף די פּלייצעס, אין שטאָט אַרײַן אויף שבת. פורן קומען צופאָרן אין מיטן מאַרק אַרײַן, אָנגעפּאַקט מיט חסידים, אַלטע ייִדן און בחורים און ייִנגלעך, וואָס קומען אויף שבת־נחמו צום רבין. די שטאָט ווערט פול מיט פּנים חדשות. ייִדן גייען אַרום, ווי אין ירושלים, פראַנק און פרײַ, מיט שטרײַמלעך, שיך און זאָקן, מיט פּאות און ליולקעס... עס ווערט לעבעדיק, פרײַטיקדיק אין שטעטל. מען לויפט, מען אײַלט זיך, מען דערקענט. אַז עס איז ערב־שבת, ערב אַ גרויסן טאָג. די זון ציט זיך איבערן שטעטל אויך עפּעס אַזוי פרײַטיקדיק, גיסט מיט ליכט און איז נישט מקפּיד, ווו איִרע גינגאָלדענע שטראַלן פאַלן אַרײַן, און וועמען זיי באַלויכטן. פון דער שענק פאָרן אַהיים

שכורע פויערים, שכורע פויערטעס אין רויטע טיכער און ווײַסע כאַלאַטן. זיי קושן זיך, וויינען און לאַכן, נעמען זיך אַרום און טאַנצן. די פערד זייערע, די פּולע, רונדיקע פערד, זײַנען אויסגעפּוצט מיט בענדער, ווי מען פאָרט אויף אַ חתונה. זיי פאָרן מיט רעש אַרויס פון שטעטל, קלאַפּן איבער די שטיינער, און די חזירימלעך אויף די פורן קוויטשען מיט, און חדר־ייִנגלעך מיט די אַרויסגעשלעפּטע העמ־דער פון די הויזן־שפּאַלטן לויפן זיי נאָך און מאַכן גרויסע גוואַלדן: בעו! הוראַ! עס קומט צופאָרן לייבל וואַסער־פירער מיט זיין פעסל וואַסער פון טייך, באַפּאַלן אים די קינדער און צופּן פון פערדל די האָר אויף סטרונעס צו פידעלעך. לייבל שילט, קנאַלט מיטן בײַטש, נאָר ווער קוקט אויף אים, מען צופּט ווײַטער דאָס פערדל און מען פאַשעט עס מיט יאַגדעס, מיט בולקע־פּוטער, און דאָס פערדל פאַר־דייעט אַלעס...

עס ווײַזט זיך דער רב פון שטאָט. ער גייט מיט אַ חברה אורחים אַרום אין די הײַזער און שטעלט יעדערן אָפּ אַן אורח אויף שבת.

אין געסל קומט צו פאָרן פון וועג דער גביר ר׳ יחזקאל מיט זײַן מענטש נאָטע. אויף שבת אַהיים געאײַלט זיך. נאָטע שפּאַנט די פערד אויס און רײַט מיט זיי איבערן געסל צום וואַסער אַראָפּ, און ר׳ יחזקאל זעצט זיך פאַר דער טיר, און בעט אין האַרצן, אַז גאָט זאָל אים צושיקן אַ ייד אויף שבת.

אַלעס אין דער גאַס איז פרײַטיקדיק. די הימלען ציען זיך אַזוי לאַנג און ברייט אַוועק, ציען זיך, אום ערגעץ ווו אויף שבת אַהיימצוקומען. וואָס ווײַטער ווײַזן זיך אַלץ מער יידן אין אַטלאַסענע קאַפּאָטעס, אין שיך און זאָקן. ייִנגלעך אין אַטלעס און אין זײַדנס, גייען מיט פּעקלעך צום וואַסער באָדן זיך. דאָס זײַנען חסידימלעך, יונגע חסידימלעך, וואָס זײַנען געקומען צום רבין אויף שבת־נחמו.

און היימלעך ווערט אין שטעטל, היימלעך. בעלי־מלאכות טראָגן אָפּ די לעצטע אַרבעט, יונגעו כאַפּן ביר־געלט, לויפן אין די קראָמען נאָך קראַגנדלעך מיט שניפּס־לעך, און מען לויפט צום וואַסער באָדן זיך לכבוד שבת.

די זון הייבט זיך שוין אָן צו זעצן ווײַט אויפן לענטשענער וועג. עס ווערט פּאַרנאַכט. בײַם וואַסער הייבט אָן רואיקער צו ווערן. מען אײַלט זיך אַהיים. צום טײַך קומען שוין נאָר די לעצטע פּורמאַנעס, וואָס זײַנען שפּעט אין שטעטל אָנגע־קומען, און בעלי־מלאכות וואָס האָבן שפּעט די מלאכה געענדיקט. פון מאַרק צענע־מען די יידענעס זייער סחורה און טראָגן זי אַהיים. אויסגעבאָדענע ייִנגלעך לויפן איבער דער גאַס מיט פלעשלעך צו ווײַנשטיינען נאָך ווײַן אויף קידוש. די געוועל־בער פאַרמאַכן זיך איינציקווײַז. אין עק גאַס, בײַם גרויסן אַרײַנפאָר־הויז, אויף דעם וועג צום בית־עולם, צעפלאַקערט זיך אַ רויט געשטאַלט אין אַ וואָלקן פון גינ־גאָלד שטויב... דער הימל ווערט איבערן שטעטל טונקל. מען הייבט אָן קלאַפּן אין שול אַרײַן. אין טייל פענצטער ווײַזן זיך שוין שבת־ליכטלעך, נאָר די האַלב־אײַנ־געפאַלענע הײַזלעך, דער רעשט חורבות זעען אויס עפּעס נעבעכדיק, ווי אָרימע מחותנים, וואָס זײַנען אין צעריסענע בגדים און נאָר אין סאַמעטענע, שבתדיקע היטלען געקומען אויף דער חתונה... פאַר טייל הײַזער ווײַזן זיך שוין שבתדיקע

באַלעבאַסטעס מיט זייערע טעכטערלעך. אָפּגעוואַשן, אויסגעקעמט, זיצן זיי פֿאַר דער טיר...

און שטיל און רואיק איז אין געסל. דער שבת קומט אָן מיט רואיקע טריט, און פֿאַרשפּרייט מנוחה. ווי אַליין פֿאַר זיך קלינגט דער קירכן־גלאָק, רופֿט מיט אַ פֿרום געבעט אין קירכע אַרײַן. פֿון דעם קליינעם בית־המדרשל פֿינקלען זיך אַרויס די שבת־ליכטלעך און עס דאַכט זיך, אַז זיי האַלטן מלחמה — דער קירכן־גלאָק מיט די שבת־ליכטלעך. יעדעס ציט צו זיך. דורך דאָס שטילע שטעטל גייען פֿרומע קריסטן, מענער מיט פֿרויען, גייען אין קירכע אַרײַן. און אָפּגעוואַשענע יידן מיט ווײַסע קראַגנס פֿון די העמדער, איבער די שבתדיקע קאַפּאָטעס פֿאַר־בויגן, גייען אין בית־המדרש אַרײַן. חסידים אין אַטלאַס און אין זײַדנס, אין שיך־און־זאָקן, גייען צום רבין. און שטילער, רואיקער, שבתדיקער, ווערט דאָס שטעטל, ווי עס וואָלט זיך איינגעטיילט דאָס בית־המדרשל מיט דער קירכע, יעדע גענומען זיך דאָס איריקע. פֿון די אָפּגעוואַשענע פֿענצטער פֿינקלען די ליכטלעך און די לײַכטערלעך אַרויס. מײדלעך הייבן זיך אָן צו ווײַזן אין געסל שפּאַצירנדיק, און דעם חזנס „לכה דודי״ זינגט אין געסל און דער קירכן־גלאָק קלינגט מיט: די קו־לות מישן זיך אויס און עס ווערט איין שטילע תפילה צו איין גאָט...

ת. נ. ביאַליק — יידיש: י. י. שוואַרץ

מײַן מאַמע זכרונה לברכה

מײַן מאַמע, זכרונה לברכה, געווען איז אַ גרויסע צדקת,
אַ וויסטע אַלמנה געזעסן.
איין פּרײַטיק פֿאַרנאַכט — ס׳גליט די שקיעה אין שפּיצן פֿון ביימער —
און אין שטוב — נישט קיין ליכט, נישט קיין עסן.

זי זוכט — און מיט נסים פֿון הימל — געפֿונען צוויי פּרוטות —
„ברויט אָדער ליכט״? — מיט דער דעה געשלאָגן.
זי לויפֿט, קומט צוריק — אין איר מאָגערער האַנט אַ מתנה:
צוויי ליכט אויף צום בענטשן געטראָגן.

דער הימל פֿאַרמאָגט זיבן שטערן, דער שבת, דער מאַמעס,
האָט אויך זיבן ליכט, זיבן שטראָמען:
וועט גאָט דען פֿאַרשטערן זײַן שבת? — און וואָס קען זי העלפֿן?
געליבט פֿאַר די צוויי איז זײַן נאָמען!

ווען בענטשן די ליכט אויף אַ ליידיקן טישטעך, אָן חלה —
פֿאַרפּוצט זיך אין הויב אין דער ברייטער;
געביטן איר קלייד און זיך מכין געווען פֿאַר גאָט.
פֿאַרן הייליקן שבת אַ גרייטע.

געצונדן די ליכט — האָט זי מער ניט געקענט זיך באַהערשן,
ווייל ס'האַרץ האָט מיט בלוט זיך באַגאָסן;
אַרויס מיט געוויין, און אַ טרער איז אַרונטערגעפֿאַלן —
איין ליכט איז געוואָרן פֿאַרלאָשן.

פֿאַרשעמט, איז דער שבת, אויף איין אויג אַ בלינדער, געשטאַנען —
די פֿרוי איז פֿאַרציטערט געבליבן:
„פֿאַרשעמסט אַן אַלמנהס אַ גאָב? אויב דיין דינסט האָט געזינדיקט,
צו וואָס נאָך דעם שבת באַטריבן?

וואָס האָסטו זיין אויג אויסגעשטאָכן?" — מיט אויגן פֿאַרמאַכטע,
פֿאַרדעקט מיט די הענט און פֿאַרביטערט,
אין פֿאַרקלעמטן געוויין, און אין פֿלאַמיקער תּפֿלה
האָבן פּלייצעס און הויב אומגעציטערט.

אין האַרץ האָבן תּהומען געברויזט, די אמהות און כּרובים
זיי האָבן פֿון האַלדז זיך געריסן —
ס'האָט די שכינה נאָך קיינמאָל געהערט און געזען,
ווי אַ מענטש טוט אַזוי זיך צעגיסן.

און דאַן איז נאָך איינע אַ טרער פֿון צדקת געפֿאַלן,
אַ זודיקער פֿלאַם פֿון די גרונטן —
און טאָפּלט איז ליכטיק געוואָרן: ס'פֿאַרלאָשענע ליכטל
האָט נאָכאַמאָל זיך אָנגעצונדן.

און ווען ס'האָט די מאַמע געעפֿנט די אויגן, האָט ליכט פֿון בראשית
פֿון זיי זיך געגאָסן אין שטראָמען —
ווייל ס'האָט זיי די שכינה געקושט. — דער זכות פֿון צדקת זאָל בייַשטיין
אונדז און אַלע יידן. אמן.

ש. י. עגנון   יידיש: י. י. שוואַרץ

די מטבע

אַ מעשה מיט איינעם אַן אָרעמאַן, וואָס איז פֿרײַטיק־צו־נאַכט געגאַנגען אַהיים פֿון שול און דערזען אַ מטבע אויפֿן וועג. האָט דער אָרעמאַן געטראַכט: דאָס הייסט אַביסל מזל: אָבער וואָס טוט מען, אַז הײַנט איז שבת און איך טאָר זי נישט רירן פֿון פּלאַץ. ווען כ׳געפֿין זי אַ שטייגער איידער ס׳איז פֿינצטער געוואָרן, וואָלט איך מיר געקויפֿט עטלעכע ראָזשינקעס און וואָלט מיר געמאַכט וויַין אויף קידוש, אָדער כ׳וואָלט מיר געקויפֿט אַביסל ווייצנמעל, צי עפּעס אַנדערש פֿאַר עונג שבת. איז ער אַוועק אַהיים און אויפֿגענומען דעם שבת אָן וויַין און אָן חלה און אָן אַנדערע זאַכן פֿון וואָס מ׳קען שבת הנאה האָבן און געמאַכט קידוש אויף שוואַרץ ברויט.

אינדערפֿרי, גייענדיק אין שול אַרײַן, האָט דער אָרעמאַן צו זיך געזאָגט: לאָמיר גיין אַ קוק טאָן, צי זי ליגט נאָך ווו זי איז געלעגן. אויב דער שבת־גוי האָט זי נישט דערזען, וועל איך זי געפֿינען אויפֿן אייגענעם פּלאַץ. ווען ער איז צוגעגאַנגען אַהין — זעט ער, אַז ס׳איז נישט קיין קופּערנע, נאָר אַ זילבערנע מטבע. האָט זיך דער אָרעמאַן געטראַכט: דאָס מזל האָט זיך אָפּגעמזלט! געפֿונען אַ קופּערנע — צום סוף איז דאָס גאָר אַ זילבערנע! פֿאַר אַ גרויסן נסיון האָט מיך הקדוש ברוך הוא אַוועקגעשטעלט. גענומען די פֿיס אויף די פּלייצעס און אַוועק אין שול אַרײַן.

נאָכן דאַווענען האָט זיך דער אָרעמאַן געטראַכט: אַצינד וועל איך זי שוין אַוודאי נישט געפֿינען. אַ סך מענטשן זײַנען דורכגעגאַנגען און האָבן זי געזען, נאָר אפֿשר האָבן זיי זי נישט באַמערקט, און זי נישט אויפֿגעהויבן. פֿונדעסטוועגן, דאַרף מען צוגיין אַהין, וועל איך זען, צי דאָס איז באמת אַ זילבערנע מטבע; און אויב מ׳האָט זי שוין צוגענומען, וועל איך פּטור ווערן פֿון שלעכטע מחשבות און כ׳וועל מער פֿון דעם נישט טראַכטן.

ווען ער איז צוגעקומען אַהין — האָט ער זי געפֿונען אויפֿן אייגענעם פּלאַץ, ווו זי איז נעכטן געלעגן און ווו זי איז געלעגן אינדערפֿרי. נאָר די נעכטיקע איז געווען פֿון קופּער און די אינדערפֿריאיקע איז געווען פֿון זילבער און די איצטיקע איז פֿון גאָלד. אויב עס שטעקט נישט אין דעם קיין כּישוף — איז דאָס אַוודאי פֿון דער זון, ווײַל די מיטאָגדיקע זון שײַנט אויף דער מטבע און זי זעט אויס פֿון גאָלד. און אויב ס׳איז נישט פֿון גאָלד — פֿון זילבער איז זי אַוודאי.

האָט דער אָרעמאַן געטראַכט בײַ זיך אין האַרצן, וויפֿל זאַכן ער וואָלט געקענט קויפֿן פֿאַר דער דאָזיקער מטבע. איך דאַרף זי בלויז אויפֿהייבן און דערפֿאַר

האָבן אַלע גוטקייטן פון דער וועלט; חלה און אַ טראָפּן בראָנפן און אַ הערינג און אַנדערע גוטע זאַכן מיט וואָס מ'קען האָבן אַן עונג שבת און אַן עונג פאַרן גוף. להבדיל. האָט זיך דער אָרעמאַן איינגעבויגן איינמאָל און נאָכאַמאָל. אָבער די אימה פון שבת איז אויף אים געווען און ער איז אַוועק אַהיים מיט ליידיקע הענט.

מנחה־צײַט איז ער שוין צו דער מטבע נישט געגאַנגען. ער האָט זיך גע־טראַכט: ווער ווייסט צי כ'וועל קענען בײַשטיין דעם יצר־הרע. שבת, ווען די קראָ־מען זײַנען פאַרמאַכט האָב איך געקענט זיך אײַנהאַלטן, אָבער איצט, מנחה־צײַט, איז אַנדערש. אַביסל שפּעטער, וועלן זיך עפענען די קראָמען און ריחות פון עסן און טרינקען טוען אַ שלאָג אין נאָז אַרײַן. כ'האָב זייער שטאַרק מורא, כ'וועל נישט קענען בײַשטיין דעם נסיון.

אָבער דעם מענטשנס יצר־הרע איז גאַנץ אָפט שטאַרקער פונעם מענטשן. ער וויל פאַררעדן דעם יצר־הרע, נאָר דער יצר־הרע פאַררעדט אים. ער זאָגט צו אים: איך זאָג דיר דען, זאָלסט אָננעמען די מטבע מיט דער האַנט? מ'שאַרט זי גאָר אַוועק מיטן פוס אַן אַ זײַט. אָדער, מ'קײַקלט אַרויף אַ שטיין אויף איר, אַז קיין צווייטער זאָל נישט קומען און זי צונעמען. נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט דאַוונען מנחה — האָט ער זיך מישב געווען און אַוועק צו יענעם פּלאַץ. אָנקוקן — איז נישט קיין עבירה.

בײַ יענער צײַט איז שוין געווען בין־השמשות. די זון האָט שוין געהאַלטן בײַם פאַרגיין און גילדענע פונקען זײַנען פון איר געגאַנגען. ווען דער אָרעמאַן איז צוגעקומען נאָענט צו דער מטבע — האָט ער זי געפונען אויף אַן אָרט, נאָר ס'איז שוין נישט געווען אַן איינציקע מטבע, נאָר אַ סך, אַ סך מטבעות. קען זײַן, קען זײַן נישט קיין ממשותדיקע מטבעות, נאָר די דאָזיקע מטבע האָט אָפּגעשלאָגן מיט ליכט אַרום איר, ווי דער שטייגער פון אַ מטבע וואָס ליגט אויפן מיסט און דאָס גאַנצע מיסט אַרום צעשטראַלט זיך. על־כל־פּנים, די דאָזיקע מטבע איז געווען אַ גילדענע. ווען ער בייגט זיך אײַן און הייבט זי אויף, וואָלט ער געקענט האָבן חיונה אויף אַ צוויי־דרײַ וואָכן. וויפל, מ'שטיינס געזאָגט, דאַרף אַן אָרעמאַן האָבן, מיט איין גילדערנעם רענדל קען מען אים דערהאַלטן בײַם לעבן כמה וואָכן.

האָט זיך דער אָרעמאַן געטראַכט: ס'איז גוט, וואָס אין שטוב איז נישטאָ וואָס צו בײַסן און שנײַדן און איך בין פּטור פון דער דריטער סעודה — בין איך מיר פרײַ, צו שטיין אַזוי און אָנצוקוקן אַ צורת־מטבע. דער מענטש וואָס האָט דאָ אַוועקגעשטעלט זײַן געלט אויפן מיסט איז אַ שוטה. צי דען מיינט ער, אַז דאָס געלט זײַנס וועט דאָ וואַקסן און ברענגען פּירות? איך, אויף זײַן אָרט, וואָלט דאָס געטראָגן אין אַ בעטעלע אויפן האַרצן. ווען מײַן ווײַב און מײַנע קינדער וואָלטן געבעטן עסן, וואָלט איך צו זיי געזאָגט: פרעסער, וואָס איר זענט, איר ווילט עסן? און וואָלט תיכף גענומען אַ גילדערנעם רענדל, געגאַנגען אין קראָם אַרײַן און גע־געבן דעם קרעמער. איך וואָלט געשווירן, אַז צו „מודים" בייגט ער זיך נישט אַזוי פיל מאָל, וויפל ער וואָלט זיך בייגן פאַר מיר.

נאָר איידער דער אָרעמאַן האָט אײַנגעבויגן זײַן גוף, ווי דער קרעמער וואָס דערזעט אַ גילדערנע מטבע — איז אים געקומען אויפֿן זינען, אַז אפשר איז דאָס נישט מער ווי דעם בעל־דברס אַ שפּיצל, אַז דער שטן האָט דאָס אַוועקגעלייגט נאָר פֿאַר אים, כּדי אים צו ברענגען צו אַן עבֿירה. האָט ער זיך תּיכּף אויסגע־גלײַכט און געזאָגט: אַזאַ מין לק, האָט זיך אויסגעצויגן אויפֿן מיסט און מאַכט חוזק פֿון אַ יידן. ער איז פּטור פֿון דאַוונען און האָט צײַט פֿאַר זײַנע מחזקות, אָבער איך דאַרף גיין דאַוונען מעריבֿ און האָב קיין צײַט נישט פֿאַר ליצנות. האָט זיך דער אָרעמאַן אָפּגעריסן פֿון פּלאַץ און געלאָפֿן אין שול אַרײַן.

נאָך מעריבֿ האָט ער שוין אַפֿילו נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אויף די מטבעות. ער האָט זיך געטראַכט: זיי זײַנען מיר גענוג דערגאַנגען די יאָרן דורכן גאַנצן טאָג. נאָר ווײַבאַלד ער האָט אָפּגעקערט פֿון זיי זײַנע אויגן האָבן זיי צו אים אַרויפֿגע־קוקט, געפֿינקלט ווי גילדערנע רענדלעך. דערזען אַזוי — האָט ער געטראַכט: אַצינד, ווען דער שבת־קודש איז פֿאַרבײַ, לאָמיך צוגיין אַ קוק טאָן, וואָס פֿינקלט דאָרט אַזוי.

האָט ער זיך אײַנגעבויגן און דערזען עפּעס אַזוינס, וואָס קיין אויג האָט נאָך נישט געזען און קיין האַנט האָט נאָך נישט געציילט. האָט ער אויסגעשטרעקט די הענט און אַרײַנגעשאָטן אַלע רענדלעך אין זײַנע קעשענעס, ביז זיי זײַנען געוואָרן פֿול. ווערט איר דאָך אפֿשר מיינען, אַז זײַנע קעשענעס זײַנען געווען קליינע? — איז ניין! ער האָט דווקא געהאַט גרויסע קעשענעס. ווערט איר אפֿשר מיינען, אַז די רענדלעך זײַנען געווען לײַכטע? — איז גייט זעט, וואָס ער האָט געקויפֿט פֿאַר איין רענדל. ווײַן אויף הבֿדלה און ווייצענע ברויט און אַ הערינג און אַנדערע זאַכן, וואָס זײַנען גוט פֿאַרן גוף און טוען דער נשמה קיין שלעכטס נישט, און ס׳איז אים נאָך אַרויסגעקומען רעשט פֿונעם רענדל.

איז ער געקומען אַהיים שטאַרק אויפֿגעלייגט. און ווײַל ער האָט נאָך געזונ־גען „איש חסיד״, האָט דאָס ווײַב געגרייט פֿאַר אים אַ פֿולן טיש. האָט ער גע־וואַשן די הענט צום עסן, ער און זײַן הויזגעזינט, געגעסן און געטרונקען און גע־דאַנקט און געלויבט גאָט.

פֿון דעמאָלט אָן האָט שוין דעם שבת גאָרנישט געפֿעלט. און אים און זײַן הויזגעזינט האָט שוין קיינמאָל נישט געפֿעלט. דערפֿאַר וואָס ער האָט אָפּגעהיט איין שבת אין אָרעמקייט — האָט ער זוכה געווען צו אַ סך שבתים אין רײַכקייט.

שלום עליכם

די פּורים־שפּילער

— א —

— „געקומען די פּורים־שפּילערס! געקומען די פּורים־שפּילערס!"

דערהערט פּורים־שפּילערס, שפּרינגען מיר, קליינוואַרג, אַלע אין איין רגע אַרויס פונעם טיש, און מיר שטייען שוין אַלע אַרום דעם קיניג אחשורוש מיט דער גילדענער קרוין.

— „גוט יום־טוב!" — שיסן אויס די חברה אַלע מיט אַ מאָל גאַנץ פריילעך, און מען שטעלט זיך אויס אין צוויי שורות. אויף אַ גילדענעם שטול זיצט דער קיניג אחשורוש און עס טרעט אַרויס אויף איין פוס ממוכן (חיים שמײַסער), ער זינגט אַ לידל.

— „דו ביסט יוסף הצדיק?" — רוף איך מיך אָן צו פּיִוול דעם יתום, וואָס שטייט בײַ דער זײַט מיט אַן אויסגעשמירט, פאַריאָמערט פּנים.

— „יוסף הצדיק" — מאַכט צו מיר פּיִוול.

— „דו וועסט אויך שפּילן?" — פרעג איך אים.

— „אַז מע וועט מיר הייסן שפּילן, וועל איך שפּילן — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק, און בייגט זיך אָן צו מיר אויפן אויער — גיב מיר אַ שטיקל קוילעטש, פון אײַער פּורים־קוילעטש."

— „מע וועט דערזען, וועט מען זיך בייזערן", — מאַך איך צו אים שטי־לערהייט.

— „שלעפּ אַוועק אַזוי, אַז קיינער זאָל נישט זען", — זאָגט ער צו מיר און די אייגעלעך בלישטשען.

— „גנבענען?" — זאָג איך.

— „דאָס הייסט דען געגנבעט?" — מאַכט ער.

— „וואָס דען — זאָג איך — הייסט דאָס? געלקחנט?"

— „איך בין טויט־הונגעריק — זאָגט ער צו מיר שטילערהייט און ער עסט דעם קוילעטש מיט די אויגן — פון גאַנץ פרי אָן אין מײַן מויל נישט געהאַט."

דער גאַנצער עולם איז פאַרטיפט אין דער „שפּיל"; גיי איך צו פּאַמעלעך צום טיש, פאַרלייג די האַנט אַרונטער, שלעפּ אַוועק אַ שטיק קוילעטש און רוק דאָס אים אַרײַן אין האַנט אַרײַן. יוסף הצדיק לאָזט אַראָפּ קונציק דאָס שטיקל קוילעטש אין קעשענע אַרײַן און טו מיך אַ קוועטש בײַ דער האַנט:

— „ביסט אַ וווּיל יינגל, געבן זאָל דיר גאָט אַלדאָס גוטס!"

— „אפשר ווילט איר, מיר זאָלן אײַך שפּילן „מכירת יוסף“ אויך?“ — רופט זיך אָן דער קיניג אחשורוש און טוט אויס די גילדענע קרוין און טוט אָן אַ פּראָסט היטל.

— „געגנוג, געגנוג,“ — מאַכט דער זיידע און ער גיט דעם קיניג אחשורוש אין האַנט אַרײַן אַ זילבערנע מטבע, און הייסט דעם משרת, ער זאָל נעמען אַ בעזעם און אויסראַמ׳ען די בלאָטע, וואָס די פּורים־שפּילערס האָבן אָנגעמאַכט... אין שטוב ווערט אַ רוקערײַ מיט די בענקלעך, און בשעת די משפּחה האַלט אין אויסזעצן זיך צוריק אויף די ערטער, כאַפּ איך מיך דערוווײַל אַרויס אויף אַ מינוט, באַגלייטן די „חברה“.

— „קום! — מאַכט צו מיר יוסף הצדיק, און נעמט מיר אָן בײַ דער האַנט — פאָלג מיך, קום מיט מיר, איך האָב דיך ליב, ביסט אַ ווױלער ייִנגל, זייער אַ ווױלער.“

— „וווּהין?“ — זאָג איך און דאָס האַרץ קלאַפּט מיר.

— „צום קיניג אחשורוש — מאַכט ער צו מיר — מיר שפּילן שוין מער הײַנט נישט. דאָס גייען מיר צום קיניג אחשורוש צו דער סעודה.“

יוסף הצדיק נעמט מיך אָן בײַ דער האַנט און מיר שפּאַנען איבער דער בלאָטע.

די נאַכט רוקט זיך אָן נעפּלדיק, ובענטער, די בלאָטע ווערט וואָס ווײַטער אַלץ טיפער. עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז איך האָב פליגל, עס טראָגט מיך אין דער לופטן, אָט הייב איך אָן פליען... שוועבן...

— „איך האָב מורא“, — זאָג איך צו יוסף הצדיק און האַלט אים צו בײַ דער האַנט.

— „וואָס האָסטו מורא, נאַרעלע? — און קײַט בשעת־מעשה דאָס שטיקל קוילעטש, וואָס איך האָב אים געגעבן. — דאָרט וועט זײַן אַ סעודה, נאַרעלע, דאָרט וועסטו הערן ווי מיר זינגען לידער... אוי, וואָס פאַר אַ קוילעטש בײַ אײַך איז! טעם גן־עדן! צעגייט זיך אין מויל ווי אַ פּוטער! איך פאַרשטיי נישט, ווי אַזוי זעט מען פאַר זיך אַזאַ אַנטיק און מען עסט דאָס נישט?“

— „אַ טײַערע מציאה! — זאָג איך — בײַ אונדז עסט מען אין דער וואָכן אויך קוילעטש.“

— „אַלע מאָל קוילעטש? — זאָגט יוסף הצדיק, און באַלעקט זיך. — און פליייש?“

— „אַלע טאָג“ — זאָג איך.

— „אַלע טאָג? — מאַכט ער און טוט אַ שלונג, — און איך עס פליייש נאָר איין מאָל אין וואָך, שבת; איז דאָס נישט אַלע שבת.“

— „ווו איז דײַן טאַטע?“ — פרעג איך אים.

— „איך האָב נישט קיין טאַטן.“

— „ווו איז דײַן מאַמע?“

— „איך האָב נישט קיין מאַמען.“

— „דער זיידע? די באָבע?“

— „איך האָב נישט קיין זיידן, איך האָב נישט קיין באָבען.“

— „אַ פעטער? אַ מומע?“

— „איך האָב נישט קיין פעטער, איך האָב נישט קיין מומע.“

— „אַ ברודער? אַ שוועסטער?“

— „איך האָב נישט קיין ברודער, איך האָב נישט קיין שוועסטער, איך האָב קיינעם נישט, קיינעם נישט, איך בין אַ יתום בין איך!“

איך כאַפּ אַ קוק אויף זײַן פּנים און אויף דער לבנה, און עס דאַכט זיך מיר, אַז ער און די לבנה האָבן איין קאָליר... איך רוק מיך צו צו אים נאָך נענטער און מיר לויפן נאָך דער „חברה“ מיט אונדזערע קליינע פיסלעך גאַנץ גיך.

י. ל. פּרץ

דער קונצנמאַכער

— א —

אין אַ שטעטל איז אַמאָל געקומען אַ קונצנמאַכער.

און כאָטש עס איז געווען פאַר פּסח, ווען אַ ייִד האָט מער זאָרג, ווי האָר אויפן קאָפּ, האָט דאָך זײַן אָנקומען אַ גרויסן רושם געמאַכט.

אַ רעטעניש פון אַ מענטש! אָפּגעריסן און אָפּגעשליסן, מיט אַ צילינדער, אַפילו אַ צעקנייטשטן, אויפן קאָפּ. אַ ייִדיש פּנים — און אַ געגאָלטע באָרד! און עסן האָט אים קיינער נישט געזען, נישט קיין כשרס, נישט קיין טריפהס. גיי ווייס, וואָס עס איז?! מען פרעגט אים: פון וואַנען? זאָגט ער: „פון פּאַריז!“ ווּהין? — „קיין לאָנדאָן!“ ווי קומט איר אַהער? זאָגט ער: „פאַרבלאָנדזשעט!“ אַ פּנים, צופוס געגאַנגען! און שטייט מען צו אים צו, מאַכט מען אַרום אים אַ רעדל, ווערט ער פּלוצים נעלם, גלײַך די ערד וואָלט אים אײַנגעשלונגען, און שווימט אַרויס אויף יענער זײַט מאַרק.

דערווײַל האָט ער זיך געדונגען אַ סאַליע און אָנגעהויבן צו מאַכן קונצן. אָבער קונצן! ער האָט געשלונגען ברענענדיקע קוילן, פון מויל אַרויסגעצויגן אַלערליי בענדער, רויטע, גרינע, וואָס פאַר אַ קאָליר מען האָט נאָר געוואָלט. פון די שטיוול וואַרפט ער אַרויס זעכצן פּאָר אינדיקעס, אָבער אינדיקעס — ווי בערן, און לעבעדיקע, און זיי צעלויפן זיך איבער דער סצענע; דערנאָך הייבט ער אַ פוס און קראַצט אָפּ פון דער פּאָדעשווע גאָלדענע רענדלעך, אַ גאַנצע שיסל גאָלדענע רענדלעך! פּאַטשט מען „בראַוואָ“, גיט ער אַ פײַף, לויפן זיך אין דער לופט צוזאַמען חלות און קוילעטשן, ווי די פייגל, און הייבן אָן טאַנצן אונטער דער סטעליע, און גיט ער דעם צווייטן פײַף, ווערט דאָס אַלץ גלײַך פאַרשוווּנדן, ווי נישט געווען! אויס קוילעטשן, אויס בענדער, אויס אינדיקעס — גאָרנישט!

איז אָבער די שאלה: פאַרוואָס איז ער אַליין אַזאַ גרויסער אָרעמאַן? אַ מענטש שאַרט רענדלעך און האָט נישט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר דער אכסניה. מיט אַ פּײַף באַקט ער אָן מער קוילעטשן און חלות, ווי דער גרעסטער בעקער, אינדיקעס ציט ער אַרויס פון די שיך, און אַ פּנים האָט ער — אָן אויסגעצויגנס, אַז שענערע לייגט מען אין דער ערד אַריין, און דער הונגער ברענט אים אין די אויגן ווי אַ פלאַקער! ווערטלט מען זיך: „די פינפטע קשיא צו „מה נשתנה"!...

נאָר איידער עס קומט צו „מה נשתנה", וועלן מיר איבערלאָזן דעם קונצנמאַכער און איבערגיין צו חיים־יונהן און זײַן ווײַב רבקה־ביילע.

— ב —

חיים־יונה איז אַמאָל אַ וואַלד־סוחר געווען, האָט ער איינמאָל געקויפט אַ וואַלד אין גלײַכן געלט, האָט מען דעם וואַלד פאַרמאַכט, איז ער אַרויס „אין איין העמד". איז ער געוואָרן וואַלד־שרײַבער, האָט ער די שטעל פאַרלוירן; זיצט ער שוין אַ שיינע פאָר חדשים אָן פּרנסה. נאָך ווינטער גייט אָבער פּסח! און פאַרזעצט איז שוין פון הענגלײַכטער ביזן לעצטן קישן.

זאָגט רבקה־ביילע: גיי און נעם מעות־חיטין. זאָגט חיים־יונה, אַז ער האָט בטחון, אַז גאָט וועט העלפן, און דאָס פּנים פאַרשוואַרצן וועט ער זיך נישט.

גייט רבקה־ביילע און זוכט נאָכאַמאָל אין אַלע ווינקעלעך, און געפינט אָן אַלטן אָפּגעריבענעם זילבערנעם לעפל, יאָרן זינט דער לעפל איז פאַרלוירן געוואָרן! גייט חיים־יונה נעמט דעם לעפל, פאַרקויפט אים און טראָגט אַרײַן די פאָר גראָשן אויף מעות־חיטין פאַר אָרעמעלײַט. אָרעמעלײַט, זאָגט ער, זײַנען בילכער.

די צײַט דערווײַל רוקט זיך. שוין איינגאַנצן נישט מער ווי אַ פאָר וואָכן צו פּסח. ער האָט בטחון. גאָט, זאָגט ער, פאַרלאָזט נישט!

מילא, רבקה־ביילע שווײַגט: אַ ווײַב מוז פאָלגן אַ מאַן. עס גייט אָבער אַוועק נאָך אַ טאָג, און נאָך אַ טאָג, רבקה־ביילע ווייסט נישט פון קיין שלאָף, און ווייגט שטילערהייט, חיים־יונה זאָל נישט הערן, און אויף פּסח איז קיין צייכן נישטאָ. און טעג האָט זי ערגערע ווי נעכט, — בײַנאַכט ווייגט זיך אַ מענטש כאָטש אָפּ דאָס האַרץ, בײַטאָג אָבער מוז מען קנײַפּן די באַקן, די פאַרב זאָל שטיין! שכנות קוקן איר נאָך און גאַפן, און קוקן זיך די אויגן אויס, און שטעכן זי מיט רחמנות־בליקן ווי מיט נאָדלען... אַנדערע פרעגן: ווען באַקט איר מצות? די נענטערע זאָגן: — סטײַטש, וואָס טוט זיך מיט אײַך, רבקה־ביילע? פעלט אײַך, וועלן מיר אײַך באָרגן...

חיים־יונה וויל אָבער נישט קיין מתנות פון מענטשן, און רבקה־ביילע וועט קעגן איר מאַן נישט גיין — זוכט זי אויס תירוצים פון אונטער דער ערד, און דאָס פּנים פלאַמט און פלאַמט.

זעען די שכנים, אַז ער איז נישט ווי עס באַדאַרף צו זײַן, נעמען זיי און לויפן צום רב: — סטײַטש? דער רב, נעבעך, הערט אויס, קרעכצט אָפּ און פאַר־

קלערט זיך, און סוף־כל־סוף ענטפערט ער, אַז חיים־יונה איז אַ גאָטספאָרכטיקער און אויב ער האָט בטחון, האָט ער...

רבקה־ביילע איז אַפילו אָן בענטש־ליכט געבליבן...

און — שוין פּסח!

— ג —

חיים־יונה גייט פון בית המדרש אַהיים, זעט ער, אַז אַלע פענצטער אין מאַרק שײַנען אַרויס מיט פרייד פון יום־טוב, און נאָר זײַן דירה שטייט ווי אַ בלינדע צווישן זעענדיקע. ער פאַלט אָבער בײַ זיך נישט אַראָפּ: „אַז גאָט וועט וועלן, וועט נאָך זײַן פּסח!" — טראַכט ער.

ער גייט אַרײַן און זאָגט פריילעך: „גוט יום־טוב!" און נאָכאַמאָל: „גוט יום־טוב דיר, רבקה־ביילע!" און רבקה־ביילעס קול ענטפערט אים, אַנגעזאַפּט מיט טרערן, פון אַ פינצטער ווינקל אַרויס: „גוט יום־טוב, גוט יאָר!" און אירע אויגן ברענען אַרויס פון פינצטערן ווינקעלע, ווי צוויי ברענענדיקע קוילן.

גייט ער צו צו איר און זאָגט איר: „רבקה־ביילע, הײַנט איז יום־טוב, פאַר־שטייסט? טרויערן טאָר מען נישט! און וואָס איז דאָ צו טרויערן! אויב גאָט האָט נישט געוואָלט מיר זאָלן האָבן אונדזער סדר, מוז מען אָננעמען פאַר ליב און זײַן בײַ אַ פרעמדן סדר. וועלן מיר גיין ערגעץ אַנדערש צום סדר! מען וועט אונדז אַרײַנלאָזן אומעטום... טיר און טויער שטייען אָפן... יידן זאָגן: „ווער עס איז הונ־געריק, זאָל אַרײַנקומען עסן". קום, נעם אויף דיר דעם שאַל, וועלן מיר גיין צום ערשטן, בעסטן יידן..."

און רבקה־ביילע, וואָס טוט שטענדיק דעם ווילן פון איר מאַן, האַלט אײַן מיט אַלע כוחות דאָס געוויין, וואָס רײַסט זיך איר צום האַלדז, נעמט אויף זיך אַ צע־ריסענעם שאַל און וויל שוין גיין, — אין דער זעלבער רגע עפנט זיך אָבער די טיר, און עמעצער קומט אַרײַן און זאָגט:

— „גוט יום־טוב!"

ענטפערן זיי: „גוט יאָר". נישט זעענדיק ווער עס איז צו זיי אַרײַנגעקומען.

זאָגט דער, וואָס איז אַרײַנגעקומען: „איך וויל זײַן אײַער גאַסט צום סדר!"

ענטפערט חיים־יונה: „מיר האָבן אַליין קיין סדר נישט..."

ענטפערט יענער, אַז ער האָט מיטגעבראַכט דעם סדר מיט זיך.

— „אין דער פינצטער!" — האַלט זיך שוין רבקה־ביילע נישט אײַן און שלוכצט.

— „חלילה! — ענטפערט דער אורח, — עס וועט זײַן ליכט." — און ער גיט אַ מאַך: האָקוס־פּאָקוס! און עס באַווײַזן זיך צוויי פאַר זילבערנע לײַכטער מיט אָנגעצונדענע ליכט אין מיטן שטוב אין דער לופטן! עס ווערט ליכטיק! חיים־יונה און רבקה־ביילע דערזעען, אַז ד׳אָס איז דער קונצנמאַכער און זיי גאַפן און קענען פאַר וווּנדער און שרעק קיין איינציק וואָרט פון מויל נישט אַרויסברענגען.

זיי כאַפּן זיך איינס דאָס צווייטע אָן בײַ די הענט און שטייען מ׳יט אויפגעריסענע אויגן און אָפענע מײַלער.

דער קונצנמאַכער ווענדט זיך דערווײַל צום טיש, וואָס איז געשטאַנען פאַר־שעמט אין אַ ווינקעלע, און זאָגט צו אים: „נו, בחורל, באַדעק דיך און קום אַהער!" און אַזוי ווי ער זאָגט דאָס אַרויס, פאַלט פון סטעליע אויפן טיש אַראָפּ אַ שניי־ווײַס טישטעך און באַדעקט אים, און דער באַדעקטער טיש הייבט זיך אָן רירן און גייט און קומט אין מיטן שטוב אַרײַן און פאַרהאַלט זיך פּונקט אונטער די ליכט און די זעלבערנע לײַכטער לאָזן זיך נידעריקער אַראָפּ און שטעלן זיך אַני־דער אויפן טיש.

— „אַצינד", — זאָגט דער קונצנמאַכער, — פעלן נאָך הסב־בעטן. זאָלן זײַן הסב־בעטן!" — גייען דרײַ בענקלעך, פון דרײַ עקן פון שטוב, און גייען צו צום טיש און שטעלן זיך אויף זײַנע דרײַ זײַטן. הייסט ער, דער קונצנמאַכער, זיי זאָלן ברייטער ווערן. ציען זיי זיך אויס אין דער ברייט, און עס ווערט פון זיי פאָטער־שטולן. רופט ער אויס: „ווייכער!" באַדעקן זיי זיך מיט רויטן סאַמעט, און גלײַך פאַלן אויף זיי פון סטעליע אַראָפּ ווײַסע, שניי־ווײַסע קישנס און לייגן זיך אויף די פאָטער־שטולן און — עס ווערן הסב־בעטן! עס באַווײַזן זיך באַלד אויך רויטע כוסות מיט פלעשער ווײַן און מצות, און אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ כשרן און פריילעכן סדר, אַפילו הגדות מיט אַ גאָלדענעם שניט.

— „און וואָסער צו וואַשן האָט איר? — פרעגט דער קונצנמאַכער, — איך קאָן ברענגען וואַסער אויך!"

דעמאָלט האָבן זיי זיך ערשט אויפגעכאַפּט פון גאַפן. און רבקה־ביילע פרעגט חיים־יונהן אויפן אויער: „מעג מען? וואָס?" און חיים־יונה ווייסט איר נישט וואָס צו ענטפערן. ראָט זי אים: „גיי, מײַן מאַן, און פרעג דעם רב." ענטפערט ער, אַז ער קאָן זי מ׳יטן קונצנמאַכער אַליין נישט איבערלאָזן. וויל ער, זי זאָל גיין. זאָגט זי, אַז אַ נאַרישער יידענע וועט דער רב נישט גלייבן, ער וועט מיינען, אַז זי איז פון זינען אַראָפּ. גייען זיי ביידע צום רב און לאָזן דעם קונצנמאַכער מיטן סדר.

האָט דער רב געזאָגט, אַז דאָס, וואָס ווערט געמאַכט מיט כישוף, האָט קיין ווערט נישט, וואָרעם כשוף איז אַ פאַרבלענדעניש פאַר די אויגן. הייסט ער זיי אַהיימגיין, און אויב די מצה וועט זיך לאָזן אָפּברעכן, דער ווײַן — גיסן אין די כוסות אַרײַן און די קישנס פון הסב־בעט — אָנטאַפּן, איז גוט... איז עס פון גאָט, מעגן זיי געניסן.

אַזוי האָט דער רב געזאָגט. גייען זיי מיט האַרץ־קלאַפּעניש אַהיים. קומען זיי אַרײַן, איז דער קונצנמאַכער שוין נישטאָ, און דער סדר שטייט, ווי ער איז גע־שטאַנען. די קישנס לאָזן זיך אָנרירן, דער ווײַן גיסט זיך, די מצות ברעכן זיך... האָבן זיי ערשט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען אליהו הנביא, און האָבן געהאַט אַ פריילעכן יום־טוב!

לחמא עניא די א
כלו אבהתנא ב
בארעא דמצרים
כל דכפין ייתי ויכול
כל דצריך ייתי ו
יפסח השתא הכא
לשנה הבאה בארע

אברהם רייזען

דער אורח ביים סדר

דער שענסטער כוס פון אַלע איז געווען אליהוס —
דער טאַטע פלעגט דעם כוס אַליין צום סדר גרייטן,
עס איז געווען אַ כוס געמאַלט אין שיינע קווייטן —
מען האָט אים נישט פאַרביטן, נישט געמאַכט קיין טעות.

דער טאַטע פלעגט אים אָנגיסן הויך ביז צו די ברעגן!
און פאָרזיכטיק און מילד אַזוי פלעגט ער אים גיסן,
דעם פיינעם וויין, פון ראָזשינקעס, דעם זיסן,
פאַר אליהון, אַליין, פאַר זיינעטוועגן...

די קינדער פלעגן אין געדאַנקען ווייט פאַרזינקען,
די שפּיל איז געווען זיי אַזוי געפעלן,
נישט מער — זיי וואָלטן זען בלויז איינמאָל ווען,
ווי אליהו קומט פון כוס אַביסל טרינקען...

און איינמאָל האָט מיטגעבראַכט פון שול דער טאַטע
אַן אורח, וואָס מען האָט געגעבן אים צום סדר
ער איז געווען געקליידט אין אַנדערשדיקע קליידער —
די באָרד אַ לאַנגע, גראָע און די אויגן מאַטע.

מען האָט אַ כוס געשטעלט פאַר אים, ווי ס'פּאַסט פאַר לייטן.
נישט ווייט פון אליהוס כוס, אין טיש אין מיטן,
מען האָט צו יעדן פאַל געדאַרפט אים היטן
ער זאָל, חלילה, נישט זיין כוס פאַרביטן...

און נאָכן סדר איז דער אורח שטיל פאַרשוווּנדן,
באַטראַכט האָט יעדערער די כוסות אין דעם שיסל —
מען זעט, עס פעלט פון אליהוס כוס אַביסל —
און דעם אורחס אָבער פול און רויט געצונדן...

דער טאַטע האָט געשמייכלט מיט הנאה,
די מוטער איז פאַרחלומט אומגעגאַנגען,
און מיר, די קינדער, האָבן ווי געהערט געזאַנגען
און שוועבן ווי געזען דעם אורח — אליהו!

ל. חיין

פסח אין גליל העליון

אין אויבערשטן גליל.

בערג און טאָל זײַנען באַצירט אין גרינס און בלומען. די יונגע תבואות צוואַגן זיך אין דער שפּעטיקער ליכט. די שיטערעביימער נייגן זיך אַהין און אַהער אין אַ חנוודיקן שפּיל מיטן ווינט און שושקען דערבײַ סודותדיקע לידער.

מזל־ברכהדיקע קוואַלן ציען זיך צעזילבערט פון בערג אַראָפּ אין דעם ברוגז־דיקן חולה און צעגיסן זיך העט ווײַט אין אַ זילבער ציטערדיקן שפּיגל, באַשיצט מיט ריזיקע זומפּן און גרויסע מרחקים אַרום. דער אַלטער חרמון מיט זײַן שניי־קרישטאָלענעם קאָפּ ליגט צעלייגט בהרחבה אין אַ מאַיעסטעטישן שווײַגן:

קלינגט פײַערלעך אַ גלאָק פון ווײַט.

טפּרר — — — טפּרר — — — ציען די בראַנדזענע יונגען מיט כוח לע־דערנע לייצעס אויף צוריק, די פּאַרעקשנטע פּרדות גיבן אַ דריי די האַלב־אייז־לישע, האַלב פּערדישע קעפּ. דאָ אַהין, דאָ אַהער. מען שפּאַנט די פּרדות אין ווע־געגער און מען ציט זיך דורך וועגן און שטעגן צו דער הייך פון תל־חי, און ווײַ־טער אַרויף אין כפר־גלעדי.

די וועגן לעבן אויף מיט ברוינע פּאַרשוויצטע יונגען פון אַלע זײַטן. די קאַ־סעס אין די זאַפטיקע גראָזן הערן אויף צו קלינגען, די וועגענער ווערן דערלאָדן ביז צום הימל אַרויף, ווי־אַ־אַ.

און דער גלאָק קלינגט פײַערלעך מונטער.

בום־בום־בום־בום־בום — — — — — — —

אין דעם גרויסן קי־שטאַל „כשרט" מען דעם דיל, מען גרייט נאַכטלעגער פאַר די קי. אין לאַנגן פערדן־שטאַל — איז אויך שוין אַלץ גרייט פאַר די יונגע פאַרהאָרעוועטע בהמות, וואָס ציען זיך פון פעלד אַהער.

אין דער דערבײַאיקער שעפּסן־ציגן־שאָפּע, וויינען די עופהלעך, זיי קאָנען זיך נישט דערוואַרטן אויף די מידע זאַטע מאַמעס.

אין וואָש־שטוב האָבן די חברטעס שווער געהאָרעוועט ביז מען האָט די בערג־לײַוונטענע בגדים אויסגעבלאַנקט און אויסגעלאַטעט און אויסגעצערעוועט. די נײַע בגדים געענדיקט. די שפּײַז־קאַמער איז פאַרפולט מיט פריילעכע פּעקלעך, די מעל־קערבײַ בלאַנקט פון ריינקייט און די פּאַליצעס זײַנען פול פון אויבן ביז אַראָפּ מיט מילכיקס.

די קיך רוישט ווי אַ בינשטאָק. די גרויסע, רחבותדיקע קיך זינגט און פּרעגלט זיך מיט יום־טובדיקע שמעקעדיקע מאכלים: אַלטע טאַטע־מאַמע שמײַען אַרום מיט אויסגעשווענקטע פלעשער צו זיך אין די שטיבלעך.

אין וואָש־צימער שערט מען לויטן טור אַלעמען: אַלט און יונג, מאַמעס און קינדער, דעם זיידן און די אייניקלעך. לכבוד יום־טוב האָט מען דעם גרויסן קעסל אויפגעקאָכט. לכבוד יום־טוב האָבן אַלע, נײַע מעסערלעך צו ראַזירן, באַקומען.

בין־השמשות אין אויסגעהאָרעוועטן גליל. ערב־פּסחדיקער בין־השמשות.

די זון האָט צעצונדן די מתול׳ער בערג אין גאָלדענע שרפות, פאַררוקט אַראָפּ צום ים כנרת, פון כנרת צום כרמל — פון כרמל אין ים אַראָפּ. דער אַלטער חרמון נעמט אָנפּאָסן זײַנע בײַנאַכטיקע בגדים.

דיביימער, די גראָזן, די ווערלדלעך און גערטנער, די בליענדיקע מאַנדלען און שפּראָצנדיקע עפּל פאַרוויגן מיט דופטן דעם גאַנצן גליל:

שאַ, ס׳איז יום־טוב הײַנט, יום־טוב פון מענטשן נאָך אַ יאָר שווערער, ביטער־רער פּראַצע, פון שוויס, פון דוחק, פון שרפותדיקע טעג און פראָסטיקע נעכטי

גלין־גלאָן־גלין, גלאָן־גלין־גלאָן — — —

ס׳ציען זיך פון צוויי עקן בערג אין צוויי שטומע שטעגן, באַטאַליאָנען אַלטע שעפּסן, בראש מיטן באַראַן פון חשובן עלטער.

בים, בים, בים, באָם בים, באָם, גלין...

ס׳ציען זיך פון צוויי עקן בערג, מחנות זאַטע קי מיט פולע אײַטערס, אויסגע־בענקטע, אויסגעפּאַשעטע, זאַטע און מידע.

פון אונטן בחורים, יידישע פּאַסטוכער, מיט לאַנגע שטעקנס און זעקלעך אויף די פּלייצעס. און שמחה אין שעפּסן־ציגן־שטאַל איז אין לשער: קונדסים שפּרינ־גען אויף די ווענט, און די גאַנצע מחנה זאָגט די הגדה — מע...

די עס־שטוב מיט די ברידער־טישן פון כפר־גלעדי בלאַנקט פון ווײַסקייט און יום־טוב; דער יום־טוב שטראַלט אַרויס פון יעדן פּיצל, פון יעדן ווינקל. די טישן אין ווײַסן, די ווענט מיט עטלעכע שטיקלעך אייגענעם גרינס צוגעשפּילקעט מיט אַקאַציעס, און פון די ווענט קוקן אַראָפּ בילדער, פון פינף לעבעדיקע, אַמאָל געפאַ־לענע ברידער צוזאַמען מיט אַ יידישער שוועסטער אין אַ צניעותדיקן שאַל געהילט.

און די פינף לעבעדיקע, אַמאָל געפאַלענע ברידער מיט דער שוועסטער נידערן אַראָפּ פון די ווענט אין דעם זשומענדיקן עולם מיט די ווײַסע העמדלעך, וואָס זיצן צעזונגען אַרום די פריילעכע טישן און קוקן צעשטראַלטע, מיט טאַטעשע און מאַמעשע הערצער אויפן סדר־קטן צווישן די טישן: אַ רונדער טיש, מיט אַ קראַנץ קינדער אַרום, לכבוד יום־טוב אין דער גרויסער עס־שטוב, די קינדער רוישן און שטיפן, אַ פאַרבענקטע באבע־זיידע כאַפּן זיך אַראָפּ פון צימער אַ קוק טאָן אויף די נײַע אייניקלעך, די געזונטע, די פרישע יידישע קינדער פון אויבערשטן גליל...

די חברים און חברטעס אין קיך האָבן שווער געהאָרעוועט אין ערב־יום־טוב און מיט אַלע קרעפטן געזוכט וואָס בעסער צו באַטעמען די ברידער־טישן; גישט אומזיסט האָבן זיי פאַרשוואַרצטע, מיט פריידיקע פּנימער אַ יעדע רגע פאַרוואַרפן אַ קוק צו די ברידער־טישן. דאָס געזונטע קײַען מיטן זאַפטיקן סמאַקעווען האָט זיי באַלוינט פאַר דער שווערער אַרבעט פון אַ גאַנצן טאָג, פון אַ גאַנץ יאָר.

נאָכן סדר פאַרגעסט מען די מידקייט פון אַ גאַנצן טאָג פון אַ גאַנץ יאָר, עולי־רגלים, וואָס זײַנען פון ווײַטע שטעט און דערפער געקומען אויף פּסח אין גליל, צוזאַמען מיט די ברידער טראָגן די טישן אַרויס אין דרויסן, צעשטעלן די בענק

אין די זײַטן. איין ווינקל זינגט, דער צווייטער דערציילט, דער דריטער הערט נײַעס פון די שטאָטישע ברידער, פון די עולי־רגל אין גליל.

די זילבערנע הויב פון חרמון נעמט מיטאַמאָל זיך רויטלען, אַ פײַערדיק גאָלד־ליכט צעשפּרייט זיך איבערן הימל, וואָס נידערט אַראָפּ אין דעם נאַכטיקן חולה־זומפּ. אין דער עס־שטוב וואַקסט זיך פונאַנדער אַ גרויסער ראָד פון יונגע בחורים, חברים און חברות. דאָ זינגט מען נישט דעם שטאָטישן „ווער וועט בויען דעם גליל". ניין, די בויער פון גליל שפּילן פּשוט אויס, אויף אַ האַרמאָשקע, אייגענע ניגונים, און דער ראָד פלאַקערט!

בעת דער ראָד פלאַקערט, דריידלט זיך אין מיטן אַ קראַנץ פון יוגנט און איינעם אַזעלכן פאַרווילט זיך — דרייט ער אַרײַן אין דעם קראַנץ זײַן באַזילבער־טע באָרד, און אַזוי דרייט זיך דער סימבאָל פון הײַנט, פון מאָרגן, פון מוט און פון אַרבעט, ביז דער ריטם פאַרכאַפּט דעם שפּילער אויף דער האַרמאָשקע, דרייט ער זיך אויך מיט...

אין דער גרויסער קיך וואַרפן אַוועק די ברידער שוועסטער דאָס וואַשן די כלים, פאַרוואַרפן פאַרטוכער אויפן אַקסל און דרייען זיך מיט נײַע רעדער, מיט נײַע קרענץ, טאַטע־מאַמע כאַפּן זיך אויך אַראָפּ אין דער עס־שטוב, און אין ריטם. צו־טופּנדיק מיט די אַלטע פיס פאַרלירט מען אַ טרער אין די קנייטשן פון פּנים, אַ טרער וואָס מען רופט: נ ח ת.

י. ל. פּרץ

צוויי ברידער

אויף יענער זייט ים איז געשטאַנען אַמאָל,
אויף הינערשע פיסלעך, אַ הייזל, אין טאָל.
 געשטאַנען זיך פראָסט, אָן עזות, אָן שטאָלץ,
 אָן פוצעכץ, אָן צירונג — פון ליים און פון האָלץ!
 אַ פענצטער אַ קליינטשיקס, נאָר חנעוודיק־האָלד;
די זון — זי באַשיט עס טאָג־טעגלעך מיט גאָלד!
 לבנה און שטערן
 פאַרהאַלטן זיך גערן
און מאָלן מיט זילבער די שויבן!

דאָס האָט דער הימל די ליבע באַלוינט!
עס האָבן אין הייזל צוויי ברידער געוווינט.
 עס האַלטן צוויי הערצער צוזאַמ'ען געטריי,
 שווער איז די אַרבעט, נאָר ס'אַרבעט זיך פריי!
ווייס איז דאָס מעבל, מיט קלייען דאָס ברויט,
נאָר אַלץ איז בשותפות — די פרייד און די נויט!
 עס האָט זיך געלעבט,
 די צייט האָט געוועבט
איר לאַנגן, איר כשרן פאָדעם!

נאָר איינמאָל באַווייזט זיך אַ גאַסט אויף דער שוועל;
פול גינגאָלד, שמאַראַגדן, עס פינקלט זיין פעל!
די שלאַנג איז געקומען מיט גלאַנץ און מיט פראַכט.
דער עלטערער ברודער דערזעט זי און טראַכט:
עס איז אויף דער וועלט דאָך עשירות פאַראַן!
ווען איך האָב אַ שמאַראַגד, איך, אָרעמ'ער מאַן,
 כ'פאַרקויף אים, וואָס נישט?
 כ'וואָלט אויפן יאַריד
געקויפט מיר צו מעלקן אַ קו!

די שלאַנגען — זיי ווייסן וואָס ס'טראַכט זיך ביי לייט;
זי ווינקט אים און רופט אים אַוועק אָן אַ זייט
און זאָגט אים: „אַי, ברודער! וואָלסטו נאָר געוואָלט,
וואָלסטו געהאַט שוין פול פעסער מיט גאָלד,
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן אַ וועלט,
און אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר באַקומ'ען פאַר געלט!

איך מאַך נישט קיין שפּאָט,
איך ווייס שוין דעם סוד,
איך קאָן אים דיר זאָגן אין וואַלד!"

די שלאַנג איז אַוועק, און דער יינגערער קלערט:
„ווי גאָט האָט זיך יעדן זײַן שיינקייט באַשערט!
גיי, פרעג אים: דער גלאַנץ און די שיינקייט וואָס טויג?"
בײַם עלטערן פּלאַמט שוין די תאווה אין אויג:
קרעלן, דיאַמאַנטן, בריליאַנטן — אַך, גאָט!
זי זאָל נאָר נישט נאַרן און זאָגן דעם סוד!
ער קוקט אויפן וואַלד,
און גנבעט זיך באַלד
פון ב ר ו ד ע ר אַרויס צו דער ש ל אַ נ ג!

די זון גייט שוין אונטער, פאַרגילדט נאָך די זוים
פון וואָלקן אין הימל; און אונטער אַ בוים
זיצן שוין ביידע, — דער מענטש און די שלאַנג;
זיי זיצן צוזאַמען און שמועסן שוין לאַנג.
ער ציטערט און ווייסט נישט — פאַר פרייד, צי פאַר שרעק?
זי וויקלט דאָס האַרץ אים אַרום פון עק צו עק
און רעדט פון דיאַמאַנטן,
קרעלן, בריליאַנטן:
„אַלץ וועסטו האָבן גאָר גרינג!"

באַטראַכט נאָר דײַן ברודער: דאָס איז אַ פאַבריק
פון קרעלן, בריליאַנטן, דיאַמאַנטן און גליק!
עס טרעפט זיך, ער אַרבעט, און וווּנדערלעך הייס
ווערט אים, דער שטערן באַדעקט זיך מיט שווייס...
עס טריפן די טראָפּן... ער ווישט מיט דער האַנט.
לאָז נישט! דער טראָפּן — דאָס איז אַ דיאַמאַנט!
נאָר אַרבעטן הייס!
קלויב אויף דעם שווייס!
שיטסטו אָן פעסער דיאַמאַנטן!

עס טרעפט — און אים פאַלט פון די ברעמען אַ טרער;
דו, שוטה, דו מיינסט, עס איז וואַסער, נישט מער,
און טרייסט אים, און האַלדזט אים; דו האַלטסט עס נישט אויס
און קושסט אים די טרערן פון ד'אויגן אַרויס!
פאַרשווענדסט דײַן פאַרמעגן, דו נאַרישער קאָפּ!
לאָז ווייגען, לאָז וויינען! און קלויב יעדן טראָפּ!

אַ טראָפּ — האָב פֿאַרשטאַנד,
דאָס איז אַ בריליאַנט!

רײַך װעסטו זײַן װי אַ קעניג!
דערנאָך — האָט דײַן ברודער אַן אײדעלע פֿעל:
אַ שטאָך מיט אַ נאָדל — דו האָסט שױן אַ קרעל!
בלוט — זאָגסטו — איז עס, בלוט — זאָגסטו — אַ קאַפּ.
דו נאַר! עס איז קרעלן, דו צאַפּ נאָר און צאַפּ!
זאָל ער נאָר בלוטן, און בלוטן נישט קאַרג!
אָנשיטן װעסטו שױן קרעלן אַ באַרג!
דו האָסט אַ פֿאַבריק
און מאַך דיר דײַן גליק;
ביסט ש ט אַ ר ק ע ר און װ י ס ט שױן דעם סוד!

די ליפּן פֿאַרביסן, די פֿױסטן געבאַלט,
גײט שױן דער עלטערער ברודער פֿון װאַלד.
די אױגן, זײ ברענען און זױמען זיך שװאַרץ,
דאָך צאַפּלט די ליבע צום ברודער אין האַרץ.
ער טרײסט זיך: „איך װעל דאָך נאָר מאַכן אַ פּרוּװ;
אַ שטאָך װעל איך געבן, אַ קלײנעם, נישט טיף;
מײַן ברודער? איך װײס!
נאָר טרערן און שװײס,
הערסטו דאָך — זײַנען בריליאַנטן!"

עס הערט די לבֿנה נאָך די אײגענע נאַכט,
װי מ'האָט אינעם שטיבל געװײנט און געלאַכט.
עס קוקן די שטערן אין פֿענצטער אַרײַן:
װי לאַכט עס אַ ברודער בײַם ברודערס געװײן?!
די זון האָט צומאָרגנס געװוּנדערט זיך שטאַרק:
װי שלאָגט עס אַ ברודער דעם צװײטן אין קאַרק?
עס װוּנדערט צוגלײַך
דעם װאַלד און דעם טײַך:
װאָס איז עס אין שטיבל געשען?

און עס איז געקומען אױף בײדן גאָטס שטראָף!
דאָס גליק איז פֿאַרשװוּנדן, עס װײַכט זײ דער שלאָף.
אַװעק איז די ליבע, דער פֿרידן אַװעק.
דער שלאָפֿט נישט פֿאַר װײטיק, דער צװײטער פֿאַר שרעק.
דער שרײַט: ס'איז מײַן עשירות, מײַן רײַכטום, מײַן גוט!
און יענער: ס'איז טרערן, מײַן שװײס און מײַן בלוט!
דיאַם, דיאַם, דיאַם!
אױף יענער זײַט ים
רײַסט מען זיך שױן בײַ די האָר!

שלום עליכם

מיר אַרבעטן אין שאַפּ

(פון „מאָטל פּייסי דעם חזנס אין אַמעריקע")

ווי אַזוי מען אַרבעט אין שאַפּ — קאָן איך אײַך אַקוראַט נישט זאָגן. וואָרום איך ווייס אַליין נישט. מען לאָזט מיך נאָך אַהינצו נישט אַרײַן. איך ווייס נאָר דאָס, וואָס איך הער פון מײַן ברודער אליהו און פון אונדזער חבר פּיניע. אַלע אויפּדערנאַכט, אַז זיי קומען אַהיים פון שאַפּ, דערציילן זיי אונדז וווּנדער. זיי קומען אַלע מאָל אויסגעמאַטערט און הונגעריק, און מיר זעצן זיך עסן וועטשערע.

מײַן ברודער אליהו און אונדזער חבר פּיניע אַרבעטן אין צוויי באַזונדערע שעפּער. איינער איז אַן „אָפּרייטער", דאָס הייסט, אַ שנײַדער. דער אַנדערער איז אַ „פּרעסער". אַן אָפּרייטער דאַרף נישט נייען מיט די הענט, ער שטעפּט בײַ דער מאַשין. דאָס דאַרף מען אויך קאָנען. עס שטעפּט זיך נישט אַליין. ווי זשע קומט דאָס צו מײַן ברודער אליהו, אַז אונדזער טאַטע און אונדזער טאַטנס טאַטע און אונדזער טאַטנס טאַטנס טאַטע, איז קיינמאָל קיין שנײַדער נישט געווען, און אַ מאַשין קיינמאָל אין די אויגן נישט געזען? איז דאָס אָבער אַמעריקע. אין אַמעריקע איז נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס אַ מענטש זאָל נישט קאָנען. אין אַמעריקע לערנט מען זיך אויס.

ווי אַזוי האָט זיך מײַן ברודער אליהו אויסגעלערנט שטעפּן? איז אליהו טאַקע נעבעך גוט אויסגעריסן געוואָרן. מע האָט אים געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין מיט דער מאַשין. איז ער דורכגעגאַנגען עטלעכע מאָל הין און צוריק און איז געוואָרן אָלרײַט. אויף מאָרגן האָט ער שוין געשטעפּט. מאָלט אײַך, אַז אָך און ווי איז געווען צום שטעפּן. נאָר גוט איז דאָס. למאַי פּיניע האָט דאָס אויך נישט געקאָנט באַוויזן! נישט מחמת ער האָט זיך געפוילט אַרבעטן. חס־וחלילה! פּיניע וועט אײַך גיין אַרבעטן טאַטשקע־אַרבעט! אַבי מאַכן אַ לעבן אין אַמעריקע. איז די צרה, וואָס ער האָט אַ נידעריקע ראיה און טוט אַלצדינג כאַפּנדיק. מע האָט אים אויך אַוועקגעזעצט בײַ דער מאַשין ווי מײַן ברודער אליהו. מע האָט אים אויך געגעבן איבערגעבליבענע שטיקלעך, ער זאָל זיי איבערגיין הין און צוריק מיט דער מאַשין. האָט זיך געטראָפן מיט אים אַן אומגליק. אונדזער חבר פּיניע האָט אין אײַלעניש פאַרטשעפּעט דעם פּידזשאַק און האָט צוגעטשעפּעט דעם לינקן אַרבל צו דער מאַשין. אַ גליק כאָטש, וואָס נישט די האַנט. ווײ־ווײ, וואָס מען האָט זיך אָנגעלאַכט פון אים! חברה שנײַדערס האָבן אויפגעהויבן אַ הוראַ! „גרינהאָרן" האָבן זיי אים אַ נאָמען געגעבן.

בקיצור — פּיניע איז נישט געוואָרן קיין אָפּרייטער. ער גייט אַוועק אין אַן אַנדער שאַפּ און באַשטעלט זיך דאָרט פאַר אַ פּרעסער; אַן אונטערפּרעסער דער־

ווײַל, אַז ער וועט זיך אויסלערנען די אַרבעט, וועט ער גיין העכער און העכער. ביז וווהין?

מע קאָן נישט וויסן. — זאָגט פיניע. — קיינער ווייסט נישט וועמענס מאָרגן ס'איז. נישט קאַרנעגי, זאָגט ער, נישט וואַנדערבילד, נישט ראָקפעלער האָבן גע־ ווּסט, אַז זיי וועלן אַמאָל זײַן דאָס וואָס זיי זײַנען...

דערווײַל ווערט נאָך פיניע גוט פאַרשוואַרצט, און אַלץ איבער זײַן טבע, וואָס ער האָט ליב טאָן אַלצדינג כאַפּנדיק. און דערצו נאָך זײַן נידעריקע ראיה. ער קומט אַלע טאָג אַהיים אַ צעבריטער.

איינמאָל איז ער געקומען מיט אַ צעקאַלעטשעטער נאָז. וואָס איז די מעשה? ער האָט זיך בײַם פרעסן אָפּגעבריט די נאָז. ווי קומט דאָס פרעסל צו זײַן נאָז? זאָגט פיניע, אַז זײַן נאָז האָט נישט געוואַרט, ביז דאָס פרעסל וועט זיך מטריח זײַן צו איר. ער קאָן באַשטיין, זאָגט ער, אַז זײַן נאָז זאָל גיין צום פרעסל. ווי קומט זי, די נאָז, צום פרעסל? לאָזט זיך אויס, אַז פיניע האָט נאָר געזוכט אַ שטיקל אַרבעט, און ווײַל ער האָט אַ נידעריקע ראיה, האָט ער זיך דעריבער אָנ־ געבויגן האַרט צום טיש און האָט געטראָפן מיטן שפּיץ נאָז גלײַך אויפן אָנגעגליטן פרעסל.

אַ שלימאַזל, אַז ער פאַלט אין שניי, טרעפט ער אויך אויף אַ שטיין...

איך האָב מורא אַז מיר וועלן זיך מיטן שאַפּ נישט עלטערן. מײַן ברודער אליהו זאָגט, אַז די אַרבעטער האָבן צרות פונעם „פאָרמאַן“. אויף דעם שטאָק ווו אליהו אַרבעט, איז דער פאָרמאַן אַ רשע. ער איז אַמאָל אַליין געווען אַן אָפּריי־ טער, נאָר ער האָט זיך אַרויפגעאַרבעט און איז געוואָרן אַ „פאָרמאַן“. די אַרבע־ טער זאָגן, אַז ער איז ערגער פונעם „באָס“. מע האָט אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג אין שאַפּ, אַז דער „פאָרמאַן“ רוקט דעם זייגער; אַזוי אַז ווען איר זאָלט נישט קומען וועט איר פאַרשפּעטיקן... און אונדזער חבר פיניע דערציילט פון זײַן שאַפּ נאָך שענערע מעשיות. זייער „פאָרמאַן“, זאָגט ער, לאָזט נישט דעם אַרבעטער אַ קוק טאָן אין אַ „פּייפּער“ אַרײַן. לייענען אַ צײַטונג בײַ דער אַרבעט — חיות נישט זיכער! רייכערן שמועסט מען נישט. אַ וואָרט טאָר מען נישט אַרויסריידן צווישן זיך. ס'איז אַזוי שטיל, — זאָגט ער, — אַז מע קאָן הערן אַ פליג! אויסער דעם טראַסק מיטן גרעגערן פון די מאַשינען. נאָך אַ מעלה האָט זײַן שאַפּ: דאָרט ווערן די פרעסלעך אָנגעוואָרעמט מיט גאַז.

און דאָס גאַז פון דע פרעסלעך פאַרהאַקט אַזוי דעם קאָפּ, אַז די אַרבעטער אין שאַפּ פאַלן חלשות און מוזן „סטאָפּן“ די אַרבעט. רעכנט מען זיי אָפּ פון דער „פּיידע“. דאָס הייסט, אַז עס קומט צום אָפּנעמען פאַר דער וואָך, וואָס מע האָט פאַרדינט ווערט אַ לאָך. דאָ האָט איר פאַרשפּעטיקט פינף מינוט — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זײַט איר צו פרי אַוועקגעגאַנגען — אַראָפּ אַ האַלבן טאָג. דאָ זײַט איר געפאַלן אין חלשות — פאַרפאַלן אַ טאָג.

— ניין. מען קאָן שוין מער נישט אַריבערטראָגן. מע וועט מוזן אַרויס אין שטרײַק.

מ. ראָזענפעלד

מיין ייִנגעלע

איך האָב אַ קליינעם ייִנגעלע,
אַ זונעלע גאָר פֿײַן!
ווען איך דערזע אים, דאַכט זיך מיר,
די גאַנצע וועלט איז מײַן.

נאָר זעלטן, זעלטן זע איך אים,
מײַן שיינעם, ווען ער וואַכט;
איך טרעף אים שטענדיק שלאָפֿנדיק,
און זע אים נאָר בײַנאַכט.

די אַרבעט טרײַבט מיך פֿרי אַרויס
און לאָזט מיך שפּעט צוריק;
אָ, פֿרעמד איז מיר מײַן אייגן לײַב;
אָ, פֿרעמד מײַן קינדס אַ בליק!

איך קום צעקלעמטערהייט אַהיים,
אין פֿינצטערניש געהילט;
מײַן בלייכע פֿרוי דערציילט מיר באַלד,
ווי פֿײַן דאָס קינד זיך שפּילט,

ווי זיס עס רעדט, ווי קלוג עס פֿרעגט:
„אָ, מאַמאַ, גוטע מאַ,
ווען קומט און ברענגט אַ „פּעני" מיר
מײַן גוטער, גוטער פּאַ?"

איך הער עס צו און אײַל — עס מוז,
יאָ, יאָ, עס מוז געשען!
די פֿאָטער־ליבע פֿלאַקערט אויף:
עס מוז מײַן קינד מיך זען!...

איך שטיי בײַ זײַן געלעגערל,
און זע, און הער, און שאַ!
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וווּ איז, וווּ איז פּאַ?"

איך קוש די בלויע אייגעלעך,
זיי עפֿענען זיך — „אָ קינד!" —
זיי זעען מיך, זיי זעען מיך
און שליסן זיך געשווינד.

„דאָ שטייט דײַן פּאַפּאַ, טײַערער,
אַ פּעניל דיר, נאַ!"
אַ טרוים באַוועגט די ליפּעלעך:
„אָ, וווּ איז, וווּ איז פּאַ?"

איך בלײַב צעווייטיקט און צעקלעמט,
פֿאַרביטערט און איך קלער:
„ווען דו דערוואַכסט אַמאָל, מײַן קינד,
געפֿינסטו מיך נישט מער..."

משה נאַדיר

מײַן ערשטער דעפּאָזיט

איך ווייס נישט ווי אַזוי דאָס איז געשען. ווי ס׳איז מיר גאָר אײַנגעפאַלן אַזאַ געדאַנק — צו נעמען מײַנע בלוטיקע געלטער און זיי אָנגעטרויען אַ באַנק! אָבער עס איז געשען. מוצאי־חנוכה פון הײַנטיקן יאָר, האָב איך גענומען מײַנע שווער פאַרהאָרעוועטע געלטער — מײַנע צוואַנציק דאָלאַר — און זיי אַוועקגעטראָגן אין באַנק אַרײַן, און אָנשטאָט געלט, לעבעדיק געלט, וואָס מען קאָן דערמיט קויפן וואָס מען וויל, האָב איך געקראָגן עפּעס אַ גרין ביכעלע צונויפגעלייגט אין אַ געל קאָנווערטל, און — דאָס אַלץ. אַז איך האָב דאָס דערזען, איז מיר אײַנגעפאַלן ס׳האַרץ, און איך האָב שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן ענין.

ערשטנס איז מיר נישט געפעלן געוואָרן דאָס בחורל וואָס ס׳שטייט בײַם פענצטערל און נעמט צו ס׳געלט. אַ יונג בחורל, נישט קיין פאַרהייראַטס. וואָס טו איך אים, אַז ער נעמט צו ס׳געלט און אַנטלויפט? און צווייטנס איז מיר נישט געפעלן געוואָרן, ווי אַזוי ער האָט מיך באַהאַנדלט: צוגענומען ס׳געלט, אַ כאַפּ געטאָן עפּעס אַ ביכעלע, אַרײַנגעשריבן דאָרטן וואָס נישט איז, דערלאַנגט דער־מיט אַ קנאַק אויפן פענצטערל און אַ זונג געטאָן: „נעקסט!“...

אַזוי גיך ווי איך האָב געקראָגן ס׳ביכעלע, האָב איך אַ קוק געטאָן אינעווייניק און... ס׳איז מיר פאַרקילט געוואָרן ווו איך האָב געהאַט אַ טראָפּן בלוט. וואָס איז דאָס פאַר אַ מין געשריפטס? און ווי אַזוי וועט ער עס קאָנען איבערלייענען? און פון וואַנען ווייס ער אַז עס מאַכט צוואַנציק?... „העי!“ — האָב איך געטראַכט, — „עפּעס געפעלט מיר נישט דער גאַנצער עסק!“... און איך בין צוגעלאָפן צום פענצטערל, אַוועקגעשטופּט דעם יידן, וואָס איז געשטאַנען אין דער ריי, און אַרײַנ־געשריגן צו דעם בחורל דאָרטן אינעווייניק: „העי!“ — האָב איך אים אַרײַנגע־שריגן, — „איך האָב אײַך אָקאָרשט אַוועקגעגעבן צוואַנציק דאָלאַר!“

— „וואָסזשע ווילט איר?“ — מאַכט צו מיר דאָס קאַסירערל און פאַרשניצט זיך אַ בלײַפעדער.

— איך וויל, איר זאָלט נישט זײַן אַזאַ עזות־פּנים! — זאָג איך.

מאַכט ער צו מיר: „מיסטער, וואָס ווילט איר? איך האָב אײַך געגעבן אַ ביכל? באַסטאַ!“

— גענוג! — זאָג איך. — איך וויל מיט דיר מער נישט רעדן, דו בלוטזויגער — זאָג איך — וואָס דו ביסט. איך זען שוין, — זאָג איך, — אַז איך בין דאָ אַרײַנגעפאַלן אין די ריכטיקע הענט. גיב מיר צוריק — זאָג איך — מײַנע צוואַנ־ציק דאָלאַר!

מאַכט ער צו מיר: „אימפּאָסיבל!“

זאָג איך: איך וועל דיר באַלד געבן אַ „אימפּאָסיבל״, אַז דער גוטער יאָר וועט דיך צונעמען. שווינדלער — זאָג איך — וואָס דו ביסט. מיט מיר — זאָג איך — וועסטו נישט מאַכן אַזעלכע שטיק. גיב אַהער דאָס געלט, — זאָג איך. — איידער — זאָג איך — איך שרײַ גוואַלד. ג־וו־אַל־ד! — צעשרײַ איך זיך אויפן קול — ג ־ וו ־ אַ ־ ל ־ ד !

דערהערט, אַז איך שרײַ גוואַלד, איז ער שוין געוואָרן אַביסל ווייכער — דער בחור — און מיר געגומען געבן צו פאַרשטיין, אַז איצט קאָן ער מיר נישט צוריקגעבן דאָס געלט, אַז איך מוז וואַרטן צוויי וואָכן.

זאָג: איך: אויב אַזוי, טאָ לייענט זשע מיר איבער, וואָס איר האָט אַרײַנגע־שריבן אין ביכעלע. לאָמיר זען, — זאָג איך, — צי איר ווייסט, וואָס איר האָט דאָרטן אַרײַנגעשריבן. עפּעס — זאָג איך — האָט איר עס מיר געמאַכט צו שנעל. עס גלייבט זיך מיר נישט, — זאָג איך, — אַז מ'עז זאָל אַזוי גיך קענען פאַרשרײַבן אַזויפיל געלט.

נעמט ער בײַ מיר צו דאָס ביכעלע און לייענט איבער: צוואַנציק טולער.

זאָג איך: אָלרײַט. גערעכנט זשע! ס'איז צוואַנציק טולער! און זאָלן די יידן, — זאָג איך, — וואָס שטייען לעם פענצטערל זײַן עדות. יידן! — זאָג איך, — זײַט עדות, אַז איך האָב דאָ אין באַנק צוויי קנאַקנדיקע צענערלעך!

און איך גיי אַהיים מיטן ביכעלע.

מילא, פאַרשטייט זיך, אַז פון שלאָפן איז געווען אָפּגערעדט; אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געחלומט, אַז רויבער זײַנען באַפאַלן די באַנק און אויסגערויבט ווי אַ סענט. עטלעכע מאָל דורך דער נאַכט האָב איך זיך אויפגעוועקט און געשריגן געוואַלד. און אַז ס'איז געוואָרן טאָג, האָב איך די ערשטע זאַך געכאַפּט דעם טראָמ־ווײַ און אַוועקגעלאָפן צו דער באַנק.

זי איז געווען גאַנץ, נישט אויסגערויבט. אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרץ.

נאָר אַזוי ווי איך בין אַזוי געשטאַנען בײַ דער באַנק און באַטראַכט דאָס פענצטער, איז מיר אײַנגעפאַלן, אַז די גראַטקעס זײַנען צו שוואַך, און אַז מען דאַרף האָבן נײַע גראַטקעס.

בין איך שוין אַזוי געשטאַנען מיטן פעקל עסן אין האַנט און געוואַרט, ביז דער פּרעזידענט פון באַנק וועט אָנקומען.

אַז דער פּרעזידענט איז אָנגעקומען, האָב איך אים פאַרנומען אָן אַ זײַט און אים געזאָגט, אַז ער מוז האָבן נײַע גראַטקעס פאַר דער באַנק און נאָך מ'ײַן מיי־נונג — זאָג איך — איז די גאַנצע געבײַדע אַ שוואַכע און מען דאַרף זי איבער־בויען. מען דאַרף זען — זאָג איך — די גאַנצע געבײַדע זאָל זײַן פון סאַמע מירמל־שטיין, ווײַל מירמלשטיין — זאָג איך — איז האַרט.

מאַכט ער צו מיר: אָלרײַט. איך דאַנק אײַך פאַר דער עצה.

זאָג איך: גערעכנט זשע, למע״ה! אַ נײַע געבײַדע פון מירמלשטיין! און נײַע גראַטקעס... און סע זאָל זײַן — זאָג איך גוט באַוואָרנט... איך בין עקסטרע

— זאָג איך — געקומען צולויפן פון בראָנזוויל, ווײַל ס'האָט זיך מיר — זאָג איך — געחלומט, אַז מען האָט אונדז באַגנבעט...

און איך לויף אַוועק צו דער אַרבעט.

פאַרנאַכט, אַז איך דאַרף אַהיימפאָרן, טראַכט איך: איכ'ל פאַרבײַגיין די באַנק, זען, וואָס סע הערט זיך. מען קען קיינמאָל נישט וויסן, — טראַכט איך, — ווי אַזוי אַ זאַך מאַכט זיך. ס'אַמעריקע! — טראַכט איך.

איך קום אַזוי צו צו דער באַנק און גיב אַ קוק, זע איך: עפּעס אַ ייד פליט אַרויס פון דער באַנק און — הייבט אָן לויפן.

הייב איך אָן שרײַען „גוואַלד!" און — איך לויף אים נאָך... אַזוי לאַנג ביז וואַנען אַ פּאָליציימאַן האָט אים אָפּגעשטעלט. און מיינט איר, וואָס האָט זיך אַרויסגעוויזן? עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דער ייד איז אַנגעשטעלט אין באַנק, און ער איז געלאָפן כאַפּן אַ טראַמוויי, ווײַל די ווײַב איז אים קראַנק געוואָרן.

האָב איך מיך אַ קאָפּעלע פאַרשעמט און אַהיימגעפאָרן.

אָבער שלאָפן האָב איך ווידער נישט געקאָנט.

אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר אַלץ אויסגעדאַכט, אַז דאָס קאַסירערל, וואָס האָט מיר געגעבן ס'ביכל, האַלט אין דער האַנט אַ זעקל מיט געלט און לויפט, און איך נאָך אים... און איך האָב ווידער עטלעכע מאָל געשריגן גוואַלד פון שלאָף און געוואָרפן מיט די הענט, און שיר נישט דערהרגעט דאָס קינד...

צומאָרגנס גאַנץ פרי בין איך אַוועק צו אַ לאַנדסמאַן, וואָס וווינט גראָד אַנטקעגן דער באַנק, און איך האָב אים צוגעזאָגט דרײַסיק פּראָצענט פון דעם פאַרלוסט, אַבי ער זאָל האַלטן אַן אויג אויף דער באַנק און ער זאָל זי היטן.

„היט! — האָב איך געבעטן. — זײַ און היט! לאָז נישט אַראָפּ — זאָג איך — אַן אויג פון דער באַנק, און אַזוי גיך, — זאָג איך, — ווי גאָט וועט מיר העלפן, אַז די צוויי וואָכן וועלן בשלום אַריבער, כאַפּ איך גלײַך אַרויס — זאָג איך — די צוואַנציק טולער, און לאָזן זיך — זאָג איך — אָנצינדן אַלע בענק. מער — זאָג איך — טרעט איך דאָרט נישט אַריבער די שוועל!"

דערווײַל גייען אַוועק נאָך צוויי טעג; לייען איך אין די „פּייפּערס", אַז מען האָט באַגנבעט אַ באַנק, ערגעץ אין די בראָנקס. לויף איך אַוועק צום פּרעזידענט פון מײַן באַנק און זאָג אים:

— ס'איז ביטער!

מאַכט ער צו מיר: „וואָס איז דער מער?"

זאָג איך: „מען האָט באַגנבעט!"

זאָגט ער: „בײַ מיר וועט מען נישט גנבענען! מײַן באַנק איז באַוואָרנט".

זאָג איך: נו, און וואָס טוט איר, למשל, אַז אײַער קאַסירעלע כאַפּט דאָס געלט און אַנטלויפט?"

זאָגט ער: „מיסטער, איר ווייסט נישט, וואָס איר רעדט!"

זאָג איך: „נו, מילא... ווייס איך נישט, וואָס איך רעד... אָבער נײַע גראַ־טעס האָט איר געמאַכט?...״

זאָגט ער: „ניין!״

זאָג איך: „נו, און די געבײַדע האָט איר איבערגעבויט, צי אויך נישט?״

מאַכט ער: טוט אַ טובה, הערט אויף נודיען!״

זאָג איך: „אויב איר האָט נישט געמאַכט קיין נײַע גראַטקעס, און די געבײַ־דע נישט איבערגעבויט, און דאָס שיינע קאַסירערל אײַערס האָט איר נישט אָפּגע־שאַפּט, טאָ גיט זשע מיר אַהער — זאָג איך דאָס געלט!״.

זאָגט ער: „איר מוזט וואַרטן ביז עס וועט זײַן פולע צוויי וואָכן״.

זאָג איך: „אַלרײַט. איך וועל וואַרטן. אָבער ווייסט איר, וווּ איך וועל וואַרטן? אָט דאָ אין דרויסן, פאַר דער באַנק, וועל איך וואַרטן. איר וועט בײַ מיר — זאָג איך — קײַען די ערד, און קיין זאַך — זאָג איך — וועט איר בײַ מיר נישט אויס־פירן. איך זאָל אַפילו וויסן, אַז מײַנע קינדער זאָלן בלײַבן אָן אַ טאַטן, וועל איך מיך נישט רירן פון דרויסן, ביז וואַנען איך וועל נישט האָבן צוריק ס׳געלט. איכ׳ל נישט איבערלאָזן — זאָג איך — די באַנק אויף הפקר. איך — זאָג איך — וועל היטן, און מײַן לאַנדסמאַן, וואָס ווינט קעגנאיבער וועט היטן... סעט זיך טאָן — זאָג איך — חושך! אָט אַזאַ מין ייד בין איך!... איכ׳ל דאָ שטיין אין דרויסן — זאָג איך — אין די גרעסטע פרעסט, און לאָמיך זען, — זאָג איך, — טוט מיר עפּעס!״

מאַכט ער צו מיר: „איר זײַט אַ מאָדנער מענטש; קומט אַראָפּ מיט מיר אונטן אין באַנק, וועל איך אײַך הייסן אויסצאָלן — זאָגט ער — אײַערע צוואַנציק דאָלאַר״.

אַזזוי! — זאָג איך — אַזעלכע שטיק גייען בײַ מיר נישט, און ווײַל — זאָג איך — איר ווילט מיר צוריקגעבן ס׳געלט, וויל איך עס דווקא נישט נעמען. איר קענט מיך — זאָג איך — נישט צווינגען דערצו״...

זאָגט ער: „אַלרײַט, נעמט נישט אַרויס ס׳געלט״.

זאָג איך: „ס׳הייסט, „נעמט נישט אַרויס ס׳געלט״, אַז איכ׳ל וועלן, וועל איך אַרויסנעמען״.

זאָגט ער: „פעטער, גייט אַרויס און הערט אויף נודיען!״

זאָג איך: „אַלרײַט, איך גיי, אָבער איכ׳ל שטיין אין דרויסן. אין די גרויסע פרעסט וועל איך שטיין אין דרויסן און היטן מײַנע געלטער. און מײַן אומשולדיק בלוט — זאָג איך — און דאָס בלוט פון מײַנע אומשולדיקע יתומים וועט פאַלן — זאָג איך — אויף אײַערע קעפּ. באַנדיט — זאָג איך — וואָס איר זײַט! טויט־שטראָף — זאָגט איך — איז פאַר אײַך ווייניק... היצעל! מערדער! גוואַלד!״

און איך נעם שרײַען מיט אַלע כוחות.

דער סוף איז געווען, אַז מע האָט מיר אָפּגעגעבן די צוואַנציק דאָלאַר, און ווען איך בין אַהיים געגאַנגען פון דער פאַבריק, האָט מען זיי בײַ מיר אַרויסגעגנבעט פון קעשענע.

און פון דעמאָלט אָן (אַזוי ענדיקט דער ייד וואָס דערציילט די דאָזיקע געשיכטע) פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געגעבן אַ שבועה, אַז מײַן פוס זאָל נישט אַריבערטרעטן די שוועל פון אַ באַנק. ס'זײַנען אמתע באַנדיטן, זײַנען זיי! קעשענע־גנבים! לאָזן זיי זיך אָנצינדן!

מאַני לייב

אין שניי

בלימעלעך, קרענצעלעך, מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט.
גוט איז אונדז איצטער בײַם פריילעכן פײַער אין הויז!
ביזקל דער נאַפּט אין דעם שטילינקן לעמפּל גייט אויס,
ביזקל דער זייגער טוט ברוגזלעך שעפּטשענען: „שפּעט,
צײַט שוין צו ליגן אין וויכן, אין וואַרעמען בעט!" —
וועל איך בײַם וואָיען און בלאָזן פון ווינט
מעשהלעך, לידעלעך זינגען, דערציילן מײַן קינד.

אין אַזאַ נאַכט האָט אין וועג זיך געלאָזן אַ ייד.
אונטערן אָרעם אַ פּעקל, טויט־הונגעריק, מיד;
נאָר מיט בטחון אין האַרצן צום האַר פון דער וועלט,
שלעפּט ער זיך עלנד אין אָפענעם, שנייאיקן פעלד.

פּעלד הינטער אים און פאַר אים; אין דער ווײַט, אין דער ברייט,
שניי איז אים איבער די קני, און דער וועג איז פאַרווייט;
און ווי אַ פויגל אַ ווילדער טראָגט אום זיך דער ווינט,
הורבעט אָן שניי, גיט אַ דריי אין דער לופט, און פאַרשווינדט,
קומט באַלד צוריק, רײַסט דעם יידן די פּאָלעס און באָרד,
קוים מיט די כוחות דער ייד האַלט זיך אײַן אויפן אָרט.

הייבט אויף דער ייד צו דעם הימל מיט רחמים זײַן בליק:
גאָטעניו, ברענג דו בשלום אַהיים מיך צוריק;
נאָר איבער אים איז דער הימל אַ גרויער ווי בלײַ,
און אַרום אים טראָגט דער ווינט זיך אַ ווילדער און פרײַ.
הערט נישט דער הימל דעם יידנס געבעט און געשריי,
שטויסט אים דער ווינט און ער וואַרפט אים אַ מידן אין שניי.
אויפשטיין פון שניי האָט שוין מער נישט קיין כוח דער ייד,
עפּעס אַ פוילקייט אַ זיסע פילט אָן יעדעס גליד.
און אין די ביינער צעגיסט זיך אַ וואַרעמע רו,
אָט, און די אויגן פאַמעלינקע שליסן זיך צו.

פּלוצלונג — ער גלויבט זיך אַליין נישט: אַ קרעטשמע זאָל זײַן?
ס'שלאָגט אין דער נאַכט פון אַ פענצטער אַ פריילעכער שײַן,
ס'ריפּעט דער ווינט מיטן טויער, מאַכט צו, עפנט אויף,
שליטנס געלאָדן מיט סחורות פול שטייען אין הויף,
און בײַ די שליטנס פאַרבונדענע שטייען די פערד,
עסן דעם האָבער און רײַסן דעם שניי ביז דער ערד.
פרייט זיך דער ייד, וואָס דער בורא האָט אין אַזאַ נאַכט
אים צו אַ מענטשלעכן ישוב בשלום געבראַכט.
קלאַפּט ער אין טיר, און מען עפנט אים באַלד — ס'אַראַ פרייד!
פריילעכע יידישע פנימער, יידישע רייד!
איבער דער שטוב גיסט די הענג־לאָמפּ אַ ליכטיקייט אויס,
ס'טראָגט זיך אַ ריח פון טאַבאַק און בראָנפן און שווייס.
גיבן די יידן אים „שלום": „פון וואַנען אַ ייד?"
לאַכט ער: אַז ער האָט געלאָזט זיך צופוס פון אַ־ריד,
און אַז דער וועג איז געווען אַ ביסעלע שווער,
האָט ער געבלאָנדזשעט, ביז ער האָט געטראָפן אַהער.
לאַכן די יידן מיט אים, נאָר זיי ווערן באַלד שטיל...
יעדערנס האַרץ פילט אָן אַ רחמנות־געפיל,
יעדערנס פנים און שטערן ווערט כמורנע פאַרטראַכט:
„ווי לאָזט אַ ייד זיך צופוס גיין אין אָט אַזאַ נאַכט?!"

ווערט באַלד דער טיש מיט מאכלים און בראָנפן געגרייט,
וואַשט זיך צום עסן דער ייד, מאַכט המוציא אויף ברויט,
זאָגט צו די יידן: — „לחיים!‟ — „לשלום ר׳ ייד!‟
עסט ער און טרינקט, און אַ וואַרעמע זאַטיקע פרייד
גיסט זיך, צעגייט אין זײַן האַרצן, אַזש ס׳לײַב ווערט אים הייס,
ווישט מיטן האַנט ער פון פנים דעם וואַרעמען שווייס.
עסט ער און טרינקט און ער עסט, אַזש עס גייט שוין ניט מער.
בענטשט ער, און ס׳שײַנט אין זײַן אויג אַ גאָטספאָרכטיקע טרער.
איצטער וואָלט ער מיט די יידן געשמועסט ביז שפּעט!
אָבער עס וואַרט און עס ווינקט אים די פוכאָווע בעט,
אָבער די ביינער, דערוואַרעמטע, גאַרן צו רו,
און ווי פון זיך זײַנע אויגן האַלב שליסן זיך צו.
און צו דעם קישן עס ציט זיך און נייגט זיך דער קאָפּ,
פאַלט ער אַזוי אין די קליידער אין בעט ווי אַ סנאָפּ.

פלוצלונג דערפילט ער — זײַן האַלדז ווערט צוזאַמענגעדריקט,
עמיצער וואַרפט זיך אויף אים, אַזש דער אָטעם פאַרשטיקט!!!
און ער דערזעט באַלד זײַן ווײַב און די קינדערלעך שטיין,
ברעכן די הענט, ברעכן אויס אין אַ ביטער געוויין.
אָ! ניט געוויינט האָט זײַן ווײַב און זײַן לײַבלעכעס קינד,
נאָר אָ, איבער אים, אויפן פעלד, האָט געוואָיעט דער ווינט.

מאָרגן, פרימאָרגן, ווען שטיל נאָך געשלאָפן איז גאָט,
זײַנען שוין גויים מיט שליטנס געפאָרן אין שטאָט;
האָבן די גויים געפונען דעם יידן פאַרווייט.
האָבן די גויים געפונען דעם יידן שוין טויט.
האָבן די גויים אַרום זיך דעם טויטן צעשטעלט.
האָבן זײַן פעקל צעעפנט: „האָ, האָ, וויפל געלט!‟
האָבן די גויים זײַן טלית און תפילין באַטראַכט.
איינער אַ גוי האָט גאָר גראָב אויפן קול זיך צעלאַכט,
אָבער די אַנדערע זײַנען געשטאַנען ווי שטום
און נאָכאַנאַנד זיך געצלמט, דערשראָקן און פרום.

בלימעלעך, קרענצעלעך, מאָלט אויף די שויבן דער פראָסט,
און אין דעם קוימען דער ווינט אַזוי וואָיענדיק בלאָזט, —
גוט איז אונדז איצטער בײַם פריילעכן פײַער אין הויז!
ביזקל דער נאַפט אין דעם שטילנקן לעמפל גייט אויס,
ביזקל דער זייגער טוט ברוגזלעך שעפּטשענען: — „שפּעט,
צײַט שוין צו ליגן אין ווייכן, אין וואַרעמען בעט!‟ —
וועל איך בײַם וואָיענדן בלאָזן אין קוימען פון ווינט
מעשהלעך, לידעלעך זינגען, דערציילן מײַן קינד.

א. לייעסין

רבי עקיבא

דער אויפֿשטאַנד איז דערשטיקט, בר כוכבא איז שוין טויט;
דער לעצטער שטראַל יהודהס טונקלט און פֿאַרגייט;
די לעצטע פֿעסטונג ביתר שטירצט, אין בלוט דערטרונקען;
עס ליגט דאָס הייליקע לאַנד צום דעספּאָטס פֿיס געזונקען.

עס טראָגט דער אָדלער רוימס פֿאַרוויסטונג, טויט און בראַנד;
עס פֿאַלט אַרויס דער שווערד ביים מוטיקן פֿון האַנט.
דער שוואַכער און דער שטאַרקער לויפֿן זיך באַהאַלטן
אין וועלדער און אין היילן און אין פֿעלדזן־שפּאַלטן.

עס בלײַבט נאָך רב עקיבא — איינער אין דעם פֿעלד:
עס לויפֿט ניט פֿאַר דעם פֿײַנד דער אַלטער תנא־העלד!
עס קומט צוגיין דער פֿײַנד און נעמט דעם גרײַז געפֿאַנגען;
עס הייסט דער רשע רופֿוס רײַסן אים מיט צוואַנגען.

דאָך רואיק קוקט דער גרײַז ביים תליון אין די הענט,
און ווילד און ווילדער אַלץ דעם זיגערס כעס ברענט.
„די ערגסטע שווערסטע מיתה!" — איז דער רשע גוזר. —
„יהודהס גרעסטן מאַן זאָל זײַן דער סוף וואָס בייזער!"

און ווילד און ווילדער אַלץ, פֿון בלוט און ראַכע שיכּור,
דער תליון רײַסט זײַן לײַב און צופּט און פֿליקט אויף שטיקער.
דאָך מונטער קוקט דער גרײַז: עס רײַסט דער צוואַנג פֿון אים
קיין איינציק וואָרט אַרויס, קיין קרעכץ, קיין זיפֿץ, קיין קרים.

דער תליון בלײַבט דערשטוינט, פֿאַרוואונדערט בלײַבט דער פֿײַנט.
דאָך פֿריילעך קוקט דער גרײַז און שטראַלט מיט גליק און שײַנט.
און זעלבסט דער רשע רופֿוס קוקט אים אָן דערשראָקן,
דעם בלוט־שטראַלנדן, דעם גרויסן וונדער־זקן.

— ווער ביסטו, זאָג, ווער ביסטו, שטאָלצער גרײַז־רעבעל?
צי ביסטו אַ מכשף, צי גאָר אַ שד פֿון העל?
און מיט אַ מילד־אַנטציקטער, הימליש־העלער מינע,
געלײַטערט אין דעם טויט־שמערץ, לויכטנד ווי די שכינה,

דער תנא טוט אַ בליק, און ווי אַ הייליק שײַן
עס גיסט זיך שטיל זײַן וואָרט און דרינגט אין האַרץ אַרײַן:
— אָ, שוואַרצן כישוף, רופֿוס, שוואַרצע שדים־טומאה
געפֿינסטו נישט אין מיר, געפֿינסט נישט אין מײַן אומה!

אָ, נישט גיהנום־פֿײַער, אַ הימליש־זיסע גלוט
דורכפֿלאַמט מײַן לעצטע שעה, מײַן לעצטע טראָפּן בלוט!
עס גליט אין מיר דער ווּנטש, עס פֿלאַמט אין מיר דאָס שטרעבן,
אין קדושה פֿאַר מײַן גאָט מײַן נפֿש אָפּצוגעבן.

איך האָב אויף דעם געוואַרט אַ גאַנצן לעבן לאַנג,
געטרוימט פֿון אָט דער שעה, פֿון תּליון און פֿון צוואַנג.
געוואָלט האָט אָבער גאָט באַלאָדן מיך מיט יאָרן
און מאַכן מיך דעם עדות פֿון זײַן גרויסן צאָרן.

איך האָב געזען דעם חורבן אונטער טיטוס'ס האַנט;
איך האָב געזען דעם מקדש קראַכנדיק אין בראַנד.
איך האָב מײַן פֿאָלק געמונטערט. דאָך אין האַרצנס ברומען
גערופֿן צו דעם טויט: דער טויט איז נישט געקומען.

איך האָב געזען אין רוים דעם ווילדן טריומף און גלאַנץ —
דעם מערדער פֿון מײַן פֿאָלק אין פּראַכט און לאָרבער־קראַנץ.
עס האָבן אַלע זקנים וויסט די הענט פֿאַרבראָכן;
איך איינער האָב געשמייכלט, שטאַרק אין מײַן ביטחון.

איך האָב געזען די חורבות אויף דעם הר־הבית;
איך האָב געזען אין מקדש וווינען ווילדע חיות.
עס האָבן אַלע זקנים ביטערלעך געקלאָגט;
איך איינער האָב געשמייכלט, טרייסט־ווערטער געזאָגט.

דאָך האָב איך טיף געפֿילט אַ קנאה צו די שטיינער,
וואָס ליגן אויסגעמישטע מיט די קדושימס ביינער.
גאָט ווילן איז געווען — איך האָב געלעבט, געלעבט,
ווען טויזנט טויטן האָבן איבער מיר געשוועבט!

איך האָב געלעבט צו זען דעם בלוט־מאַרשרוט דעם רויטן,
דעם וועג פֿון גלות־פֿאָלק וואָס רײַסט זיך פֿון די קייטן.
איך האָב געלעבט צו זען בר־כּוכבאָן אין זײַן קאַמף,
צו זען מײַן פֿאָלק גייט אויס אין לעצטן פֿרײַהייטס־קאַמף!

איך האָב געבעטן צום פֿאָלק, געוועקט זייַן גלויבן, האָפֿן,
ווען ענדלעך האָט מיך דאָ דער תליון אָנגעטראָפֿן.
אָ, זײַ געגריסט דו תּליון, זײַ געגריסט, דו לייד!
איך האָב אויף אײַך געוואַרט, איך נעם אײַך אויף מיט פֿרייד!

אָ, זײַ געגריסט דו מיתה, זײַ געגריסט, באַשערטע!
איך גיב זיך איבער דיר, געווינטשטע און באַגערטע!
וואָס הער איך? לוויים־קלנאַג! עס זינגט צו מיר און שאַלט!
וואָס זע איך? לבנון־שניי? עס בליצט פֿאַר מיר און שטראַלט!

דאָס רופֿט מען מיך, איך גיי, דערפֿילט איז מײַן פֿאַרלאַנגען.
געבענטשט זײַ גאָט, אחד!

דער גרײַז איז אויסגעגאַנגען.

||||||||||||||||||||||||||| |||||| |||||||||||||||||||||||||

שלום עליכם

ל״ג־בעומר

— א —

— אַנו, קומט נאָר אַהער, קינדער, איך באַדאַרף אײַך זאָגן עפּעס אַ נײַעס! — אַזוי רופֿט זיך אָן צו אונדז אַ טאָג פֿאַר ל״ג בעומר דער רבי יודל, און מיר שטעלן־אויף מויל און אויערן, וואָס וועט אונדז עפּעס דער רבי זאָגן פֿאַר אַ „נײַעס״?

— וואָס פֿאַר אַ טאָג האָבן מיר מאָרגן? — פֿרעגט אונדז דער רבי מיט אַ ניגון, בייגט־אײַן דעם קאָפּ און מאַכט צו איין אייגל.

— ל״ג בעומר! — שרײַען מיר אויס אַלע אין איין קול, ווי די ציגעלעך, אַז זיי שרײַען: „מעעעע!״...

— וואָס איז ל״ג בעומר? — פֿרעגט ער אונדז ווײַטער מיטן אייגענעם נוסח.

— דרײַ און דרײַסיק טעג אין דער ספֿירה! — ענטפֿערן מיר אים.

— וואָס טוען חדר־ייִנגלעך ל״ג בעומר?

— חדר־ייִנגלעך, ל״ג בעומר, לייגן זיך צונויף אַלע אינאייינעם און מאַכן אַ סעודה.

— וואָס נאָך טוט מען ל״ג בעומר?

— מען נעמט די „פּײַלנבויגנס" מיט די „ראַדביקסלעך" און מען גייט געוואָפנט מיט כלי־זין און מיט געגאַנז ווײַט־ווײַט הינטערן שטאָט אַרויס.

— אָט אַזוי — רופט זיך אָן דער רבי און עפנט דאָס אייגל — אָט אַזוי האָב איך אײַך ליב! אָט אַזוי זענט איר ווילע ייִנגלעך! און דערפאַר לאָז איך אײַך אָפּ פרײַ כמעט אויף אַנדערהאַלבן מעת־לעת.

דער הערט דאָס וואָרט „פרײַ" און נאָך אויף „אַנדערהאַלבן מעת־לעת", טוען מיר אַ שטיי אויף אַלע פון די ערטער און ווילן זיך לאָזן לויפן אַהיים; נאָר איין קוק פונעם רבין איז גענוג, אַז מיר זאָלן בלײַבן אויף אונדזערע ערטער.

— אַהאַ! — רופט זיך אָן דער רבי שוין גאָר מיט אַן אַנדער נוסח. — זע נאָר זע! איר האָט נאָר דערהערט דאָס וואָרט „פרײַ", האָט איר שוין פאַרגעסן דעם עול פונעם חדר.

— ווייסט איר וואָס, קינדער? וואָס טויג אונדז ווערטער? מוסר? שטראָפּע־רײַ? — נאַרישקייטן, איר וועט דאָך געוויס נישט פאָלגן, וועל איך דאָך אײַך נאָכ־דעם געוויס דאַרפן שמײַסן, איז בעסער, לייגט זיך שוין איינציקווײַז אַנידער, לאָמיך אײַך געבן לעת־עתה צו עטלעכע שמיצלעך, אַן אַדערויף הייסט דאָס... אײַ וואָס? טאָמער וועט דאָס זײַן קאַרגלעך? האָט קיין יסורים נישט: אם ירצה השם, נאָך ל"ג בעומר וועל איך אײַך, נישקשה, פאַרבעסערן. אַצינד, קינדערלעך, וואַשט די הענט און דאַוונט אײַך אָפּ מנחה און — מאַרש אַהיים. נאָר שטיל, פײַן, שיין, אַזוי ווי איך האָב ליב... און, אם ירצה השם, איבערמאָרגן גאַנץ פרי זאָלט איר מיר זײַן אָט דאָ אַלע אויפן אָרט, נאָר ווי עס געהער צו זײַן, פײַנטשיק! איר האָרכט, וואָס מען רעדט צו אײַך? לאָם איך זען אויף עמיצן אַ שפּרינקעלע! אַ האָר!... אַ גוטע נאַכט, גייט געזונט, און האָט אײַך אַ פריילעכן יום־טוב!

— ב —

אויף מאָרגן האָט גאָט אַרויסגעצויגן די זון פון איר פוטערפאַס און האָט אונדז געשענקט אַ שיינעם, אַ ליכטיקן, אַ פריילעכן זומערטאָג, איינעם פון יענע שיינע ליכטיקע זומערטעג, ווען די לופט איז שמעקנדיק, פריש, מחיה־נפשות, דער הימל איז לויטער בלוי. די פייגעלעך זינגען. עס גלוסט זיך אין דרויסן אַרויס, אויף דער לופט. עס ציט אַהין, ווײַט, ווײַט פון דאָרט, וווּ עס שפּראָצט אַ גרעזעלע, און די ביימער זײַנען באַדעקט מיט גרינע בלעטעלעך, דאָרט, וווּ גאָטס פייגעלעך טאַנצן און שפּרינגען, פּישטשען און זינגען... אין יענעם פרימאָרגן האָבן מיר זיך געכאַפּט, איך און מײַן ברודער מאָטל, אויפשטיין וואָס פריער, אָפּדאַווענען וואָס גיכער, נעמען דאָס אָנבײַסן מיט זיך — און מאַרש צו ליפּאַ שלום־אײַזיקס! וואָס עפּעס צו ליפּאַ שלום־אײַזיקס? ווײַל, ערשטנס, איז ליפּאַ שלום־אײַזיקס דער עלטס־טער פון די תלמידים, אַ בר־מצוה ייִנגל, און אַ חתן דערצו, מיט אַ זייגער און מיט אַ זילבערנער קאַפּערטע; און צווייטנס, איז דאָרט פאַראַן אַ הויף אַ גרויסער, וואָס

דאָרט פלעגן מיר פאַרברענגען דעם אַנדערן האַלבן פרײַען טאָג, שפּרינגען אויף איין פוס, שפּילן אין „באַהאַלטערלעך" אָדער אין „טרעפענישן"... אַז מיר זײַנען געקו־מען איך און מײַן ברודער מאָטל, צו ליפא שלום־אײַזיקס, האָבן מיר שוין דאָרטן געטראָפן די גאַנצע חברה (אַרום און אַרום זײַנען מיר געווען פיר און פערציק פאַרשוין, תלמידים פון צוויי חדרים: פון רב יודל און פון רב אפרים).

— אָט זײַנען שוין די „יאָסעלעך" מיט די „מאָטעלעך" אויך דאָ! ווײַזט, וואָס האָט איר געבראַכט? — רופט זיך אָן ליפא שלום־אײַזיקס, און הייבט אָן צו־נויפנעמען די מתנות, וואָס יעדער האָט געבראַכט צו דער סעודה, און אויסרופן אויף אַ קול איטלעכן צום גראַם: — מענדל, מע מעג עסן פון דײַן פענדל? אַנו, ווײַז וואָס האָסטו דאָרטן? צוויי אייער־בייגל, אַ שטיק לעקעך, איין איי מיט זעקס גראָשן.

— איציק־שפּיציק, נאָדל־טעשל! גיי אין קלייט, כאַפּ אַ פלעשל! עפּעס זע איך בײַ דיר, קיין עין־הרע נישט, אַ גאַנצן אוצר: צוויי קיכלעך, דרײַ אייער, אַ שטיק דאַרע קישקע, עטלעכע צוקערלעקעכלעך מיט מאַנדלבייגעלעך, און האָזענע ניסלעך עפּעס גאָר אַ גוזמא — אַהאַ — און נאָך צען גראָשן דערצו! מאַלאַדיעץ!...

— יענקעלע־בענקעלע־פלעשעלע — בול־בול־בול! באַווײַז זיך אַרויס מיט דײַן גוטס: אַ בולקע אַ גאַנצע, אַ פערטל עוף, אַ גלעזל גענדזנשמאַלץ — וואָס איז דאָס? אַ פלעשל מעד? הערסט, דו ביסט דאָך עפּעס גאָר אַ מזיק, כ׳לעבן!...

— משהלע־שטויסעלע, קלאַפּ אין שיל! אַלטע ווײַבער שלאָפן! קום נאָר אַהער האָסט געבראַכט בראַנפן? — האָב איך דיך ליב, וואָרום ווו האָט איר געזען אַ „סעודה" אָן בראַנפן?...

— אבי־פּאָטער, קלמן־טאָטער, טאָטער־קלמן, שניאור־זלמן, זלמן־שניאור, שלאָף אין שלײַער! באַווײַז, באַווײַז, שעם זיך נישט! אַ האַלב איי סך־הכל? אַ שטיקל ברויט מיט האָניק?... אויך אַ מטבע! גיב אַהער, נישקשה, עס מאַכט נישט אויס! דערויף איז דאָס ל״ג בעומר, אַ שותפותדיקע סעודה!...

— טאָפּעלע טוטאַריטו! ווײַז וואָס האָלטסטו דאָרטן? אַ טאָפּיטע, מיט אַ שטיטל בולטע, מיט אַ טעפּל טנאָבל? וואָס האָט דיר די מאַמע אַזוי ווינציק דע־דעבן?... ליפא שלום־אײַזיקס מאַכט אים נאָך, ווי ער רעדט מיט דער „טוף", און חברה קאַטשען זיך פאַר געלעכטער, און קאַפּל אַליין לאַכט אויך.

— יואליק־בייליק האָט דעם גרעסטן חלק! דו ביסט דאָך עפּעס אַ נגידס אַ יינגל, בײַ דיר קען אַוודאי זײַן אַ גאַנצער אוצר פון ביצים און פון שמאַלץ, פון ווײַן און פון בראַנפן און פון כל־טוב! איאַ, איך האָב געטראָפן? צוויי בולקעס, אַ גאַנצע האַלבע געבראָטענע קאַטשקע, אַהאַ! אַ צענדליק אייער, און טיי און צוקער. הײַנט ניסעלעך מיט באָקסערן, מיט ראָזשינקעס מיט מאַנדלען, און פּאָמעראַנצן, און אַ לימענע אויך — נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן! קום אַהער, לאָם איך דיר זאָגן כאָטש אַ דאַנק! יואליק דעם נגידס גייט צו, די הענט אין די קעשענעס, מיט גרויס

גדלות, און ליפּא שלום־אײַזיקס דערלאַנגט אים אַ שנאַל אין נעזל אַרײַן. צווישן עולם ווערט אַ געלעכטער.

— אַצינד, קינדער, זעצט זיך אויס אַלע דאָ, צווישן די קלעצער, — זאָגט ליפּא שלום־אײַזיקס, — לאָמיר אָקאָרשט זיך נעמ'ען צו דער סעודה! בראָקט און עסט און „לאָז אײַך ווויל באַקומען", ווי דער רבי זאָגט, אַז ער שמײַסט אונדז אָפּ... ווער האָט אַ גלעזל? גיב אַהער לאָמיר טרינקען לחיים! לחיים, מלך! אַז מען טרינקט, איז מען פריילעך! לחיים, נח, פון פלעשל ציט מען כוח! קום אַהער ניסל. בעם בראָנפן אַביסל! לחיים, שעפּסל, מאַך אַ שנעפּסל! לחיים, אברהם־משה! דו האָסט דאָך ליב אַ כוסה אַ גרויסע! לחיים, טאָפּעלע, דאָס זאָל דעבן דעזונט מיט דליט מיט אַלדאָס דוטס! טרינט־אויס דאָס דאַנצע דלעזל, אַניט דיס איך דיר אַרײַן אין דאָרדל מיט דוואַלד, וועסט דו ערדער מאַכן!...

אַלע לאַכן, און קאָפּל אַליין לאַכט אויך.

— קינדער! זאָגט, וווהין גייען מיר הײַנטיקס יאָר? — טוט אַ פרעג ליפּא שלום־אײַזיקס נאָך דער סעודה.

עס ווערט אַ געשריי, אַ געפּילדער. איטלעכער זאָגט זײַן מיינונג, וווהין מען זאָל גיין.

— אויף יענער זײַט בית־עולם! — זאָגט מלך דער אַלמנהס.

— צו דער ציגעלני! — שרײַט אויס אברהם־מ'שה דעם ווײַנערס אויף אַ הילכיק קול.

— צו דער ציגעלני! צו דער ציגעלני! — העלפן אים אונטער עטלעכע קולות מיטאַמאָל.

— דאָרטן איז פאַראַן הינט, איר האָט שוין פאַרגעסן? — רופט זיך אָן ניסל, אַ יינגל אַ בלייכס מיט אַן איבערגעשראָקענעם קוק.

— ווער האָרכט זיי? ווער האָט מורא פאַר הינט? — זאָגט יואליק דעם נגידס מיט שטאַרקייט.

— דו אַליין האָסט מורא פאַר הינט אימת־מות! — האַקט אים איבער דודל צעהאַקטע ליפּ.

— נישט פאַר הינט, אַפילו פאַר אַ קאַץ!... — כאַפּט אונטער שעפּסל, אַ יינגל מיט איין אָפּגעבריטער באַק, און צווישן חברה ווערט אַ געלעכטער.

יואליק דעם נגידס ווערט אַנגעצונדן, למאַי מע לאַכט פון אים, גייט ער צו צו שעפּסלען מיט דער אָפּגעבריטער באַק און טראָגט אים אונטער אַ פײַג גלײַך אונטער דער נאָז; כאַפּט ער אַ זעץ פון דודל צעהאַקטע ליפּ אין זײַט אַרײַן; ענטפערט ער צוריק; הייבט ער אָן כאַפּן פּעטש פון אַלע זײַטן... אין אַן אַנדער צײַט וואָלט זיך קיינער נישט אײַנגעשטעלט אַרויסצוטרעטן פראַנק און פרײַ קעגן אַ נגידס אַ יינגל, נאָר ל"ג בעומר מאַכט נישט אויס, ל"ג בעומר איז מען פרײַ...

— שאַט! — רופט זיך אָן ליפּא שלום־אײַזיקס — געגוג אײַך קריגן זיך! ווייסט איר, וווהין מיר זאָלן גיין הײַנטיקן ל"ג בעומר?

— וווהין? וווהין?
— קיין גאַלאַגאַנאָווקע!
— קיין גאַלאַגאַנאָווקע! קיין גאַלאַגאַנאָווקע! — שרייַען אַלע אין איין קול, און אַפּילו קאָפּל קוקאַריקו העלפֿט קוויטשן אויף זיין קולעכל: „דאַלאַדאַנאָוועטע! דאַלאַ־דאַנאָוועטע!...“ און ס'איז געבליבן, אַז מיר גייען קיין גאַלאַגאַנאָווקע.

מיכל אַראָנסאָן

נעמי און רות

כי אל אשר תלכי אלך ובאשר תליני
אלין, עמך עמי, ואליך אלהי.

(רות א׳ 16)

נעמי: — איך ווייס, מייַן קינד, דו ביסט מיר טרייַ,
דייַן האַרץ איז גינגאָלד־רייַן,
נאָר קער זיך אום צום פֿאָטערס הויז
רות: — וווּ דו גייסט, וועל איך גיין!
נעמי: — דער הונגער הערשט בייַ מיר אין לאַנד,
איך האָב קיין שטוב, קיין דאַך, —
רות: — וווּ דו וועסט שלאָפֿן וועל איך אויך
מיר שרעקט נישט אָפּ קיין זאַך.
נעמי: — מייַן פֿאָלק איז נישט מיט פֿעלקער גלייַך,
אַן אָפּגעזונדערט שטאַם,
און שונאים רינגלען אים אַרום
ווי אינדזלען פֿון דעם ים...
רות: — אומזיסט, אומזיסט דייַן ריידן גאָר,
ניט שרעק מיר, מוטער, אייַן,
דייַן פֿאָלק, דייַן אָפּגעזונדערט פֿאָלק,
וועט מייַנער, מוטער, זייַן.
נעמי: — מייַן גאָט איז שטרענג, זייַן שטראָף איז שווער
פֿאַר ברעכן זייַן געבאָט...
רות: — אָ, מוטער, רייד נישט מער,
דייַן גאָט וועט זייַן מייַן גאָט.

א. ליעסין

בכורים

איך בין אין די בלויע פאַרטאָגן
אַרויס די בכורים צו טראָגן.
איך בין ווי אין חלום געגאַנגען
אַרויפצו צום באַרג צום געזוכטן,
געטראָגן די ערשטע פון זאַנגען,
געטראָגן די ערשטע פון פרוכטן.

געטראָגן די ערשטע פון פריידן,
די אָפּפער־עקסטאַזן פון לעבן,
געגעבן זיך פריידיק אין ליידן,
אין גאַנצן זיך איבערגעגעבן.

איך האָב די פאַרנעפּלטע וועגן
נאָך קוים־וואָס געקאָנט אונטערשיידן,
דאָס בין איך מײַן שטערן אַנטקעגן
געגאַנגען אין פלייצנדע פריידן.

איך האָב זיך אַלץ העכער געהויבן,
און ראָזיקער האָט זיך אַלץ אויבן
צעגליט דער פרימאָרגן פון גלויבן.

און מיטגייער האָב איך געטראָפן,
פון פריידיקן אויפגאַנג געפירטע,
און גלויבן און האַרץ אַזוי אָפן,
געהייליקטע און עקזאַלטירטע.

זיי האָבן געזאָגט: לאָמיר קומען
מיט שמחה צו גאָט אין די הויפן!
און אונטער די פיס האָט גענומען
דער בערגיקער שווינדל־וועג לויפן.

מיר האָבן אין שטראַלנדיקן ציטער
געשוועבט אין אַ וועלט אַ צעגליטער,
די היטער, פון מאָרגן די היטער.

מיר האָבן געזען פאַר זיך ווייען,
אין ווייַטן, און הויכן, פאַרטרוימטע,
לאַזור־בלאָ, די קליידער פון כהן,
פון פורפורנע שייַנען באַזוימטע.

און לויטער און ווייַטער אַ ווייַלע,
איז פלאַמיק אין גאָלד אויפגעגאַנגען
דער זוניקער מקדש של מעלה,
דער מקדש פון אונדזערע פאַרלאַנגען.

אָט הויבט אין אַ תפילה אַ הייסער
דער כהן שוין אויף די געשאַנקען,
אָט טאָגט שוין דער יום־טוב דער גרויסער!...
מיר שטייען אַנטציקטע און דאַנקען.

ווי גיך, אָ, ווי גיך איז אַריבער
דער חג הבכורים, דער ליבער!

ז. ראָזענטאַל

דער בכורים יום־טוב אין חיפה

פאַר מײַנע אויגן שטייט אַ צויבערנד בילד, וועלכעס איך האָב בײַגעוווינט, זײַענדיק אין ארץ־ישראל אויף דעם דאָזיקן באַנײַטן ביכורים יום־טוב.

נאָך ערב־שבועות, איז אין דער שטאָט חיפה געווען גרויס די באַוועגונג, באַ־זונדערס האָט זיך די פריילעכע באַוועגונג געפילט אויפן הר־הכרמל. געסט און געסט פון אַלע עקן לאַנד. די פריילעכע, די מונטערע, די זאָרגלאָזע יוגנט. אויף דער הערצל־גאַס זײַנען אויפגעשטעלט געוואָרן צוויי גרויסע טויערן מיט אויפ־שריפטן דורך גרויסע אותיות „ברוכים הבאים“.

איין טויער האָט געהאַט די פאָרם פון צוויי לייבן מיט גרויסע פליגל, דער צווייטער — די פאָרם פון אַ גרויסן קראַנץ ווײַנטרויבן מיט צוויי טויבן פון ביידע זײַטן. אין אָוונט אַ ים פון שטאַרקן עלעקטרישן ליכט. לעבן טעכניקום שטייט אַ גרויסע בינע אויפגעשטעלט. די בינע איז באַפּוצט און באַצירט מיט גרינע צווײַגן און גרויסע בלעטער. דאָס פאָלק גייט. די מאַסע וואַקסט. עס גייען יונג און אַלט, פרויען און קינדער אין די טויזנטער. פון אַלע עקן פון הינטערלאַנד איז מען גע־קומען: פון דעם עמק הירדן, פון עמק יזרעאל, פון דעם גליל העליון און דעם גליל התחתון, פון מפרץ חיפה, פון זכרון־יעקב, פון עטלית, פון חדרה. אָט גייען זיי די יונגע קאָרבן־טרעגער, די שוואַרץ־ברוינע, די שוואַרץ־אויגיקע, פון דער זון אָפּגע־ברענטע, מוסקול־שטאַרקע קינדער, די אייניקלעך פון ישי פון בית־לחם, די איי־ניקלעך פון נעמי און אלימלך, די אייניקלעך פון מכלון און כליון, מיט קאָרבן גרינע אויף די קעפּ. און אין די קאָרבן ליגן זאַנגען תבואה, ירקות אלערליי. פּי־רות, עופות, מילגראַמען און טייטלען. אויף אייזלען רײַטנדיק האָט מען עס גע־בראַכט, אין די פורן.

און קליינוואַרג גייט בײַ דער זײַט, אָנגעטאָן אין לאַנגע, ליכטיק־בלויע קיט־לען, מיט קראַנצן צווײַגלעך אויף די קעפּ, און מ׳איז מקבל די ביכורים, וואָס גייען לטובת דעם נאַציאָנאַלן באָדן פאַרן פאָלק.

שאַט. שטיל. שטייט אַלע אויף די שפּיץ פינגער: ס׳זינגען די קליינע „לוויים“ „ארמי אבד אבי“. אַ ווייך אַלטל פון יענעם קליינעם יידישן ייִנגעלע פון גוש עין־חרוד, וואָס האָט זיך צעלאָזט מיט זײַן זיס מײַלעכל. דער קליינער „לוי“ זינגט, און די איבעריקע לויימלעך טאַנצן דעם גאַרבן־טאַנץ. אין אָנפאַנג — רואיק, שטיל, געלאַסן, אָבער וואָס ווײַטער — שטאַרקער און שטאַרקער, הייסער, גליענדער, לײַדנשאַפטלעך ביז גאָר. דער טרומייט לאָזט זיך הערן פון ווײַט, ווײַט.

מ. מ. ראָזענבאַום

יונגע ביימעלעך

(פון דער געשיכטע פון אַ קבוצה)

עס איז ווידער פרילינג. די אַרבעט קאָכט אין אַלע ווינקעלעך, סײַ אין גן־הדר, סײַ אין אייגענעם משק פון דער קבוצה. די שפע פון וואַסער, וואָס מען האָט געפונען אין די טיפענישן פון דער ערד, האָט אַרײַנגעבראַכט אַ געפיל פון זיכער־קייט אין דער צוקונפט פון דער אונטערנעמונג און פאַרטאָפּלט אין אַלעמען די שאַפונגס־ענערגיע. די ריחות פון דער אויפגעאַקערטער ערד וועקן אַ פאַרלאַנג צו באַלעבן זי מיט זאָמען און פלאַנצונגען, וואָס זאָלן אַרײַנלאָזן וואָרצלען אין דעם פעטן באָדן, ציען פון איר יניקה, און באַגרינען כאָטש אַ טייל פון דער וויס־טעניש אַרום.

דער וואָדי — דער טיפער גראָבן אויסגעוואַשן אין משך פון יאָרן דורך די שטראָמען רעגנוואַסער — וואָס האָט דורכגעשניטן די אויפגעאַקערטע 200 דו־נאַם לאַנד אין גן הדר, ווערט פאַרשאָטן מיט דער הילף פון גראַב־מאַשין. דער גאַנצער שטח ווערט אויסגעגלײַכט, און די געגנויע פלעצער, ווו די ביימלעך דאַרפֿן אַרײַנגעפלאַנצט ווערן, ווערן אָנגעצייכנט מיט, אין דער ערד אַרײַנגעשטעקטע ווײַסע שטעקעלעך. מען וואַרט מיט אומגעדולד, אַז די טויטע ווײַסע שטעקעלעך זאָלן פאַרביטן ווערן מיט לעבעדיקע גרינע ביימעלעך.

ענדלעך קומט אָן דער געגאַרטער פרימאָרגן. עס דערהערט זיך דאָס טראָ־מייטן פון אונדזער ערשט־געקויפטן (אויף באָרג, פאַרשטייט זיך) לאַסט־אויטאָ־מאָביל, וואָס קלינגט אַזוי יום־טובדיק אין אונדזערע אויערן, אַזוי ווי עס וואָלט געווען דער שופר של משיח. און אָט שטייט שוין דער אויטאָמאָביל בײַם צוגע־גרייטן שטח, און ירושלמי, אונדזער העלדישער שאָפער, מיט זײַן גוטמוטיקן שמייכל אויף זײַן ברייטן קינדערשן פנים, דערלאַנגט די גרינע ציטרוס־שתילים צו דער פריילעכער חברה, וואָס צעטראָגט און צעלייגט זיי פלינק גלײַך לעבן די ווײַסע שטעקעלעך. מען צעטיילט זיך אין פּאָרן, און עס הייבט זיך אָן די ערשטע פלאַנ־צונג. איינער עפנט די ערד מיט אַ רידל, און דער צווייטער שטעלט אַרײַן דאָס ביימעלע און פאַרקלאַפּט מיטן פוס די ערד אַרום די וואָרצלען. פאַרנאַכט שטייען שוין לאַנגע גרינע שורות פון יונגע אַפּעלסינען־ביימעלעך, און קרישטאָלענע ריטש־קעלעך לויפן פריילעך בײַ יעדער שורה און פילן אָן די „צלחות" — די צוגעגרייטע טעלער־פאָרמיקע פאַרטיפונגען — אַרום יעדן ביימעלע. מען קוקט מיט אַ באַזונ־דער פאַרגעניגן, ווי די רויטלעכע ערד זאַפּט אין זיך אַרײַן די וואַסער פון „צלחות". און עס דוכט זיך, אַז מען זעט בפועל ממש ווי די דינע וואָרצל־פעדעמלעך זויגן אַרײַן אין זיך די מים חיים מיט די זאַפטן פון דער ערד און גיסן אַרײַן חיות אין יעדן יונגן ביימעלע, אין איטלעכער גרינער בלעטעלע.

דוד איינהאָרן

קאָרנשוועסטערלעך

קענט איר, קינדערלעך,
די קאָרנשוועסטערלעך?
זיי זײַנען בלימעלעך
אין פרײַען פעלד.
עס גיבן בלאָינקע,
עס גיבן רויטינקע,
אויך גיבן געלינקע,
ווי אײַך געפעלט.
זיי וואַקסן טויזנטער
אין אַלע ווינקעלעך,
זוו זאַנגען וויגן זיך
און תבואה בליט.
גאָטס וועלט באַקרוינען זיי,
זײַן ברויט באַשײַנען זיי,
און בליען לוסטיקע
פון זון געהיט.

די צווייטע זײַנען דאָס
די קאָרנרעדעלעך,
וואָס קומען אָנזאָגן
דעם ערשטן גאָלד.
וואָס נעמט באַשימערן
בײַם זאַנג די הערעלעך,
און גאָלדיק גרינינק ווערט
דאָס פעלד באַמאָלט.
זיי שיסן אויף אין הויך
ווי פּורפּור־פלעמעלעך,
די בעכערס אָפענע
פאַר טוי און שײַן,
און שלאַנקע שטייען זיי
אַזוי דעם זומער אָפּ,
ביז וואַנען דער שניטער קומט
אין פעלד אַרײַן.

די ערשטע, ווייסט איר דאָך,
זיי זײַנען בלאָינקע,
מע רופט זיי בלימעלעך
פון קאָרן דאָ.
און ווען דער זאַנג צערײַסט
זײַן גרינע העמדעלע,
דאַן ווערט דאָס פעלד פון זיי
אינגאַנצן בלאָ.
פול בלאָע קעפּעלעך
פון גוטע שוועסטערלעך,
וואָס נייגן, גריסן זיך
צו יעדן זאַנג,
און ווינטשן שטילערהייט
אים וואָכן ליכטיקע
און רעגנס זעטיקע,
זײַן זומער לאַנג.

די פעלדער שפּרייטן זיך
שוין אָפּגעשניטענע,
עס ליגט דער קאָרן שוין
און וואַרט אין מיל.
געבליבן זײַנען נאָר
אין פעלד די געלינקע,
די שוועסטער־ברידערלעך,
וואָס וואַקסן שטיל:
דרײַ געלע פליטערלעך,
צוויי ווײַסע פליטערלעך,
פאַראייניקט שפּראָצן זיי
צווישן שטרוי,
און וויינען, טרויערן
אויף אַלע בלימעלעך
און וועלקן שטילינקע
אין קאַלטן טוי.

אברהם טקאַטש

דער רויזנשטרויך

טיף אין געדיכטן וואַלד, איז אַ רויזנשטרויך געוואַקסן. די ביימער, וואָס האָבן אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי ער איז געקומען אַהין, האָבן זיך צונויפגערוקט און אַרום אים אַ פרײַען אָרט געלאָזט, כדי די זונען־שטראַלן זאָלן קאָנען גלעטן און קושן זײַנע צאַרטע בלעטלעך, און אַלע אינדערפרי, די טוי־טראָפּעלעך פון זײַנע קנאָספּן אויסטרינקען. און ליב געהאַט האָבן די אַלטע, ערנסטע ביימער, דעם רויזנ־שטרויך, אַ שטייגער ווי אַן אַלטער זיידע האָט ליב זײַן יונג אייניקל, דעם שטי־פער. און ווען די אַלטע סאָסנע איז געשטאַנען פאַרטיפט אין אירע טרויעריקע געדאַנקען, פלעגט אַ יונג צווײַגל פונעם שטרויך נעמען זיך פלעכטן אויף זײַנעם אַ צווײַג און אים קושן מיט סאַמעטענע רויזן־ליפּעלעך, פלעגט די אַלטע דאַן אָנ־הייבן צו שמייכלען, זיך פילן פריילעכער און שטיפעריש נעמען שטעכן דאָס צווײַ־געלע מיט אירע נאָדלען־בלעטער.

פלעגט אַ שטורעם איבערן וואַלד זיך דורכטראָגן, פלעגן די ביימער זייערע שפּיצן צונויפבייגן און איבער דעם צאַרטן רויזנשטרויך אַ סוכּה מאַכן, אים פון צו גרויסע טראָפּנס און האָגל פאַרהיטן. און נאָכן שטורעם, פלעגן די קנאָספּן אויפן נאַענטן דעמב אַרויפקלעטערן, קאָקעטיש זיך שפּיגלען אינעם דערבײַאיקן טײַכל און קרײַזלען זייערע בלעטלעך.

בײַנאַכט פלעגן צאַרטע ווינטעלעך קומען צו פליען, פאַרוויגן די רויזן און וואונדערלעכע וואַלד־לעגענדעס זיי דערציילן. און ווען אַלע רויזן פלעגן שוין שלאָפן, האָבן זיי מיט נעפּל־שלײַערס זיי אײַנגעדעקט, און אַליין שטילערהייט אַוועקפליען, שטענדיק דעם נאַכטיגאַל אַלס שומר.

נאָר ס'איז דאָך באַוווּסט, אַז קיינער איז נישט צופרידן מיט דעם וואָס ער פאַרמאָגט; שטענדיק פעלט עפּעס. און דער רויזנשטרויך איז אויך אומצופרידן געווען. ער בענקט, פלעגט ער זאָגן. און אַז די אַרומיקע ביימער האָבן געפרעגט נאָך וועמען? האָט ער שטיל, פאַרחלומט אַרויסגעזאָגט: נאָך קינדער. אומעטיק, האָט ער געזאָגט, איז אים דאָ צווישן די גרויסע ערנסטע ביימער. אמת, אַלע האָבן אים ליב; אַלע באַשיצן אים. אפשר שוין צו פיל; אָבער ער וויל געזאַנג, געלעכ־טער, שטיפערײַ, און דאָס קענען נישט די אַלטע ביימער.

אַזוי פילט זיך אַ קינד ווען עס קומט צו גאַסט צום זיידן. די באָבע גיט פון נעם בעסטן; דער זיידע שמייכלט דורך דער גרויסער באָרד און צערטלט ווען נישט ווען. אָבער אַלץ איז דאָרט אַזוי ערנסט, אַזוי רואיק, אַזוי סטאַטעטשנע...

און דער רויזנשטרויך פלעגט בענקען, און פון בענקשאַפט האָבן זײַנע צווײַ־געלעך גענומען דאַרן, און זײַנע בלומען פאַרוועלקט ווערן.

אומזיסט האָט זיך צו אים דער ווילדער באַרן־בוים צוגעבויגן, און אים אַ גלעט־טוענדיק מיט אַ נאַר־וואַס צעעפנט בלימעלע, אים געזאָגט: „קינד מײַנס, זאָל דיך גאָט אויסהיטן פון די שטיפערס! אויב דו ווילסט וויסן וואָס פאַר אַ באַשעפעניש די קינדער זײַנען, טאָ פרעג מיך. איך וועל דיר דערציילן. די גרויסן וואָס מיין שוועסטערקינד, דער עפּלבוים, וואָס וואַקסט אין שטאָט־גאָרטן, שיקט מיר איבער, ווערסטו הערן ווי אַזוי אומרחמנותדיק זיי פליקן אַרום זײַנע בלומען, באַרויבן בײַ אים זײַנע בעסטע פּרוכטן און ברעכן זײַנע זאַפטיקסטע צווײַגן. דאַנק און לויב גאָט, וואָס ביסט דאָ, צווישן אונדז, ווײַט פון די מחבלים!“

נאָר דער רויזנשטרויך האָט זיך כמעט נישט צוגעהערט צו די קלוגע רייד... אין טרויער האָט ער זײַן באַבלומטן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און געהאַט צום האַר פון דער וועלט אַ שטילע טענה: צו וואָס האָט ער אים באַשאַפן, אויב ער דאַרף קיינמאָל נישט געגלעט ווערן פון קינדער־הענטעלעך, נישט געצערטלט ווערן פון קינדער־ליפּעלעך...

און אַז דער רויזנשטרויך האָט געטרויערט האָט זיך ווי אַ טונקעלע מרה־שחורה איבערן וואַלד פאַרשפּרייט, און אין שווײַגנדיקן אומעט האָבן די אַלטע ביימער זייערע צווייגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט.

אָבער אין איין שיינעם זומער־פרימאָרגן, איז עפּעס אויסערגעוויינלעכעס אין וואַלד געשען. אומבאַקאַנטע קלאַנגען האָבן זיך איבער אים צעטראָגן און זיך אַלץ דערנענטערט צום אָרט וווּ אונדזער רויזנשטרויך איז געוואַקסן. דערשטוינטע, פול מיט דערוואַרטונג, האָבן די ביימער זייערע צווײַגן אָנגעשפּיצט. נענטער, נענטער האָט זיך דאָס גערויש גערוקט, און העלער און קלאָרער האָבן זיך די קלאַנגען גענומען אַרויסטיילן. און אָט דערקענט מען שוין דעם רעגלמעסיקן אָפּקלאַנג פון מאַרשירנדע פיס: פּטאַק־טאַק, פּטאַק־טאַק, קלאַפּט עס אָפּ פאַרדומפּן אין דער ווייכער ערד. דערנאָך ווערט דאָס מאַרשירן איבערגעריסן, אַ שנײַדנדיקער באַפעל דערהערט זיך און נאָך אים אַ טופּעניש, אַ לויפעניש, אַ גערודערײַ דורכגעפלאָכטן מיט געזאַנג, פריילעכע אויסרופן און הילכיקן געלעכטער.

די אַלטע ביימער האָבן זיך איבערגעשושקעט, און ערנסטע און דערשראָקענע האָבן זיי פאַרהאַלטן זייער שאָקלען זיך. די מערהײַט פון זיי האָבן זיך דערמאָנט אין די צייכנס וואָס זיי טראָגן פון אַן ענלעכן גערויש פון פאַר דרײַ יאָרן. אויך דאַן האָט אַ פרילינגס־עקסקורסיע פון אייניקע שולעס צווישן זיי אַ טאָג פאַרבראַכט. און געגנוג צעבראָכענע צווײַגן און פאַרוויסטע נעסטן זײַנען נאָך איר איבערגעבליבן.

היט זיך! האָבן די ביימער אָנגעזאָגט דעם רויזנשטרויך, די מזיקים זײַנען דאָ! אָבער ער האָט זיך אַפילו אויף זיי נישט אומגעקוקט. אינגאַנצן אַז אויפגעציטערטער און פול מיט דערוואַרטונג איז ער געשטאַנען. די קינדערשע קולות האָבן זיך שוין געהערט גאָר נאָענט, אָבער ער האָט נאָך די זכיה נישט געהאַט זיי צו זען! ווי אין כעס איז דאַן דער רויזנשטרויך געוואָרן אויף די הויכע ביימער פאַר־

וואָס זיי פאַרשטעלן אים פון זײַנע ליבלינגען; און טאָמער גייען זיי אַוועק אָן דעם, אַז ער זאָל זיי האָבן געזען?!

אָבער דאָס איז אים אַ פּנים, נישט באַשערט געווען.

די קינדער האָבן זיך אין באַהעלטעניש געשפּילט: זייערע טריט האָבן זיך דאָ דערנענטערט, דאָ דערווײַטערט פונעם רויזנשטרויך. אָט, האָט ער זיי שוין גאָר אינגאַנצן אויפגעהערט צו הערן. נאָר פּלוצלונג, האָט ער אינגאַנצן אַ צאַפּל־געטון: אומגעריכט איז צווישן צווײַגן אַ גאָלד־געלאָקט קעפּל דערשינען. די אייגעלעך אין וועלכע אונדזער רויזנשטרויך האָט געמיינט צו דערקענען דעם הימל וואָס שפּיגלט זיך אָפּ אין טײַכל, האָבן אַנטציקט אויף אים געקוקט, און די ליפּעלעך, ווי זײַנע רויזן־בלעטעלעך, זײַנען האַלב־געעפּנטע, פון דערשטוינונג, פאַרבליבן.

פאַרבליפט איז דאָס קינד געבליבן פון דער ווילדער שיינקייט פונעם רויזנשטרויך. פאַרצאַפּלט האָט זיך דער רויזנשטרויך אַנטקעגן דער צאַרטער שיינקייט פון זײַן, אַזוי־געטרוימטן, און אין איינזאַמקייט געגאַרטן, קינדער־פּנימל. און ביידע, ווי באַצויבערטע, האָבן אַ לאַנגע ווײַלע זיך באַטראַכט און שטיל געצויגן איינער צום אַנדערן.

ביז דאָס קינד האָט דעם כּישוף איבערגעריסן און מיט אַ מעלאָדיש שטימעלע אויסגערופן: קינדער, אַהער קומט, זעט, וואָס פאַר אַ שיינער רויזנשטרויך!

און באַלד האָט זיך דער רויזנשטרויך געפונען אַרומגערינגלט פון אַ גאַנצער כאַפּטע מיידעלעך און ייִנגעלעך, וואָס האָבן זיך געדרייט אַרום אים, געטאַנצט, געפּאַטשט מיט די הענט און יעדער האָט אויף זיין שטייגער אויסגעדריקט זײַן באַוווּנדערונג און אַנטציקונג.

— וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע רויזן!

— וואָס פאַר אַ גרויסע!

— אין שטאָט האָב איך קיינמאָל אַזעלכע נישט געזען!

— זעט נאָר דעם קאָליר, רויט ווי בלוט!

געשמייכלט האָט זיך געפילט דער רויזנשטרויך וואָס זײַנע געטרוימטע ליבלינגען געפינען אים אַזוי שיין און נאָכאַמאָל האָט ער באַטראַכט זײַן אָפּשפּיגלונג אין טײַכל.

און די קינדער האָבן באַטאַפּט די רויזן, געשמעקט זייער דופט און זײַנען געווען איבערגליקלעך.

פּלוצלונג רופט זיך אָפּ אַ צוועלף־יעריק מיידעלע: איך וועל פון זיי אַ קראַנץ פאַר מײַן לערערקע מאַכן; און איך פאַר מײַנער — רופט זיך אָפּ אַ צווייטע. און אַ צען־יעריק ייִנגעלע זאָגט: וואָס פאַר אַ פּרעכטיקן בוקעט איך וועל פון זיי אַהיימברענגען פאַר מײַן קראַנק שוועסטערל!

אַזוי האָט יעדער איינער געפונען וועמען מיט בלומען צו באַטיילן אויפן רויזנשטרויכס חשבון.

און די קינדער האָבן גענומען רײַסן, פליקן, אָפּצופּן פון דעם רויזנשטרויך

זײַנע שענסטע בלומען. ווער ס'האָט געריסן נאָר די רויזן מיט די שטענגלעך, און ווער ס'האָט גאַנצע צווײַגלעך געבראָכן — כדי דער קראַנץ זאָל אויסקומען פּרעכטיקער...

אַז די כאַפּטע האָט זייער אַרבעט פאַרענדיקט, האָט זי געגעבן צו וויסן די חברים וועגן דער עקזיסטענץ פון דעם ווונדערלעכן רויזנשטרויך, און אַן אַנדערע קאָמפּאַניע האָט זייער פאַרוויסטונגס־אַרבעט פאַרגעזעצט.

אַזוי דעם גאַנצן טאָג.

— —

און אַז די זון האָט שוין די שפּיצן ביימער מיט בלוט באַפאַרבט, האָט שוין אין וואַלד אַ שטילקייט געהערשט, און שאָטנס, טונקעלע און פײַכטע, האָבן אין אים זייער ממשלה גענומען אויסשפּרייטן.

נאָר דאָרט, בײַם טײַכל, צווישן דעם דעמב און דער סאָסנע, איז שוין דער פּרעכטיקער רויזנשטרויך נישט געווען. עטלעכע דאַרע שטעכנדיקע שטענגלעך און ריטער האָבן אָנגעוויזן ווו ערשט אינדערפרי האָט אַזוי פיל לעבן און שיינקייט געבליט; און אויפן שוואַרצן וואַסער פון טײַכל זײַנען עטלעכע בלומען־שיסעלעך, ווי וואָגלענדיקע נשמהלעך, שטיל אומגעשווומען.

און דערציילט האָבן זיי, וועגן שיינע האָפענונגען מיט טרויער באַזוימטע, און וועגן דער פריידיקער גסיסה פון אַ רויזנשטרויך, כדי צו באַלײַכטן מיט אַ זוניקן שמייכעלע, דאָס בלייכע פּנימל פון אַ קראַנקן שוועסטערל...

א. אלמי

לך לך



לך־לך — אברהם, גיי!
גיי אין זון, אין ווינט, אין שניי — —
און אברהם נעמט דעם שטעקן,
שרה — קישנס, פאַן און בעקן
און מען וואָגלט טריט ביַי טריט,
און פון הינטן גייען מיט:
יצחק, רבקה, יעקב לאה,
רחל, שאָף און רינד — אַ מאה;
און מע וואַנדערט און מע שפּאַנט —
שטאָט נאָך שטאָט, און לאַנד נאָך לאַנד.

משה זעט — פון סיני הויך
אבות גייען — גייט ער אויך.
גייען אהרן און ציפורה,
גייט די שכינה און די תורה;
מרים — מיט איר פויק פאָרויס,
און נאָך איר גייט קליין און גרויס:
שישים ריבוא יידן גייען,
גייען, גייען לאַנגע רייען;
מיט געפּעק און מיט געזאַנג
אין געדראַנג, אין וויַיטן גאַנג.

הערט דער מלך שלמה טריט,
יידן גייען — גייט ער מיט.
שפּאַנט דער בלינדער צדקיהו,
שפּאַנט דער נביא אליהו,
און שולמית, פלינק און גרינג,
שפּאַנט און טראַכט פון שלמהס רינג.
און זי הערט נישט ווי ישעיה
רעדט פון פרידן, פעלקער פריַיע
אין די קומענדיקע טעג —
ווו עס פירט דער וואַנדער־וועג.

וואַקסט און וואַקסט אַלץ דער פּאַראַד
פון די דורות נע־ונד —
גייט נחמיה, גייט אביי,
רב אבטליון און רב שמעיה,
טרומפּעלדאָר און משה העס,
גייט רבי מאיר דער בעל־נס,
גייט רב נחמן פון בראַצלאַווע,
גייען שטאָלץ חלוצים בראַווע
נאָכן בת־קול: לך־לך — —
און קיין רו איז אַלץ נישטאָ.

ח. נ. ביאַליק

מײַן גאָרטן

װילט איר אפשר זײַן אַ בעלן
אָנקוקן מײַן שײנעם גאָרטן —
זײַט־זשע מוחל, קומט אַרױס,
קוקט אים אָן — אָט שטײט ער דאָרטן!

אָן עין־הרע גרױס און רײַך —
כ'זאָג אײַך, אײנער אין דעם שטעטל!
זעט נאָר, װי עס קװעלט אין אים
יעדער בױם און יעדעס בלעטל...

אױסגעצװאָגן פֿון דעם טױ,
פֿון די שטראַלן אױסגעבאָדן.
שטײען בײמער אַלערלײ
מיט די פּירות אָנגעלאָדן.

שװערע עפּל, רױטע עפּל
בײגן צו דער ערד די צװײַגן,
און די באַרן — זעט נאָר באַרן —
הענגען שטיל זיך דאָרט און שװײַגן.

שװאַרצע װײַנשל בלינצלען עפּעס
ממזר'ש, גנבה'ש, װי מיט אױגן...
נו, און פֿלױמען — אָט די פֿלױמען —
מיט אַ בלױען הױך באַצױגן...

הײַנט די פֿערשקעס —
אײנמאָל פֿערשקעס:
פּוכלע, האָריק, פֿריש און אײדל,
פּונקט װי קײַלעכיקע בעקלעך
פֿון אַ פּופּצן־יעריק מײדל...

יאָ, אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען,
כ'האָב אַ רײַכן, שײנעם גאָרטן!

אָן עין־הרע אָנגעפּאַקט
פּירות, פּרוכט, מכל הסאָרטן.

כ'האָב אים, אָט דעם שײנעם גאָרטן,
ס'זאָל אים קײן בײז אױג נישט שאַטן,
ליב דאָס לעבן; שײך ליב? —
כ'זאָג אײַך: עפּעס װי אַ טאַטן...

— — — — — — — — — — — —

אין די װינטער־נעכט די גרױסע,
קומען גוטע ברידער שמועסן,
מיך מהנה זײַן; דערװײַל
טאַקע, עפּעס גוטס געניסן...

זײ אַרומזעצן בײַם טיש,
װעל איך אַ געשרײ טאָן: „פֿאַני”!
— „מײַנע”, הײסט דאָס —
נו, באַװײַז זיך,
זײַ מכבד „די קאָמפּאַני”!

מילא, רעדט מען נישט פֿון טײ,
קיכלעך, קאָרזשעס, פֿלאָדן, טאָרטן
און כדומה דאָרט געבעקסן —
נאָכדעם — יעמוד מײַן גאָרטן!

און אין אײן מינוט װאַקסט אױס
אױף מײַן טיש אין מיטן װינטער
באַרן, פֿלױמען, פֿערשקעס, װײַנשל —
און סע װערט, װי זאָגט מען, מונטער...

באַרן — מײנט מען אײַנמאַרנירטע;
װײַנשל — מײנט מען װישניאַק שװאַרצן,
פֿלױמען, פֿערשקעס — הײסט פּאָװידלע
און כדומה אײַנגעמאַכצן.

— — — — — — — — — — — —

און פאַרטיפט מיט זיי אינאיינעם
אין פּאָווידלעס און אין פלאָדן —
הער איך איינער, ווי סע קלאַפּט מיר
שטילערהייט, אַ בוים, אין לאָדן:

„בעל־הבית! אוי, מיר איז פינצטער!
בעל־הבית! אוי, מיר איז ביטער!
נאַקעט בין איך, און דער ווינט שמײַסט
מיך אַליין, מיט מײַנע ריטער"...

שלום עליכם

בערל־אייזיק

„אַמעריקע איז אַ לאַנד פון בלאָף"... „אַמעריקאַנער בלאָפערס"...

אַזוי זאָגן די פרעמדע. גרינע חיות — זיי הייבן נישט אָן צו וויסן, וואָס זיי זאָגן, אַמעריקע מעג הייצן די פעטשערעס אין כתרילעווקע, און אונדזער בערל־אײַזיק וועט פאַרשטעקן אין גאַרטל אַלע אַמעריקאַנער בלאָפערס!

איר קאָנט פאַרשטיין, ווער בערל־אײַזיק איז, אַז טאָמער מאַכט זיך בײַ אונדז אין כתרילעווקע איינער האָט זיך אַביסל פאַררעדט, שטעלט מען אים אָפּ מיט די ווערטער: „בערל־אײַזיק האָט דיר געלאָזט גריסן". — שטויסט ער זיך שוין אָן וואָס מע מיינט און ער ווערט אַנטשוויגן.

אַן אַנעקדאָט דערציילט מען בײַ אונדז אין כתרילעווקע פון איינעם אַ יידן אַ חצוף, וואָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר בערל־אײַזיקן. פּסח איז דער מנהג בײַ די גוים, אַז זיי באַגעגענען זיך: זאָגן זיי אָן איינס דעם אַנדערן אַ גוטע בשורה, אַז קריסטוס איז לעבעדיק געוואָרן. דערויף ענטפערט אים דער צווייטער: ס'איז אמת, ער איז לעבעדיק געוואָרן... טרעפט זיך אַ מעשה, באַדאַרף אַ קריסט זיך באַגעגענען מיט יענעם יידן און מכבד זײַן אים מיטן פּסוק „קריסטוס איז לעבעדיק געוואָרן", ווערט אים שלעכט דעם יידן: וואָס טאָן? ענטפערן דעם גוי „ס'איז אמת, ער איז לעבעדיק געוואָרן", טאָר ער ניט, ער איז אַ ייד... זאָגן אים: ניין, ער איז נישט לעבעדיק געוואָרן, — קאָן מען דאָך כאַפּן פאַר אַזעלכע ווערטער אַ מיאוסן פּסק... איז ער זיך מיישב און רופט זיך אָן צום קריסט: „יאָ, איך האָב עס שוין געהערט הײַנט פון אונדזער בערל־אײַזיקן"...

הײַנט שטעלט אײַך פאָר, אַז אָט דער בערל־אײַזיק איז אַוועק קיין אַמעריקע, אָפּגעוועזן דאָרט היפּשע עטלעכע יאָר און איז געקומען צוריק. וואָס פאַר אַ וווּנדער־רים דער ייד האָט זיך דאָס אָנדערציילט פון דער אַמעריקע!

ערשטנס — דאָס לאַנד. מענטשן מאַכן געלט, מע זשעבערעוועט מיט ביידע הענט, מע שאַרט גאָלד! און געשעפטן, „ביזנעס" הייסט עס דאָרטן, איז פֿאַראַן אַזוי פֿיל אַזש דער קאָפּ דרייט זיך! וואָס איר ווילט, דאָס טוט איר. ווילט איר אַ פֿאַבריקע — איז אַ פֿאַבריקע, עפֿענען אַ סטאָרקע — איז אַ סטאָרקע. שטופּן אַ פּושקאַר — איז אַ פּושקאַר. אַנישט — נעמט איר זיך צו פּעדלערײַ, אָדער איר גייט אַרבעטן אין אַ שאַפּ — אַ פֿרײַע מדינה! איר קאָנט אײַך געשוואָלן ווערן פֿון הונגער, אויסציִען זיך אין גאַס, וועט אײַך קיינער נישט שטערן, קיין וואָרט נישט זאָגן...

הײַנט די גרייס פֿון די שטעט! די ברייט פֿון די גאַסן! די הייך פֿון די הײַזער! פֿאַראַן דאָרט אַ „הײַזקע", רופֿט מען זי די „וואָלוואָרט", שפּאַרט אָן איר שפּיץ קוימען אין דער כמאַרע אַרײַן און נאָך העכער; אַ סברא, אַז די הײַזקע פֿאַרמאָגט עטלעכע הונדערט עטאַזשן. ווי אַזוי קריכט מען אַרויף אויפֿן בוידעם? דורך אַזאַ לייטער, וואָס מע רופֿט אים „עלעווייטער". אַז איר באַדאַרפֿט האָבן עמעצן אויפֿן אויבערשטן עטאַזש, זעצט איר זיך אַוועק אונטן, אויפֿן עלעווייטער, גאַנץ פֿרי, קומט איר צו פֿאָרן אַהין ערשט פֿאַרנאַכטלעך.

איך בין אַ בעלן געווען אַמאָל זיך דורכפֿאָרן אַרויף, אַ קוק טאָן אויף אַ טשי־קאַוועס וואָס טוט זיך דאָרטן: האָב איך קיין חרטה נישט. דאָס, וואָס איך האָב דאָרט געזען, וועל איך שוין נישט זען קיינמאָל. און ווי איך האָב געפֿילט, לאָזט זיך גאָרנישט באַשרײַבן. שטעלט אײַך פֿאָר, איך שטיי מיר פֿון אויבן און קוק מיר אַראָפּ. פּלוצים דערפֿיל איך אויף מײַן לינקער באַק עפּעס אַ מאָדנע קעלט און אַ גלאַטע, עפּעס ווי אײַז; און נישט ווי אײַז, נאָר ווי שטאַרק פֿאַרקילט פּעטשאַ, גליטשיק און דריליוואַטע. איך דריי אויס פּאַוואָליע דעם קאָפּ לינקס, איך טו אַ קוק: ס'איז די לבֿנה.

הײַנט דאָס לעבן זייערס איז נאָר געיאָגט, און נאָר געלאָפֿן, און נאָר געכאַפּט זיך. „אַריהאָפּ" הייסט דאָס בײַ זיי. אַלצדינג איז בחפּזון, און אַפֿילו עסן, עסט דאָס אויך אויף איין פֿוס. מע כאַפּט זיך אַרײַן אין אַ רעסטאָראַן און מע הייסט זיך געבן אַ טרונק, און אויף צו פֿאַרבײַסן האָב איך אַליין געזען, ווי מען האָט איינעם דערלאַנגט עפּעס אויף אַ טעלער, אַ פֿרישע, אַ צאַפּלדיקס, און ביז ער האָט דאָס צעשניטן, איז איין האַלב אַוועקגעפֿלויגן אויף איין זײַט, די אַנדערע האַלב אויף דער אַנדערער זײַט, און דער חבֿרה־מאַן איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַן אָנ־בײַסן.

פֿונדעסטוועגן זאָלט איר אָנקוקן ווי געזונט זיי זײַנען! אײַזן! גיבורים! בײַ זיי איז אַ מאָדע שלאָגן זיך אין סטריט, אין מיטן גאַס הייסט דאָס. נישט זיי מיי־נען אײַך שלאָגן, הרגענען, אונטערשלאָגן אַן אויג, אויסשלאָגן אַ פּאָר ציין, ווי בײַ אונדז. חלילה! נאָר גלאַט אַזוי: מע פֿאַרקאַטשעט די אַרבל און מע גיט זיך קלעפּ, מע וויל זען ווער וועמען. בײַ זיי ווערט עס אָנגערופֿן אויף זייער לשון: מע פּ ײַ ט ל ט זיך. איינמאָל בין איך געגאַנגען שפּאַצירן אין די בראָנקס, געטראָגן

מיט זיך אַ ביסל סחורה. גייען מיר אַנטקעגן צוויי באַיעס, לויפּערס, יונגאַטשעס הייסט דאָס, און טשעפּען זיך צו מיר — זיי ווילן זיך פּײַטלען מיט מיר. זאָג איך: „נאָסער׳, איך פּײַטל זיך נישט“. אַהין אַהער, זיי לאָזן מיך נישט גיין ווײַטער. בין איך זיך מיישב. אַז איר זענט יאָ אַזעלכע, וועל איך אײַך באַווײַזן, ווער עלטער איז. און גיי און לייג אַוועק דאָס פּעקל און וואַרף אַראָפּ די קאַפּאָטע, און איך הייב אָן כאַפּן קלעפּ — קוים אַ לעבעדיקער אַרויס פון זייערע הענט! אַז זיי זײַנען צוויי און איך בין איינער! פון דעמאָלט אָן, פּײַטל איך זיך שוין מער נישט, מע זאָל מיך אָפּגילטן.

— יאָ, בערל־אײַזיק, דאָס איז אַלצדינג זייער פֿײַן, וואָס דו דערציילסט. דו זאָג נאָר איין זאַך, וואָס מיר וואָלטן וועלן וויסן: מ׳ע שטאַרבט דאָרט אין אַמע־ריקע אויך אַזוי ווי דאָ, צי מע לעבט דאָרטן אייביק?

— מע שטאַרבט, פּאַר וואָס זאָל מען נישט שטאַרבן? אין אַמעריקע, אַז מע טוט אַ שטאַרב, איז טויזנט אין איין טאָג, צען טויזנט, און צוואַנציק טויזנט, און דרײַסיק טויזנט! גאַנצע גאַסן פֿאַלן דאָרט אײַן! שטעט ווערן אײַנגעזונקען אַזוי ווי קורח!... איר שפּילט זיך מיט אַמעריקע?

— שאַ, ווי באַלד אַזוי, וואָס איז מיט זיי דער יחוס? שטאַרבן זיי, הייסט דאָס גלײַך מיט אונדז?

— יאָ, שטאַרבן, שטאַרבט מען, נאָר ווי אַזוי שטאַרבט מען! אָט דאָס איז די זאַך. און נישט אַזוי נאָך דאָס שטאַרבן. שטאַרבן שטאַרבט מען אומעטום אַלץ איינס. פונעם טויט שטאַרבט מען. דער עיקר איז דאָס באַהאַלטן, אָט וואָס! ערשטנס, איז אין אַמעריקע דער אײַנפיר, אַז יעדער ווייסט פריער, ווו מע וועט אים באַהאַלטן. וואָרום ער גייט אַליין, נאָך בעת ער לעבט, און קלײַבט זיך אַליין אויס אַן אָרט אויפן בית־עולם — „סעמעטעריע“ הייסט עס דאָרטן — און דינגט זיך אַזוי לאַנג ביז ער גלײַכט זיך אויס פאַרן פּרײַז. נעמט ער די פּלוניתטע זײַנע און פאָרט זיך דורך מיט איר אויף דער סעמעטעריע און זאָגט איר: „זעסטו נשמה מײַנע? אָט דאָ וועסטו ליגן, אָט דאָ וועל איך ליגן, און דאָרט וועלן ליגן אונדזע־רע קינדער“...

דערנאָך גייט ער אַוועק אין דעם אָפּיס פון לוויות און באַשטעלט זיך אַ לוויה איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר, וואָס פאַר אַ קלאַס ער וויל.

און קלאַסן זײַנען דאָרטן פאַראַן אַזוי גרויס ווי דרײַ: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס. ערשטע קלאַס, פאַר גאַנץ גרויסע גבירים, מיליאָנערן, קאָסט טויזנט טאָלער אַ לוויה. איז דאָס שוין איינמאָל אַ לוויה. די זון שײַנט. אין דרויסן איז אַ חיות. די מיטה איז אויף אַ שוואַרצן קאַטאַפאַלק, מיט זילבער באַלייגט. די פערד זײַנען אַלע אָנגעטאָן מיט שוואַרצע פּאַפּאָנעס און ווײַסע פעדערן. די רעווערענדז — אויך אין שוואַרצע מיט ווײַסע קנעפּ. און קאַרעטעס נאָך דער מיטה — אָן אַ שיעור קאַרעטעס! און אַלע קינדער פון אַלע תלמוד תורהס גייען אויך צו פריער און מע

זינגט אויף אַ קול אויסגעצויגן. פונעם דאָזיקן געזאַנג קלינגט די שטאָט; אַ קליי־ניקייט — טויזנט טאָלער?!...

צווייטע קלאַס איז אויך אַ פײַנע לוויה; קאָסט שוין נאָר פינף הונדערט טאָ־לער, און איז שוין נישט דאָס... דער טאָג איז שוין נישט אַזוי פויגלדיק, די מיטה איז אויך אויף אַ שוואַרצן קאַטאַפאַלק, נאָר אָן זילבער באַלייגט. די פערד מיט די רעוועדנדן זײַנען אָנגעטאָן אין שוואַרצן, נאָר אָן פעדערן און אָן קנעפּ. קאַ־רעטעס גייען נאָך, נאָר שוין נישט אַזוי פיל. קינדער — נאָר פון עטלעכע תלמוד תורהס גייען אויף צו פריער און זינגען שוין נישט אַזוי אויסגעצויגן. דאָס זינגען איז טרויעריק מיטן נוסח ווי מען זאָגט תהילים — ווערדליק פינף הונדערט טאָלער.

דריטע קלאַס איז שוין גאָר אַ געמיינע לוויה, און קאָסט אינגאַנצן איין הונ־דערטער. אין דרויסן איז שוין קיל, כמאַרנעוואַטע. די מיטה אָן אַ קאַטאַפאַלק. פערד אינגאַנצן צוויי און רעוועדנדן אויך צוויי. קאַרעטעס — קיין איינע נישט. קינ־דער נאָר פון איין תלמוד־תורה, גייען אויף צו פריער, און כאַפּן עפּעס אָפּ אָן אַ שום ניגון, און שלעפּערדיק, שטיל, קוים וואָס מ'ע הערט זיי — סך־הכל הונדערט טאָלער, וואָס קאָן מען פאַר איין הונדערטער פאַרלאַנגען...

— יאָ, וואָס זשע טוט אָבער, בערל־אײַזיק, דער, וואָס פאַרמאָגט קיין הונ־דערטער אויך נישט?

— איז טאַקע אויף גרויסע צרות! אָן געלט איז אומעטום שלעכט! דער אָרע־מאַן ליגט אַלע מאָל נײַן איילן אין דער ערד!... פון דעסטוועגן מיינט נישט! אין אַמעריקע לאָזט מען דעם אָרעמאַן אויך נישט ליגן קיין באַהאַלטענעם. מ'ע מאַכט אים אַ לוויה אָן געלט, עס קאָסט אים נישט קיין סענט אַפילו. אַוודאי איז דאָס אַ טרויעריקע לוויה. קיין שום צערעמאָניעס, קיין סימן פון קיין פערד און פון קיין רעוועדנדן. און אין דרויסן ליאַפּעט. נאָר צוויי שמשים קומען צו גיין, די שמשים פון ביידע זײַטן און אין מיטן דער בר־מינן — און אַלע דרײַ שלעפּן זיי זיך נעבעך צו פוס, גלײַך ביז צום בית־עלמין... אָן געלט, הערט איר, זאָל מען גאָר נישט געבוירן ווערן; אַ פאַסקודנע וועלט... ווער פון אײַך, יידן, פאַרמאָגט אָן אי־בעריקן פאַפּיראָס?

מאָריס ראָזנפעלד

די גרינע

אַ רעש, אַ געטומל, עס קאָכט אין די גאַסן,
עס לויפן די מענטשן, עס איַילן די מאַסן,
עס הערט זיך אַ שילטן, עס הערט זיך אַ לאַכן,
מע רעדט און מען פּלוידערט אויף אַלערליי שפּראַכן,
מע טיַיטלט מיט פינגער, מיט מאָדנע העוויות;
איך פרעג ווי צעטומלט: — וואָס איז דאָ? וואָס נייַעס?

און פרעגנדיק — האָב איך דערזען, נעבעך, „גרינע",
פאַרוואָגלטע יידן פון יעדער מדינה;
מע האָט אויף די עלנטע לייַכט געקענט לעזן
אין וואָס פאַר אַ קנעכטשאַפט זיי זיַינען געוועזן,
אין וואָס פאַר אַ ווינקל זיי זיַינען געבאָרן
צו שפּאָט און פאַראַכטונג, און בלוטיקן צאָרן...

באַטראַכטנדיק איינעם פון זיי און דעם צווייטן,
אַנטלאָפענעם מת פון די צענפאַכע קייטן,
באַטראַכטנדיק זייערע טאָרבעס און זעקלעך,
די אָרעמע, יידישע קלומקעס און פּעקלעך —
האָט פּלוצלונג אַ פראַגע באַשעפטיקט מיַין זינען:
— אָ, פּעקעלעך, וואָס קען דאָרט ליגן דערינען?

אָ, זאָגט מיר, איר אַלטע, היסטאָרישע פּעקלעך,
איר יידישע קלומקעס, איר יידישע זעקלעך,
וואָס ליגט עס פאַרבונדן אין איַיערע טיכער?
געווים נישט קיין רעכטעס, אויף דאָס בין איך זיכער;

געווים קיין פּאַפּירן, אַז ווו איר וועט קומען
זאָל ווערן דער וועג איַיך באַשאָטן מיט בלומען...
אָ, זאָגט מיר, איר פּעקלעך, מיַין האַרץ ווערט צעריסן,
וואָס ליגט אין איַיך, זאָגט, בין איך גערן צו וויסן!

און פרעגנדיק — וווּנדער! האָט פּלוצלונג, ווי טרעפנד,
איין פּעקלע, נעבעך, זיַין בוזעם געעפנט
און פּונקט ווי ער וואָלט צו מיר זאָגן מיט שמאַרצן:

— נאַ, זע, וואָס איך טראָג אין מײַן וווּנדיקן האַרצן;
און קוקנדיק דאָרטן אין שטויב און אין שימל —
וואָס האָב איך דערזען, אָ, אַלמעכטיקער הימל!

איך האָב אין אַן אַלטן צעריסענעם טיכל
דערקענט גאָר אַן אַלט און צעריסענעם ביכל,
די טאָוולען פֿאַרגאָסן מיט בלוט און מיט טרערן.
איר קענט עס דאָס ביכל, נישטאָ וואָס צו קלערן;
דאָס ביכל, איר קענט עס, דערויף בין איך זיכער,
דאָס הייליקסטע בוך פֿון די הייליקסטע ביכער!...
מיר האָבן שוין פֿיל פֿאַרן ביכל געגעבן:
אי פֿריידן, אי לײַדן, אי אוצרות, אי לעבן!
פֿון וואַנען האָט אונדז שוין דער פֿײַנט נישט געטריבן
צוליב די בריליאַנטן אויף פֿאַרמעט געשריבן?
מיר האָבן די שמות צוזאַמענגעקליבן
פֿאַרשטויבט און צעטראָטן... —
זיי זײַנען געבליבן!

— נישט לויפֿט נאָך די „גרינע", איר ווילדע נאַראָנים!
נישט מיינט אַז דאָ פֿאָרן אַ באַנדע קבצנים,
דאָס זײַנען קיין ווילדע, קיין בעטלער, קיין שנאָרער, —
רעספּעקט פֿאַר די צוויטויזנטיעריקע פֿאָרער!
באַגריסט זיי די זין פֿון דעם איינציקן בורא,
זיי פֿירן די ליכט פֿון דער וועלט — זייער תורה!

נו, זאָגט, קען מען רופֿן אַזאַ אומה אָרעם?
אַן אומה וואָס וואַנדערט דורך נאַכט און דורך קברים,
דורך טויט און דורך שרעק, און דורך העלישן פֿײַער,
צו רעטן וואָס איז אים גאָר הייליק און טײַער;
אַ פֿאָלק מיט אַזוי פֿיל נשמה דערמאָנען —
אָ, וואַשט אײַך די ליפּן! רעספּעקט איר נאַציאָנען!

איך ליב זיי די „גרינע", די ביינער־געשטאַלטן!
בײַ זיי איז דער טײַערסטער אוצר באַהאַלטן:
אין זייערע אָרעמע קלומקעס, די שטומע,
באַהאַלט זיך דער גלאַנץ פֿון מײַן פֿאָלק, פֿון מײַן אומה,
דורך זייערע אָרעמע שוועסטער און ברידער,
דורך זיי — וועט מײַן אומה נאָך אויפֿלעבן ווידער!

יוסף מענדעלסאָן

די ערשטע וואָכן אין פּאַלאַסיאָס

אין בוענאָס אײַרעס, תיכף ווי מען האָט געלאַנדעט, האָט די גרופּע באַקומען די ערשטע אַנטוישונג: פון דעם לאַנד, וואָס זיי האָבן געקויפט בײַם פאַרשטייער פון אַרגענטינער קאָנסולאַט, האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך... עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באָדן, וואָס מען האָט זיי אָנגעוויזן אין דער פּאַריקער אַגענץ פון קאָנסולאַט, איז שוין לאַנג באַזעצט געווען — און דער אַגענט האָט פון דעם קיין אָנונג נישט געהאַט — אין מלוכה־אַמט האָט מען דער גרופּע אָנגעבאָטן אַן אַנדער באָדן אין טשאַקאָ; אָבער נאָכפרעגנדיק זיך בײַ די יידן, וואָס האָבן דאַן געוווינט שוין און געווען אײַנגעזעסן שוין אין בוענאָס אײַרעס, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דער אָנבאָט איז נישט קיין קאָנווענירנדיקער; טשאַקאָ איז ווײַט, אָן וועגן, אַ סובטראָפּישער קלימאַט, מאָסקיטן אאַז״וו — דאָס איז דאָך געווען מיט אַ צײַט צוריק... מען האָט אין מלוכה־אַמט אומגעקערט די אימיגראַנטן די אײַנגעצאָלטע סכומים, און זיי זײַנען געבליבן דאָ אין אימיגראַנטן־הויז, עלנט, אָן אויסזיכטן...

דאַן, קענטיק, האָט זיך גענומען מ׳ערקן אַ געוויסע אַנטוישונג און מוט־געפאַלנקייט בײַ אייניקע פאַמיליעס פון דער גרופּע, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאַרבלײַבן אין שטאָט. קלאָר פעסטשטעלן עס, איז עס פונדעסטוועגן נישט געלונגען; עס איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן ביז איצט, צי אַלע 132 פאַמיליעס געקרמענע אין דער „וועזיר״, זײַנען פון בוענאָס אײַרעס אָפּגעפאָרן קיין פּאַלאַסיאָס — צי עמעצער פון זיי איז געבליבן אין שטאָט...

עטלעכע טעג האָבן די יידן פונעם „וועזיר״ זיך אַרומגעדרייט אין שטאָט. זוכנדיק ווי צו באַקומען אַ מעגלעכקייט צו באַזעצן זיך אויף דער ערד. דרײַ יידן געשעפטסלײַט פון גאָלד, מיט די נעמען לאַמבערט, האַרענשטיין מאָריץ, הילדעסהיימער (דער צווייטער אַ רומענישער, דער ערשטער און לעצטער דײַטשע יידן), האָבן פאַרמיטלט צווישן דער גרופּע פונעם „וועזיר״ און דעם גוט־באַזיצער פּאַלאַסיאָס, וועלכער האָט פאַרמאָגט אַ סך באָדן אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ־פע, (איצטיקער באָדן פון מאָזעסוויל און אומגעגנט), ווו מען האָט געבויט אַן אײַזנבאַן־ליניע קיין טוקומאַן.

מען האָט ווידער געשיקט אַ דעלעגאַציע, אָנגעקוקט דאָס לאַנד — און, משמעות, עס איז געפעלן געוואָרן, ווײַל דעם 28סטן אויגוסט 1889 זײַנען געשלאָסן געוואָרן די קאָנטראַקטן צווישן די יידישע אימיגראַנטן און גוטבאַזיצער פעדראָ פּאַלאַסיאָס.

לויט דעם אָפּמאַך, האָבן די קאָלאָניזירט־ווערנדיקע באַדאַרפט באַקומען פון דעם קאָלאָניזאַטאָר ביז פופציק העקטאַר לאַנד, די נייטיקע לעבנס־מיטלען און

מכשירים צו באַרבעטן דעם באָדן. די עקספּלואַטאַציע איז געווען אַ געוואַלדיקע; באָדן אין יענער געגנט האָט מען דאַן פּאַרקויפט פון 3 ביז 10 פּעזאָס דעם העקטאַר, פּאַלאַסיאָס האָט גערעכנט דעם הוילן באָדן צו 25 פּעזאָס דעם העקטאַר און מיט די מכשירים און לעבנסמיטל וואָס ער האָט באַדאַרפט געבן, האָט עס אַרײַנגעטריבן ביז 40 פּעזאָס דעם העקטאַר. און ווי עס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט ער נישט אַזוי גיך געהאַלטן וואָרט. די אימיגראַנטן־משפּחות וואָס האָבן געשלאָסן די קאָנטראַקטן, זײַנען אָפּגעפאָרן מיט דעיר שיף קיין סאַנטאַ־פע און פון דאָרטן זײַנען זיי געבראַכט געוואָרן ביז דער סטאַנציע פּאַלאַסיאָס, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין בויען דאַן.

קיין הײַזער איז נישט געווען, נישט אַפילו קיין „קאַרפּאַס״, נאָר אַ גרויסער בלעכענער גאַלפּאָן. אַהין האָט מען געבראַכט די אימיגראַנטן און דאָרטן האָט מען זיי געהאַלטן וואָכנלאַנג; אייניקע משפּחות האָט מען אײַנגעאָרדנט אין אַלטע צעבראָכענע משׂא־וואַגאָנעס פונעם אײַזנבאַן, וואָס זײַנען געשטאַנען בײַ דער זײַט פון דער ליניע און וועלכע זײַנען געווען דאַן לרוב, ווײַל די ליניע האָט זיך דאַן געהאַלטן אין בויען צו צפון־צו. און די משׂא־וואַגאָנעס, אויסגעליידיקטע, האָט מען נאָך נישט געהאַט דאַן צוגענומען פון דאָרטן.

מען האָט זיי געבראַכט אַהין, איבערגעלאָזן, און עס האָט אויסגעזען אַז מע האָט אין זיי פאַרגעסן. נישט קיין הײַזער, נישט קיין ערד, נישט קיין רעמאַנענט האָט מען זיי אָנגעוויזן. קיין שפּײַז ווי געהעריק האָט מען זיי אויך נישט געגעבן. ווען־נישט־ווען אַ זעקל וועררעמדיקע קוקורודזע־מעל צוגעשיקט פונעם קאָלאָניזאַטאָר...

אַזוי האָבן די פּיאָנערן פונעם יידישן אַגריקולטור־ישוב אין אַרגענטינע אָנגעהויבן זייער באַזעצונג; הונגער, עלנט, אייגזאַמקייט, נויט, פאַרוואָרלאָזט און צרות אָן אַ שיעור.

דער קאָלאָניזאַטאָר פּאַלאַסיאָס האָט געגומען אויף זיך אַן אויפגאַבע, צו וועלכער ער איז, מילד גערעדט, נישט געווען צוגעגרייט און אפשר האָט ער אויך לכתחילה נישט באַזעסן די מיטלען, וואָס זײַנען נייטיק געווען פאַר דעם.

די אימיגראַנטן־גרופּע איז אָנגעקומען קיין פּאַלאַסיאָס די ערשטע וואָך פון חודש אלול (אָנהייב סעפּטעמבער) און פאַרבליבן איז מען דאָרטן אין דעם גאַלפּאָן און אין די צעבראָכענע פראַכט־וואַגאָנעס, זיך וואַלגערנדיק אין אומרייניקייט, הונגער, אָן שום מיטלען און אָן שום אויסזיכט, ביז נאָך סוכות (סוף אָקטאָבער) — קנאַפּע צוויי חדשים צײַט.

ווי אַזוי האָבן זיך די אימיגראַנטן פאַרט דערנערט אַזאַ לאַנגע צײַט? פון וואָס האָבן זיי געלעבט? ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעהאַלטן דעם דאָזיקן פּרווו?

עס איז שווער צו ענטפערן אויף די דאָזיקע פראַגעס, ווײַל קיין דאָקומענטאַלע מאַטעריאַלן זײַנען פון יענער צײַט נישט פאַרבליבן און עס קומט אויס צו שטיצן זיך אויף די זכרונות פון די אָנטיילנעמער אין דער פּיאָנערן־גרופּע; און זכרונות

זײַנען אפשר דאַנקבאַר מאַטעריאַל פאַר היסטאָריקער, אָבער, ווען זיי קענען באַ־שטעטיקט ווערן דורך דאָקומענטן פאַראַלעל... ווען נישט באַקומט זיך גאַנץ אָפט אַ פּלאָנטער.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן דאָ, אַז נישט אַלע משפחות, באַזעצט נעבן פּאַלאַ־סיאָס, זײַנען דאָרט פאַרבליבן לאַנג. דרײַצן משפחות פון זיי, זײַנען אַוועק קיין מאָניגאָטעס, ווו — עס שײַנט — האָבן געוווינט פון פריער אַ דרײַ פיר יידישע משפחות, פון דער גרופּע פון דעם אָרט, וואָס זײַנען געשיקט געוואָרן דורך דער אַליאַנס נאָך אין יאָר 1888.

עס איז קיין ספק נישט, אַז נאָך סוכות האָבן אַ סך פאַמיליעס זיך אָפּגעטיילט פון דער גרופּע פון פּאַלאַסיאָס. זעענדיק, אַז מען נעמט זיי נישט אַריבער אויף גע־קויפטע פעלדער, אַז דער קאָלאָניזאַטאָר דערפילט נישט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט. אַז זיי האָבן נישט קיין אינסטרוקטאָר, וואָס זאָל זיי ווײַזן, ווי אַזוי הייבט מען אָן פאַראַקערן דעם באָדן — האָבן אַ סך פון דער גרופּע אָנגעהויבן זיך אַנטוישן און אַוועקפאָרן אין די אָרטיקע ישובים. אייניקע, וואָס האָבן געהאַט מיטלען, האָבן זיך אײַנגעאָרדנט מיט קרעמלעך אין סונטשאַלעס, אַנדערע זײַנען אַוועק קיין סאַנטאַ־פע און אַ טייל אַפילו זײַנען אַוועק קיין בוענאָס אײַרעס. געבליבן זײַנען, אָבער, די מער פעסטערע אין מוט, די אַנטשלאָסענע צו ווערן ערד־אַרבעטער, און צו זיי איז אין די ערשטע וואָכן צוגעקומען נאָך אייניקע פאַמיליעס, פון דער בעסאַראַ־בער גרופּע, וואָס האָט געוואָלט אַרויספאָרן צוזאַמען מיט די קאַמענעצער, נאָר זי איז דערנאָך געפאָרן אַליין. די גרופּע איז באַשטאַנען פון אַכט פאַמיליעס, פון וועל־כע פיר בלויז זײַנען געקומען אין קאַמפּ, און האָט זיך אינסטאַלירט אין מאָניגאָ־טעס, צוזאַמען מיט די פאַמיליעס, געשיקט דורך דער אַליאַנס; אין וואָכן אַרום, איז צו דער מאָניגאָטעסער צוגעקומען נאָך אַ גרופּע פון 19 משפחות, ליטוואַקעס. זיי זײַנען אין פּאַריז געוויר געוואָרן פון דער אימיגראַציע נאָך אַרגענטינע — און זיי האָבן זיך געלאָזט אויף דעם זעלביקן וועג. קומענדיק אָבער קיין בוענאָס אײַ־רעס, האָבן זיי זיך נישט קאָלאָניזירט בײַ פּאַלאַסיאָסן, נאָר דורך אַ סאַנטאַ־פּעער „קאָלאָניזאַטאָרישער באַנק", וואָס האָט דאַן עקזיסטירט און וואָס האָט דאַן באַ־זעצט די ערדן, וועלכע די באַנק האָט פאַרמאָגט אַרום מאָניגאָטעס.

אַזוי אַרום האָבן זיך אין די חדשים סעפּטעמבער און אָקטאָבער, ביסלעכווײַז פאָרמירט צוויי גרופּעס יידישע אַקער־בויער, אין דער געגנט פון דער איצטיקער מאָזעסוויל צווישן פּאַלאַסיאָס און מאָניגאָטעס: אַ פערציק משפחות אַרום דער לעצ־טער, און לערך זעכציק משפחות אַרום פּאַלאַסיאָס און דער איצטיקער מאָזעסוויל.

די לאַגע פון ביידע גרופּעס איז געווען אַ שווידערלעכע. די ערשטע וואָכן פון דער באַזעצונג, און מען האָט געדאַרפט האָבן ווירקלעך פּיאָנערן־מוט און אײַזער־נעם גלויבן אין דעם אידעאַל פון ערד־אַרבעט, כדי צו קענען עס איבערטראָגן און נישט אַנטמוטיקט ווערן, נישט אויפגעבן די האָפענונג און גלויבן און נישט אַוועק־לאָזן זיך צוריק אין שטאָט, צום פיל לײַכטערן, און דאַן זיכערן לעבן פון מסחר. און

נישט אַלע האָבן עס טאַקע אויסגעהאַלטן. אייניקע זײַנען אויך נאָכדעם אַוועק פון קאַמפּ אין די אַרומיקע סטאַנציעס, ווער צו זוכן אַרבעט כדי צו דערנערן די פאַמיליעס און ווער אָנהייבנדיק צו פאַרנעמען זיך מיט מסחר.

פון די צוויי גרופּעס וואָס האָבן זיך אַזוי פאַרמירט — אַלס צוויי באַזונדערע קאָלאָניעס און וואָס האָבן אַזוי אָנגעהאַלטן ביז דער באַראָן הירש האָט צוויי יאָר נאָכדעם אָפּגעקויפט דעם באָדן און מען האָט ביסלעכווײַז איבערגעגרופּירט דעם ישוב — האָט די ערשטע פּאַלאַסיאָסער גרופּע מער געליטן, הגם ווי עס שײַנט, האָט אויך די מאָניגאָטעסער גרופּע געהאַט אויסצושטיין גענוג צרות, שוועריקייטן, אַנגסט, לײַדן, דורכפאַלן און אַנטוישונגען.

די פּאַלאַסיאָסער גרופּע, וואָלגערנדיק זיך אין די חדשים סעפּטעמבער־אָקטאָבער, און אָנהייב נאָוועמבער אין גאַלפּאָנען און פּראַכט־וואַגאָנעס, האָט פון דעם דאַזיקן לעבן זיך אַנטוויקלט אַן עפּידעמיע צווישן די פּיצלעך קינדער און אין געציילטע וואָכן זײַנען אויסגעשטאָרבן צענדליקער.

מען האָט געלעבט אין שוידערלעכע אַנטי־היגיענישע אומשטענדן, וואָלגערנדיק זיך אויף דער ערד, אָן מילך, אָן ברויט, האָט מען זיך געשפּײַזט אין הונגער מיט רויע פלייש, וואָס מען פלעגט פון צײַט צו צײַט פאַרטיילן פון פּאַלאַסיאָסער פאַרוואַלטונג צווישן די אימיגראַנטן.

די אַרבעטער בײַ דער באַן־ליניע פלעגן אויס רחמנות פאַרטיילן ווען־ווען אַלטע גאַזשעטן צווישן די הונגעריקע יידישע קינדערלעך. די קינדער פלעגן אַרומלויפן צווישן די פאַרבײַגייענדיקע באַנען בעטלען עסן; און די רײַזנדע, ווי די בורפעט־קעלנערס פון באַן האָבן שוין געוווּסט, אַז דאָ איז פאַראַן אַ מחנה פאַרפּירטע הונגעריקע אמיגראַנטן און מען פלעגט אַרויסוואַרפן דורך די פענצטער פון די וואַגאָנעס ברויטלעך, שיריים פון עסן — און די הונגעריקע עופהלעך פלעגן זיך וואַרפן אויף דעם, לענג־אויס די וואַגאָנעס, צונויפקלײַבן עס פון דער ערד; צומאָרגנס פלעגן אַנטשטיין געשלעגן צווישן די קינדער פאַר אַ שטיקל ברויט אָדער פאַרפוילטע פּרוכט, וואָס מען האָט אויפגעהויבן פון דער ערד.

אַזוי האָט מען געלעבט וואָכן לאַנג. עלנטע, פאַרגעסענע, הילפלאָזע. די עלטערע האָבן עס נאָך געקענט איבערטראָגן; די קינדער אָבער, אין אַ קלימאַט צו וועלכן זייער אָרגאַניזם איז נישט געוווינט געווען און אין אַזעלכע לײַדן פון הונגער און מאַנגל פון ריינלעכקייט, האָבן געקענט אַרויסווײַזן ווינציקער פיזישע רעזיסטענץ און האָבן אָנגעהויבן קראַנק ווערן; און קיין מעדיצינישע הילף איז אויך נישט געווען צו באַקומען. האָט זיך אַנטוויקלט אַן עפּידעמיע אין די וואָכן פון סוף אלול און תשרי — און צענדליקער קינדער ווי מיר האָבן אויבן דערמאָנט, זײַנען געשטאָרבן ווי פליגן אין האַרבסט־צײַט, געפאַלן פון אָפּגעשוואַכטקייט.

אויך אין דער צווייטער גרופּע, אין מאָניגאָטעס, זײַנען אין יענער צײַט אויסגעשטאָרבן פיל קינדער בײַ די מוטיקע פּיאָנערן. גרופּעס יידן האָבן געזוכט צו באַזעצן זיך אויף ערד — און איידער מען האָט זיי אָנגעוויזן זייערע טשאַקרעס,

האָבן זיי שוין געהאַט געבראַכט קרבנות דער ערד, און דער ערד, וועלכע איז באַ־שערט געווען צו פאַרבלײַבן יידישע, באַהאַלטן דאָס טײַערסטע אין לעבן: די קערפּערס פון זייערע עופהלעך.

אין דער קורצער צײַט פון עטלעכע וואָכן זײַנען צוויי בית־עולמס געשאַפן גע־וואָרן; איינער אַרום פּאַלאַסיאָס, אַ צווייטער אַרום מאַניגאַטעס.

די צוויי בית־הקברות פון פּיצלעך קינדער, וואָס די פּיאָנערן פון אונדזער ישוב האָבן געבויט אין מאָזעסווילער געגנט אין געציילטע וואָכן — האָבן צוגעגרייט דעם ישוב, האָבן צוגעבונדן אונדזער ישוב צו דעם באָדן, האָבן נישט געלאָזט אַוועק פון דאָרטן די פאַמיליעס; און וויפל צרות און אַנגסטן און מאַטערנישן די דאָזיקע משפחות איז אויסגעקומען אויסצושטיין — דער יידישער ישוב איז שוין דאָרטן פאַרבליבן און אַ יידישע קאָלאָניע איז שוין דאָרטן געבויט געוואָרן. יידישע על־טערן לאָזן נישט איבער איינזאַם די ביינער פון זייערע קינדערלעך, אומגעקומענע אין די צרות פון איבערשיכטונג.

און אַזוי איז עס ווירקלעך געשען: אין צוויי יאָר נאָכדעם — מ׳יר פאַרלויפן דאָ פאַרויס די דערציילונג פונעם גאַנג פון די געשעענישן — ווען דער באַראָן הירש האָט שוין אָנגעהויבן צו גרינדן די קאָלאָניעס מאָוריציאָ אין ענטרע ריאָס (סאַן אַנטאָניאָ), האָט ד״ר ווילהעלם לעווענטאַל, געוואָלט אַרויסנעמען די מאָזעס־ווילער קאָלאָניסטן קיין מאָוריציאָ, אָדער קיין ענטרע ריאָס, ווײַל לויט זײַן מיינונג האָט דער מאָזעסווילער באָדן נישט געטויגט. די יידן אָבער, האָבן נישט געוואָלט פאַרלאָזן „דאָס אָרט, ווו מען האָט שוין דעם דריטן בית עולם געלייגט“. דאָן איז שוין געווען מאָזעסוויל אַ שטעטל — און מע האָט שוין דאָרט אויך געהאַט אַ בית־עולם... און אַן אומגעקומענער אויך פון גאַוטשאָ מאַטעראָ. נאָך פריער האָבן זיך די יידן פאַרזאַמלט אין שול, אַ זעמלאַנקע און געשווירן פון דאַנען נישט אַוועקגיין און אַריבערפירן פון מאָזעסוויל די ביינער פון די קינדערלעך אויף די בית־עלמינס פון פּאַלאַסיאָס און מאַניגאַטעס — און מען האָט די שבועה געהאַלטן, מען האָט גובר געווען די עקשנות פונעם ד״ר לעווענטאַל און דער באַראָן הירש האָט דאָן געלאָזט אָפּקויפן דעם באָדן בײַ פּאַלאַסיאָסן אין יאָר 1891.

די קליינע קינדער וועלכע זײַנען אויסגעשטאָרבן פון הונגער, קראַנקייטן, פון אומהיגיענישע באַדינגונגען, פעלן פון מילך, פון אַ בעט און פון דער געהעריקער מעדיצינישער הילף — אין די ערשטע וואָכן פון די לײַדן פון דער גרופּע יידישע פּיאָנערן אין פּאַלאַסיאָס; די בית־עלמינס אין פּאַלאַסיאָס און מאַניגאַטעס, ווו די קינדערלעך זײַנען באַערדיקט געוואָרן, געפּאַקטע אין בלעכענע גאַזקעסטלעך, ווי הערינג — ווײַל עס איז נישט געווען קיין אַנדער אופן צו באַערדיקן, קיין ארונות, נישט קיין תכריכים — און די ערטער, פון וועלכע בית־עלמינס קיינער וואָלט איצט נישט געקענט געבוי אָנווײַזן — זיי האָבן געראַטעוועט מאָזעסוויל פאַר אַ יידישן צענטער, זיי האָבן עס פאַרהיט און זייער זכות איז עס געשען, וואָס יידי־שע אַרבעטס־שוויס, מי, פריידן און לײַדן, און אויך דאָס בלוט פון די געפאַלענע

קרבנות, זאָל פּרוכטבאַר מאַכן די ביז דאַן וויסט געוועזענע פּאַמפּעס פון סאַנטאַ־פּעער פּראָווינץ און אַז אין משך פון די יאָרן זאָל אויפבליען ערלעך אַ יידיש־ערד־אַרבעטנדיקער ישוב און עס זאָל אויסוואַקסן מאָזעסוויל, דאָס יידישסטע שטעטל צווישן די יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע. דאָס יידישסטע, זאָגן מיר, און דאָס פּאַרמינערט נישט און פאַרקלענערט נישט אויף אַ האָר דאָס אַרגענטינישע אין איר.

די בית־עלמינס פון יידישע קינדער אין מאָזעסוויל, האָבן געבראַכט די דער־וואַרטע פּרוכט, שוין נישט פאַר מאָזעסוויל אַליין, נאָר פאַר דעם געדאַנק פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין אַרגענטינע בכלל; דאָס איז געווען דער ערשטער שטויס אין דעם קאָנקרעטן זין פון דעם וואָרט, פאַרן באַראָן הירשס צוצוטרעטן צו דער רעאַליזירונג פון דעם קאָלאָניזאַציע־פּלאַן, נאָכדעם ווי דער באַראָן איז פון דעם גע־ווויר געוואָרן דורך די באַריכטן, וואָס ד״ר ווילהעלם לעווענטאַל האָט צוגעשטעלט צום פּאַריזער רב הכולל רבי צדוק הכהן און צו דער „אַליאַנס איזראַעליט״ אין דער זעלביקער שטאָט, וועגן די ליַידן פון דער יידישער אימיגראַנטן־גרופּע ביַי דער סטאַנציע פּאַלאַסיאָס. ווי הערלעך און אמת האָט זיך אַרויסגעוויזן — מיר זעען עס איצט רעטראָספּעקטיוו, נאָך אַ האַלבן יאָרהונדערט — דער טרעפלעכער אַפאָריזם פונעם תלמוד, „אַז דו טרעפסט אין אַ וויסט אָרט אַ בית הקברות, וויסן זאָלסטו אַז נאָענט פון דעם אָרט וועסטו קומען צו אַ ישוב״.

ה. ד. נאָמבערג

אין דער פּאַמפּאַ

אויף דרום־זײַט פון בוענאָס אײַרעס, העט־ווײַט ביז צום „שוואַרצן טײַך״, אויף דרום, און ביז צו די בערג אויף מערב, ליגט אויסגעשטרעקט די פּאַמפּאַ אין איר גאַנצער פּאַרלאָזנקייט.

ביימער זעט מען דאָ זעלטן, און די, וואָס מען זעט, האָבן אַן עלנטן אויסזען:

די פּאַמפּאַ איז שטענדיק דורשטיק, שטענדיק גאַרט זי צום רעגן. ווען די גרינע שלאַנגען, מייסטנס נישט גיפטיקע, קריכן אַרויס פון די נאַרעס און באַווײַזן זיך אויף דער אויבערפלאַך, איז אַ שמחה בײַם קאָלאָניסט: דער רעגן וועט קומען; די שלאַנגען האָבן דערשמעקט די פײַכטקייט פון דער לופט, און זיי זײַנען אויך שוין מיד פון דער טריקעניש. ברעכן דעם אַלטן פאָטער די ביינער און ער קרעכצט אַ גאַנצע נאַכט, קומט דער זון אינדערפרי אַנזאָגן די בשורה זײַן שכן: — עס קלײַבט זיך אויף אַ רעגן!

אַרגענטינע לײַדט זייער שטאַרק פון פּאַרפּלייצונגען. ווען דאָס טראָפּישע גע־ווויטער צעשפּילט זיך, קאָן דער בליץ יאָגן און דער דונער אָפּקנאַלן טעג נאָכאַנאַנד. און דער הימל גיסט אָן אויפהער, עפּעס מבולדיקס איז פאַראַן אין די רעגנס. דאָ אָבער, אין דער צענטראַלער פּאַמפּאַ, טרינקט די ערד דעם רעגן און איז קיינמאָל נישט זאַט טרינקענדיק. דורשטיק פאַרשלינגט דער זאַמד דאָס וואַסער, און בעט נאָך און נאָך. דער דאָזיקער זאַמד האָט אין זיך אַ כּוח אַרויסצוגעבן אַ גוט געזע־טעניש, מיט שפע קען ער אָפּשיטן צענטנערן ווייץ, ווען ער האָט זײַן מאָס רעגן, און עס פּאַסירט נישט קיין אומגליק. לײַדער, טרעפט דאָס זעלטן. איין מאָל דורך דרײַ יאָר; דעמאָלט אָבער לעבט אַלץ און לאַכט, אויפן לאַנד און אין שטאָט. דער קאָלאָניסט, וואָס האָט ערשט נישט לאַנג געהונגערט, קויפט אַהיים מחזורים פאַר זיך, צירונג פאַרן ווײַב, זײַדענע זאָקן פאַר די טעכטער. דער פאַרט פון באַהיאַ בלאַנקאַ, ווערט רירעוודיק און רוישיק. אַפילו די בהמות הייבן אויף די קעפּ, און זיי מרוטשען נישט מער אַזוי טרויעריק אויף זייער ביטערן גורל און דעם שלעכטן קריזיס.

זעלטן־זעלטן, איינמאָל דורך עטלעכע יאָר, ווערט אַהער פאַרטראָגן אַ ביסעלע שניי. יידישע קינדערלעך, געבוירן אין דער פּאַמפּאַ, וואָס האָבן קיין שניי אין זייער לעבן נישט אָנגעזען, לויפן אַרײַן אין שטוב דערשראָקן און מיט ציטערדיקע שטימען דערציילן זיי דאָס נײַעס, וואָס זיי האָבן געזען:

— מאַמעליו, פייגעלעך פאַלן פון הימל!

אַ געזונט אויף זייערע קעפּ, אויף די יידישע קאָלאָניסטישע קינדערלעך פון דער פּאַמפּאַ! איך האָב זיי געזען, קינדערלעך פון 8 ביז 13 יאָר, יינגלעך און מייד־

לעך, רײַטנדיק אויף די פּאַמפּאַ־פערדלעך, צו צווײ אויף אַ פערדל, אײנס האַלט אַרומגעוויקלט די הענט אַרום דעם צווייטן, און זײ האָבן גאַלאָפּירט, אַז אַ שטויב איז אויפגעגאַנגען צום הימל און האָט פאַרדעקט דעם האָריזאָנט. דאָס שענסטע בילד איז דאָס, דער פאַרבנסטער אײַנדרוק וואָס די פּאַמפּאַ האָט מיר געגעבן.

דער לערער פון דער קאָלאָניע, האָט מיר צוגעגרייט דעם סיורפּריז, בײַ מײַן אָנקומען. די קינדער קומען, געווייִנטלעך, אין שולע אַרײַן, אויף די פערדלעך, ווײַל די הײַזער שטייען צעוואָרפן אויף אַ שטרעקע פון עטלעכע קילאָמעטער; די פערדלעך פאַשן זיך, ביז די קינדער לערנען אָפּ און רײַטן אַהיים. הײַנט, לכבוד מײַן אָנקומען, האָט מען איבערגעהאַקט די לעקציע, און דאָס ביסל קליינוואַרג האָט זיך געלאָזט גאַלאָפּירן מיט אימפּעט מיר אַנטקעגן. מע האָט געקאָנט מיינען, אַ רעגימענט רײַטער קומט אָן; ערשט פון שטויב וויקלען זיך אַרויס אָפּגעברענטע פּנימלעך פון ייִדישע קינדער. איך קוק זיין אָן: אָרעם־געקליידעטע מיט צעשויבערטע האָר, די צעפּלעך האָבן זיך אויפגעלאָזט בײַ די מיידלעך, בײַ די ייִנגלעך זײַנען די היטלעך פאַררוקט אָן אַ זײַט — אונדזערע יענקעלעך און שרהלעך, געבוירענע סטעפּ־קינדער, אַרגענטינישע קאָזאַקלעך און קאָזאַטשקעס. פלינק אויף די פערד און מיט דער ייִדישער שפּראַך אין זייער מויל.

היימישער איז מיר געוואָרן אין דער פּאַמפּאַ...

יעקב באָטאָשאַנסקי

דאָס געזאַנג צום אינדזל פײַערלאַנד

דער ווײַטסטער אַרגענטינער ישוב אין דרום, איז עס, דאָס אינדזל פײַערלאַנד (טיעררא דעל פועגאָ) און דער ווײַטסטער מענטשלעכער ישוב פאַרן זיד־פּאָל. דורכויסיקער ישוב אין מאָדערנעם זין פון וואָרט, איז אויף דעם דאָזיקן אינדזל פאַראַן, נאָר אין דער הויפּטשטאָט, וואָס הייסט אוסואַהיאַ. אויסער דער הויפּטשטאָט זײַנען פאַראַן אינדיאַנער, וואָס טראָגן קליידער — פעל פון חיות, און לעבן אין געצעלטן, וואָס זײַנען אויך פעל פון חיות. פונקט ווי די פײַערן וואַנדערן דאָ פון פּלאַץ צו פּלאַץ, פונקט אַזוי וואַנדערן דאָ די משפחות אינדיאַנער פון ווינקל צו ווינקל.

אינטערעסאַנטער ווי דער ישוב, איז דאָס אינדזל אַליין. די נאַטור פון אינדזל און דער קאָסמאָס פון אינדזל. דרייסט זיך אַרום אין מיטן זומער, מיט שווערע ווינטערדיקע קליידער, און דו כאַפּסט אַ ציטער, און דו פרעגסט דאָך נישט, פאַר וואָס מען רופט דאָס פײַערלאַנד. די געאָגראַפיע ענטפערט אויף אָט דער קשיא, אַז דאָס איז דערפאַר, ווײַל די קאָנקיסטאַדאָרן זײַנען אַהין אָנגעקומען, האָבן זײ געזען פײַער אויף די בערג און זײ האָבן עס גערופן פײַערלאַנד, אָבער ווען דו דרייסט

זיך אַרום אויף דעם ווײַטסטן אַרגענטינער אינדזל, וואָס קושט זיך פון צוויי זײַטן מיטן אַטלאַנטיק און פון צוויי זײַטן מיטן שטורמישן פּאַסיפיק (דער שטורמישער שטילער...) און דו דערפילסט אַזאַ קעלט, וואָס דערמאָנט אין סיביר, פרעגסטו דאָך נישט, פאַרוואָס מען רופט עס ווי מען רופט עס. עס איז טאַקע אַ זייער קאַלט לאַנד, אָבער, עס דערקענט זיך, אַז ביז נישט לאַנג האָט דאָ פון אומעטום געשפּיגן מיט פײַער: אַ פײַערדיק און אַ שטורמיש לאַנד. אַ לאַנד, וואָס האָט געוויס טויזנ־טער יאָרן נישט געוווסט פון קיין רואיקער מינוט. אייביק איז דאָ פאַרגעקומען קאַמף און שטורעם. אייביק האָבן דאָ די ווולקאַנען געשפּיגן מיט פײַער און לאַווע ביזן הימל אַרײַן, דאָס וואַסער האָט אָדער גערודלדיק געמינעט, אָדער מיט שטור־עמדיקע כוואַליעס געפּאַטשט. בערג האָבן זיך געשפּאָלטן, בערג האָבן זיך צעריסן אויף שטיקער, בערג זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין ים און בערג זײַנען אַרויסגע־קראָכן פון ים. די ערד האָט געציטערט און האָט באַקומען גרויסע לעכער. שניי איז געפאַלן, געפאַלן, אָנגעשאָטן בערג און די בערג האָבן זיך אַראָפּגעקאַטשעט און זיך צעפאַלן. און דאַן זײַנען געקומען צו הילף ברענענדיקע פרעסט, קאַלטע ווינטן, פאַרפרוירענע רעגנס און זיי האָבן פעסטער געמאַכט די בערג מיט שניי און אויס־געפורעמט ריזיקע גלעטשערס, וואָס האָבן באַוויזן די קונץ צו לעבן אייביק. אייבי־קער שניי...

אַ שטורמישע יוגנט האָט פײַערלאַנד געהאַט און האָט זיך אויסגעפורעמט אַזאַ נישט גלײַכע, אַ זיגזאַגנדיקע, זי האָט טיילן וואָס דראַפּען זיך צום הימל און טיילן, וואָס קריכן אין תהום אַרײַן...

געבענטשט זאָלסטו מיר זײַן, פײַערלאַנד. ווי ענלעך אַ סך מענטשן זײַנען צו דיר. ווי ענלעך די אַלע מענטשן, וואָס האָבן געהאַט אַ שטורמישע יוגנט, עס זײַנען צו דיר! און ווי שיין און בלענדנדיק עס איז דײַן הייבן זיך און נידערן, דײַן שטײַגן אַרויף און פאַלן אַראָפּ, פײַערלאַנד! און טויזנט מאָל נאַריש וועט זײַן דער, וואָס וועט אין דיר זוכן גלײַכע וועגן און סימעטרישע האַרמאָניע, ווי, אַ שטייגער, אין די רואיקע סטעפּעס פון דער פּאַמפּאַ, פּונקט ווי טויזנט מאָל נאַריש עס זײַנען די דאָזיקע מענטשן, וואָס זוכן אין אַ שטורעמדיקן מענטשן די מנוחהדיקייט פון אַ קאַלטבלוטיקן. זײַ מיר געבענטשט, פײַערלאַנד, דו האָסט מיר געוויזן, אַז אויך אין שטורעם איז פאַראַן שיינקייט, אויך אין שטורעם איז פאַראַן גאָט...

זײַ מיר געבענטשט, פײַערלאַנד, זײַ געבענטשט מיט דײַנע גרויסע בערג, די וואַלדיקע, וואָס האָבן די שענסטע ביימער אין דער וועלט. זײַ מיר געבענטשט מיט דײַנע בתולה־בערג, וואָס קיינער האָט נאָך נישט באַטראָטן און די קעפּ זײַנען בײַ זיי שוין ווײַס, אַלטע, מיליאָנען־יאָריקע בתולות, וואָס האָבן זייער רייץ נישט פאַר־לאָרן. זײַ געבענטשט מיט דײַנע פּיאָרדן ווי ברוינע שפּיגלען און מיט דײַנע גלע־טשערס ווי לוחות. זײַ געבענטשט מיט דײַנע רעגנבויגנס, וואָס זאָגן צו רו נאָכן שטורעם און זײַ געבענטשט מיט דײַנע טויזנטער פאַרבן...

דו וועסט אייביק נישט לעבן, פײַערלאַנד! ערגעץ אין דיר זײַנען געוויס פאַ־

ראַן פֿאַרבאָרגענע כּוחות, וואָס זאַמלען זיך מיט צאָרן און וועלן מיט דיר אַ טרייסל טאָן און דיך אַרײַנוואַרפֿן אין די אָרעמס פֿון דײַנע צוויי ריזן־געליבטע, פֿון אַט־לאַנטיק און פּאַסיפֿיק און דו וועסט אַמאָל אויפֿהערן צו זײַן. אָבער — בעסער צו לעבן אַזוי שטורמיש, אַזוי פֿײַערדיק, אַזוי שיין און אַמאָל אויפֿהערן, איידער צו זײַן אייביק קאַלט און רויק.

די בוכטעס פֿון פֿײַערלאַנד! צו וואָס זאָל איך זיי גלײַכן? אַז קיין גלײַכן איז צו זיי נישטאָ?... קיין גרעסערער קינסטלער, ווי די נאַטור אַליין איז נישטאָ! נעמט זי די נאַטור און קריכט אַרײַן מיט שטיקער ים צווישן בערג און שניי־בערג, און דער ים דרייט זיך צווישן די בערג און גלעטשערס, און די בערג און גלעטשערס דרייען זיך צווישן ים.

אין די דאָזיקע בוכטעס איז נישט פֿאַראַן דער גרויסער ים, נאָר קליינע שטיקער פֿון ים און עס גייט אין זיי נישט אַרײַן די גרויסע שיף אונדזערע, נאָר מיר פֿאָרן אַרײַן מיט קליינע שיפֿלעך. די גרויסע שיף אונדזערע אַנקערט אין מיט וועלט, און מ'יר פֿאָרן אַוועק מיט אונדזערע שיפֿלעך אין עק וועלט...

טויזנט פֿאַר אויגן וואָלט מען געדאַרפֿט, שיפֿנדיק זיך אין די בוכטעס „דזשענדעגאַליאַ" און „גאַריבאַלדי", כאָטש דער וועג איז דאָ אַ שמאָלער און אַ פֿאַרמאַכטער, מען זעט נישט וואָס עס טוט זיך ווײַטער מיט צען מעטער, ווײַל די בערג און די גליטשערס פֿאַרשטעלן. אויף איין קליין שטיקל שטח האָסטו:

פֿיאָרדן, קאַפּן, בערג, גלעטשערס, וואַסערפֿאַלן, שנייפֿאַלן, סטײַעס ים־וועלף...

טויזנט פֿאָר אויגן דאַרף מען, צו קענען זען די אַלע ליניעס און באַוועגונגען, די אַלע פֿאַרבן, און טויזנט פֿאָר אויערן דאַרף מען האָבן צו קאָנען הערן אָט די שטומע קלאַנגען דאָ: אַלץ זינגט דאָ...

ברוך בענדערסקי

סאַינאַ

און סאַינאַ איז געקומען אין די יאָרן, געוואָרן אַלט, נישט געהאַט קיין ציין און נישט געקאָנט מער אַרבעטן.

מילאַ, דאָס טרעפֿט מיט יעדן פֿערד, ווען עס לעבט אָפּ אַ פֿופֿצן־צוואַנציק יאָר. נאָר זײַן גרעסט אומגליק האָט זיך גענומען דערפֿון, וואָס ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אַרבעטן.

דאָס איז געווען אין אָנהייב ווינטער. מ'האָט צוזאַמענגעטריבן אַלע פֿערד אין „קאָראַל", איבערצוקוקן וועלכע פֿון זיי צו שפּאַנען אין פּלוג, און ווען מ'איז געקומ'ען צו אים, איז ער געשטאַנען באַזונדער אין אַ ווינקל, דער קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, די אויגן — פֿאַרטרערטע, די אונטערשטע ליפּ איז אים שטאַרק אַראָפּגע־

האנגען, און געשטאַנען איז ער אויף דרײַ פיס — איינע, אַ הינטערשטע, האָט ער געהאַלטן אין דער לופטן, בלויז אָנגעשפּאַרט אויף דער שפּיץ קאָפּיטע.

באַטראַכטנדיק אים אין אַזאַ פּאָזע, האָט מען באַשלאָסן אים אַרויסצוטרײַבן אויף דער גאַס:

— ער פאַרדינט שוין נישט דאָס עסן.

האָט מען אים אַרויסגעטריבן און פאַרמאַכט דעם טויער פון פּאַטרעראָ.

תחילת האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז נאָר אַזוי זיך, אויף דערווײַל. ווי מ׳פלעגט אָפט מיט אים פריער טון: פאַרשפּאַרן אין קאָראַל אויף בײַנאַכט אָדער צובינדן אויף אַ שטריק, כדי מיט אים אינדערפרי אַרײַנצוטרײַבן די בהמות.

איז ער געבליבן שטיין פון יענער זײַט טויער און אַרײַנגעקוקט אין פּאַטרעראָ.

אַזוי איז ער געשטאַנען אַ טאָג מיט אַ נאַכט, און ווען ס׳האָט אים שוין גוט אָנגעהויבן הונגערן, האָט ער אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אפשר וועט ער געפינען עפּעס אַ גרעזל. אויפן וועג איז אָבער קיין גראָז נישט געווען; בײַ דער זײַט פון וועג איז יאָ עפּעס געוואַקסן, אָבער נישט אין מויל צו נעמען, פול מיט שטעכערס און דערצו האַרטע, דאַרע, גאָרנישט פאַר זײַנע ציין.

האָט ער גענומען שפּאַנען ווײַטער מיטן קאָפּ צו דער ערד, זוכנדיק מיט עפּעס דאָס האַרץ אונטערצולענען. נאָר ווען ער האָט דעם קאָפּ ווידער אויפגעהויבן, איז ער שוין געווען נעבן אַן אַנדער פּאַטרעראָ. אַרײַנגעקוקט אינעווייניק, האָט ער דאָרט דערזען נײַע פּנימער, נײַע פערד, אומבאַקאַנטע. זיי האָבן זיך געפּאַשעט אויף גרינער פּאַשע. סאַינאָ האָט געגעבן אַ שטילן הירזשע, אַ רוף־געטאָן. יענע האָבן די קעפּ אויפגעהויבן, אים אַ ווײַלע אָנגעקוקט און ווידער זיך גענומען פּאַשען.

און סאַינאָ איז אַוועק ווײַטער.

די וועגן האָבן זיך צעטיילט אויף אַלע זײַטן צווישן די פעלדער, און אים איז געווען אַלצאיינס וווהין ער זאָל גיין — אומעטום האָט ער געזען גרינע פּאַשע, ווו בהמות האָבן זיך געמיטלעך געפּאַשעט, און האָט ער זיי אַ רוף געטאָן. האָבן זיי אים גלײַכגילטיק, מיטן בהמהשן בליק, אָנגעקוקט און ווײַטער זיך זייערס געטאָן.

אַזוי זײַנען אַריבער אייניקע טעג. ער האָט זיך קוים אַרומגעשלעפּט פון מידקייט און הונגער. נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, וואָס אים האָט זייער געדאָרשט. עסן האָט ער קיינמאָל צו זאַט נישט געהאַט, נאָר דאָך האָט ער אַזוי פיל געפונען, אויף נישט צו שטאַרבן פון הונגער, נאָר וואַסער האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען, אַפילו נישט די ליפּן צו באַנעצן.

אַך, אַ ביסעלע וואַסער! וואָלט כאָטש געדעגנט וואָלט ער שוין ווי ס׳נישט איז אַ לעק געטאָן אַ קאָפּ וואַסער.

אויפן וועג פלעגן אָפט ייִנגלעך דורכרײַטן אויף פערד, און סאַינאָ, וואָס איז

תמיד געשטאַנען אונטער דער האַנט, פלעגט קריגן מיט אַ בײַטש, מיט אַ שטעקן, און ער האָט זיך אַפילו נישט פאַרקרימט, האָט נאָר אַ ציטער געטאָן מיט דער אָפּגעקראָכענער פעל און ווײַטער געבליבן שטיין, גלײַך ווי נישט אים מיינט מען.

איינמאָל, אַרומבלאָנדזשענדיק פון איין טויער צום צווייטן, איז ער אָנגעקומען צום טויער פון זײַן געוועזענער היים, צו זײַן געוועזענער פּאַטרעראָ, האָט אַריבערגעלייגט דעם קאָפּ איבערן טויער, אין פּאַטרעראָ אַרײַן, און שטיל געהירזשעט צו זײַנע אייגענע, יענע האָבן זיך אַפילו נישט אומגעקוקט, אייניקע האָבן עפּעס יאָ די קעפּ אויפגעהויבן, געקוקט פערדיש, פאַרחידושט, און ווײַטער גענומען זיך פּאַשען.

דערווײַל האָט זיך דער טויער געעפנט: אַ רײַטער איז דורכגעפאָרן. סאַינאַ האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און אַרײַן אינעווייניק. דער רײַטער האָט אָבער שנעל צוגעמאַכט דעם טויער און סאַינאַ האָט געכאַפּט אַ זעץ אין די ציין מיט אַזאַ קראַפט, אַז ס'איז אים פינצטער געוואָרן אין די אויגן. ער האָט פאַררײסן דעם קאָפּ אַרויף, פאַרקאַטשעט די אויבערשטע ליפּ, האָט באַוויזן רויטע יאַסלעס מיט אַ פּאָר פּענקעס, סימנים פון ציין, אײַנגעטונקענע אין בלוט. אַ ווײַלע איז ער אַזוי געשטאַנען, נאָכהער גענומען דרייען מיטן קאָפּ הין און צוריק אויף „ניין-ניין", און שטאַרק געפּאָרסקעט.

האַלטנדיק דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן, איז אים פון מויל דאָס בלוט גערונען, ווי דאָס וואַסער בײַ יענעם פערד, וואָס האָט פון טײַך געטרונקען; תחילת איז עס גערונען שטאַרק, נאָר וואָס אַמאָל ווייניקער, דינער, נאָכהער האָבן נאָר געקאַפּעט אייניקע טראָפּנס...

און ווידער האָט סאַינאַ אַרומגעבלאָנדזשעט אויף די וועגן, מיט יעדן טאָג געוואָרן מאָגערער, זיך קוים אַרומגעשלעפּט.

אין אַ פאַרנאַכט האָט זיך שטאַרק פאַרכמאַרעט. סאַינאַ האָט געוווּסט, אַז עס וועט באַלד רעגענען, און אָנשטאָט אַרומצולויפן, שפּרינגען, בריקעווען, ווי פערד טוען עס פאַר אַ רעגן, האָט ער זיך באַנוגנט נאָר מיט שפּאַנען אַ ביסל האַסטיקער ווי געוויינלעך.

די נאַכט איז צוגעפאַלן; דער הימל האָט זיך גענומען שוואַרצן; ס'איז שטאַרק פינצטער געוואָרן; פון צײַט צו צײַט האָט אַ שאַרפער בליץ דורכגעשניטן די פינצטערניש פון דער נאַכט; פון ווײַטן האָט זיך געהערט דונערן; אַ וואַרעמער, פוילער צפון-ווינט האָט געבלאָזן. מיד פון אַזוי פיל זיך ראַנגלען מיטן שטורעם, האָט ער זיך פּלוצים אינגאַנצן אָפּגעשטעלט, זיך אונטערגעגעבן און זיך מיאש געווען.

אַ רגע איז געוואָרן שטיל, ווי אַלץ וואָלט פּלוצים פאַרגליווערט געוואָרן אין דער לופט און געבליבן הענגען אויף גאָרנישט... די נאַכט האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, זיך אײַנגעהערט אין דער פינצטערניש צו דעם גרויסן און שרעקלעכן, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען...

סאַינאָ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געעפנט זײַנע פאַראײַטערטע אויגן און געקוקט מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט.

באַלד האָט זיך געלאָזט הערן אין דער לופט ווי דאָס פאָכען פון טויזנטער גרויסע פליגל, וואָס קומען פון ערגעץ ווײַט ווײַט, קומען נענטער, באַגלייט מיט אַ פײַפן און קנאַקן. גאַנצע כוואַליעס זאַמד, אָפגעפאַלענע בלעטער פונעם נאָענטן וואַלד האָבן אָנגעפולט די לופט; גראָבע טראָפּנס וואַסער האָבן גענומען פאַלן איינציקווײַז, שיטער, דאָ און דאָרט, וואָס אַ מאָל געדיכטער און שנעלער, ביז ס׳האָט אָנגעהויבן גיסן ווי פון עמערט.

סאַינאָ האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, זיך געדרייט אויף איין אָרט, געגעבן אַ פאָר שפּאַן און ווידער זיך אומגעדרייט, און אַזוי כסדר ביז ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן אַ טויער און געבליבן שטיין.

דער רעגן האָט געגאָסן ווי פון עמערס. געטריבן פון אַ קאַלטן ווינט, וועלכער האָט זיך אים אײַנגעגעסן אין די ביינער. דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן צו דער ערד, אַזוי. אַז די אונטערשטע ליפּ האָט כמעט די נאַסע ערד אָנגערירט. די אויגן — האַלבפאַרמאַכט, פאַרטרערטע, אַ הינטערשטן פוס האָט ער געהאַלטן אויפגעהויבן, נאָר אויף דעם שפּיץ קאָפּיטע אָנגעשפאַרט, און געציטערט מין גאַנצן קערפּער, וועלכער איז געווען בלויז פעל און ביינער.

אין זײַן פערדישן מוח האָבן זיך פאַרשידענע געדאַנקען גענומען פּלאָנטערן:

אָבער מער האָט ער ניט געקאָנט טראַכטן; ער האָט זיך פּלוצים דערפילט אַזוי גוט... מער נישט געפילט די קעלט, נישט דעם רעגן וואָס האָט אים דורכגענומען, האָט בלויז געפילט אַ מידקייט אין גאַנצן קערפּער און אַ שטאַרקן חשק צו שלאָפן.

די קני האָבן זיך אים גענומען בייגן.

ער האָט זיך אַנידערגעלייגט. — — — — — — — — — — — — — —

ווי אַן אויסגעוואַשענע פונעם רעגן, איז גאַנץ פרי די זון אויפגעגאַנגען, האָט געשמייכלט מיט אַ ליבלעכער וואַרעמקייט, זיך אָפּגעשפּיגלט אין די טײַכלעך וואַסער אויף דער ערד. אויך די פעלדער האָבן אויסגעזען גרינער, פרישער. יונגע גרעזעלעך האָבן זיך צו דער זון געצויגן.

צוויי רײַטער זײַנען דורכן טויער דורכגעפאָרן, דערזען ווי סאַינאָ ליגט אויסגעצויגן אין דער בלאָטע אַ פאַרשטאַרצטער, מיט פאַרגלעזערטע אויגן, מיטן מויל אָפן, פול מיט בלאָטע... האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. אַ ווײַלע האָבן זיי געשוויגן. נאַכהער האָט זיך איינער אָנגערופן:

— די פעל ט׳זײַן גוט צו שלעפּן ערד, צו פאַרריכטן די בריק פונעם טײַך, וואָס דער רעגן האָט די נאַכט אָפּגעריסן...

מרדכי אַלפּערסאָן

דער נאַוטשאָ באַראַבוינאַ

אומגעפּער אַ יאָר פּערציק איז ער אַלט געווען. ווער קען דען אויף ריכטיק וויסן די יאָרן פון די פּאַמפּאַ־קינדער? זיי אַליין ווייסן עס אויך נישט!

אַ ברוינער, מיט אַ צעאַקערטן, צעפּאַלבטן פּנים, גלאַנצנדיקע גלאַטע האָר, שוואַרץ ווי די גריווע פון זיין „אָסקוראָ" פערד. אַ לאַנגע שוואַרצע באָרד האָט ער געטראָגן; און פון אונטער די געדיכטע, אַרונטערגעפאַלענע ברעמען, האָבן אַרויס־געקוקט צוויי גרויסע דימענטענע אויגן, וועלכע האָבן זיך ווי געבאָדן אין אַ ווייס טייכל, מיט רויטן זאַמד באַברעמט... אַ יידישע אָדלער־נאָז, אַ פּאָר ברייטע פליי־שיקע ליפּן, פון וועלכע די אונטערשטע איז אַביסל אַרונטערגעהאַנגען, און איבער וועלכער ס׳האָט שטענדיק ווי געשוועבט אַ גוטמוטיקער שמייכל. — דאָס איז זיין דעמאָלסדיקער אויסזען געווען.

זיין געדיכטע קוטשמע האָר, די „מעלענאַ", איז אַרומגעבונדן געווען מיט אַ שניי־ווייסן טיכל, איבער וועלכן ס׳איז, אַראָפּגערוקט ביז צו דער פּאַטילניצע, געזעסן זיין געלער ברייטראַנדיקער הוט. אויפן האַלדז האָט ער געטראָגן אַ גע־שטרייפט טיכל, אַלס אַ קראַוואַט. אַ לעדערנער גאַרטל אָדער „פּאַכאַ", באַשלאָגן מיט זילבערנע מטבעות, האָט ער אַרום די לענדן געהאַט; און הינטער אים, האָט אַרויסגעשטעקט אַ לאַנגער שאַרפער „פּאַקאָן" מיט אַ זילבערנעם הענטל און אַרום. איז נאָכגעהאַנגען אַ פּאַסקאָוואַטע „טשיריפּאַ", וואָס האָט זיין אונטערשטן טייל קערפּער איינגעוויקלט ביז צו די פיס, אויף וועלכע ער האָט געטראָגן קאָלירטע שקאַרפּעטקעס און ווייסינקע „אַלפּאַרגאַטאַס".

ווי אַ גענעראַל איז ער שטאָלץ און זיכער אויף זיין „אָסקוראָ" געזעסן. דאָס איז געווען אַ סאַמעט־שוואַרצער, ברענענדער, פלינקער פערד, מיט קליינע אויערן און פייערדיקע רויטלעכע אויגן, וואָס איז באַפּוצט געווען מיט אַ שיינעם געפלאָכ־טענעם צוים אַ „באָסאַל", אַ גוט אויסגעבעטן שפּאַנישן זאָטל, ביי וועמענס זייטן עס זיינען אָנגעטשעפּעט געווען די „לאָסע" און די „באָליאַדאָראַס".

אויפן פלייצע איז אים אַריבערגעהאַנגען אַ גיטאַרע, אַ מעטאַלענער טשייניקל און אַ מאַטע־באָמבילזשאַ, איז אָנגעבונדן געווען.

זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון אַ קליין געפלעקט הינטעלע, וואָס איז ביי אים געלעגן פאָרנט אויפן זאָטל; און הינטן, אַ קליין שוואַרץ־חנעוודיק מיידעלע פון אַ יאָר צען, האָט מיט אירע הענטעלעך אים פעסט אַרומגעהאַלטן.

אָט אַזוי, מיט אַזאַ אויסשטאַטונג, מיט דעם דאָזיקן רייכטום, איז ער צו אונדז אין גרופּע אַריינגעריטן.

ער האָט זיך ביי מיר איינגעבעטן, אין אַ ווינקל פונעם גאַלפּאָן זיין וווינאָרט אויפצושלאָגן... דאָרט האָט זיך באַראַבוינאַ באַזעצט. די קאָפּ פון אַ געפּגרטער קו,

האָט ער אַלס זײַן שטול געמאַכט. האָט צוזאַמענגעקליבן אויסגעטריקנטע צווײַגלעך, אַ פײַער געמאַכט, און דעם טשײַניקל צום „מאַטע" קאָכן צוגעשטעלט.

נאָכדעם ווי ער פלעגט אײניקע מאַטעס אויסזופּן, האָט ער מיט רחבות די גיטאַרע אין דער האַנט גענומען און אַ ים מיט האַרצרײַסנדיקע טענער, האָבן זיך פון אונטער זײַנע ברוינע, האָריקע פינגער צעגאָסן.

בײַם שײַן פון דער העלער לבנה, פלעגן מיר, אַלע אײַנוווינער פון דער גרופּע, זיך נעבן אים אין שײַער אויסזעצן און אַנטציקט אויסהערן זײַן מעלאַנכאָליש זיסע שטימע, מיט וועלכער ער פלעגט די טענער פון דער גיטאַרע באַגלייטן. זײַנע טרויעריקע מעלאָדיעס, פלעגן אין אונדז דערוועקן דאָס בענקעניש נאָך דער אַלטער היים; פלעגט אונדזער דמיון פאַרטראָגן ביזן כרמל, איבער די פעלדער פון בשן, אין די גאַסן פון לעגענדאַרישן בית לחם און אַפּטמאַל, אין פיל נאָך העכערע, בעסערע און גליקלעכערע וועלטן, וווּ ס׳איז נישטאָ קיין נויט, נישטאָ אַזוי פיל פּײַן, און ווו ס׳הערשט יושר, צדקות און פרײַנדשאַפט...

זינגען פלעגט ער פון ליבע, פון פרײַהייט, פון די שיינע, גרינע אומדורכדרינגבאַרע וועלדער אין טשאַקאָ, פון די גרויסע באַרימטע נאַציאָנאַלע העלדן, די ג ע נ ע ר א ל ן כ אָ ס ע ד ע ס אַ ן מ אַ ר ט י ן און מ אַ נ ו ע ל ב ע ל ג ר אַ נ אָ, וועלכע האָבן זיין הייס־געליבטע „פּאַטריאַ" פון פרעמדע באַפרײַט.

מיט אַן אומבאַגרענעצטער ליבע, פלעגט ער זײַן פאַמיליע, דאָס הינטעלע און להבדיל דאָס מיידעלע, באַהאַנדלען:

— „הוערפאַנאַ קערידיטאַ", טײַערע יתומהלע, פלעגט ער זי כסדר אָנרופן און אירע שוואַרצע לאַנגע האָר, מיט טרײַשאַפט גלעטן און דערבײַ האָבן זײַנע ליפן שטילערהייט געשעפּטשעט:

— ענלעך צו מײַן טײַערער אַניטאַ, איר מוטער! — און זײַנע אויגן פלעגן גלײַך באַקומען אַ שמערצלעכן, אומעטיקן אויסדרוק.

צאַרט און מילד ווי אַ שעפעלע, פלעגט ער דעמאָלט ווערן. מיט ליבשאַפט, האָט ער דאַן אונדזערע קליינע קינדער אַרומגעאַרעמט און צום האַרצן געדריקט. דאָס קליינוואַרג האָט אים דערפאַר שטאַרק ליב געהאַט. האָט ער נאָר אַ סענט פאַרמאָגט, אַזוי האָט ער צוגלײַך מיט די פּאַפּיראָסן און „זשערבאַ", אויך קאָנפעקטן פאַר די קינדער געקויפט און עס זיי פאַרטיילט.

אין אָנהייב האָב איך פאַר אים מורא געהאַט, פאַר באַראַבוינאַן. זײַן שווײַגזאַמקייט, זײַן שטענדיקע שטילקייט, פלעגט אויף מיר אַ פחד אַרויפוואַרפן. אַלע אָפּשטאַמיקע פון די אינדיאַנער, ווי מע זאָגט, זײַנען בלוטדאַרשטיקע און רויבגיריקע ברואים, אָבער זיי זײַנען שטאַרק באַרימט מיט זייער פאַרטראַכטעניש, מיט זייער שווײַגן... נאָר באַראַבוינאַ, איז אין דעם הינזיכט, געווען אַן אויסנאַם. אָפּטמאָל פלעגט ער זײַן פאַרטרוילעך, באַרעדעוודיק, זיצן מיט אונדז, טרינקען אַ מאַטע און לאַנג רעדן; דערציילן, ווי זײַן שטייגער איז געווען, פון דער גרויסער פּאַמפּאַ,

פון פרייען לעבן אין וואַלד און אין סטעפּ, אָבער אין סאַמע מיטן פון אַזאַ שמועס האָט ער גאָר פּלוצלונג איבערגעריסן זיין רעדן און פלעגט שטום ווערן ווי אַ פעלדז...

אַך, ווי גרויסאַרטיק שיין און ווי שפּאַנענדיק עס זיינען געווען זיינע דער־ציילונגען איבער סודות פון די אורוועלדער אין טשאַקאָ, וווּ ער האָט זיין יוגנט פאַרבראַכט, וווּ ער האָט זיך מיטן אַמעריקאַנעם טיגער, דעם יאַגואַר, פּנים־אל־פּנים אָנגעטראָפן.

— אַרומגעוויקלט דעם אָרעם מיט דער „פּאָנטשאָ״ האָב איך דעם בייזן און בלוטדורשטיקן יאַגואַר, מיט מיין מעסער אָפּגעוואָרט — דערציילט באַראַבוינאַ — און ווען ער האָט אויף מיר זיין קעציש שפּרונג געטאָן כדי די נעגל אין מיר אַריינ־צוהאַקן, אין דער דאָזיקער מוראדיקער מינוט, האָב איך מיין קאַלטבלוטיקייט נישט פאַרלוירן. רואיק האָב איך מיין מעסער אַנטקעגן געהאַלטן אַזוי, אַז ער איז מיט זיין טריפהנער האַרץ, פּונקט אויפן שפּיציקן שטאָל אַרויפגעשפּרונגען... אומגע־זאַמט, האָב איך זיין געפּלעקט העמדל אַראָפּגעשונדן...

מיט אַנטציקונג פלעגן מיר אויסהערן זיינע שילדערונגען איבער דעם זיד־אַמע־ריקאַנער לייב, די „פּומאַ״.

— אָ! — האָט ער באַגייסטערט געזאָגט — ווען דו וואָלסט נאָר די „פּומאַ״ געזען! דו וואָלסט זי זיכער באַוווּנדערט, אָט די שיינע שטאָלצע חיה! ווען זי דער־זעט דעם מענטשן, עפנט זי אויף אים אירע שיינע, רויטלעכע אויגן, באַטראַכט אים פון קאָפּ ביז די פיס: אָבער אַליין רירט זי נישט מיט קיין אבר! שטייט אַנט־קעגן, מיטן קיילעכדיקן קאָפּ פאַרריסן אין דער הויך, פּונקט ווי איינער זאָגט: קוק מענטש, באַטראַכט ווי הערלעך די וואַלד־קעניגין איז! זעלטן טרעפט עס, אַז זי זאָל גלייך דעם מענטשן באַפאַלן. דאָס געשעט נאָר, ווען זי איז שרעקלעך הונ־געריק, אָדער ווען דער מענטש האָט זי צוערשט אָנגעגריפן.

אַ זעלטענער דערציילער, אַ פיינער רעדנער איז ער געווען. יעדעס וואָרט האָט ער ריכטיק און קלאָר אַרויסגערעדט, ער פלעגט עס מטעים זיין, און ווען מיר האָבן עטוואָס נישט פאַרשטאַנען, האָט באַראַבוינאַ איבערגעחזרט עטלעכע מאָל און כסדר איבערגעפרעגט:

— „קאָמפּרענדע״?

און ביז מען האָט אים נישט געענטפערט: „סי, סי, סי, מיר פאַרשטייען״, איז ער פון דעם אינהאַלט נישט אַוועקגעגאַנגען.

איבערהויפּט פלעגט ער לעבעדיקער ווערן, בעת ער האָט גענומען דערציילן פון דעם ריאָ נעגראָ, וווּ ער האָט אויך זיין ליבלינג־פערד, דעם „אָסקוראָ״ זיינעם, געפאַנגען.

— שטיל, בין איך מיר געלעגן צווישן די הויכע גראָזן — דערציילט אונדז באַראַבוינאַ — און פּונקט ווי אַ טיגער האָב איך געלויערט אויף מיין קרבן. די זון ברענט אַלץ שטאַרקער און דער דאָרשט טרייבט די ווילדע סטאַדעס פערד צום טייך, דאָרטן זיך אָנצוטרינקען. אַ יונגער „פּאָטראָ״ מיט זייער לאַנגע שוואַרצע

האָר, דעם קאָפּ אויסגעצויגן ווי אַ בויגן, ביז צו דער ערד, איז לאַנגזאַם מיט אַ פּאַרטריקנטן אַרויסגעשלעפּטן צונג, צום טײַך געגאַנגען. איך צי אײַן אין מיר דעם אָטעם און וואַרט: אַז ער קומט פּאַמעלעך צו נאָענט, נעבן מיר, גיב איך, ראַפּטום, אַ שפּרונג, האַלט שוין זײַן לאַנגע גרויסע גריווע אין מײַן האַנט, און זיץ שוין טאַקע אויף אים... ער צעהירזשעט זיך, הייבט אָן ווילד צו לויפן, דריגעט אין אַלע זײַטן, ער ווערט אַזש ווײַס פון שוים און שוויס, מיד פון זײַן גאַלאָפּ, פאַר־שמאַכט פון דאָרשט — און גיט זיך אונטער. געצוימט! זאָג איך, טו אים אָן אַ צוים און — באַסטאַ!

זײַנע נאַאיווע פראַגן פלעג איך מיט נײַגעריקייט אויסהערן:

— פּאַטראָן! — האָט ער אין אַ טאָג געפרעגט — וואָס האָט דײַן „אַמיגאָ״ ראָזענפעלד, צו וועלכן דו האָסט מיך פרײַטיק צו נאַכטס געשיקט נאָך אַ בוך, עפּעס דאָרט גערעדט צו צוויי קוילעטשן?

— באַראַבוינאַ, וואָס פלאַפּלסטו? וואָס הייסט ער האָט גערעדט צום ברויט?

— אויף נאַמנות, פּאַטראָן, באַצייכנט ער, כ׳האָב אַליין געזען ווי דער טיש איז געווען געגרייט, פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָרן טישטעך. אויבן־אָן זײַנען צוויי ווײַסע קוילעטשן געלעגן, און סעניאָר ראָזענפעלד האָט עפּעס צו זיי גערעדט. האָט נאָכהער די „פּאַנעס רוסאָס״ צעשניטן, זײַן עלטערן זון געגעבן אַ פּעניצל, דעם יינגערן — אַ שטיקל, און זײַן פרוי אויך דערלאַנגט אַ שטיקל קוילעטש. וואָס באַ־דײַט עס?

— באַראַבוינאַ, דאָס האָט ער גאָט געבעטן. נו, פאַרשטייסטו שוין?

— אוי, נאַרישע „רוסאָס״, וואָס איר זײַט — ענטפערט ער און שאָקלט באַ־דויערנד מיט זײַן קאָפּ — אַפילו צום ברויט זײַנען זיי אויך מתפּלל!... נאָר זיי־דאַוונען! ס׳אַראַ מאָדנע פאָלק איר זײַנט!

שפּעטער, ווען ער האָט געזען מײַן שכן, דעם שוחט קרעל, קידוש מאַכן איי־בער אַ כוס, האָט ער זיך אָנגערופן, פאַרחידושט:

— אַפילו ווען זיי טרינקען „קאַניאַ״ דאַוונען זיי אויך! — — — — —

און ווי דער מנהג איז בײַם גאַוטשאָ, איז ער אין זעלבן מאָמענט שטיל געוואָרן, דאָס אינדיאַנער בלוט איז פאַרגליווערט געוואָרן אונטער זײַן ברוינער הויט, און ער איז אַרײַנגעפאַלן אין שווײַגן.

— פאַרוואָס ביסטו אָפּט אַזוי טרויעריק? — האָב איך אַמאָל געפרעגט.

— מײַן טרויער, פּאַטראָן, קומט פון עלנטקייט! אָך! — זיפצט ער שמערצ־לעך אָפּ — קען נאָך זײַן עפּעס ערגערס פון עלנטקייט? דו פילסט, אַז דו ביסט שטענדיק אַליין, איינזאַם, עלנט, האָסט פאַר קיינעם נישט דײַן טרויער צו אַנטדעקן, דײַן אומעט איבערצוגעבן!...

אַ יאָר פינף איז ער אָפּגעווען בײַ אונדז, און אין אַ שיינער אויסגעשטערנ־טער נאַכט, איז ער נעלם געוואָרן, און — מער האָבן מיר אים שוין אין די אויגן נישט אָנגעזען.

מנחם באַריישאַ

דער פרעמדער

(געקירצט)

ס'האָט קיינער די מעשה נישט אויסגעטראַכט, ניין!
זי האָט זיך פאַרלאָפן אין איצטיקן דור.
געווען אַזאַ יינגל אַ יידיש אין ווין
וואָס האָט אין חלומות געלעבט אויף דער וואָר.
אַ יידיש?... אָט דאָ הייבט די מעשה זיך אָן.
עס זײַנען נאָך זיידעס געזעסן פאַרטיפט
אין גרויסע גמרות, און ווי מען דערציילט
דעם נס פון מצרים, דערציילט פון דער שיף
וואָס האָט פון די פלאַמען פון שפּאַנישן קרייץ
די אָבות געפירט צו דער פרײַער טערקײַ,
און ווי ס'האָבן דורות געוואַנדערט דערנאָך
אַרויף קעגן שטראָם פונעם ברייטן דונאַי
און סחורות געלאָדן און מסחר געפירט
און תורה געפלאַנצט אינעם לאַנד פון מאַדיאַר.

עס האָט נאָך דער פאָטער די מעשיות געדענקט,
נאָר פלאַנצן אין יינגל דאָס טרויער און צער
פון לאַנג שוין פאַרגאַנגענע זאַכן — צו וואָס?
די וועלט איז איצט פריילעך — וואָס מער מע פאַרגעסט
די קריוודעס און פלאָגן פון בייזן אַמאָל,
אַלץ זיסער דאָס וועלטישע ברויט וואָס מען עסט.
יאָ, אמת — עס זײַנען נאָך לענדער פאַראַן
ווו ס'ווערן די יידן אויך איצט — נאָר צו וואָס
פאַרסמ'ען דעם מוח און האַרץ פון אַ קינד
מיט לײַדן אומזיסטע און טעמפּן פאַרדראָס?
דער נאָמען פון זון איז בנימין — איז וואָס?
פאַר זיידעס און אורזיידעס האָט עס געפּאַסט.
ס'איז בעסער דאָך טעאָדאָר — טעדי — צו זײַן
פאַר אַם און פאַר דינסט און פאַר שול און פאַר גאַס.

איז — גייט נישט דאָס ייִנגל אין חדר אַרײַן
און ווייסט נישט קיין צורה פון אלף און בית,
און ווײַל איז דעם טאַטן צו זען ווי עס וואַקסט
אַ זון אַ באַשיצטער פון טרויער און בייז.
נאָר ס׳מאָנען דאָס בלוט פון געקרייציקטן גאָט
בײַם יידישן ייִנגל די ייִנגלעך פון גאַס,
און שײַלאָק איז עלנט די הענט לאָזט אַראָפּ
און פרעגט פאַרוואָס קומט אים דער אייביקער האַס?
מען קען נישט באַהאַלטן פון אָפּשטאַם דעם סוד.
און ס׳וואַקסט אויס דאָס ייִנגל אַזוי און טראָגט אום
אַן אומעטיק שטילע און שטײַפע געשטאַלט
פון איינעם וואָס שטיקט זײַנע צערן אין זיך,
נאָר אויגן פאַרחלומטע, קינדעריש און אַלט.

עס דאַכט זיך — אַ מענטש פון דער ביבל אַרויס,
האָט זיך פאַר אַ שרײַבער אַ ווינער פאַרשטעלט,
און בינדט אַ קראַוואַט אַ געבלימלטן אויס.
און איינמאָל איז ער נאָך אַ קרענק פון געלעגער אַראָפּ
אַ מענטש אַ באַנײַטער, פון אומרו נאָך קראַנק,
האָט וויסן ווי באַגינען אַ שליאַך
אַרויסגעטאָגט העל פון דערלייזטן געדאַנק:
די וועלט האָט נישט ליב דעם וואָס האָט נישט קיין היים.
אַ פאָלק אַ צעוואָגלט מוז האָבן אַ היים.
אַ פאָלק האָט געהאַט אַ פאַרהייליקטע היים.
דאָס פאָלק מוז זיך אומקערן ווידער אַהיים.

און עס גייט צווישן פעלקער אַ מעשה אַרום:
— די יידן — זיי האָבן אַ מלך געקרוינט.

— די יידן — אַ מלך? און ווו איז זײַן לאַנד?
— דאָס לאַנד וואָס זיי האָבן פאַרצײַטנס באַוווינט.
די גאַס, די פאַרהאַוועטע, וואָכיקע גאַס
אַ בלייכע צעטומלטע, לויפט צו דער שול.
שוין פול איז די שול און דער הויף און אַרום
די געסלעך, די דעכער און פענצטער שוין פול.
מען וואַרט פון די טירן פון שול קומט אַרויס
אין קיטל און טלית דער פּרוש, דער גרײַז,
וואָס האָט שוין זײַט יאָרן די גאַס ניט געזען.
און ציטערט. און ס׳הערט זיך פון אַלטן דאָס קול:

— געבענטשט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט אין דײַן גנאָד
דעם מענטש מיט דײַן שיינקייט און כבוד באַטיילט.
זיי גייען. ער שטעלט נאָכן אַלטן דעם טראָט,
אין ענגשאַפּט און שטילקייט אַרײַן אין דער שול.
אַרויף ביז צום אָרון.
און בלייך מיט אַ בלייכקייט פון קרײַד
די ליפּן פון זקן:
גאָט פון אברהם
פון יצחק און יעקב! אין ציטערניש דאָ
פאַר דיר שטייט דײַן קינד און מיר אַלע מיט אים
וואָס האָפן צו דיר.
גאָט פון אברהם!

דו האָסט פון דײַן אָרעם געגאָסן אויף אים
דײַן שיינקייט און חן ווי אַ גאָלדענעם שטראָם,
אַז ער זאָל אין אויגן פון הערשער און פאָלק
באַליבט און באַחנט זײַן ווי דוד דײַן קנעכט.
פאַרלאָז אים נישט, פאָטער! באַשירעם, באַהיט
זאָל יעדער מיט מיר
דאָס נאָכזאָגן: א מ ן ! —
אין טרערן געווייקט
צעטראָגט זיך דער „אמן” אַזוי ווי אַ ווינט,
דער ספר דערהויבן צום בלייכן וואָס שטומט
פאַרטרויט אים דער אַלטער: זאָג אמן, מײַן קינד.
ער זאָגט.

עס ציטערט זײַן אָטעם און ס'ברעכט זיך די שטים:
— מײַן פאָלק! זעט איך רעד נישט צו אײַך אײַער שפּראַך.
אַ פרעמדער געווען... געבלאָנדזשעט פאַרבענקט,
פאַרריסן דעם קאָפּ און ס'איז ליידיק און פּוסט
געווען מיר אין האַרצן.
האָט גאָט זיך דערמאָנט, זיך דערבאַרעמט אויף מיר
און האָט מיך געשיקט אונדזער הייליקן יאָך
מיט אַלעמען טראָגן.
אַנטשוויגן, פאַרשטומט און געלאָזן זיך גיין.
ער פילט קוים דעם באָדן אויף וועלכן ער טרעט,
ער זעט נישט די פינגער וואָס רירן אים אָן,
און עמעצער דריקט אים, און עמעצער גלעט,

און אַלטינקע באבעס אים קושן די הענט,
און אָט בלײַבט ער שטײן פֿאַרצאַמט בײַ דער טיר —
דאָס טראָגט אים אַ מאַמע אַנטקעגן אַ קינד
און בעט: — לאָז אים אײנמאָל אַ קוק טאָן אויף דיר!...

עס קלאָגט זיך די מאַמע: — דו ביסט אַזוי יונג,
און זע, וויפֿל זילבער, שוין דאָ אין די האָר!
— מען קאָן דאָך נישט, מאַמע, זײַן יונג מיט אַ פֿאָלק,
וואָס ציילט שוין אַן עלטער פֿון טויזנטער יאָר.
עס קלאָגט זיך די פֿרוי: — זע, דעם שטערן בײַ דיר
אין קנייטשן צעגראָבן, און מיד ווי דו ביסט!
— דאָס שנײַדט זיך דאָס גליק אויף מײַן שטערן אַ וועג,
און ווייסט דאָך, אַז גליק וויל נישט קומען אומזיסט.
עס קלאָגן זיך די קינדער: — מיר בענקען אַזוי,
און ווילסט גאָרנישט וויסן און זען אונדזער צער.
— איך אויך, מײַנע קינדער, פֿון בענקשאַפֿט גיי אויס —
וועט גאָט אונדז שוין אַלעמען טרייסטן דערפֿאַר.

דורך טאָלן און בערג אין אייביקן לאַנד
דער שטאַמלער פֿון סיני פֿירט אײנעם בײַם האַנט.
פֿרעגט יענער: — מײַן רבי, ווו פֿירט אונדזער גאַנג?
— צום באַרג פֿון דער צוקונפֿט, ווו ס'לעבט דײַן פֿאַרלאַנג.
— מײַן רבי, איז ווײַט נאָך אַהינצו דער וועג?
— די אייביקייט ציילט נישט קיין שעהן און טעג.
דורך בערגיקע שטעגן געקומען צום באַרג,
און ס'שטייען שוין בײדע בײַ אים אויפֿן קאַרק.
שטרעקט אויס אין דער ווײַטן דער שטאַמלער זײַן האַנט:
— צי קענסטו פֿון דאַנען דערזען דאָס לאַנד?
צעגליען בײַם פֿרעמדן די שוואַרצאַפּלען ברייט,
ער קוקט אין דער ווײַט נאָך דער האַנט און ער זעט...

ער קוקט אין דער ווײַטקייט, פֿאַרשלונגען פֿון זען,
און פּלוצלינג אים דאַכט זיך, ער הערט אַ געוויין.
— מײַן רבי, דײַן ווײנען אַצינד וואָס באַטײַט?
— אויך איך האָב אַמאָל זיי פֿון קנעכטשאַפֿט באַפֿרײַט...

ח. נ. ביאַליק

(ביאָגראַפיע)

חיים נחמן ביאַליק, דער גרעסטער יידישער דיכטער פון דער מאָדערנער צייט, איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד, דעם 9טן יאַנואַר 1873, און געשטאָרבן אין ווין, עסטרייך, דעם 4טן יולי 1934.

ביאַליק האָט געשטאַמט פון אָרעמע עלטערן, און זיין קינדהייט איז אַריבער אין דחקות און נויט. נאָכן „חדר", די טראַדיציאָנעלע עלעמענטאַר־שול פאַר יידישע קינדער, איז ער אַריבער לערנען אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבה. דאָרטן האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך ישיבה־בחורים, געגרינדעט אַ ציוניסטישע אַגודה, מיטן נאָמען „נצח ישראל", וועלכע האָט זיך געדאַרפט אויסבאַהאַלטן מיט איר טעטיקייט, ווייל די רעליגיעזע פאָרשטייער פון יענער עפּאָכע, האָבן נאָך בכלל שלעכט געקוקט אויפן ציוניזם.

אין 1891 האָט ביאַליק זיך באַזעצט אין אָדעס, וווּ ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דעם באַרימטן העברעאישן זשורנאַל „השלוח" זיין ערשטן שיר „אל הצפור", וועלכער האָט שטאַרק געוועקט די אויפמערקזאַמקייט, אין די דעמאָלסדיקע העברעאישע ליטעראַרישע קרייזן.

במשך פון עטלעכע יאָר, האָט ביאַליק געאַרבעט אין דעם האָלץ־געשעפט פון זיין שווער; אין 1897 איז ער אַוועק קיין סאָסנאָוויץ, פוילן, וווּ ער האָט פאַרנומען דעם פּאָסטן פון אַ העברעאישן לערער, אָבער אין צוויי יאָר שפּעטער, איז ער צוריקגעקומען קיין אָדעס, וווּ ער איז שוין פאַרבליבן גאַנצע צוואַנציק יאָר.

ביאַליק איז אין אָדעס געוואָרן לערער פון דער דאָרטיקער מאָדערנער ישיבה, און שפּעטער האָט ער, צוזאַמען מיט ש. בן־ציון, אלחנן לייב לעווינסקי און י. ח. ראַווניצקי, געגרינדעט דעם פאַרלאַג „מוריה". ער איז אויך במשך פון עטלעכע יאָר געווען ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל „השלוח".

אין 1924 איז ביאַליק אַריבערגעקומען קיין ארץ־ישראל און האָט זיך באַזעצט אין תל־אביב, וועלכע האָט דאַן נאָך געהאַלטן ביים אָנפאַנג פון איר אַנטוויקלונג. ביאַליק האָט אַזוי אַרום געמאַכט ארץ־ישראל פאַר זיין שטענדיקער היים. אָבער פון צייט צו צייט איז ער אַרויסגעפאָרן קיין אייראָפּע און אַמעריקע, אין פאַרשיידענע ציוניסטישע מיסיעס, און אין די אינטערעסן פון ליטעראַרישע אונטערנעמונגען.

אויסער זיין ליטעראַרישער טעטיקייט און געזעלשאַפטלעכער אַקטואַציע, ביידע פון אַ באַדייטנדן נאַציאָנאַלן פאַרנעם, האָט ביאַליק אויך אַקטיוו זיך באַטייליקט אין דער פאַרוואַלטונג פון דעם פאַרלאַג „דביר", אָפּשפּאָרנדיק צייט אויך

אויף צו אָרגאַניזירן אַ גאַנצע ריי קולטורעלע אַקטן, פון וועלכע עס האָבן זיך אַמ־מיינסטן אויסגעצייכנט זײַנע „עונג שבת" און מסיבות, וועלכע זײַנען טאַקע פאַרבליבן אַלס אַ פּערמאַנענטע אינסטיטוציע, אין דעם גײַסטיקן לעבן פון ארץ־ישראל.

חיים נחמן ביאַליק איז געוואָרן דער גרעסטער יידישער נאַציאָנאַלער פּאָעט פון דער מאָדערנער צײַט — ער האָט אין זײַנע ווערק באַקלאָגט דעם שלעכטן מצב פון זײַן פאָלק, וועמענס גורל ער אַליין האָט אויך געטיילט, און גלײַכצײַטיק האָט ער אַרויסגעהויבן דעם אומשטערבלעכן גלאַנץ פון די עכטע יידישע פאָלקס־טראַדיציעס, וועלכע ער האָט געשטרעבט אויפצולעבן, אין אַלגעמיינעם פּראָצעס פון תחית העם.

זײַנע וואונדערבאַרע פּאָעמען וועגן „ליבע" און „נאַטור", האָבן אַרײַנגעטראָגן אַ נײַעם טאָן אין דער יידישער פּאָעזיע. זײַנע שירים וועגן גאולת־העם, וועלכע האָבן אים דערהויבן צו דער מדרגה פון „אַ נביא פאַר זײַן פאָלק", האָבן געהאַט אַ טיפע ווירקונג אויף דעם גאַנג פון דער יידישער רענעסאַנס־באַוועגונג, פון די לעצטע דורות. עס איז דעריבער גאָרנישט קיין בלויזער צופאַל, וואָס זײַן באַרימטער שיר „תחזקנה", איז געוואָרן דער הימן פון אונדזער חלוציאַנישער יוגנט.

אָבער נישט בלויז פּאָעזיע אַליין איז געווען דער אויסדרוק פון ביאַליקס זשעני. זײַנע, ווען אַפילו בלויז געציילטע, קורצע דערציילונגען, פאַרנעמען אַ בכבודיק פּלאַץ, זײַט בײַ זײַט מיט די בעסטע דערציילונגען פון מענדעלע מוכר־ספרים, פון וועמען ביאַליק האָט פיל געלערנט אויף דעם געביט פון ליטעראַרישער פּראָזע. אויך ביאַליקס עסייען גלאַנצן סײַ מיט זייער כאַראַקטעריסטישן איידעלן הומאָר, סײַ מיט זייער רײַכן אינהאַלט.

אויסער זײַנע אָריגינעלע ווערק, האָט ביאַליק אויך באַרײַכערט דעם העברעאישן ביכער־מאַרק מיט מאַגיסטראַלע איבערזעצונגען פון די פּערל פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי „ווילהעלם טעל" פון שילער און „דאָן קיכאָט" פון סערוואַנטעס.

איינע פון ביאַליקס אַמביציעס איז געווען, צו באַזאָרגן אונדזערע ברייטע לייענער־קרײַזן מיט פּאָפּולערע אויסגאַבעס פון די אוצרות פון אונדזערע פאָלקס־טימלעך־טראַדיציאָנעלע שאַפונגען. אַלס אַן אמתער מוסטער פון ביאַליקס אויפטו אויף דעם געביט, איז זיין פּאָפּולער „ספר האגדה", אויף וועלכן ער האָט געאַרבעט צוזאַמען מיט י. ח. ראַווניצקין. דאָס איז אַ זאַמלונג פון אגדות, משלים, און מאמרים. אַ דאַנק ביאַליקן, האָבן מיר אויך אין אונדזער באַזיץ דעם ערשטן סדר „משניות", גוט פאַרטײַטשט מיט די נייטיקע דערקלערונגען, וואָס מאַכן דאָס דאָזיקע קלאַסישע ווערק צוגענגלעך פאַרן ברייטן עולם.

חיים נחמן ביאַליק, דאַרף פעסטגעשטעלט ווערן, איז אָן צווייפל געווען דער ווירקזאַמסטער פאַקטאָר און דער שטאַרקסטער כוח אין דער אויפלעבונג פון דער העברעאישער שפּראַך און קולטור במשך דרײַ צענדליק יאָר, — די בעסטע און פּראָדוקטיווסטע פון זײַן לעבן און שאַפן.



ח. נ. ביאַליק נאָך ר׳ יהודה הלוי

ציון

בענקסטו אויך נאָך דײַנע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בענקען?
ווילסטו אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבן גרוס באַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָענטע און פון ווײַטע!
אין האַרצן — דורות־לאַנג געוואַרעמט, טראָגט איר
פון אַלע עקן וועלט, דורך ימים און מדבריות,
צו דיר אין שוים איין עלנט קינד דײַנס, איינער
פון די, וואָס זאַפּן אָן, ווי טוי דײַן חרמון,
די פרעמדע בערג מיט ברענענדיקע טרערן
און שטאַרבן אין דער פרעמד, פאַרליבטע און פאַרבענקטע..
מיך ציט צו דיר!... בײַנאַכט אויף דײַנע חורבות
בין איך דײַן נאַכט־אײלע, דײַן יאָמער־ליד,
און חלומט זיך מיר נאָר דײַן מאָרגנשטערן — ווער איך
דײַן נאַכטיגאַל, דײַן קלינגענדיקע האַרפע...

מיך ציט צו דיר, מײַן האַרץ גייט אויס נאָך יענע ערטער,
וווּ די אָבות האָבן זיך באַגעגנט מיט מלאכים,
וווּ די שכינה האָט גערוט, וווּ דײַן באַשעפער
האָט דײַנע טויערן, די הייליקע, געעפנט
אַנטקעגן זײַנע הימלישע שערים.
וווּ נישט די הימל־ליכטער: זון, לבנה, שטערן —
גאָטס כּבוד זעלבסט, האָט דיר באַשײַנט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אַז אויסגיסן זאָל זיך מײַן זעלע דאָרטן,
וווּ ס'פלעגט אַמאָל גאָטס גײַסט און גאָטס גענאָד זיך גיסן
אויף דײַנע אויסדערווײלטע, מוטער ציון!
ווער נעמט מען פליגל?! שטיקערווײַז וואָלט איך מײַן האַרץ,
ווײַט, ווײַט צווישן דײַנע בערג פאַרטראָגן,
כ'וואָלט צוגעפאַלן צו דײַן ערד, כ'וואָלט אויסגעקושט
איר יעדן פוס־טריט, יעדעס שטיינדעלע באַזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרוועסער, אויף דײַנע חורבות,
כ'וואָלט מיט מײַן שטעקן אויסגעמאָסטן אַלע קבֿרים,
מיט דײַן נשמה־לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך אײַנגעוויקלט אין דײַן זיסן שטויב,
און ביז צו בלינד ווערן באַוויינט דײַן חורבן, ציון...
צי קאָן די שײַן פאַר מײַנע אויגן זיס זײַן —
אַז שוואַרצע ראָבן פּיקן דײַנע אָדלערס,
צי קאָן מען לעבן אויף דער וועלט און צוזען,
ווי גאַס־הינט שלעפּן דײַנע טויטע לייבן...
גענוג, לאָז אָפּ איין ווײַלע, כוס פון טרויער!
מײַן האַרץ איז איבערפולט מיט דיר, פאַרביטערט...
כ'האָב אײַנגעזאַפּט אין זיך דײַן שוים מיט דײַנע הייוון...
גענוג! איך וויל איין חלום זען און שטאַרבן...
כ'וויל זען, אָ, גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגנשטערן,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַמאָל, נאָך העל און ליכטיק
זיך אָנצינדן אויף ציונס בלויען הימל,
באַנײַען און באַפרישן זי מיט יוגנט...
גענוג, איין זיסן חלום לאָז מיך זען נאָך
און אויסגיין מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן.

ג ל ו ת



ש. שאַיעוויטש

לך־לך

און אַצינד, בלימעלע, קינד לעבן —
אַט זע ווי דרזיסן וואַנדערט שוין אוים
די צווייטע גרופּע אין גלות אַרײַן —
באַלד וועלן מיר אויך מוזן אַרוים.

געקומען איז דער בייזער טאָג.
געקומען איז די בייזע שעה,
וואָס לערנען כ׳מוז מיט דיר, אָ, מיידעלע,
די שרעקלעכע פּרשה „לך לך״.

ווער ס׳וועט פאַר הונגער־חלשות
זיך אַראָפּזעצן אין מיטן שניי,
און שטיל אַזוי, און פײַנלעך אַזוי,
ווי אַ הינדל אויסגיין אין זײַן וויי.

וועמען ס׳וועלן פאַר שרעק די אויגן
אַרויסקריכן, און אין מיטן גיין
וועט אים פּלוצים אין האַרץ אַ סטרונע
פּלאַצן,
און ער וועט פאַלן שווער ווי אַ שטיין.

און וועמען אַן אָפּגעצערט קינד
וועט אין פראָסט־פײַער פאַרפרירן.
און די מאַמע וועט׳ס נאָך טראָגן לאַנג
און מיינען, אַז ס׳טוט זיך נאָך רירן.

און טאַטעס וועלן רופן די קינדער
און קינדער וועלן טאַטעס מאָנען —
משפּחות וועלן זיך פאַרלירן
און זיך מער נישט אָפּגעפינען.

און אַצינד, בלימעלע, קינד־לעב,
טו אָן ס׳מאַנטעלע און לאָמיר גיין —
אַט הוידעט זיך שוין די דריטע גרופּע
און צווישן זיי מוזן מיר אויך שוין זײַן.

נאָר לאָמיר נישט וויינען. לאָמיר נישט
יאָמערן, און להכעיס אַלע שונאים —
שמייכלען, נאָר שמייכלען, אַז וואונדערן
זאָלן זיי זיך, וואָס יידן קאָנען!...

און נישט פאַרשטיין, אַז אין אונדזער בלוט
ריזלט קראַפט פון אונדזערע זיידעס,
וואָס זײַנען אין אַלע דורות
געגאַנגען אויף אַלערליי עקדות.

איז לאָמיר נישט וויינען, לאָמיר נישט
יאָמערן און להכעיס אַלע שונאים —
שמייכלען, נאָר שמייכלען, אַז וואונדערן
זאָלן זיי זיך, וואָס יידן קאָנען —

און ניט וויסן, אַז ס׳באַגלייטן אונדז הײַנט
די זעלבע מלאכים וואָס אַמאָל —
פון רעכטס מיכאל, פון לינקס גבריאל,
פון פאָרנט אוריאל, פון הינטן רפאל.

און כאָטש אונטער די טריט — דער טויט
איבערן קאָפּ — די שכינה פון גאָט...
איז, קינד, אַרוים מיט מסירת נפש
נײַעם, — און מיטן אַלטן אחד...

ה. לייוויק

ביים כותל־המערבי

ביסט הייליק און — אָנגעשוואָלן פון אַזוי פיל קושן,
פון אַזויפיל טרערן, —
מען קען די קושן און די טרערן נישט ציילן,
ווי מ'ען קען נישט ציילן אויף דײַן הימל די שטערן.
זעסט אויס אַזוי פראָסט, אַזוי נאַקעט —
נאָך פראָסטער פון אַלע נאַקעטע ערטער
וואָס זײַנען דאָ אויף דער ערד. דאָס צו זאָגן
דאַרף מען האָבן נאָך פראָסטערע ווערטער,
די אותיות נישט צערטל'ען, די אותיות נישט זיפן. —
צי איז נאָך ווער אַזוי ווי דו געווען באַרירט פון אַזוי פיל ליפן?
די ליפן האָבן אויסגעברענט אין דיר
צעקאַרבטע לעכער,
און דורך זיי דײַן שטויב געטרונקען,
ווי מען טרינקט ווײַן פון הייליקע בעכער.
איך זע צום ערשטן מאָל דיך, און איך וויל
דיך אָנרירן מיט מײַנע פינגער,
און —
איך ריר נישט אָן.
ביסט אַלט צוויי טויזנט יאָר, און איך — ניט ייִנגער — — — —

שמע ישראל
קדוש השם

י. ל. פּרץ

דרייַ מתנות

(אויסצוג)

1. דאָס זעקעלע ערד

פון אַ הויך פענצטער שלאָגט אַ פלאַם...

גזלנים זייַנען אַ יידן באַפאַלן, גזלנים מיט מאַסקעס אויף די פּנימער. איינער האַלט אַ ברענענדיקן שטורקאַץ אין דער האַנט און לייַכט. אַ צווייטער שטייט בייַם יידנס ברוסט מיט אַ בליצנדיק מעסער און חזרט אים אַלץ איינאיינעם איבער: „רירסטו זיך, ייד, איז דייַן סוף! גייט דיר די שפּיץ פון מעסער פון יענער זייַט רוקן אַרויס“!... און די רעשט, עפענט קאַסטן און שרענק, און רויבט.

און דער ייד שטייט בייַם מעסער און קוקט געלאַסן צו... קיין ברעם איבער זייַנע קלאָרע אויגן, קיין האָר פון דער ווייַסער באָרד ביז צו די לענדן — רירט זיך נישט... נישט קיין זאַך... „גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען, — טראַכט ער, — געלויבט איז זייַן הייליקער נאָמען!“ „מיט דעם ווערט מען נישט געבאָרן און דאָס גיט מען נישט מיט אין קבר אַרייַן“. — שעפּטשען זייַנע בלאַסע ליפּן.

און ער קוקט גאַנץ רואיק צו, ווי מען עפנט די לעצטע שופלאָד פון דער לעצ־טער קאָמאָדע און ווי מען שלעפּט אַרויס זעקלעך מיט גאָלד און זילבער, זעקלעך מיט צירונג און אַלערליי טײַערע כלים, — און ער שווײַגט...

און אפשר איז ער זיי גאָר מפקיר!

נאָר פּלוצלונג, אַז די גזלנים טרעפן צום לעצטן באַהעלטעניש און ציען אַרויס אַ קליין זעקעלע, דאָס לעצטע, דאָס באַהאַלטנסטע, — פאַרגעסט ער זיך, ציטערט ער אויף, צעפלאַמען זיך אים די אויגן, ציט ער אויס צום ווערן זיך, די רעכטע האַנט, וויל ער אַ געשריי טאָן:

„ריר נישט!"

נאָר אויפן אָרט פון אַ געשריי שפּריצט אַרויס אַ רויטער שטראַל פון רויכער־דיק בלוט. — דאָס מעסער האָט זײַנס געטאָן... עס איז דאָס בלוט פון האַרץ און שפּריצט אויפן זעקל אַרויף!

ער פאַלט און געשווינט רײַסן די גזלנים אויף דאָס זעקל — דאָ וועט זײַן דאָס בעסטע, דאָס טײַערסטע!

זיי האָבן אָבער אַ ביטערן טעות געהאַט; אומזיסט בלוט פאַרגאָסן: נישט קיין זילבער, נישט קיין גאָלד און נישט קיין צירונג איז אין זעקל געווען; גאָרנישט פון דעם, וואָס איז טײַער און האָט אַ ווערט אויף דער דאָזיקער וועלט! עס איז גע־ווען אַ ביסל ערד, ארץ־ישראל־ערד אין קבר אַרײַן, און דאָס האָט דער ייד געוואָלט ראַטעווען פון פרעמדע הענט און אויגן, און מיט זײַן בלוט באַשפּריצט...

2. די שפּילקעס

עס הערן זיך קולות פון טראָמפּייטן און הערנער...

אַ דײַטשישע שטאָט (פאַרשטייט זיך, אַ פאַרצײַטישע); אַלערליי אויסגעבוי־גענע דעכער רינגלען אַרום דעם פּלאַץ פאַרן מאַגיסטראַט. און פול מיט פאַרשידנ־פאַרביק־געקליידעטע מענטשן איז דער פּלאַץ: פיל קעפּ אין די פענצטער; מענטשן ליגן אויף די דעכער אַרום, טייל זיצן רײַטנדיק אויף די באַלקן, וואָס שטאַרן אַרויס בײַ די ווענט אונטער די דעכער, פול געפּראָפּט זײַנען די באַלקאָנען...

פאַרן מאַגיסטראַט שטייט אַ טיש, געדעקט מיט אַ גרין טוך מיט גאָלדענע פראַנזן און טראָלדן. בײַם טיש זיצן די הערן פון מאַגיסטראַט, אין סאַמעטענע קליידער אויף גאָלדענע האָקלען, אין סויבלנע היטלען מיט ווײַסע פעדערן אויף ברײ־ליאַנטענע קנעפּ; אויבן־אָן זיצט דער פרעזידענט אַליין. אַ פרעסיקער אָדלער ווייעט אים איבערן קאָפּ...

אָן אַ זײַט שטייט געבונדן אַ יידיש מיידל. נישט ווײַט האַלטן צוויי קנעכט אַ ווילד פערד, און דער פרעזידענט הייבט זיך אויף און לייענט פאַרן יידישן מיידל אַ פּסק פון אַ פּאַפּיר. און ער ווענדעט זיך מיטן פּנים צום מאַרק:

„אָט די יידין דאָ, די יידישע טאָכטער, האָט אַ שווערע זינד באַגאַנגען אַ

שווערע זינד, וואָס גאָט אַליין, ווי גרויס זײַן באַרמהאַרציקײַט זאָל נישט זײַן, וואָלט איר נישט געקאָנט מוחל זײַן...

„זי האָט זיך אַרויסגעגנבעט פון געטאָ און איז אַרומגעגאַנגען, אין אונדזער הייליקן לעצטן יום־טוב, אויף אונדזערע ריינע גאַסן...

„און זי האָט באַפלעקט מיט אירע אומפאַרשעמטע אויגן אונדזער הייליקע פּראָצעסיע; אונדזערע הייליקע בילדער. וואָס מיר האָבן מיט ליבּ־געזאַנג און קעסל־פויקן איבער די גאַסן געטראָגן...

„מיט אירע פאַרשאָלטענע אויערן האָט זי אײַנגעזאַפּט דאָס געזאַנג פון אונ־דזערע ווײַס־געקליידעטע, אומשולדיקע קינדער און דאָס קלאַפּן פון די הייליקע פויקן... און ווער ווייס, צי האָט דער טײַוול, דער אומריינער טײַוול, וואָס האָט אויף זיך גענומען די געשטאַלט פון דער יידישער טאָכטער, פון פאַרשאָלטענעם רבס טאָכטער, זיך נישט צוגערירט און נישט באַפלעקט אונדזערע אַ ריייניקייט?

„וואָס האָט ער געוואָלט, דער טײַוול אין דער שיינער געשטאַלט? וואָרעם לייקענען קאָן איך נישט — שיין איז זי, שיין, ווי נאָר אַ טײַוול קאָן זיך מאַכן. — זעט די חוצפּה־שטראַלנדיקע אויגן פון אונטער די צנועהדיק אַראָפּגעלאָזטע זײַ־דענע ברעמען... זעט דאָס אַלבאַסטער־פּנים, וואָס איז אין דער לאַנגער תּפיסה נאָך בלאַסער, אָבער נישט טונקעלער געוואָרן! זעט אירע פינגער! אירע שמאָלע. לאַנגע פינגער פון די הענט; די זון לויכט דורך זיי אַדורך!...

„און וואָס האָט ער געוואָלט, דער טײַוול? אָפּרײַסן אַ נשמה פון דבקות אין דער פּראָצעסיע... און עס איז אים געראָטן":

— „זעט דאָס שיינע מיידל!" — האָט אויסגערופן אונדזערס אַ ריטער, פון איינער פון אונדזערע שענסטע משפּחות...

„און דאָס איז שוין געווען איבער דער מאָס: האַלעבאַרדניקעס האָבן זי באַ־מערקט און געכאַפּט, — ער האָט זיך אַפילו נישט געוועהרט, דער טײַוול, — וואָ־דים ווי אַזוי? ריין זײַנען זיי דעמאָלט געווען, אָפּגערייניקט פון אַלע זינד, האָט ער אויף זיי קיין שליטה נישט געהאַט.

„און דאָס איז דעם טײַוולס, אין געשטאַלט פון דעם יידישן מיידל, פּסק: „צו־בינדן זאָל מען זי בײַ די האָר, בײַ די לאַנגע טײַוולאָנישע צעפּ, צום ווילדן פון אָט דעם ווילדן פערד...

„זאָל עס לויפן און שלעפּן זי, ווי אַ „הורג", איבער די גאַסן, וואָס אירע פיס האָבן געטראָטן קעגן אונדזער הייליקן געזעץ...

„זאָל איר בלוט באַשפּריצן און אָפּוואַשן די שטיינער. וואָס זי האָט פאַראומ־רייניקט מיט אירע פיס!"...

אַ ווילד פרייד־געשריי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אַלע מײַלער אַרום; און אַז די פאַליע פון די ווילדע געשרייען איז אַריבער, פרעגט מען די פאַרמשפּטע צום טויט, אויב זי האָט נישט עפּעס וואָס צום לעצטן מאָל צו ווינטשן.

— איך האָב, — ענטפערט זי געלאַסן, — עטלעכע שפּילקעס בעט איך!

— זי איז דול פֿאַר שרעק! — מיינען די הערן פֿון מאַגיסטראַט.

— ניין! — ענטפֿערט זי רואיק און קאַלט. — דאָס איז מײַן לעצטער ווילן און פֿאַרלאַנג.

מען האָט עס איר צוליב געטאָן...

— און אַצינד, — קאָמאַנדירט דער פּרעזידענט, — בינדט צו!

עס גייען צו האַלעבאַרדניקעס און בינדן צו מיט ציטערדיקע הענט דעם רבס טאָכטערס שוואַרצע לאַנגע צעפּ צום ווײדל פֿון ווילדן פֿערד, וואָס מען קען שוין קוים פֿאַרהאַלטן...

— מאַכט אַ וואַרע! — קאָמאַנדירט ווײַטער דער פּרעזידענט צום עולם אויפֿן פּלאַץ. און עס ווערט אַ געדרודער. דער עולם שטעלט זיך, און דרינגט זיך צו די ווענט פֿון די הײַזער, און אַלע הייבן אויף די הענט, ווער מיט אַ בײַטש, ווער מיט אַ שפּיץ־רוט, ווער מיט אַ טוך אין דער האַנט, און אַלע זײַנען גרייט צו יאָגן דאָס ווילדע פֿערד. יעדערנס אָטעם איז געשטיקט. אַלע פּנימער פֿלאַמען, אַלע אויגן בליצן, און אין געדרודער באַמערקט ניט קיינער, ווי די פֿאַרמשפּטע בייגט זיך שטיל אַראָפּ און שפּיליעט זיך צו די זוים פֿונעם קלייד צו די פֿיס און שטעקט טיף, טיף אַרײַן די שפּילקעס אין לײַב — עס זאָל איר לײַב ניט אַנטפּלעקט ווערן, ווען דאָס פֿערד וועט זי שלעפּן אין די גאַסן...

— לאָזט דאָס פֿערד! — קאָמאַנדירט דערוויַל ווײַטער דער פּרעזידענט. און די קנעכט זײַנען דערפֿון אָפּגעשפּרונגען, און מיטאַמאָל האָט עס זיך אויסגעריסן, און אויסגעריסן האָט זיך אויך אַ געשריי פֿון אַלע מײַלער. און עס ווייען און פֿײַפֿן אין דער לופֿט אַלע בײַטשן, שפּיץ־רוטן און טיכער. און ווילד דערשראָקן יאָגט דאָס פֿערד איבערן מאַרק, איבער גאַסן און הינטערגאַסן, אַרויס, אַרויס פֿון שטאָט...

3. די יאַרמולקע

אַ פּלאַץ פֿאַר אַ תּפֿיסה. אויף די אײַזערנע גראַטעס אין די קליינע פֿענצטער־לעך, ציען זיך שפּילנדיק די שטראַלן פֿון דער זון... זיי גליטשן זיך אויך אויף די שטיקן פֿון צוזאַמענגעשטעלט געווער בײַ דער וואַנט. די סאָלדאַטן האָבן אין האַנט אַרײַן — ריטער באַקומען...

אין די צוויי לאַנגע שורות, מיט אַ שמאָלן דורכגאַנג אין דער מיט, האָט מען זיי אויסגעשטעלט: „דורך אַ סטראָי“ וועט מען טרײַבן...

וועמען?

עפּעס אַ יידל מיט אַ צעריסן העמד אויפֿן מאָגערן לײַב, מיט אַ יאַרמולקע אויפֿן האַלב־געגאָלטן קאָפּ. אָט פֿירט מען אים צו.

פֿאַרוואָס קומט עס אים? ווער ווייס? אַ פֿאַרצײַטישע זאַך! אפֿשר פֿאַר אַ גנבֿה, אפֿשר פֿאַר אַ גזלה צי אַ רציחה. און אפֿשר אַ בלבול... עס איז דאָך געווען פֿאַר־צײַטן...

און די זעלנער שמייכלען און טראַכטן: נאָך וואָס האָט מען אונדז אַזוי פיל גענומען און אויסגעשטעלט? ער וועט נישט אויסהאַלטן די העלפט!

נאָר אָט שטופּט מען אים צווישן די שורות אַרײַן, אָט גייט ער... און ער גייט גלײַך און ער שטרויכלט נישט און פאַלט נישט... ער לייזט שמיץ און האַלט זיי אויס...

אַ גרימצאָרן כאַפּט אָן דעמאָלט די סאָלדאַטן! ער גייט נאָך, ער גייט!

און די ריטער פײַפן אין דער לופט ווי די רוחות און כאַפּן אַרום דאָס לײַב ווי די שלאַנגען. און דאָס בלוט פון מאָגערן גוף שפּריצט און שפּריצט, און הערט נישט אויף צו שפּריצן!

הו־האַ! הו־האַ!

אין מיטן טרעפט אַ סאָלדאַט צו הויך און וואַרפט דעם פאַרמשפּטן אַראָפּ די יאַרמולקע פון קאָפּ. נאָך עטלעכע טריט באַמערקט ער עס, דער פאַרמשפּטער... ער גיט זיך אַ ריר, גלײַך ער האָט אַ ישוב, און איז זיך מיישב, און דרייט זיך אום: ער וועט נישט גיין בגילוי־הראש! און ער גייט צוריק ביז צום אָרט, וווּ די יאַר־מולקע ליגט. ער בייגט זיך אײַן און הייבט זי אויף, און דרייט זיך צוריק אויס און גייט ווײַטער, רואיק, רויט פאַרבלוטיקט, נאָר מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ. אַזוי גייט ער, ביז ער פאַלט.



י. ל. פרץ

שרה בת טובים

— א —

און געשען איז די מעשה פאַרצײַטנס, ווען עס זײַנען נאָך אַזוי פיל שטעט און דערפער ניט געווען, אַ וועלט מיט „וואַלד אויס, וואַלד אײַן". און געטראָפן האָט זיך עס אין מערן, דער מדינה. אַ יידישע קהילה איז זעלטן, משפחותווײַז אין דערפער פאַרזייט. אין וועלדער צעשפּרייט. אָן תורה. אָן תפילה בצבור, אויסער ימים־נוראים, ווען מען ציט מיט קינד און קייט אין די ווײַטע שטעט אַרײַן.

זיצט זיך דעמאָלט אַ ייד אַ שווײַגער בײַ אַ גראַף אין אַ דאָרף: פּרנסה רײַכע איבערן מויל... 500 קי מעלקט ער דעם גראַפס; זײַנע אייגענע אויך אַ ביסל. האָט ער אַ פולן קעלער מיט פוטער און קעז, אַ בוידעם מיט תבואות, פלאַקס און פּע־לעכלעך, און דער טײַסטער אין בוזים וואַקסט אין דער דיק, און דאָס קניפּל בײַ דער שווײַגערן באַזונדער, און אַ זון וואַקסט אַ געזונטער, אַ ווילער, ווי אַ יונגער בוים אין וואַלד.

און פונדעסטוועגן, אייגמאָל אין אַ ווינטער־נאַכט, זיצט דער שווײַגער בײַ אַ וואַקסן ליכט בײַם טיש איבער די חשבונות, מיט דער שפּיץ ווײַסלעכער באָרד־צווישן די ציין, דער שטערן גערונצלט, ווי פון שווערער זאָרג. און קוקט מיט פאַר־נעפּלטע אויגן אין פענצטער אַרײַן.

— דו זינדיקסט, מײַן מאַן! — וועקט אים פון די געדאַנקען דער שווײַגעריגנס קול. פון דער צווייטער שטוב איז זי אַרײַנגעקומען, צום שלאָפנדיקן זון געקוקט און איר פנים שטראַלט.

— הערסט, איבערגעבויגן האָב איך זיך איבער אים... די בעקלעך רויטלען זיך ווי אַ פרישער פרימאָרגן, און דער אָטעם איז רואיק און שטיל און שמעקט ווי פרישע עפּל...

— דאָס איז טאַקע מײַן זאָרג, — ענטפערט דער שווײַגער, — מען וווינט אין אַ דאָרף ווײַט פון אַ יידישער קהילה, און יאָרן ציען, יאָרן פליען... ווו נעמט מען אַ שידוך פאַר אונדזער זון. ווי אַזוי ווערט מען אים פאַרקנסן!

— גאָט וועט העלפן, — טרייסט די שווײַגערין, — ער האָט ביז אַהער אונדז נישט פאַרלאָזט...

— אָט דאָס איז עס טאַקע — מאַכט דער שווײַגער — גאָטס הילף דאַרף מען, און אין וועלכן זכות? קיין יודע ספר בין איך נישט, און לערנען לערן איך נישט, צווישן יידן וווינט מען נישט, נאָר איין מצווה קאָנען מיר מקיים זײַן — הכנסת

אורחים הייסט די מצווה... און זע! — ער ווײַזט איר מיטן בליק צום פענצטער צו — איז אָנגעפּאַלן אַ שניי פון הימל, אַ גרויסער שניי, האָט ער די שטעגן פאַרױאָגט, די וועגן פאַרשיט, און טעג און אפשר וואָכן, וועט קיין אורח איבער דער שוועל נישט קומען...

הייבט ער זיך אויף און גייט אַרויס זען וואָס אין דרויסן טוט זיך. זי נעמט זיך די בעטן צורעכט מאַכן, זאַמט ער זיך אָבער צו לאַנג, ווערט איר אומעטיק, לאָזט זי אָפּ דאָס בעטגעוואַנט. גייט צום פענצטער צו און פויקט מיט דיקלעכע פינגער אין דער שויב צום מאַן אַרויס.

איז אָבער די שויב געפרוירן, קלינגט זי העל נישט אָפּ; כאַפּט זי די שאַל אויף זיך און גייט נאָך דעם מאַן פאַר דער טיר. זעט זי, אַז דער מאַן, וואָס הערט ניט אירע טריט און קערט זיך נישט אום, שטייט פאַרטראַכט אויפן וועג פון וואַלד אַרויס. קוקט זי אים פאַרוווּנדערט נאָך. זעען זיי ביידע צוזאַמען, ווי איבערן פאַרשיטן וועג פון וואַלד גייט אַ געשטאַלט אַ ווײַבערישע, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל, און די שאַל איז איבער די אַקסל נאָר פאַר שיינקייט וועגן פאַרוואָרפן, גלײַך אַ לינדע זומער־נאַכט. נישט אײַנגעוויקלט איז זי אין דער שאַל; פרײַ פליען רעכטס און לינקס, די עקן פון איר, גלײַך זיי וואָלטן אירע פליגל געוועזן... און נישט זי גייט אין שניי — זי שווימט איבערן שניי, קיין פוס פאַלט נישט אַרײַן, לאָזט קיין צייכן נישט איבער.

קוקן זיי אַזוי ביידע פאַרגאַפט. ביז די געשטאַלט קומט צו צו זיי און פרעגט צי קען זי נישט רוען אַ שעה בײַ זיי אין שטוב...

קומט דאָס פאַרפאַלק אַ ביסל צו זיך, קוקן זיך איבער, פירן מיט גרויס פרייד דעם ווײַבערישן ווונדערלעכן גאַסט אין שטוב אַרײַן. גאָט האָט זיי אַ גאַסט באַשערט! און ווילן וועקן דעם משרת, הייסן מאַכן וואַרעמס אַ גלעזל; און די שוויגערין לויפט צו צו דער שאַנק און עפנט זי ברייט, און וויל אַרויסנעמען פון שענסטן און בעסטן, עסן און טרינקען און אײַנגעמאַכץ און זיסן בראָנפן אַ ביסל. דער ווונדערלעכער גאַסט זאָגט אָבער: ניין! זי וועט גאָרנישט פאַרזוכן, גאָרנישט טועם זײַן, אַז זי דאַרף נישט, נאָר אָפּרוען וויל זי זיך אַ ביסל, זי גייט אין אַ ווייטיק שליחות. גיט זיך די שוויגערין אונטער, צינדט אָן נאָך אַ וועקסן ליכט, פירט דעם גאַסט אין אַ באַזונדער חדר אַרײַן, ווײַזט אָן אויף אַ גרויס בעט מיט בעטגעוואַנט ווי שניי, קישנס פּוכענע, אַ לײַכט וואַרעם איבערבעט... „און ווילט איר נישט עסן, נישט טרינקען, שלאָפט אײַך געזונטערהייט!" שלאָפן אָבער, זאָגט די געשטאַלט, וועט זי ניט, נאָר אָפּרוען אַ ביסל, ווײַל זי האָט נאָך אַ ווײַט שליחות. און אַז די שוויגערין וויל זי איבערלאָזן אין שטוב, האַלט זי זי אײַן און פרעגט, וויפל עס קומט פאַרן חדר, וואָרום אַוועקגיין וועט זי שטיל, און וויל קיינעם נישט וועקן, וויל זי איבערלאָזן געלט.

שפּרינגט די שוויגערין אָפּ, טיף געקרענקט: קיין געלט נעמט זי נישט, אויף קיין פאַל נישט... דאָס איז דאָך די איינציקע מצווה וואָס זיי קאָנען מקיים זײַן

אין דאָרף: אין דעם זכות נאָר העלפט זיי דאָך גאָט, און וועט — גיט זי מיט גרויס בטחון צו — ווײַטער העלפן!

צעשמייכלט זיך די געשטאַלט און פרעגט:

— פעלט אײַך עפּעס דען? האָט איר נאָך אַ בקשה צו גאָט?

— חס ושלום!... מ'זע'מיר, ברוך השם, איך און מײַן מאַן, געזונט, און אונדזער זון, זאָל לעבן, אַוודאי... און פּרנסה, ברוך השם, איבערן מויל... נאָר וועגן אַ זיווג גייט עס...

און זי דערציילט וועגן איר זון, וואָס ווערט זיבעצן יאָר אַלט... און מען ווױנט אין אַ דאָרף, און צו אַ קהילה איז ווײַט...

— און וואָס טוט איר דערצו?

— מען האָפט צו גאָט, מען בעט זײַן נאָמען... דער מאַן אויף זײַן לשון, זי אויף איר לשון... אַלע געבעטן בעט זי אויס, אַלע תחינות קאָן זי אויסנווייניק כמעט. שרה בת־טובימס האַרציקע תחינות... נאָר איינער, דער עיקר, האָט זי שוין מיט טרערן דורכגעזעצט, די זיווג־תחינה...

— גאָט וועט העלפן, — שמייכלט די געשטאַלט... — איך בין זיכער, — שמייכלט זי. — סימן האָט איר, קיין געלט פאַרן חדר ווילט איר נישט, גיב איך אײַך אַ מתנה פאַר אײַער זונס כלה וועגן...

אַזוי זאָגט זי עס, און נעמט דערבײַ פון דער טערקישער שאַל די מתנה אַרויס: אַ פּאָר גאָלדענע פּאַנטאָפּעלעך מ'ט פּערעלעך באַנייט... בליצט עס אין דער שוויגערינס אויגן, שטופּט איר די געשטאַלט די פּאַנטאָפּעלעך אין דער האַנט אַרײַן און זאָגט:

— אַ מתנה פון שׂרה בת־טובים — און פאַרשווינדט...

און אַז דער שווײַגער האָט זיך נישט געקאָנט אויפן ווײַב דערוואַרטן, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר. און נישט באַקומענדיק קיין ענטפער, דערשראָקן די טיר געעפנט, זעט ער, דאָס ווײַב שטייט אין מיטן שטוב מיט אַן אָפן מויל, אויסגעגלאָצטע אויגן, און גאָלדענע פּאַנטאָפּעלעך אין דער האַנט.

— ב —

אין דער זעלבער צײַט, אין דער זעלבער מדינה מערן, נאָר מײַלן, מײַלן ווײַט פון שווײַגער, און נישט ווייסנדיק פון שווײַגעו', האָט אין אַ טיפן וואַלד אַ ייד געוווינט, אַ קוילנברענער. האָט ער אַ שטיבל אין וואַלד און אַן אויוון געדונגען, אויך בײַ אַ גראַף. נאָר דער ייד איז אַן אָרעמער געוועזן און אַ שווערע פּרנסה געהאַט: זאַמלען דאָס אָפּגעפאַלענע פון ביימער, זומער — אָפּגעדאַרטע צווײַגן. ווינטער — קאָרע, געפּלאַצטע פון פראָסט, און נאָך יעדן געוויטער — דאָס אָפּגעהאַקטע פון דונער און אָפּגעריסענע פון ווינט, און טראָגן צום אויוון און אויף קוילן פאַרברענען. קומט ער פאַרנאַכט אַהיים אַ מידער, אַ שוואַרצער... האָט אים אָבער, זײַן לי־

בער נאָמען, אַ זיס טעכטערל באַשערט; אַליין איז דער ייד אַן אַלמן געוועזן. קומט זי אים אַנטקעגן מיט פרייד, און העלפט אים זיך וואַשן און איבערטאָן, און גיט אים צו עסן און צו טרינקען, און מאַכט אים פֿײַן דאָס געלעגער צו רעכט...

און קאָן ער נישט אײַנשלאָפֿן — און צײַט ער איז אַן אַלמן געוואָרן, טרעפט זיך עס אים גאַנץ אָפט, צינדט זי אַ קינדל אָן, אָדער ווען קלאָרע נעכט. שטעלט זי זיך קעגן דער לבֿנה צום פענצטערל און לייענט הויך אירע „היילִיקע" ספרים אויף „עבֿרי־טײַטש", וואָס די מוטער האָט זי אויסגעלערנט און די ספרים בירושה גע־לאָזט: „צאינה וראינה", „קבֿ הישר", תחינות פון שרה בת־טובֿים... לייענט זי אים הויך... ער, אַ פּראָסטער ייד, הערט זיך אײַן, ביז די אויגן קלעפּן זיך אים צו. דאַכט זיך אים, אַז „יענע" לייענט, די מוטער לייענט, און ער שלאָפֿט רואיק אײַן, אײַנ־געוויגט פון זיסן קול און די ווערטער די היילִיקע...

קומט איר אַמאָל אַ זייער האַרצוווייכיקע תּחינה אין דער האַנט אַרײַן, אַ תּחינה וואָס אַ מאַמע זאָגט, ווען זי בעט בײַ זײַן ליבן נאָמען, וועגן אַ זיווג פֿאַר איר קינד...

„און זע, ליבער, האַרציקער גאָט, פֿאַר מײַן ליבער, האַרציקער טאָכטער, וועגן אַ זיווג אַ כּשרן"... הייבט אָן דאָס מיידל צו פֿאַרשטיין, וועגן וואָס עס גייט, האַקט זי אָפּ און וויל אַן אַנדער תּחינה נעמען, בעט זיך דער פֿאָטער:

— ניין, טאָכטער לעבן, ניין, ווײַטער לייען... גיב מיר די היילִיקע ווערטער אין מויל אַרײַן, לאָמיר בעטן בײַ גאָט פֿאַר דיר... אַ האַרץ האָב איך, טאָכטערשי, אַ פּולס, נאָר אַ ייד אַ פּראָסטער בין איך, קיין ווערטער האָב איך נישט...

מוז זי פֿאָלגן און לייענט ווײַטער און ווײַטער. און ווי שמעקענדיקער בוימל גיסט זיך די תּחינה. לאַנג אײַנגעשלאָפֿן איז שוין דער פֿאָטער, — זי מערקט עס נישט, ער שנאָרכט — זי הערט נישט און לייענט... עס קלאַפּט דאָס הערצל קליין, פֿײַכט און נעפּלדיק ווערן די אייגעלעך פֿאַרדעקט, די ריין קינדעריש בלויע, און דאָס קולכל ציטערט און ווערט פון באַהאַלטענע טרערן פֿײַכט...

און אין מיטן — עפֿנט זיך די טיר, און אין איר באַווײַזט זיך אַ וווּנדערלעכע געשטאַלט... אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל, די אויגן לײַכטן אַזוי לײַטזעליק זיס, אַז דאָס אײַנגעשרומפּענע פּנימל שטראַלט.

— טאַטע! — וויל זי דעם פֿאָטער וועקן. לייגט אָבער, די אַלטע, אַ פֿינגער איבער די לעפֿצן. ווערט דאָס מיידל שטיל, בלײַבט זי ווי אין אַ פֿאַרכּישופֿטן חלום שטיין, און די אַלטע גייט צו צום טיש, און זעצט זיך, און שטרעקט אויס די האַנט, און ציט דאָס מיידל זיך צום האַרצן צו...

— שרעק זיך נישט, מיידעלע, — זאָגט זי, — שרה בת טובֿים בין איך... מײַנע תּחינות האָסטו געלייענט, און עס איז אַ שטילע נאַכט, האָב איך אין מײַן שטילער רו דײַן זיס קול געהערט, בין איך געקומען צו דיר און האָב דיר אַ מתּנה געבראַכט...

און נעמט פון אונטער דער טערקישער שאַל די מתּנה אַרויס:

— זע, ליב קינד... אָט איז סאַמעט געשוירענער אַ שטיק... אויף אַ בײַטעלע צוגעשניטן... און פעל אַלערליי קאָלירן, זײַדענע פוך צום אויסנייען דאָס בײַטעלע... און פעדעם נאָך דערצו זילבערנע, און גאָלדענע אויך אַביסל, און פליטערלעך דערצו אויך זילבער און גאָלד... און אַזוי זעסטו, נייט מען, טעכטערל, און אַזוי ווערט געשטיקט... האַלט די נאָדל פעסט, לויף מיט די פינגערלעך געשיקט... זעסט, אַ מגן דוד'ל גייט, און אָט בליִען בלימעלעך אַרויס. פרישע ווי אין וואַלד אין זומער צײַט.. .אַ תפילין־בײַטעלע ניי, אַ מתנה מאַך, פאַר דײַן באַשערטן אַ מתנה, ווי דײַן ליבע מאַמע האָט דײַן ליבן טאַטן געשענקט...

און די אַלטע לערנט, און דאָס מיידעלע שטיקט און העפט...

און אַז דער פרימאָרגן בליט, כאַפּט זיך דער פאָטער אויף. די טאָכטער זיצט אַליין אין שטוב מיט אַ תפילין־בײַטעלע אין די הענט, סאַמעט, זילבער און גאָלד...

— ג —

און אַז דעם שווײַגערס זון איז אַלט געוואָרן זיבעצן יאָר, האָט מען אים אַרויפגעזעצט אויף אַ וועגעלע און געשיקט אין דער וועלט אַרײַן, זיך אַ כלה זוכן, צו שרה בת טובימס פּאַנטאָפּעלעך...

פאָרט ער וואַלד אויס, וואַלד אײַן, איבער דערפער און שטעט, כלה־מיידלעך ווי זאַמד און ערד, קיין איינער פּאַסן די פּאַנטאָפּעלעך נישט...

פאָרט ער אַ יאָר, פאָרט צוויי, נישטאָ און נישטאָ. פאַרלירט ער די אמונה דערין. קערט ער אַהיים: ער וועט טאַטע־מאַמע זאָגן: ס'איז אַ חלום געווען, אַזוינע פיסעלעך קליינע, זײַנען נישט פאַראַן...

פאָרט ער אַהיים און פאָרט, און פאָרט פון וועג אַראָפּ, און פאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַלד. דעמבעס מיט דעמבעס, ריזן בײַ ריזן שטייען, נישט אויס און נישט אײַן. בלײַבט ער שטיין, פרײַטיק איז, די זון גייט אונטער און לאָזט זיך, אַ פײַערדיקע קויל, אַלץ טיפער און טיפער אַראָפּ. דער אָוונט פאַלט צו — שטעלט ער זיך „שיר השירים" זאָגן, און גייט, שיר השירים זאָגנדיק, אין וואַלד אַרום, האַלט זיך נאָר פון וועגעלע נישט ווײַט, און פון פערד וואָס פּאַשעט זיך... און שטיל רוישט בײַם אָוונט־ווינטל דער וואַלד, גלײַך ווי ער וואָלט אים „שיר השירים" נאָכגעזאָגט... און שטיל ווערט , און טונקעלער. און פלוצלונג פלאַמט צווישן די ביימער אַ פענצטערל אויף. לויפט ער צו מיט פרייד און קלאַפּט אָן:

— ווײַנט דאָ אַ ייד?

— אַ ייד!

אַ ייד קומט פון שטיבעלע אַרויס, באַווײַזט זיך אויף דער שוועל:

— שלום עליכם, אַ ייד!

— עליכם שלום, — ענטפערט דער יונגערמאַן, — קאָן מען האַלטן שבת בײַ אײַך?

— האַלטן יאָ, — ענטפערט מיט אַ טרויעריקן שמייכל דער ייד, — נאָר עסן האָב איך נישט וואָס...

— עסן האָב איך, — ענטפערט דער יונגערמאַן, — און טרינקען אויך; קומט מיט מיר צום וועגעלע צו, פון אַלעם גוטן אָנגעגרייט...

אין אַ שעה אַרום, נאָך קבלת־שבת, זיצן זיי שוין ביידע, נאָך קידוש, ביים טיש... און זינגען זמירות און עסן... זעט דער יונגערמאַן ווי פון יעדן מאכל נעמט דער אַלטער און איז טועם אַ ביסל, און טראָגט באַלד די רעשט פאַר דער טיר אַרויס, מיינט ער, — פאַר אַ קעלבל צי אַן עוף... איז ער דאָך נישט אַזוי אָרעם, דער ייד, פאַרוואָס האָט ער קיין שבת נישט געמאַכט?... אַ יונגערמאַן — פרעגט ער אים...

זאָגט דער אַלטער: — ניין, אַן אָרעמער קוילנברענער בין איך... קיין קאַלב, קיין עופות, פאַרמאָג איך נישט... נאָר אַ זיס טעכטערל האָב איך, באָרוועס גייט זי נעבעך, שעמט זי זיך באָרוועסערהייט אין שטוב אַרייַנצוקומען... זיצט זי און עסט פאַר דער טיר...

נעמט דער יונגערמאַן מיט האַרצקלאַפעניש די גאָלדענע פאַנטאָפּעלעך פון בוזים אַרויס און גיט זיי דעם אַלטן איבער: „גייט, מעסט זיי אייַער טאָכטער אָן... צי זיי פאַסן, זעט“...

קומט דער אַלטער צוריק: „זיי פאַסן“...

— ד —

און ביים רייַכן שווייַגער איז אַ חתונה געווען, ער האָט מיטן קוילנברענער אַ שידוך געטאָן, און די חופה האָט מען אין שטאָט געשטעלט, און אַז מען איז פון דער חופה געגאַנגען, האָט זיך פלוצלינג אַ געשטאַלט באַוויזן, אין אַ הויב אַ הויכער, אין אַ טערקישער שאַל, אַ פנים אַן אַלטס, נאָר אויגן לייַטזעליקע און יונגע, און האָט קעגן חתן־כלה מיט אַ קוילעטש געטאַנצט...

און נישט אַלע האָבן געוווּסט ווער דאָס איז...

מ. באָרישאָ

דער יתום

פעטערס ייִנגלעך שלאָפן צווײַ
אין אַ בעט צוזאַמען,
יתום האָט אַ בעט פאַר זיך
געירשנט פון דער מאַמען.

פעטער האַלט אים לעבן זיך,
קוקט אים נאָך בײַם עסן,
מומע טראָגט צום טעלער אים
שטיקעלעך וואָס בעסער.

און אַ צווייטע מומע נעמט
אים צו זיך אויף שבת,
קאָרמעט אים מיט קוגעל׳עך,
מיט צימעסלעך און אַרבעס.

רבי האָט אַ לאַנגן פאַס,
שמײַסט, אַז מע פאַרזינדיקט,
יתום — נישט געשמיסענער,
צווישן אַלע קינדער.

שפּילן חדר־ייִנגלעך קריג, —
ייִדן קעגן כנענים,
כאַפּט זיך יתום אויך אַרײַן
מיט די פויסטלעך זײַנע.

ווערט אַ ליאַרעם: ניטע־ניט!
יתום איז אין מיטן!
פיר מלחמה, אַז מ׳ע דאַרף
מיט אַ קלאַפּ זיך היטן.

קומט ער איינמאָל אײַנגעריזט,
ס׳רינט אים בלוט פון נעזל;
כאַפּט זיך מומע פאַרן קאָפּ:
— ווו ביסטו געווען?

קוים פון אים אַרויסגעקוועטשט
ווערטער; שטײַף און טראָציק:
— בין געגאַנגען שלאָגן זיך
הינטער שטאָט מיט שקצים.

מומע שטאַרצט די אויגן אויס,
ברעכט ער אויס אין קלאָגן:
— כ׳וויל נישט זײַן קיין יתומל, —
כ׳וויל מע זאָל מיך שלאָגן!...

י. ל. פרץ

רב יחיאל

ר׳ יחיאל איז געווען אַן עושר אַ ייד. און איין מידה האָט ער געירשנט פון זײַן פאָטער — נישט צו פאַרשעמען קיין שום מענטשן! און — עניוות!

ר׳ יחיאל מישט זיך שטאַרק אין קהל־זאַכן, נאָר קיין התמנות נעמט ער בשום אופן נישט אָן; ער איז קיין דאָזאָרצע, קיין גבאַי נישט, גאָרנישט.

צדקה הייסט בײַ אים נאָר מתן־בסתר.

ער גייט ווינטער גאַנץ פרי אין גאָס אַרײַן; זעט ער — פויערים פירן האָלץ (פון שטיינקוילן האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געוווסט) קויפט ער אַ פורל האָלץ. צוויי־דרײַ פורלעך האָלץ, און זאָגט דעם פויער ווו ער זאָל אָפּפירן; ער ווייסט שוין, ווו אַ געפרוירענער קבצן ווױנט. ער פלעגט פאַר יעדן יום־טוב אָפּשיקן נדבות מיט דער פאָסט. אַ ספרא־רבא איז ער געווען, נאָר די אַדרעסן פלעגט ער שרײַבן מיט דער לינקער האַנט, מען זאָל זײַן כתב־יד נישט דערקענען, ווײַל ער פלעגט אַמאָל שרײַבן צו גרויסע שררות וועגן יידישע זאַכן...

דערפון האָט זיך געמאַכט אַ מאמר, אַז די נדבות דורך דער פאָסט שיקט אַ באַהאַלטענער בעל־תשובה. וואָס האָט אַוודאי עמעצן באַגזלט און קען די גזלה נישט אָפּגעבן. ערשט נאָך ר׳ יחיאלס טויט איז מען געוואָר געוואָרן, ווער דער „גזלן“ איז געווען.

און אויסער אין חברה־פּושקעס אַרײַן, פלעגט ער פון האַנט און האַנט קיין נדבות נישט געבן. אַלץ געבאָרגט, כשרע הלוואה הייסט עס! „ווען גאָט וועט העלפן, וועסטו אָפּגעבן; מיט אַמאָל, ביסלעכווײַז; מיר, אָדער אַן אַנדערן גויטבאַדערפ־טיקן“...

און איינמאָל האָט זיך פּאַסירט אַזאַ מעשה: ר׳ יחיאל קומט אַהיים פון גאָס און טרעפט אימיצן בײַ זיך אין שטוב. יענער האָט אים דערזען און איז געבליבן ווײַס ווי קאַלך.

ר׳ יחיאל קוקט — פון אונטערן יידנס פאָלע שטאַרט עפּעס בולט אַרויס.

אין יידנס פנים האָט ר׳ יחיאל דערקענט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין פשוטן גנב נישט. ער שטויסט זיך באַלד, אַז עס איז אַ שיינער אָרעמאַן, אַז ער איז גע־קומען עפּעס בעטן, און אַז ער האָט קיינעם נישט געטראָפן, איז ער נישט בײַגע־שטאַנען דעם נסיון, האָט דער יצר הרע גובר געווען.

גייט עס צו אים צו, גאַנץ פרײַנדלעך, און זאָגט מיט אַ שמייכעלע:

— איר האָט אַוודאי געוואָלט לײַען אויף אַ משכון? ווײַזט נאָר דעם משכון. דעם אָרעמאַן קלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן.

— וואָס איז די חרפה? — פרעגט ר׳ יחיאל געלאַסן. — דאָס מזל דרייט זיך ווי אַ רעדל, געלט איז קײַלעכדיק! הײַנט באַרגט איר בײַ מיר, מאָרגן — איך בײַ אײַך...

און אַזוי רעדנדיק, נעמט ער אים אַפיר פון אונטער דער פּאָלע, זײַן אייגענע פּאָר זילבערנע לײַכטער.

און ר׳ יחיאל שטעלט זיי געלאַסן אַנידער פאַר זיך אויפן טיש, גלײַך ער זעט זיי דאָס ערשטע מאָל און וויל אָפּשאַצן, וויפל ער מעג אויף זיי באָרגן.

דער ייד, נעבעך, וויל דערווײַל אַנטלויפן; זײַנען אים אָבער די פיס ווי צו־געשמידט!

— הכלל, ר׳ קרוב, — פרעגט ר׳ יחיאל, — וויפל ווילט איר באָרגן?

און דער, קען, נעבעך, נישט די צונג איבערדרייען.

— איר זעט, ר׳ קרוב, אַ גרויסער בושת־פּנים... נו, וואָס קאָן מען מאַכן? וועל איך פאַר אײַך רעדן. עס גייט צו פּסח. הערט, צי איך בין זיך נישט טועה — איך בין שטאַרק מסופק, צי איר האָט אויף מצות... נו, שאָקלט מיטן קאָפּ: יאָ, צי ניין?

יענער, נעבעך, שאָקלט אויף ניין.

— וואָס דען? מען דאַרף דערצו קיין נביא ני־שט זײַן; דאָס פּנים אײַערס מסרט! נאָר איר האָט אפשר נאָך אַ טאָכטער צו פאַרקנסן? יאָ? נו, שאָקלט מיטן קאָפּ — יאָ, צי ניין?

דעם אָרעמען יידן האָבן זיך שוין אָבער געעפנט די קוואַלן פון די אויגן און ער האָט זיך שטאַרק צעוויינט.

— נאַרישער מענטש! — מאַכט ר׳ יחיאל. — וואָס וויינט איר? איך האָב דאָך אײַך געזאָגט: דאָס רעדל דרייט זיך!

דער ייד קאָן זיך אָבער נישט אײַנהאַלטן; ווערט ר׳ יחיאל מכלומרשט ברוגז, האָט ער פאַראיבל.

— על פּי דין — זאָגט ער — בין איך אײַך, ר׳ קרוב, מחויב צו העלפן. „העלפן זאָלסטו העלפן!״ שטייט, פאַרפאַלן; אָבער ווו שטייט עס, איך בעט אײַך, אַז איך בין מחויב אויסצוהערן אײַער געוויין, האַ?

דער ייד האַלט זיך אײַן מיט די לעצטע כוחות; און ר׳ יחיאל זאָגט ווײַטער:

— ווייסט איר וואָס, ר׳ קרוב, איך וועל אײַך געבן לויט דעם משכון. אין מײַנע אויגן איז דער משכון עובר לסוחר — אויף פּחות — ווערט ק״ן קערבלעך. וועל איך אײַך באָרגן פינף און זיבעציק, אַכציק! צען רובל אויף יום־טוב, זעכציק אויף נדן פאַר דער טאָכטער און נאָך צען — אַן אָנהייב אויף חתונה־קליידער, חתונה־הוצאות; די רעשט וועט גאָט העלפן!

„און אַז גאָט וועט העלפן, — גיט ער צו, ווי זײַן מנהג איז געווען, — וועט איר באַצאָלן... איך בין בטוח, איר וועט באַצאָלן!״

ק. קליגער

איך האָב געהאַט אַ היים

איך האָב געהאַט אַ היים,
אַן אַלט־געזעסענע, ווי אַ שטילע
זומער־נאַכט־אידיליע.

כ'האָב געהאַט אַ היים מיט פריש צעשמעקטן גראָז
און זקניםביימער מיט גרינע בערד;
נעסטן מיט פרומע טויבן
און פייגל, גרילן
פלעגן שפּילן, זינגען,
זינגען, שפּילן.

איך האָב געהאַט אַ היים — אַן אייגענע נעסט
אויף גוטער, שטילער, זאַטער ערד
פון דורות און דורות, —
האָט מען זי צערויבט, צעגזלט, צעשטערט
און כ'האָב זי פאַרלוירן,
פאַרלוירן.

איך האָב געהאַט אַ היים, ווי אַ בלויען פרימאָרגן
אויף גוטער, שטילער, זאַטער ערד
האָט מען זי פאַרברענט, דערוואָרגן
אין פלאַם פון האַס,
אין שטריק פון צאָרן.
איך האָב געהאַט אַ היים פון רו, פון קאָרן,
אַן אַלט־געזעסענע פון יאָרן און יאָרן.

ישראל אַשענדאָרף

אין אַלטן פּנקס

אין אַלטן פּנקס פון שטעטל שטייט עס פאַרשריבן אַזוי:
...קודם זײַנען דאָ געווען עטלעכע פוירישע כאַטעס מיט שטרוי
און בײַם וועג, אַ קרעטשמע אַ יידישע און אַ שמיד,
דערנאָך אַ געוועלבל מיט זאַלץ און נאַפט פון אַ צווייטן ייד.
שפּעטער, אַ שנײַדער, אַ שוסטער און דער גאַנצער צעך.
באַלד טאַקע הײַזער, שוין מיט שינדלען און מיט בלעך.
ביז מען האָט אַרײַנגעקלאַפּט אַ סלופּיקל מיט אַ ברעטל.
און אַ האַנט, וואָס ווײַזט אַרײַן מיט אַ פינגער: אַ שטעטל.
אין אַלטן פּנקס שטייט עס אויך פאַרשריבן דערנעבן,
ווי אַזוי ס'האָט זיך דאָ באַזעצט אַ געוויסער חיים לעבן.
...איינמאָל האָט ער פאַרבלאָנדזשעט אין דער דאָזיקער געגנט,
בײַ דער ראָגאַטקע, דאָרט ווו עס צעשיידן זיך די וועגן.
און דערזען פּלוצים שטיין דאָס סלופּיקל מיט דעם ברעטל
און די האַנט, וואָס ווײַזט אַרײַן מיט אַ פינגער: אַ שטעטל.
— אַ שטעטל? פונוואַנעט? איז דאָך דאָרט ביז אַצינד
געווען בלויז פרײַ פעלד פאַר גראָז, פאַר האָז און ווינט.
איז ער דאָך אַליין דורכגעפאָרן יענע געגנט אַנומלט
און געמוזט איבערנעכטיקן אונטער דעם פרײַען הימל.
זאָל דאָס אמת זײַן? מען דאַרף אַהין טאָן אַ ניוכע.
און צומאָרגנס באַגינען האָבן זיך שוין אין שטעטל געפונען
דרײַ פורן אָנגעלאָדענע מיט זײַן גאַנצער משפחה.
האָט זיך די משפחה אײַנגעקוואַרטירט אַזוי:
— די שטיפמאַמע נויט אין די שטיבעלעך מיט שטרוי.
די באַבעשי זאָרג — אין די אָרעמע הינטערגעסלעך.
דאָס שוועסטערל עלנט, בײַ אַ מיידל, אַ פאַרזעסענע.
דער אַלטיטשקער זיידע, בײַ דער הרובע אין קלויז.
דאָס איניקל פרייד — בײַם גביר אין נײַעם, ווײַסן הויז.
נאָר פאַר די פעטערס און שוואָגערס איז אַלץ געווען קאַרג,
זיי שלאָגן זיך ביז הײַנט איבער די קראָמען אין מאַרק.
דרייט זיך ווי מעכטיקער הערשער חיים לעבן איבערן שטעטל,
נאָר איבער יענער זײַט — האָט ער מורא איבערצוטרעטן.
דאָרט וווינט אַ שטאַרקערער, זײַן שרעק ביז גאָר איז:
— דאָרט פירט דער וועג צום בית הקברות.

א. ליעסין

ייִדיש

אין שלאָפלאָזע נעכט פלעגט זי קומען
צו מיר אין איר ליבער גענאָד.
פון וואַנען זי האָט זיך גענומען —
דאָס איז שוין פאַרבליבן איר סוד.
און פול מיט מעלאָדישקייט גוטער,
פלעגט האַרציק זיך הערן איר קול,
אַזוי ווי דער קול פון מיין מוטער
ביים טייטש־חומש, שבת, אַמאָל:

„איך קום נישט צו דיר פון גאָטס וואָרט אַ באַשטראַלטע,
אַזוי ווי מיין שוועסטער פלעגט קומען אַמאָל —
פאַרהייליקט פון צייטן פון גרויסע, פון אַלטע,
מיט בליצן און דונערן־אָפקלאַנג אין קול.

איך קום נישט, ווי זי, פון זוניקער הויכקייט, —
אין הימל, אין בלויסטן, זיך שפיגלענדיק ריין;
איך האָב נישט פון היגלען, פון גרינע, די ווייכקייט,
פון פעלדזן־בערג שטאָלצע — דעם ווּיסט־ווילדן חן.

„איך קום צו דיר, קינד מיין, פון גלותן שטומע,
פון געטאָס פאַרפאַקטע, פאַרהאַקטע אין קלעם;
איך האָב נאָר די חנען פון תחינות פון פרומע,
איך האָב נאָר די שיינקייט פון קידוש השם.

„פון וואָרמס, פון מיינץ און פון שפייער,
דורך פראָג און לובלין, ביז אָדעס,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין פייער,
האָט אַלץ זיך געצויגן איין נס.
האָט שטענדיק דער בלוט־פיינט געהויערט,
געלויערט פיל־אויגיק דער טויט —
אָט דאָרט האָב איך, וויסט און פאַרטרויערט,
די עלטערן דיינע באַגלייט.

„איך בין מיט זיי הונדערטער יאָרן
געגאַנגען דורך יעדער געפאַר,
און אײַנגעזאַפּט האָב איך דעם צאָרן,
און אײַנגעזאַפּט האָב איך דעם צער.
און אויסגעשמידט האָב איך דורך דורות
דעם װוּנדער פון װילן און װיי,
צו לעבן פאַר הייליקע תורות
און שטאַרבן מיט פעסטקייט פאַר זיי.

„איך האָב שוין צום קינד אין די װיגן
פון תורה געזונגען אַ ליד;
דערנאָך האָט געקלונגען דער ניגון
אַ לעבן־לאַנג אים אין געמיט.
איך פלעג זיך אין הערצער צעשטראַלן
ביים „אַלשיך" פון זאָגער אין שול;
ביים מגיד אין װאָרט פלעג איך שאַלן
מיט גבורה מיט זאַפטיקער פול.
איך האָב מיט געבעטן מיט הייסע
די יידישע מוטערס באַגלייט;
מאַרטירערינס שטילע און גרויסע
אין הייליקייט האָב איך געגרייט.
איך האָב מיט דער צאינה וראינה
דורך פינצטערער נויט זיי געפירט,
און ליבלעך די העלדן־טאַט יענע,
װאָס הייסט ביי זיי לעבן, געצירט.
און אײַנגעהיט איז פאַר דער אומה
געבליבן אַן אוצר אין מיר;
די פאָלקס־זעל — אַ פרישע, אַ פרומע,
אַן אוצר אָן ערך און שיעור.

„און װײַטער, מײַן קינד, די לערע פון דורות,
אַפילו װען אויך אין פאַרענדערטן שײַן —
צו לעבן און שטאַרבן פאַר הייליקע תורות,
אַ האַרטנעקיק פאָלק פון מאַרטירער צו זײַן."

מענדעלע מוכר ספרים
(שלום יעקב אַבראַמאָוויטש)
(ביאָגראַפיע)

מענדעלע מוכר ספרים, אָדער שלום יעקב אַבראַמאָוויטש, ווי ער האָט באמת געהייסן, איז געבוירן געוואָרן אין דעם יאָר 1836, אין דעם שטעטל קאַפּוליע, מינסקער גובערניע. זײַן פאָטער איז געווען אַ גרויסער למדן און איינער פון די שענסטע באַלעבאַטים פון שטאָט.

שלום יעקב האָט צוערשט געלערנט אין חדר, נאָכדעם אין פאַרשיידענע ישיבות. צו פערצן יאָר האָט ער שוין געהאַט גרויסע ידיעות, נישט נאָר אין תנ"ך און אין דער העברעאישער שפּראַך, נאָר אויך אין תלמוד. צו יענער צײַט איז בײַ אים געשטאָרבן דער פאָטער, און די מוטער זײַנע, האָט צום צווייטן מאָל חתונה געהאַט פאַר אַ מילנער, פון דעם דערבײַאיקן דאָרף. שלום יעקב האָט אַ געוויסע צײַט געלערנט אין פאַרשיידענע שטעטלעך, און שפּעטער האָט ער זיך באַזעצט בײַ זײַן מוטער אין דאָרף, און האָט געלערנט מיט די קינדער פון זײַן שטיף־פאָטער.

די נאַטור אַרום מיל איז געווען זייער אַ שיינע, און האָט געמאַכט אַ שטאַרקן אײַנדרוק אויף דעם יונגן אַבראַמאָוויטשן. דאָרט, אין דאָרף, האָט טאַקע אַבראַמאָוויטש אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט. און צוערשט האָט ער, ווי אַלע אַנדערע שרײַבער פון יענער צײַט, אָנגעהויבן צו שרײַבן אויף העברעאיש.

צו זיבעצן יאָר האָט זיך אַבראַמאָוויטש אַוועקגעלאָזט אין דרום רוסלאַנד. דאָס האָט ער באַגלייט זײַנע אַ מומע אָן עגונה, וועלכע איז געפאָרן אין יענער געגנט זוכן איר פאַרשוווּנדענעם מאַן. געפאָרן זײַנען זיי מיט איינעם אַ שנאָרער, אַברהמל דער הינקענדיקער, וועלכער האָט זיי אויפן וועג אויסגענוצט און געשיקט בעטלען און שנאָרן פאַר אים. לסוף אָבער, האָט זיך אַבראַמאָוויטש באַפרײַט פון דעם שנאָרער און איז געבליבן אין דער שטאָט קאַמענעץ. דאָרט האָט ער זיך באַקענט מיטן העברעאישן דיכטער גאָטלאָבער, וועמענס טעכטער עס האָבן אַבראַמאָוויטשן געלערנט רוסיש, דײַטש און רעכענען. שפּעטער האָט אַבראַמאָוויטש אויסגעהאַלטן עקזאַמען און איז געוואָרן אַ לערער אין אַ יידישער רעגירונגס־שול.

אין דער זעלבער צײַט הייבט אַבראַמאָוויטש אָן פיל זיך אָפּצוגעבן מיט ליטעראַרישער טעטיקייט. ער גייט ביסלעכווײַז אַריבער אויף יידיש. אין זײַנע ליטעראַרישע ווערק, גיט אַבראַמאָוויטש איבער אַ בילד סײַ פון זײַן אייגן שטעטל, ווו

ער האָט פֿאַרבראַכט זײַן יוגנט („שלמה רב חיימס“), סײַ פֿון די פֿאַרשיידענע קבצנים און שנאָרער, מיט וועלכע ער האָט זיך געטראָפֿן אומוואַנדערנדיק מיט אברהמל דעם שנאָרער („פֿישקע דער קרומער“), סײַ פֿון די פֿאַרשיידענע יידישע קהלס לײַט, וואָס האָבן שטאַרק עקספּלאָטירט דעם פּשוטן ברייטן עולם („די טאַקסע“). מענדעלע מאָלט אויך אין זײַנע ווערק די באַוועגונג, וואָס איז אין זײַן צײַט אָנגעגאַנגען בײַ יידן — אָנצוהייבן לערנען נישט נאָר רעליגיעזע זאַכן, נאָר אויך וועלטלעכע — די השכלה־באַוועגונג („דאָס קליינע מענטשעלע“ און „ווינטשפֿינגערל“). ער האָט אויך אָנגעשריבן „די קליאַטשע“, „מסעות בנימין השלישי“, „דער פּריזיוו“ א. א.

אַבראַמאָוויטש האָט זיך געגעבן דעם פּען־נאָמען, מענדעלע מוכר־ספרים און אונטער אָט דעם נאָמען איז ער באַוווּסט געוואָרן מיט זײַנע ווערק אין די ברייטערע יידישע שיכטן. ער האָט זייער ליב געהאַט די יידישע שפּראַך, ער האָט זיך זייער פֿיל אָפּגעגעבן מיט אויסאיידלען און פֿאַרפֿײַנערן זי. מענדעלע האָט באַקומען דעם נאָמען „דער זיידע פֿון דער יידישער ליטעראַטור“.

אַבראַמאָוויטש איז אין משך פֿון אַ סך יאָרן געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון דער גרויסער יידישער האַנטווערק־שול אין אָדעס, אונטערן נאָמען „אַרבעט“. אין 1910 איז מיט גרויס פּאַראַד געפּײַערט געוואָרן אַבראַמאָוויטשעס פֿינף און זיבעציק־יעריקער יובילעאום. ער איז געשטאָרבן דעם 8טן דעצעמבער 1917.

י. ל. פּרץ

(ביאָגראַפֿיע)

יצחק לייבוש פּרץ איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן מאַי 1852 אין דעם שטעטל זאַמאָשטש, פּוילן. זײַנע עלטערן יהודה און רבקה (לעווין), זײַנען געווען זייער פֿרומע. זיי האָבן זייער געראַטענעם זון דערצויגן ווי אַ פֿרומען ייד. אין דער אייגענער צײַט האָבן זיי אים אויך געלאָזט לערנען אַלגעמיינע לימודים און פּרץ האָט געקאָנט אויך אַנדערע שפּראַכן: דײַטש, פּויליש און רוסיש. אין שטאָט איז ער באַקאַנט געוואָרן ווי דאָס יינגל מיט די אויסערגעוויינלעכע פֿעאיקייטן. ער איז געווען באַשאָנקען מיט אַ סך טאַלאַנטן: ער האָט געקאָנט מאָלן, קלעפּן מיט וואַקס, שניצן און שרײַבן לידער. קיין גרויס חשק צו לערנען האָט ער נישט געהאַט. ער האָט אָבער געהאַט זייער אַ גוטן קאָפּ, און וואָס ער האָט נאָר געהערט האָט ער זייער שנעל איבערגענומען און גוט פֿאַרשטאַנען. זײַנע עלטערן און אויך

אַלע שכנים האָבן פאַרויסגעזאָגט, דאָס ייִנגל וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער, באַ־רימטער מענטש. זיי האָבן טאַקע געטראָפן, יצחק לייבוש פרץ איז געוואָרן איינער פון די באַרימטסטע יידישע דיכטער, איינער פון די שאַפער און בויער פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור. — די ערשטע וועלט־מלחמה אין 1914, האָט געצוווּנ־גען אַ סך יידן צו פאַרלאָזן די קליינע שטעטלעך און לויפן קיין וואַרשע. פרץ, און זײַן געטרײַער לעבנס־פרײַנד, דער שרײַבער יעקב דינעזאָן, אַרבעטן זייער שטאַרק צו שאַפן היימען פאַר די אָנגעקומענע און צו עפענען קינדער־היימען פאַר זייערע קינדער. זיי האָבן אויך געהאָלפן שאַפן שולן פאַר די קינדער צו לערנען.

די אַרבעט איז אים געפאַלן זייער שווער. עס האָט געווירקט אויף זײַן שוואַכן געזונט. דעם 3טן אַפּריל, חול המועד פסח, 1915, איז פרץ פרי אויפגעשטאַנען, ווי זײַן שטייגער איז געווען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט בײַ זײַן שרײַב־טיש שרײַבן אַ ליד פאַר זײַנע ליבע קינדערהיימען. ער האָט אָנגעשריבן די ערשטע צוויי שורות: —

שטילער, שטילער,
דאַנקען וויל ער

און פּלוצים איז אים די פעדער פון דער האַנט אַרויסגעפאַלן. זײַן האַרץ האָט זיך אָפּגעשטעלט. דער גרויסער דיכטער, דער גרויסער מענטש און דער גרויסער ייד, יצחק לייבוש פרץ, האָט אויסגעהויכט זײַן לעצטן אָטעם און אַוועק פון אונדז אויף אייביק.

שלום עליכם

(שלום ראַבינאָוויטש)

(ביאָגראַפיע)

שלום־עליכם, אָדער שלום ראַבינאָוויטש, איז געבוירן געוואָרן דעם 18טן פעברואַר 1859, אין אַ קליין שטעטל וואָראָנקע, אין דרום רוסלאַנד. זײַן פאָטער איז געווען אַ ייד אַ סוחר; די מוטער זײַנע, וואָס האָט געהאַט אַ גאַנץ טוץ קינדער, איז געווען אַ גרויסע באַלעבאָסטע און האָט פיל אַרויס־געהאָלפן דעם טאַטן אין מסחר.

די פאַמיליע ראַבינאָוויטש האָט זיך שפּעטער אַריבערגעצויגן אין אַ גרעסער שטעטל — פּערע־יאַסלעוו; האָט שלום אָנגעהויבן באַזוכן אַ דאָרטי־קע רוסישע שול, וווּ ער האָט געלערנט רוסיש, אַריפמעטיק, געאָגראַפיע און אַנ־

דערע וועלטלעכע קעגנשטאַנדן. אָבער ער האָט דאָרט אויך נאָך געלערנט אין חדרים, ווו ער האָט זיך אויסגעלערנט גוט העברעאיש.

צו 15 יאָר האָט שלום ראַבינאָוויטש אָנגעהויבן דרוקן העברעאישע אַרטיקלען און מעשות אין די דעמאָלסדיקע העברעאישע צײַטונגען „המליץ“ און „הצפירה“. און צו 21 יאָר הייבט ש. ראַבינאָוויטש אָן צו שרײַבן אין יידיש אונטער דעם נאָמען שלום־עליכם. און פון דעמאָלט אָן, האָט ער כמעט כסדר געשריבן אין יידיש.

שלום־עליכם איז צו 21 יאָר געוואָרן ראַבינער אין שטעטל לובני, אין דרום־רוסלאַנד; שפּעטער איז ער געוואָרן אַ סוחר. און ווען זײַן שווער איז געשטאָרבן און אים איבערגעלאָזן אַ גרויסע ירושה, האָט ער זיך באַזעצט אין קיעוו און אַ צײַט זיך אָפּגעגעבן מיט באַנק־געשעפטן און בערזן־ספּעקולאַציעס. און אין דער זעלבער צײַט אַרויסגעגעבן דאָס באַרימטע יאָרבוך „די יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק“, ביז ער האָט פאַרלאָרן דאָס גאַנצע געלט זײַנס. דעמאָלט איז ער אַריבערגעפאָרן אין אָדעס, ווו ער האָט זיך באַשעפטיקט מיט מעקלערײַ, פאַרזיכערונגס־אַגענטור און אַלערליי סאָרטן האַנדל, אָבער די גאַנצע צײַט האָט שלום־עליכם נישט אויפגעהערט צו שרײַבן, און מיט דער צײַט האָט אים זײַן שרײַבן אויך אָנגעהויבן ביסלעכווײַז אַרײַנטראָגן מיטלען צום לעבן.

נאָך דעם שרעקלעכן פּאָגראָם פון 1905, איז שלום־עליכם אַוועק פון רוסלאַנד צוזאַמען מיט זײַן פאַמיליע. זײַן פאַמיליע האָט ער איבערגעלאָזן אין דער שווייץ, און אַליין איז ער אַוועק קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע האָט אים די יידישע באַפעלקערונג אויפגענומען זייער גוט. ער האָט דאָ מיטגעאַרבעט אין די גרעסטע אָרטיקע יידישע צײַטונגען. נאָכדעם ווי שלום־עליכם איז אָפּגעווען אין אַמעריקע אַ פּאָר יאָר צײַט, האָט ער זיך צוריקגעקערט קיין אייראָפּע. ער איז דורכגעפאָרן די וויכטיקסטע יידישע צענטערן סײַ פון מערב־אייראָפּע, סײַ אין רוסלאַנד. ער האָט דאָרט פאָרגעלייענט זײַנע ווערק און איז אומעטום אויפגענומען געוואָרן מיט דער גרעסטער באַגײַסטערונג פון די יידישע מאַסן, וואָס האָבן געלייענט, פאַרערט, און שטאַרק ליב געהאַט זײַנע ווערק.

אויפן וועג פון זײַן טור האָט ער זיך צוגעקילט און איז געוואָרן געפערלעך קראַנק. ער האָט געמוזט אַוועקפאָרן אין דעם וואַרעמען קור־אָרט נערווי, איטאַליע. דאָרטן האָט ער פאַרבראַכט אַ לענגערע צײַט.

שפּעטער, אין דער צײַט פון דער וועלט־מלחמה, איז שלום־עליכם צוזאַמען מיט זײַן משפחה אַריבערגעקומען קיין אַמעריקע און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק. דאָ האָט ער זיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן מיט זײַן ליטעראַרישער טעטיקייט. שלום־עליכם האָט זיך אָבער שוין געפילט שוואַך נאָך אַזאַ אומרואיק און וואַנדערנדן לעבן. און נאָך אַ לענגערער קראַנקהייט איז ער געשטאָרבן דעם 12טן מאַי 1916. צו זײַן לוויה זײַנען געקומען אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג, און ניו־יאָרק האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזעלכע גרויסע מענגעס מענטשן בײַ אַ לוויה, ווי בײַם באַגלייטן שלום־עליכמען צו זײַן אייביקער רו. מען האָט געקאָנט

באַשײַנפּערלעך זען, אַז אַלע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן ליב שלום־עליכמען און אַכטן זײַן אָנדענק.

און אין אמתן, ווערט קיין שרײַבער נישט אַזוי פיל געלייענט בײַ יידן, ווי שלום־עליכם. שלום־עליכמס ווערק זײַנען אַרויסגעגעבן געוואָרן אין 28 בענדער; זיי אַנטהאַלטן אין זיך מעשות, דערציילונגען, ראָמאַנען, איינאַקטערס, דראַמען, אַרטיקלען א. ד. ג. פון זײַנע ווערק צייכענען זיך אויס זײַנע קינדער־מעשות: דאָס מעסערל, מתושלח, ראַבטשיק, בערעלע, א. ד. ג.; זײַנע יום־טוב מעשות (אויך פון קינדערשן לעבן); חנוכה־געלט, בײַם קעניג אחשורוש, אַ פאַרשטערטער פּסח, אַ פּסח אין דאָרף, ל״ג־בעומר, גרינס אויף שבועות, שוין איינמאָל אַ סוכה, די פאָן א. ד. ג. זײַנע װוּנדערבאַרע שיינע מעשות פון כתרילעווקע (צונאָמען פונעם קליינעם שטעטעלע ווו ער איז אויסגעוואַקסן): בערל אײַזיק, ווען איך בין ראָטשילד א. ד. ג. זײַנע ביכער: טביה דער מילכיקער און מנחל־מענדל (אינעם לעצטן בוך מאָלט שלום־עליכם אַ יידן וואָס האַנדלט און וואַנדלט, וואַרפט זיך אויף אַלערליי פּרנסות און פון אַלע זײַנע פּרנסות לאָזט זיך יעדעס מאָל אויס אַ טײַך). אינטערעסאַנט זײַנען אויך שלום־עליכמס צוויי אויטאָביאָגראַפישע ביכער „פונעם יאַריד״, זײַנע ראָמאַנען: סטעמפעניו, סענדער בלאַנק און אַנדערע, און זײַנע דראַמאַטישע ווערק: אַ דאָקטאָר, צעזייט און צעשפּרייט און אַנדערע.

שלום־עליכמס ווערק זײַנען דורכגעדרונגען מיט אַ שיינעם לײַכטן הומאָר. וועלכער רופט אַרויס בײַם לייענער אַמאָל אַ שמייכל און אַמאָל אַ געלעכטער. עס איז אָפט זייער שווער צו לייענען שלום־עליכמען און נישט לאַכן פון פולן האַרצן, און דאָס דאָזיקע געלעכטער מאַכט דעם לייענער איידעלער, שענער און בעסער.

שלום אַש

(ביאָגראַפיע)

שלום אַש איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1880, אינעם שטעטל קוטנע, וואַרשעווער געגנט, בײַ פרומע און גוטהאַרציקע עלטערן. ער האָט געלערנט אין חדר, און ביז אַ יאָר 16, אין בית־המדרש. שפּעטער האָט ער זיך אָפּגעגעבן מיט לערנען העבּרעאיש און אויך וועלטלעכע קעגנשטאַנדן. צו 18 יאָר איז ער אַוועק פון זײַן שטעטל, פאַרנומען זיך מיט געבן העברעאישע לעקציעס און אָנגעהויבן שרײַבן, צוערשט אין העברעאיש און שפּעטער, לויט פּרצעס עצה — אין יידיש.

אַש האָט צוערשט געשריבן דערציילונגען פונעם קליינעם שטעטל. שפּעטער

אַבער, האָט זיך אַש אַליין באַקאַנט מיטן יידישן לעבן אין דער גרויסער שטאָט און איבער דער וועלט בכלל. ער האָט אַרומגערייזט איבער זייער פיל לענדער, ווו עס ווױנען נאָר, אָדער עס האָבן געוווינט יידן. ער איז געווען אין ארץ־ישראל, אין פראַנקרייך, אין איטאַליע, אין שפּאַניע; ער האָט אַ לענגערע צייט געלעבט אין ניו־יאָרק. אין יעדן פּלאַץ האָט ער זיך באַקאַנט מיטן יידישן לעבן, ווי אויך מיט דעם אָרט ווו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט די יידישע פאַרגאַנגענהייט. נאָכדעם האָט ער דאָס לעבן אָדער די פאַרגאַנגענהייט קינסטלעריש געמאָלן פאַר אונדז אין זיינע דערציילונגען, מעשות, ראָמאַנען און דראַמעס.

פון זיינע ווערק, וועלכע אַש האָט אָנגעשריבן אין אַ גרויסער צאָל, ווערן פיל געלערנט און געלייענט אין די יידישע שולן. פון זיי איז באַזונדערס באַוווסט זיין „שטעטל”, אַ דערציילונג, ווו אַש מאָלט די שיינקייט פונעם יידישן שטעטל און די גרויסע ווירקונג וואָס ס'האָט געלאָזט אויף דער נשמה פונעם יידישן קינד. עס איז אויך זייער אינטערעסאַנט זיין מעשה „קידוש השם”, ווו ער מאָלט די לאַגע פון 17טן יאָרהונדערט, ווען די אוקראַינער, האָבן אונטער דער פירערשאַפט פון כמעלניצקין, געמאַכט אַן אויפשטאַנד קעגן די פּאָליאַקן, און דערביי מער פון אַלעמען זיך נוקם געווען אין די יידן.

שלום אַש איז געשטאָרבן אין עלטער פון 77 יאָר, אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, דעם 10טן יולי, 1957 י.

אַש איז געווען זייער אַ פּרוכטבאַרער שרייבער. ער האָט אָנגעשריבן פיל, פיל זאַכן וואָס פאַרשאַפן פאַרגעניגן און כבוד דעם יידישן לייענער.

יהואש

(ביאָגראַפיע)

יהואָש (אָדער ווי זיין אמתער נאָמען איז געווען שלמה בלומגאַרטן) איז געבוירן געוואָרן אינעם שטעטל ווערזשבאָלאָוואָ, סוואַלקער געגנט, אין חודש ניסן 1871 י. זיין פאָטער איז געווען אַ גרויסער לערנער און אַ קלוגער ייד. ער האָט זיך טיילווייז אויך אינטערעסירט מיט פילאָזאָפישע און אַפילו השכלה־ווערק; דאָך איז ער געווען זייער אַ פרומער ייד.

יהואָש האָט ביז אַ יאָר דרייצן געלערנט אין חדר. אָפּגעגעבן זיך מיט לערנען דעם תלמוד און אַנדערע רעליגיעזע ספרים; אָבער אין דער זעלבער צייט, האָט ער שטילערהייט געלייענט אויך השכלה־ווערק אונטער דער ווירקונג פון זיין עלטערער שוועסטער.

שפּעטן)׳ האָט יהואָש געלערנט וועלטלעכע למודים, שטודירט דײַטש און רוסיש, אַ סך געלייענט פון דער אַלגעמיינער ליטעראַטור.

אויף אַ קורצער צײַט איז יהואָש אַוועקגעפאָרן לערנען אין דער דעמאָלט־באַוווסטער וואָלאָזשינער ישיבה. אָבער די ישיבה האָט אים נישט צופרידן געשטעלט. דאָרט אין ישיבה האָט יהואָש אויך אָנגעהויבן צו שרײַבן. און טאַקע אויף יידיש. די ערשטע לידער זײַנע זײַנען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין פּרצס „יודישע ביבליאָטעק״, און פּרץ האָט אין דעם נײַעם דיכטער באַמערקט טאַלאַנט.

אין 1890 איז יהואָש אַוועק קיין אַמעריקע. אַ צײַט האָט ער כמעט נישט געשריבן און זיך אָפּגעגעבן מ׳יט געשעפט. אָבער אין אַ ביסל צײַט אַרום איז ער קראַנק געוואָרן און געמוזט אַוועק אין אַ סאַנאַטאָריום אין דענווער. פון דעמאָלט אָן הייבט זיך אָן די אומאיבערגעריסענע ליטעראַרישע טעטיקייט פון יהואָשן.

יהואָש האָט געשריבן אַ סך לירישע לידער, אין וועלכע ער גיט איבער זײַן שטימונג און איבערלעבונגען, מערסטנס נישט קיין פריילעכע. ער האָט אויך געשריבן אַ סך באַלאַדעס. ער האָט אויך אָנגעשריבן אַ ריי פאַבלען.

אין 1914 איז יהואָש אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל און געוווינט אין דער קאָלאָניע רחובות. אָבער צוליב דער מלחמה האָט ער געמוזט זיך אומקערן צוריק קיין ניו־יאָרק. אָט די רײַזע זײַנע האָט יהואָש באַשריבן אין זײַנע דרײַ בענד „פון ניו־יאָרק ב׳יז רחובות און צוריק״.

דעם לעצטן צענדליק יאָר זײַנעם, האָט אָבער יהואָש אָפּגעגעבן הויפּטזעכלעך אויף דער איבערזעצונג פון דעם תנ״ך אין יידיש. ער האָט זיך כמעט ווי אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, געזעסן בײַ זיך אין צימער און געאַרבעט אויף דער איבערזעצונג. און ער האָט איבערגעזעצט דעם גאַנצן תנ״ך אין אַ שיינעם און קלאָרן יידיש. און זיצנדיק אַמאָל בײַ אָט דער וויכטיקער אַרבעט, איז יהואָש געשטאָרבן. דאָס איז געווען דעם 10טן יאַנואַר 1927 י.

יהואָש איז געווען איינער פון אונדזערע שענסטע שרײַבער און דערצו איינער פון אונדזערע שענסטע מענטשן. אַלעמאָל איידל, שטיל, בנעימותדיק; אַ גוטער חבר, זייער אַן אָנגענעמער בעל־שמועס; קיינעם נישט באַליידיקט, נישט אין דער ליטעראַטור און נישט אין מינדלעכן געשפּרעך. ער איז געווען און וועט בלײַבן אַ בײַשפּיל פון שיינער און אינטעליגענטער באַציאונג פון מענטש צו מ׳ענטש.

רייזען

(ביאָגראַפיע)

אברהם רייזען איז געבוירן געוואָרן אין 1875 אין שטעטל קאָידאַנאָווא, מינסקער גובערניע. ער האָט באַקומען זײַן דערציאונג אין חדר און אין בית־מדרש, ער האָט אָבער אויך געלערנט רוסיש און אַנדערע וועלטלעכע קעגנשטאַנדן.

אַ צײַט האָט ער געגעבן העברעאישע לעקציעס אין אייניקע שטעטלעך אין דער ליטע. נאָכדעם האָט ער פיר יאָר געדינט אין מיליטער. קומענדיק אַהיים האָט ער זיך אָנגעהויבן אָפּגעבן מיט שרײַבן. שפּעטער איז ער אַוועקגעפאָרן אין וואַרשע, ווו ער האָט זיך באַטייליקט אין פאַרשיידענע יידישע ליטעראַרישע אויסגאַבן.

אין געוויסע צײַטן האָט רייזען אויך אַליין רעדאַגירט אייניקע יידישע שריפטן. ער האָט געשריבן לידער און קורצע מעשות אָדער סקיצעס. אין זײַנע לידער האָט רייזען אויסגעדריקט די נויטן פון די אָרעמע יידישע מאַסן און זײַן אייגענעם פּראָטעסט קעגן אַט די נויטן, און זײַן גלויבן אין בעסערע צײַטן. און אין אַ סך פון זײַנע מעשות גיט ער אַ בילד פונעם לעבן פון די אָרעמע; — צוערשט פונעם קליינעם שטעטל און נאָכדעם אויך פון דער גרויסער שטאָט. רייזענס לידער און מעשות זײַנען געווען, און זײַנען נאָך איצט אויך, זייער פּאָפּולער צווישן די יידישע לייענער. צו אַ סך פון זײַנע לידער האָט מען געשאַפן מוזיק און זיי ווערן געזונגען פון קליין און גרויס.

ער האָט אַ סך געשריבן אין „פאָרווערטס״, אין „טאָג״ און אין דער „פרײַהייט״. אין דער גאַנצער יידישער וועלט איז געפײַערט געוואָרן מיט גרויס אנערקענונג, אַכטונג און ליבע, זײַן זיבעציקסטער געבורטסטאָג. פון 1910 ביזן לעצטן טאָג פון זײַן לעבן, האָט רייזען געוווינט אין ניו־יאָרק.

ער איז געשטאָרבן דעם 31סטן מערץ, 1953 י.

י. ל. פּרץ

אויב ניט נאָך העכער

און דער נעמיראָווער פלעגט סליחות־צײַט, יעדן פרימאָרגן, נעלם ווערן, פאַר־שווינדן!

מע פלעגט אים נישט זען אין ערגעץ; נישט אין שול, נישט איןביידע בתי־מדרשים, נישט בײַ אַ מנין, און אין דער היים אַוודאי און אַוודאי נישט. די שטוב איז געשטאַנען אָפן. ווער עס האָט געוואָלט, איז אַרײַן און אַרויסגעגאַנגען; גע־גנבעט בײַם רבין האָט מען נישט, אָבער קיין לעבעדיק באַשעפעניש איז אין שטוב נישט געווען.

ווו קען זײַן דער רבי?

ווו זאָל ער זײַן? מן־הסתם אין הימל! ווייניק געשעפטן האָט אַ רבי פאַר ימים־נוראים צו פאַרזאָרגן? יידעלעך, קיין עין־הרע, דאַרפן פרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פרום זײַן; און די זינד זײַנען דאָך גרויס, און דער שטן מיט זײַנע טויזנט אויגן קוקט פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פאַרקלאָגט, און מסרט... און ווער זאָל העלפן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

איינמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ ליטוואַק; לאַכט ער; איר קאָנט דאָך די ליטוואַקעס; פון מוסר־ספרים האַלטן זיי ווייניק, דערפאַר שטאָפּן זיי זיך אָן מיט ש״ס ופוסקים. ווײַזט דער ליטוואַק אַ בפירושע גמרא, — די אויגן שטעכט ער אויס! אַפילו משה רבנו, ווײַזט ער, האָט בײַם לעבן נישט געקאָנט אַרויף אויפן הימל, נאָר געהאַלטן זיך צען טפחים אונטערן הימל! גיי שפּאַר זיך מיט אַ ליטוואַק!

— ווו דען קומט אַהין דער רבי?

— מײַן דאגה! — ענטפערט ער און ציט מיט די אַקסל; און תוך כדי־דיבור (וואָס אַ ליטוואַק קאָן!) איז ער זיך מישב צו דערגיין די זאַך.

נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט, באַלד נאָך מעריב, גנבעט זיך דער ליטוואַק צום רבין אין חדר אַרײַן, לייגט זיך אונטערן רבינס בעט, און ליגט. ער מוז אָפּוואַרטן די נאַכט און זען, ווו דער רבי קומט אַהין, וואָס ער טוט סליחות־צײַט.

אַן אַנדערער וואָלט אפשר אײַנגעדרעמלט און פאַרשלאָפן די צײַט; אַ ליט־וואַק טוט זיך אַן עצה: לערנט ער זיך אויסנווייניק אַ גאַנצע מסכתא!

פאַרטאָג הערט ער ווי מע קלאַפּט צו סליחות.

דער רבי איז שוין נישט געשלאָפן אַ צײַט. ער הערט אים שוין אפשר אַ גאַנ־צע שעה קרעכצן.

ווער עס האָט געהערט דעם נעמיראָווער קרעכצן, ווייסט, וויפל צער פאַר כל־

ישראל, וויפל יסורים עס האָט געשטעקט אין זײַן יעדן קרעכץ... די נשמה פלעגט אויסגיין, הערנדיק דאָס קרעכצן! אַ ליטוואַק האָט אָבער אַן אײַזערן הארץ, הערט ער צו און ליגט זיך ווײַטער! דער רבי ליגט זיך אויך. דער רבי, זאָל לעבן, אויפן בעט, דער ליטוואַק — אונטערן בעט.

**
*

דערנאָך הערט דער ליטוואַק, ווי די בעטן אין הויז הייבן אָן סקריפּען... ווי די בני־בית כאַפּן זיך אַרויס פון די בעטן; ווי מען מורמלט אַ יידיש וואָרט, מע גיסט וואַסער אויף די נעגל, עס קלאַפּן אויף און צו די טירן... דערנאָך איז דער עולם אַרויס פון שטוב, עס ווערט ווײַטער שטיל און פינצטער. דורכן לאָדן שײַנט קוים אַרײַן אַ קליין ביסל ליכט פון דער לבנה...

מודה האָט ער געווען, דער ליטוואַק, אַז ווען ער איז געבליבן איינער אַליין מיטן רבין, איז אים באַפאַלן אַן אימה. די הויט איז אים שיר אויפגעלאָפן פאַר שרעק. די וואָרצלען פון די פאות האָבן אים געשטאָכן אין די שלייפן ווי די נאָדלען.

אַ קלייניקייט: מיטן רבין און סליחות־צײַט פאַרטאָג אַליין אין אַ שטוב!...

אַ ליטוואַק איז דאָך אָבער אײַנגעשפּאַרט, ציטערט ער ווי אַ פיש אין וואַסער און ליגט.

**
*

ענדלעך, שטייט דער רבי, זאָל לעבן, אויף...

פריער טוט ער, וואָס אַ ייד דאַרף טאָן... דערנאָך גייט ער צו צו דעם קליי־דער־אַלמער און נעמט אַרויס אַ פּעקל... עס באַווײַזן זיך פּויערשע קליידער: לײַוונטענע פּלודערן, גרויסע שטיוול, אַ סיערמענגע, אַ גרויס פוטערן היטל מיט אַ ברייטן לאַנגן לעדערנעם פּאַס, אויסגעשלאָגן מיט מעשענע נעגעלעך.

דער רבי טוט עס אָן...

פון דער קעשענע, פון סיערמענגע, שטאַרט אַרויס אַן עק פון אַ גראָבן שטריק...

דער רבי גייט אַרויס; דער ליטוואַק — נאָך!

דורכגייענדיק, טרעט אָפּ דער רבי אין קיך, בייגט זיך אײַן, פון אונטער אַ בעט נעמט ער אַרויס אַ האַק, פאַרלייגט זי אונטערן פּאַס און גייט אַרויס פון שטוב.

דער ליטוואַק ציטערט, נאָר ער טרעט נישט אָפּ.

אַ שטילער ימים־נוראימדיקער פּחד וויגט זיך איבער די טונקעלע גאַסן. אָפּט רײַסט זיך אַרויס אַ געשריי פון סליחות פון ערגעץ אַ מנין, אָדער אַ קראַנקער קרעכץ פון ערגעץ אַ פענצטער... דער רבי האַלט זיך אַלץ אין די זײַטן פון די גאַסן, אין שאָטן פון הײַזער... פון איין הויז צום אַנדערן שווימט ער אַרויס און דער ליט־וואַק נאָך אים...

און דער ליטוואַק הערט, ווי זיַין אייגן־האַרץ־קלאַפּן מישט זיך צוזאַמען מיטן קול פון רבינס שווערע טריט, אָבער גיין גייט ער, און קומט צוזאַמען מיטן רבין אויס דער שטאָט אַרויס.

**
*

הינטער דער שטאָט שטייט אַ וועלדל.

דער רבי, זאָל לעבן, נעמט זיך אין וועלדל אַריַין. ער מאַכט אַ דריַיסיק־פּער־ציק טריט און שטעלט זיך אָפּ ביַי אַ ביימל; און דער ליטוואַק ווערט נבהל ונש־תומם, זעענדיק, ווי דער רבי נעמט אַרויס פון פּאַס די האַק און שלאָגט אין ביימל אַריַין.

ער זעט, ווי דער רבי האַקט און האַקט, ער הערט, ווי דאָס ביימל קרעכצט און קנאַקט. און דאָס ביימל פאַלט, און דער רבי שפּאַלט עס אויף ליפּעס... די לי־פּעס — אויף דינע שיַיטלעך; און ער מאַכט זיך אַ בינטל האָלץ, נעמט עס אַרום מיטן שטריק פון קעשענע, ער וואַרפט דאָס בינטל האָלץ איבער די פּלייצעס, שטעקט צוריק אַריַין די האַק אינעם פּאַס, לאָזט זיך אַרויס פון וואַלד, און גייט צוריק אין שטאָט אַריַין.

אין אַ הינטער־געסל שטעלט ער זיך אָפּ ביַי אַן אָרעם, האַלב איַינגעבראָכן הײַזל און קלאַפּט אָן אין פענצטערל.

— ווער איז? — פרעגט מען דערשראָקן פון שטוב אַרויס. דער ליטוואַק דער־קענט, אַז עס איז אַ קול פון אַ יידענע, פון אַ קראַנקער יידענע.

— יאַ (איך)! — ענטפערט דער רבי אויף פּויעריש לשון.

— קטאָ יאַ (ווער איך)? — פרעגט מען וויַיטער פון שטוב.

און דער רבי ענטפערט וויַיטער אויף מאַלאָרוסיש לשון: — וואַסיל.

— וואָס פאַר אַ וואַסיל און וואָס ווילסטו, וואַסיל?

— האָלץ — זאָגט דער פאַרשטעלטער וואַסיל — האָב איך צו פאַרקויפן! זייער ביליק... בחצי־חנם האָלץ!

**
*

און נישט וואַרטנדיק אויף אַ תשובה, נעמט ער זיך אין שטוב אַריַין.

דער ליטוואַק גנבעט זיך אויך אַריַין, און ביַים גרויען ליכט פון פרימאָרגן זעט ער אַן אָרעמע שטוב, צעבראָכן, אָרעם כלי־בית... אין בעט ליגט אַ קראַנקע יידענע פאַרוויקלט מיט שמאַטעס, און זי זאָגט מיט אַ ביטער קול:

— קויפן? מיט וואָס זאָל איך קויפן? ווו האָב איך, אָרעמע אלמנה, געלט?

— איך וועל דיר באָרגן! — ענטפערט דער פאַרשטעלטער. — אין גאַנצן זעקס גראָשן!

— פון וואַנען וועל איך דיר באַצאָלן!? — קרעכצט די אָרעמע יידענע.

— נאַריש מענטש, — מוסרט זי דער רבי, — זע, דו ביסט אַן אָרעמע קראַנ־קע יידענע. און איך געטרוי דיר דאָס ביסל האָלץ; איך בין בטוח, אַז דו וועסט באַצאָלן. און דו, דו האָסט אַזאַ שטאַרקן, גרויסן גאָט, און געטרויסט אים נישט... און האָסט אויף אים, אויף נאַרישע זעקס גראָשן פאַרן בינטל האָלץ, קיין בטחון נישט!

— און ווער וועט מיר איינהייצן? — קרעכצט די אלמנה. — איך האָב דען כוח אויפצושטיין? מיין זון איז אויף דער אַרבעט געבליבן.

— איך וועל דיר איינהייצן אויך. — זאָגט דער רבי.

**
*

און אַריינלייגנדיק דאָס האָלץ אין אויוון, האָט דער רבי קרעכצנדיק געזאָגט פון סליחות דעם ערשטן פזמון...

און אַז ער האָט עס אונטערגעצונדן, און דאָס האָלץ האָט פריילעך געברענט, האָט ער געזאָגט, שוין אַ ביסל לוסטיקער, פון סליחות דעם צווייטן פזמון...

דעם דריטן פזמון האָט ער געזאָגט, ווען עס האָט זיך אויסגעברענט, און ער האָט די בלעך פאַרמאַכט...

**
*

דער ליטוואַק וואָס האָט דאָס אַלץ געזען, איז שוין געבליבן אַ נעמיראָווער חסיד.

און שפּעטער, אויב אַ חסיד האָט אַמאָל דערציילט, אַז דער נעמיראָווער הייבט זיך אויף סליחות־צייט יעדן פרימאָרגן און פליט ארויף אין הימל אַריין, פלעגט שוין דער ליטוואַק נישט לאַכן, נאָר צוגעבן שטילערהייט:

— אויב נישט נאָך העכער!

בעלא שאגאל

ראש־השנה

קומען אָן ימים־נוראים — פאַרטומלט זיך איינגאַנצן אונדזער שטוב. יעדער יום־טוב ברענגט מיט זיך זיין טעם, יעדערער וויקלט זיך אין זיין אייגענער לופט אַריין. אַ ליכטע, שהחיינודיקע, אויסגעוואַשענע לופט, ווי נאָך אַ רעגן — די לופט פון ראש־השנה.

נאָך די שוואַרצע סליחות־נעכט, שײַנט אַרויס צום נײַעם יאָר, אַ קלאָרער זונענדיקער טאָג. די וואָך פון סליחות — די אומרואיקסטע וואָך. דער טאַטע כאַפּט זיך אויף אין מיטן נאַכט, וועקט אויף די ברידער, און זיי אַלע טוען זיך שנעל אָן און פאַרשווינדן, ווי גנבים, הינטער דער טיר.

וואָס זוכן זיי אין דער וועלט, אין די פינצטערע גאַסן? אין בעט איז דאָך אַזוי וואַרעם! און ווי, אַז זיי קומען גאַרנישט צוריק, וועלן מיר דאָך מיט דער מאַמען זייער וויינען? איך הייב שוין אָן אַליין כמעט צו וויינען, און פאַרוויקל זיך טיפער אין די קאָלדרעס.

מיט אַ בלאַס אויסגעמאַטערט פּנים, טרינקט דער טאַטע טיי אין דער פרי. דער ערב יום־טובדיקער טומל פאַרטרײַבט אַלעמענס מידקייט.

מען פאַרמאַכט פרי די קראָם. אַלע גרייטן זיך גיין אין שול אַרײַן. מען גרייט זיך מער ווי אַלע מאָל, ווי מען וואָלט צום ערשטן מאָל אַהין גיין. יעדערער טוט אָן וואָס נײַעס; ווער אַ פרישן, העלן הוט; ווער אַ נײַעם שניפּס; ווער אינגאַנצן אַ נײַעם בגד.

די מאַמע טוט אויף אָן אַ ווײַס־זײַדענע בלוזקע, און ווי אַ באַנײַטע מיט אַ פרישער נשמה, אײַלט זי זיך גיין אין שול אַרײַן.

אָן עלטערער ברודער מישט איר אויף דעם גראָבן מחזור און פאַרבייגט די זײַטן, ווו זי דאַרף דאַווענען. אויף זיי שטייט שוין פון יאָרנלאַנג אָנגעשריבן מיטן זיידנס האַנט: זאָג.

דערקענט די מאַמע די שורות, וואָס זי האָט אויסגעוויינט פאַראַיאָרן. אַ ציטער פאַרוואָגלט אירע אויגן. זי אײַלט זיך אין שול אַרײַן, זיי ווײַטער צו באַוויינען, ווי גאָר פונדאַסנײַ.

אַ פּאַק מיט ספרים אָנגעגרייט פאַר איר. זי וויקלט זיי אין אַ גרויס נאָזטיכל אַרײַן און נעמט זיי אַלע מיט זיך. זי דאַרף דאָך אויסבעטן אַ גוט יאָר פאַר דער גאַנצער משפּחה...

דעם טאַטנס ספרים און טלית קומט אָפּנעמען, בײַטאָג, דער שמש.

איך בלײַב איינע אַליין. די שטוב איז פּוסט, און איך בין אויך ווי אָן אויסגעליידיקטע. דאָס אַלטע יאָר, ווי אַ פאַרלאָרנס, שלעפּט זיך ערגעץ ווו הינטער די פענצטער. דאָס קומענדיקע יאָר דאַרף דאָך זײַן אַ העלער, אַ ליכטיקער. כ׳וויל גיכער איבערשלאָפן די נאַכט.

צומאָרגנס אינדערפרי גיי איך אויך אין שול. איך בין אויך אָנגעטאָן אין נײַע קליידער, פון קאָפּ ביז די פיס די זון שײַנט. די לופט — קלאָר און לעבעדיק, מײַנע נײַע שיכלעך קלאַפּן טרוקן אָפּ. איך אײַל זיך צו. אַוודאי איז שוין אין שול אָנגעקומען דאָס נײַע יאָר. אַוודאי בלאָזט שוין דאָרט דער שופר. ס׳קלינגט מיר שוין אין די אויערן. מיר דוכט זיך דער הימל אַליין האָט זיך אַראָפּגענידערט און יאָגט זיך צו דער שול מיט מיר אינאיינעם. איך לויף צו דער ווײַבערשער שול. כ׳גיב אַ שטופּ די טיר. ס׳גיט אַ בלאָז פון דאָרט אַ היץ, ווי פון אַ באַק־אויוון. אַ

פאַרשטיקטע לופט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. די שול איז אָנגעפּאַקט. די הויכע טיש־לעך פאַרוואָרפן מיט ספרים. אַלטע ווײַבער זיצן, ווי אײַנגעזונקענע. מיידלעך שטייען, כמעט אויף די קעפּ פון די אַלטיטשקע. קינדער שטופּן זיך אונטער די פיס.

איך וויל זיך צורוקן צו דער מאַמען. אָבער זי זיצט אַזוי ווײַט, גאָר פון פאָרנט, בײַם סאַמע פענצטער פון מאַנסביל־שול. ווי איך גיב מיך נאָר אַ ריר, טוט זיך אַ קער צו מיר אַ ווײַבערשטע פלייצע, אַ פאַרוויינט פּנים טוט בייז אויף מיר אַ קוק:

— אַה!... אַה!... — בלאָזט זי אויס אויף מיר איר כעס.

מע שטופּט מיך פון הינטן; און, ווי אַ באַפרײַטע, פאַל איך צו צום פאָרענטש. די מאַמע גיט מיר אַ ווונק מ'ט אַן אויג. זי איז צופרידן, וואָס איך בין שוין לעבן איר. אָבער ווו איז דער שופר? ווו איז דאָס נײַע יאָר?

איך קוק אויף די ווענט פון מאַנסביל־שול. דער אָרון־קודש — פאַרמאַכט. דאָס פּרוכת — פאַרצויגן. שטיל און רואיק היטן אים די צוויי אויסגעניייטע לייבן. יידן טומלען זיך, ווי פאַרנומען מיט אַנדערש וואָס. בין איך געקומען צו פרי, צו שפּעט?

מיטאַמאָל ציט זיך אויס פון אונטער אַ טלית אַ האַנט מיט אַ שופר און בלײַבט אין דער לופטן. דער שופר גיט אַ בלאָז. אַלע וועקן זיך אויף. מע הערט אויף ריידן צווישן זיך. מע וואַרט. דער שופר גיט ווײַטער אַ בלאָז. אָפּגעהאַקט, ווי ס'וואָלט אים אויסגעפעלט אָטעם.

יידן קוקן זיך איבער. דער שופר בלאָזט אַ הייזעריקער. אַ מורמל פאַרלויפט איבער דער שול.

— וואָס פאַר אַ שופר־בלאָזן? אים פעלט כוח... אפשר בעטן אַן אַנדערן?...

און מיטאַמאָל, ווי דער בעל תוקע וואָלט דורכגעשטופּט דעם בייזן שטן, וואָס האָט פאַרשטאָפּט דעם שופר, הערט זיך אַ ריינער לאַנגער שאַל. ווי אַ רוף, איז ער פאַרלאָפן איבער דער גאַנצער שול, פאַרבלאָזט אַלע ווינקלען. יידן האָבן אָפּגע־לעבט. ווער עס גיט אַ זיפץ, ווער ס'שאָקלט צו. דער שאַל גיט זיך אַ הייב אין דער הויך. די ווענט — ווי אַ ריר געטאָן. ער קומ'ט אַן צו מיר, צו מײַן פאָרענטש. ער בלאָזט אין באַלקן אַרײַן, שטופּט די דיקע לופט, פאַרשטאָפּט יעדן ליידיקן אָרט ער פאַרבלאָזט מײַנע אויערן, מײַן מויל. ס'טוט מיר אַפילו וויי אין בויך. ווען וועט זיך אויסבלאָזן דער שופר? וואָס וויל פון אונדז דאָס נײַע יאָר?

**
*

איך דערמאָן זיך אָן אַלע מײַנע עבירות. גאָט ווייסט, וואָס וועט זײַן מיט מיר? ס'האָט זיך דאָך אַזוי פיל אָנגעקליבן פאַרן יאָר! דערוואַרט איך זיך קוים אויף דעם נאָכמיטאָג. איך אײַל זיך מיט דער מאַמען גיין צו תשליך, אויסטרייס־לען די עבירות אין אונדזער גרויסן טײַך. אויפן וועג, אַנדערע ווײַבער, מענער — אַלע גייען אַראָפּ דאָס קליין געסל, וואָס פירט צום ברעג. אַלע אָנגעטאָן אין

שוואַרצן, ווי זיי וואָלטן חלילה, גיין צו אַ לוויה. די לופט איז קאַלטלעך. פון הויכן ברעג־טײַך, פון גרויסן שטאָט־גאָרטן, בלאָזט אַ ווינט — פליען בלעטלעך אַראָפּ. געלע, רויטלעכע, ווי שמעטערלינגען, דרייען זיי זיך אין דער לופטן, קוליען זיך איבער, צעפּאַלן זיך אויף דער ערד. פליען אויך אַזוי אונדזערע עבירות? די בלעטלעך שורשען. קלעפּן זיך צו די שיך. איך פאַרשלעפּ זיי מיט זיך. מיט זיי צוזאַמען איז נישט אַזוי מוראדיק צו גיין צו תשליך.

— וואָס שטעלסטו זיך אַלץ אָפּ? — גיט די מאַמע מיך אַ צי פאַרן האַנט. — לאָז צורו די בלעטלעך!

באַלד שטעלן זיך אַלע אָפּ. די גאַס האָט זיך ווי אָפּגעהאַקט. טיפע, קילע וואַסערן, ווי צוגעשווומען צו די פיס.

אויפן ברעג טײַך טונקלען זיך שוואַרצע רעדלעך יידן. זייערע אויסגעצויגענע קעפּ מיט בערד וואַקלען זיך, טובלען זיך אין וואַסער, ווי זיי וואָלטן וועלן אָנזען דעם אָפּגרונט אַליין. מיטאַמאָל גיבן די יידן אַ דריי זייערע קעשענעס; פון אונטערשלאַק רײַסן זיך אָפּ ברעקלעך, קײַקלעך. די יידן מאַכן אַ ברכה אויפן קול און וואַרפן די ברעקלעך, צוזאַמען מיט די עבירות, אין וואַסער אַרײַן. אָבער, ווי וועל איך אויסטרייסלען מײַנע עבירות? איך האָב נישט קיין ברעקלעך אין די קעשענעס, האָב אַפילו קיין קעשענע נישט.

שטיי איך לעבן דער מאַמען און טרייסל זיך פון קאַלטן ווינט, וואָס הייבט אויף אונדזערע קליידלעך. די מאַמע זאָגט מיר אונטער די ברכות, און די ברכות מיט די עבירות צוזאַמען, פאַלן פון מויל גלײַך אין וואַסער אַרײַן. מיר דוכט זיך, דער טײַך איז ווי אָנגעשוואָלן פון אונדזערע אַלעמענס עבירות און קײַקלט שנעל די, מיטאַמאָל פאַרשוואַרצטע, וואַסערן.

און אויסגעליידיקטע, קערן מיר זיך אום אַהיים. די מאַמע זעצט זיך גלײַך זאָגן תהילים. זי וויל נאָך פאַרכאַפּן דעם טאָג, וויל נאָך וואָס אויסבעטן בײַ גאָט. אַ זשומען פאַרלויפט איבער דער פינצטערער שטוב. די לופט פאַרוואָלקנט זיך ווי דער מאַמעס שפּאָקולן. די מאַמע וויינט, שאָקלט שטיל מיטן קאָפּ.

וואָס זאָל איך טאָן?

מיר דוכט זיך, פון די געדיכטע תהילים־שורות גליטשן זיך ווייך אַראָפּ אונדזערע זיידעס, באָבעס. ס׳וויגן זיך זייערע שאָטנס, זיי ציען זיך, ווי פעדים, רינגלען מיך אַרום.

איך האָב מורא זיך אַ קער צו טאָן. אפשר שטייט ווער הינטער מײַן רוקן און וויל מיך פאַרכאַפּן אין זײַנע אָרעמס?

— מאַמע! — האַלט איך נישט אויס, און גיב זי אַ טרייסל פאַרן אַרבל.

זי הייבט אויף דעם קאָפּ, שנײַצט אויס די נאָז, און הערט אויף צו וויינען. זי גיט אַ קוש דעם תהילים און מאַכט אים צו.

— באַשקע, — גיט זי מיר אַ זאָג, — איך גיי אין שול אַרײַן. מיר וועלן באַלד אַלע קומען צוריק. ס׳טצוגרייטן דעם טיש, מײַן קינד!

— מאַמע, דאָס איז אויף שהחיינו מאַכן?

ווי זי גייט אַוועק, עפֿן איך פֿונאַנדער די שפּײַז־אַלמערס. כ׳שלעפּ פֿון דאָרט אַרויס הויכע פּאַפּירענע זעק, אָנגעפּאַקט מיט פּרוכטן, און שיט זיי אויס אויפֿן טיש. ווי אין אַ גרויסן גאָרטן, צעקײַקלען זיך אויפֿן טיש גראָבע, גרינע קאַווענעס. אין אַ זײַט בלײַבן ליגן שטענגלעך ווײַנטרויבן. גרויסע באַרן, זאַפּטיקע, האָבן זיך איבערגעקוליעט אויף זייערע קעפּלעך. זיסע געלע עפּל גילדענען זיך, ווי מען וואָלט זיי שוין געהאַט אײַנגעטונקט אין האָניק. פֿלוימען, טונקל־רויטע, צעשיטן זיך איבערן גאַנצן טיש.

אויף וואָס־זשע מאַכן שהחיינו? מיר האָבן דאָך פֿון דעם אַלעם געגעסן אַ גאַנצן יאָר?

איך זע פֿון אַן אַנדער זאַק שטעקט אַרויס, ווי אַ סאָסנע־ביימל, אַן אַנאַנאַס. אַ נײַע, פֿרעמדע פּרוכט.

— מאַשע, ווייסטו ווו ס׳וואַקסט אַן אַנאַנאַס?

— ווער ווייסט? — מאַכט זי מיט די הענט. — כ׳האָב אַנדערש וועגן וואָס צו טראַכטן.

קיינער ווייסט נישט פֿון וואַנען ס׳קומט אַנאַנאַס. מיט זײַן דראַפּיקער הויט זעט ער אויס, ווי אַ מאָדנער פֿיש. זײַן עק, אָבער, בלײַבט שטיין פֿון אויבן, ווי אַ פֿונאַנדערגעשפּרייטער פּעכער. איך גיב אַ ריר זײַן אָנגעשטאָפּטן בײַכל, ציטערט ער אויף פֿון אויבן ביז אַראָפּ. ס׳איז נישט אַזוי גלאַט אים אָנצורירן. ער האַלט זיך עפּעס ווי אַ קייסער. איך צאַם פּאַר אים אָפּ דעם מיטן טיש.

מאַשע צעשנײַדט אים אָן רחמנות. ווי אַ לעבעדיקער פֿיש, צעקרעכצט זיך דער אַנאַנאַס אונטער איר שאַרפֿן מעסער. זײַן זאַפּט, ווי ווײַסע בלוט, צעשפּריצט זיך איבער די פֿינגער. איך גיב אַ לעק, אַ זיס־ביטערער טעם.

איז דאָס דער טעם פֿון נײַעם יאָר?

— גאָט מײַנער! — שעפּטשע איך אין אײַלעניש. — ביז אַלע קומען פֿון שול צוריק, גיב אַ טראַכט וועגן אונדז! טאַטע־מאַמע בעטן אויס אין שול, אַ גאַנצן טאָג. בײַ דיר אַ גוט יאָר. דער טאַטע טראַכט דאָך שטענדיק וועגן דיר! און די מאַמע, אויף יעדן טראָט, דערמאָנט זי דאָך דײַן נאָמען! דו ווייסט, ווי זיי זײַנען פֿאַרהאָרעוועט, פֿאַרזאָרגט, גאָט מײַנער, דו קענסט אַלץ! מאַך, מיר זאָלן האָבן אַ זיס, גוט יאָר!

איך באַשיט שנעל דעם ביטערן אַנאַנאַס מיט מעל־צוקער.

— גוט יום־טוב! גוט יום־טוב! — שרײַען איבער איינער דעם אַנדערן די אַרײַנגעלאָפֿענע ברידער.

גלײַך נאָך זיי קומען טאַטע־מאַמע אַרײַן, בלאַסע און אויסגעמאַטערטע.

— לשנה טובה תכתבו ותחתמו!

ס׳האַרץ האָט מיר אַ שפּרונג געטאָן. ס׳האָט זיך געדוכט, גאָט אַליין רעדט מיט זייער מויל.

חנה סענעש

ערב יום־כפור ת״ש

איך וויל זיך מתודה זײַן, אָפּגעבן אַ דין וחשבון פֿאַר זיך אַליין, געבן אַ דין וחשבון גאָט — דאָס הייסט מעסטן מײַן לעבן און מײַנע מעשים מיט דער מאָס פֿון דעם העכסטן, לויטערסטן אידעאַל וואָס שטייט פֿאַר מיר. פֿאַרגלײַכן דאָס וואָס האָט געדאַרפֿט זײַן, מיט דעם וואָס איז דאָ.

איך וועל דעם ווידוי אָנהייבן, אין נאָמען פֿון דער מענטשהייט. עס איז נישטאָ קיין זינד אויף דער וועלט, וואָס גייט נישט אַרײַן הײַנטיקס יאָר, מער ווי אַלע אַנדערע יאָרן, אין דער קאַטעגאָריע פֿון די „זיבן פּאַכיקע זינד״. און עס איז נישטאָ וואָס אונדז צו באַשטראָפֿן, וואָרום פֿאַר יעדן טריט און פֿאַר יעדער טאַט, ווערט מען גלײַך באַשטראָפֿט. מיר אַלע ווערן באַשטראָפֿט פֿאַר זינד וואָס מיר זײַנען דוכט זיך אונדז, נישט באַגאַנגען, אָדער זײַנען געצוווּנגען געוואָרן זיי צו באַגיין. איך וויל נישט זאָגן, אַז בלויז יחידים, דיקטאַטאָרן, האָבן געבראַכט די דאָזיקע שרעקלעכע מלחמה, דעם גײַסטיקן צוזאַמענברוך, דעם גרויסן חושך, אַז בלויז זיי זײַנען פֿאַר אַלץ פֿאַראַנטוואָרטלעך. טאָ ווער איז דער שולדיקער? יעדער איינער באַזונדער? אפשר נישט. אָדער אַלע צוזאַמען — דער גאַנצער בנין, די אָרדענונג, די עקזיסטירנדיקע מאָראַל — די גאַנצע מענטשהייט צוזאַמען. אָבער דווקא די אַממערסטן שולדיקע, פֿילן דאָס נישט; און דאָס יידנטום בלײַבט אַליין מיטן ווידוי: „חטאנו״.

און איך... האָב געזינדיקט קעגן מײַן מוטער וואָס איך האָב זיך נישט גענוג גערעכנט מיט איר, בעת איך האָב געפּאַסט מײַן באַשלוס. איך האָב געזינדיקט קעגן מײַן ברודער וואָס איך האָב זיך נישט באַצויגן ערנסט צו דער פֿראַגע פֿון זײַן עליה. איך האָב געזינדיקט קעגן דעם לאַנד, בעת איך האָב אויבערפֿלעכלעך געאורטיילט וועגן ענינים, און נישט פֿאַרטראַכט טיפֿער וועגן זיי. איך האָב געזינדיקט קעגן מענטשן מיט גלײַכגילטיקייט, מיט אויסערלעכער ליבעסווירדיקייט. איך האָב געזינדיקט קעגן זיך, מיט פֿאַרשווענדן כוחות און פֿעאיקייטן, מיט נאַכלעסיקייט, מיט זיך נישט אַנטוויקלען גײַסטיק.

פֿונדעסטוועגן, האָב איך נישט מורא זיך צו שטעלן פֿאַרן געריכט. איך האָב געזינדיקט צוליב אַ ציל, און מײַנע כוונות זײַנען געווען גוטע. אויב איך בין דורכגעפֿאַלן, אויב איך בין נישט געווען גענוג שטאַרק, אויב איך האָב נישט געפֿונען דעם וועג, די פֿאָרם — שעם איך זיך נישט. איך באַדויער עס בלויז.

און די פּראָגראַם פֿאַרן נײַעם יאָר: לערנען און זיך פֿאַרטיפֿן אין מײַן פֿאַך, אין דער שפּראַך, און זוכן אַ וועג צו ווערן אַ מענטש. איך האָב מורא, אַז פֿאַר

דער לעצטער זאַך, זײַנען דאָ די באַדינגונגען זייער שווערע. אָבער איך וועל זיך באַמיען. וואָרום דאָס איז דער איינציקער וועג אויף וועלכן עס איז כדאַי צו גיין. אָבער ווי אַזוי?

איך וויל נאָר פאַרצייכענען אַ פאַרזוך פון אַ ליד:

במדורות מלחמה, בשרפה, בדלקה,
בין ימים סוערים של הדם,
הנני מדליקה פנסי הקטן,
לחפש, לחפש בן־אדם.

שלהבות השרפה מסמאות פנסי,
אור האש מסנור את עיני,
איך אביט, איך אראה, איך אדע, איך אכיר
כשהוא יעמוד לפני?

תן סימן, אלקים, תן סימן על מצחו,
כי באש, בדלקה ובדם,
כן אכיר את הזיק הטהור, הנצחי,
את אשר חפשתיו — בן־אדם.

„צווישן מלחמה־פײַערן, צווישן ברענענדיקע וועלטן, צווישן ברויזנדיקע ימים בלוט, צינד איך אָן מײַן קליין לאַמטערן — צו זוכן, זוכן אַ מענטש.

די שרפה־פלאַמען בלענדן מײַן לאַמטערן, דאָס פײַער בלענדט מײַנע אויגן. ווי אַזוי וועל איך זען, ווי אַזוי וועל איך וויסן, ווי אַזוי וועל איך דערקענען — אַז ער וועט שטיין פאַר מיר?

אַ סימן גיב מיר, גאָט, אַ סימן אויף זײַן שטערן, אַז צווישן שרפות און בלוט זאָל איך דערקענען דעם לויטערן, אייביקן פונק. דעם וואָס איך האָב געזוכט — דעם מענטשן".

אַבֿרהם רייזען

פֿאַרשפּעטיקט

— 1 —

עס האָט זיך אונטערגערוקט דער אָסיען. די טעג זײַנען געוואָרן קלענער און די נעכט גרעסער. אין קליינעם שטיבעלע בײַ אַנטאָשן — אַן אָרעמען פּויער אין אַ קליין דערפֿל — האָט מען שוין באַדאַרפֿט בײַנאַכט אַ לעמפּעלע ברענען. דאָס ליי־מענע פֿלעשל, וואָס אַנטאָש האָט בײַ אַ טעפּער, מיט דרײַ יאָר צוריק, געקויפֿט פֿאַר אַכט גראָשן, איז אַ טרוקנס געשטאַנען, און ס׳איז נישט געווען פֿאַר וואָס נאַפֿט צו קויפֿן. אויסערדעם, איז שוין בײַ אים זאַלץ אויך באַלד אויסגעגאַנגען; און פֿון זייף איז נאָר אַ שטיקעלע געבליבן; און פֿון דער מאַכאָרקע איז נאָר געבליבן אויף אַ פּאָר טעג. אַנטאָש האָט זיך אַלץ געקראַצט אין דער פּאַטילניצע, געשפּיגן און אַלץ געוואָרטשעט:

— קיין זאַלץ נישטאָ, קיין זייף נישטאָ, קיין מאַכאָרקע נישטאָ, גאָרנישט ניטאָ! ס׳איז שלעכט!...

פֿאַרדינען האָט אַנטאָש נישט געהאַט ווו. דער איינציקער ייד, וואָס האָט אין דאָרף געוווינט איז אַליין זייער אָרעם געווען; און אַנטאָש האָט געהאַט נאָר איין האָפֿענונג: פֿאַר סוכות אַנצוהאַקן אַ פֿולן וואָגן סכך און פֿירן עס אין שטעטל אַרײַן, און פֿאַרקויפֿן עס פֿאַר אַ פּאָר פּערציקער. אַלע יאָר טוט ער אַזוי, זינט ער האָט דאָס פֿערדל זײַנס, פֿאַר וועלכן ער האָט אָפּגעצאָלט אויפֿן יאַריד זעקס רובל.

— ווען וועט בײַ אײַך זײַן סוכות? — האָט ער גלײַך נאָך ראש השנה אָנ־געהויבן פֿרעגן דעם יידן, וואָס האָט געוווינט נישט ווײַט פֿון דאָרף.

— נאָך לאַנג! — פֿלעגט אים דער ייד ענטפֿערן.

— אָבער ווען? — פֿלעגט אַנטאָש רוען נישט לאָזן.

דער ייד, וועלכער האָט נישט געפֿילט אַנטאָשעס נויט, האָט אים איינמאָל אַ זאָג געטאָן, נישט פֿיל טראַכטנדיק:

— נאָך אַ וואָך.

אין אמתן איז נישט מער געווען ווי פֿינף טעג צו סוכות, און אַנטאָש האָט אויסגערעכנט, אַז צוויי טעג פֿאַר סוכות, איז די רעכטע צײַט צו פֿירן סכך אין שטעטל. דאָס איז געווען אַקוראַט דער ערשטער טאָג יום־טוב.

ער איז דעם טאָג פֿרי אויפֿגעשטאַנען, איבערגעביסן אַ שטיק גראָב שוואַרץ ברויט, וואָס ער האָט געטונקט אין זאַלץ פֿון אים אַליין צעשטויסן, פֿאַרטרונקען מיט אַ קוואָרט קאַלט וואַסער, האָט אײַנגעשפּאַנט דאָס האַלב־הונגעריקע, האַלב־

פאַרשלאָפענע פערדל, גענומען די האַק און זיך געלאָזן אין נאָענטן וועלדל.

ער האָט זיך גענומען האַקן די שטעכעדיקע צווײַגן אײנע נאָך די אַנדערע. גע־קליבן האָט ער אַלץ געדיכטערע און לענגערע. „בעסערע סחורה פאַרקויפט זיך גי־כער!״ — האָט ער דערבײַ געטראַכט. דער וואָגן איז אַלץ געוואַקסן און געוואַקסן. ער האָט גערעכנט, לכל הפחות, לייזן פאַר זײַן סחורה אַ גילדן דרײַ, און אים האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ס׳איז נאָך ווייניק, און ער האָט אַלץ געהאַקט און געלייגט די צווײַגן.

ענדלעך איז דער וואָגן פול געוואָרן. אַנטאָש האָט אים באַטראַכט פון אַלע זײַטן און איז צופרידן געבליבן.

— גענוג וועט זײַן! — האָט ער פאַר זיך הויך אַרויסגעברומט און גענומען דאָס פערד פאַרן צוים.

אַז ער איז אָפּגעפאָרן אַ פאַר טריט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווײַטער אַ קוק געטאָן אויף דעם וואָגן.

— און אפשר וועט זײַן ווייניק? — האָט ער זיך פלוצים דערשראָקן, האָט אויסגעהאַקט נאָך פינף צווײַגן און האָט זיך גענומען פאָרן, שוין אויף זיכער.

ער איז געפאָרן לאַנגזאַם, טריט בײַ טריט, און לאַנגזאַם, טריט בײַ טריט, זײַנען אויך אַזוי אין קאָפּ זײַנע געדאַנקען געגאַנגען, ווי זיי וואָלטן נישט וועלן גיין גיכער פאַר דעם פערדל. אַנטאָש האָט גערעכנט, וויפל זאַלץ וועט ער קאָנען קויפן און וויפל זייף, וויפל „גאַזע״ און וויפל מאַכאַרקע פאַר דעם געלט, וואָס ער וועט אָפּלייזן אין שטעטל, בײַ די יידן. ענדלעך האָט אים דער חשבון פאַרמאַ־טערט און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט האָבן די צוויי גילדן אין האַנט, וועט גרינגער זײַן צו באַרעכנען, ווי אַזוי אַלץ אײַנצוקויפן, און נאָך דעם באַשלוס, איז פון אים ווי אַ משא אַראָפּ.

— 2 —

אַז ער איז מיט זײַן וואָגן אַרײַנגעפאָרן אין אַנהייב שטעטל, און האָט דערזען די סוכות שוין באַדעקט מיט סכך, האָט זיך אים ווי עפּעס אָפּגעריסן אינעווייניק, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז די סוכות און די הײַזער — אַלע דרייען זיך און שפּרינגען. ער האָט זיך אָבער געשטאַרקט און געטרייסט, אַז אַלע יאָר איז אַזוי: אַ סך יידן דעקן צו פריער, און אַ סך שפּעטער. דערפאַר איז שפּעטער טײַערער.

— כ׳וועל נעמען טײַערער! — האָט ער באַשלאָסן.

ער איז געפאָרן ווײַטער. אויף אַ גאַניק זײַנען געשטאַנען צוויי ווײַבער: אײנע אַ יונגע און אײנע אַן עלטערע; זיי האָבן געטײַט מ׳יט די פינגער און האָבן גע־קײַכט פאַר געלעכטער.

— וואָס לאַכט איר? — האָט אַנטאָש מיט כעס געפרעגט.

— וואָס דו פירסט שוין אַזוי פּרי׳ דעם סכך! — האָבן זיי אים לאַכנדיק גע־ענטפערט.

— ווי הייסט פּרי? — האָט אַנטאָאַש דאָס לאַכן נישט פאַרשטאַנען.

— פּרי, פּרי... — האָבן די פרויען געלאַכט.

— טפו! — האָט אַנטאָאַש מיט צאָרן אויסגעשפּיגן און זיך געלאָזט ווײַטער. טראַכטנדיק:

— ווי קאָן דאָס זײַן? בערקע האָט אַליין געזאָגט: „אין אַ וואָך אַרום“. איך האָב דאָך אַזוי גוט געחשבונט: נאָך צוויי טעג.

אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַגאָסן, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט פון יענער צײַט אָן, זײַט בערקע האָט אים געזאָגט, אפשר נישט גוט געציילט. ער האָט פאַרשפּעטיקט! געוויס, געוויס! אַלע סוכות זײַנען שוין באַדעקט מיט סכך... ער וועט בלײַבן אָן זאַלץ, אָן מאַכאָרקע, אָן זייף, אָן „גאַזע“...

טרויעריק האָט ער געפירט דאָס פערדל, וואָס האָט קענטיק געשפּירט דאָס גרויסע אומגליק, וואָס דאָ שטייט פאַר זײַן באַלעבאָס, און האָט זיך קוים גע־שלעפּט, אַראָפּגעלאָזן דעם מידן קאָפּ זײַנעם.

דערווײַל האָבן די באַלעבאָטים שוין גענומען גיין ביסלעכווײַז פון שול, אויס־געפּוצט יום־טובדיק.

דערזעענדיק דעם פּויער מיטן וואָגן סכך, האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס, און האָבן דערשטוינט געקוקט איינער אויפן אַנדערן. נאָך זייער קוקן האָט זיך געדאַכט, אַז זיי האָבן זיך דערשראָקן: אפשר האָבן זיי אַ טעות גע־האַט און פּרי סוכות געמאַכט?...

— וואָס פירסטו? — האָט אים איינער אַ פרעג געטאָן.

— וו׳ הייסט וואָס? — האָט אַנטאָאַש תמעוואַטע אויסגעשטעלט די אויגן. — כ׳פיר סכך אויף סוכות. קויפט, טײַערע, קויפט! — האָט ער זיך גענומען בעטן מיט אַ וויינענדיק קול.

די יידן האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— וואָס דאַרף מען איצטער סכך? גאָר דו! עס איז דאָך שוין יום־טוב. — האָט אים איינער געטרייסט.

נאָר אַנטאָאַש איז פון גרויס אומגליק ווי צעטומלט געוואָרן און האָט געשריגן, קראַצנדיק זיך אין דער פּאַטילניצע, און האַלב־וויינענדיק:

— קויפט, קויפט! כ׳דאַרף זאַלץ, כ׳דאַרף זייף, כ׳דאַרף קעראָסין...

דער עולם יידן וועלכער האָט אָנפאַנגס געלאַכט פון דער גאַנצער סצענע, איז געריהרט געוואָרן. זיי האָבן אַ קוק געטאָן אויפן אָרעמען דאָרפישן פּויערל, דערזען דאָס פאַרצווייפלטע פּנים, און אַ געפיל פון מיטלייד האָט זיך אין זייערע הערצער דערוועקט.

— אַן אָרעמער גוי, אַ ביטערער רחמנות! — האָט איינער אַרויסגעזאָגט פאַר־קרימענדיק מיט ווייטיק זײַן פּנים.

— ער האָט געהאַפּט נעבעך גאַנצע גליקן מאַכן פון דעם סכך, מיטאַמאָל — נאַ דיר! — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— ער וואָלט געוועזן אַ יושר אָפּצוקויפן ביי אים די סכך. — האָט נאָך איינער פאַרגעלייגט.

— עס איז אויף האָלץ ווערט דאָס געלט. — האָט איינער געשאַצט, באַטראַכטנדיק דעם פולן וואָגן מיטן סכך.

— ווערט היינט, ווערט מאָרגן! אַז ס'איז יום־טוב...

— ניטאָ קיין זאַלץ, ניטאָ קיין קעראָסין, ניטאָ קיין זייף... — האָט דער פויער געזונגען זיין לידעלע, ניט פאַרשטייענדיק וואָס די יידן רעדן אויף זייער לשון, נאָר פילנדיק, אַז מען טראַכט וועגן אים עפּעס גוטס.

— שאַ, ער דאַרף גאָר קיין געלט נישט, ער דאַרף סחורה. סחורה, אָן געלט, מעג מען געבן אום יום־טוב אויך! — האָט איינער געבוירן גאָר אַ נייע אידייע.

דער עולם איז לעבעדיק געוואָרן. עס האָט זיך געפונען צווישן רעדל יידן אַ קרעמער, וואָס האָט געהאַט דערביי אַ קראָם.

— גיב אים, חיים, אַ פּאָר טעפּלעך זאַלץ מיט נאָך דאָרטן, וואָס ער דאַרף. גיב אים אויך אַ פּאָר גילדן. אַ רחמנות! מיר וועלן אַלע ליידן דעם היזק...

— נו, נו, מהיכא־תיתי! — האָט זיך ר' חיים אָנגעכאַפּט. — אַן אָרעמער גוי, טאַקע אַ רחמנות...

— אַ מצווה, אַ מצווה! ווי איך בין אַ ייד! — האָט יעדערער פון עולם געוואָרעמט.

חיים האָט אָפּגערופן דעם גוי, נאָך וועלכן דאָס גאַנצע רעדל איז נאָכגעגאַנגען, האָט געעפנט די קראָם און האָט אים געגעבן צוויי טעפּ זאַלץ, אַ שטיק זייף, אַ פלעשל נאַפט און צוויי פּעקלעך מאַכאָרקע.

דער פויער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן פאַר שמחה, צי לאַכן, צי וויינען. ער איז נאָר אין שטאַנד געווען צו מורמלען:

— אַ דאַנק, אַ דאַנק!

— נאַ דיר נאָך אַ שטיקל חלה! — האָט אים פּלוצלונג, אַז ער האָט שוין די סחורה איינגעפּאַקט, עמיצער אונטערגעטראָגן. — דו וועסט ברענגען אַהיים.

— נאַ דיר נאָך! — האָט אים נאָך איינער דערלאַנגט נאָך אַ שטיק.

— נאַ דיר נאָך!

— נאָך!

— נאָך!

און מען האָט אַנטאָשן גענומען טראָגן פון אַלע זייטן חלה. ער איז אַ צעטומלטער געוואָרן, און האָט קוים געקאָנט אויסריידן: „כ'דאַנק אייך!"

דער עולם איז געווען צופרידן. און יאַנקל לייבעס, אַ פריילעכער ייד, וואָס האָט געמאַכט יום־טוב פון דער פולער האַנט, און אָראָפּגעבראַכט אַ חתן צו גאַסט, האָט אים אַרויסגעטראָגן אַ גלעזל בראָנפן:

— נאָ, טרינק און פאַר געזונטערהייט אַהיים!

אַנטאָש האָט אין דער גיך אַרײַנגעגאָסן דאָס גלעזל בראָנפן אין מויל, פאַר־ביסן מיט אַ שטיקל חלה, און האָט פריילעך אויסגעשריגן:

— כ׳וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

שלום עליכם

דער טויטער אתרוג

— א —

מײַן טאַטע זאָגט, אַז הײַנטיקן סוכות וועט ער קויפן אַן אתרוג.

געקומען אין חדר, קאָן איך זיך נישט אײַנהאַלטן און פּויק אויס, אַז הײַנ־טיקן יום־טוב וועלן מיר האָבן אַן אתרוג, אַן אייגענעם אתרוג!

נאָר קיינער וויל מיר נישט גלויבן.

— וואָס זאָגט איר אויף זײַן טאַטן? — ריידן ייִנגלעך צווישן זיך — אַזאַ קאַסריליק, אַזאַ אָרעמאַן, גלוסט זיך אויך אַן אתרוג! ער מיינט, אַ פּנים, ס׳איז אַ לימענע, אַן עפּל פאַר אַ גראָשן!...

ווי איבעררײַשט אָבער בין איך געוואָרן, ווען קומענדיק אַהיים, טרעף איך ר׳ הענזל דעם שוחט זיצן מיטן פאָטער בײַם טיש, און פאַר זיי שטייט אַ קעסטל מיט אתרוגים, וואָס לאָזן זיך הערן מיט זייער גן־עדן ריח, איבער דער גאַנצער שטוב.

ר׳ הענזל דער שוחט לייגט פאַנאַנדער די גאַנצע קראָם זײַנע, קלײַבט אויס אַן אתרוג, טראָגט אים צו דעם טאַטן מיט צוויי פינגער און הייסט אים באַטראַכטן.

— אָט דעם אתרוג זאָלט איר נעמען, ר׳ משה יאַנקל, וועט איר האָבן הנאה...

— אַ קאַרפירער? — פרעגט דער טאַטע און באַטראַכט דעם אתרוג פון אַלע זײַטן, ווי מען באַטראַכט אַ בריליאַנט, און די הענט ציטערן אים פאַר פרייד.

— נאָך אַ מין קאַרפירער! — מאַכט דער שוחט.

דער טאַטע שפּיגלט זיך אינעם אתרוג, שמעקט אים, קאָן זיך אין אים נישט אָנקוקן, רופט צו די מאַמע און ווײַזט איר מיט אַ גליקלעך שמייכעלע אויף דעם אתרוג, ווי מען ווײַזט אַן אויף אַ צירונג, אָדער ווי אויף אַ שיין קינד, אַ טרייסט.

די מאַמע גייט צו, שטרעקט אויס די האַנט פאַוואָלינקע, וויל נעמען דעם אתרוג, גיט מען איר נישט. — „פאַוואָלינקע מיט די הענט! אַ שמעק, אויב דו ווילסט“...

די מאַמע באַנוגנט זיך כאָטש מיט אַ שמעק. מיר גיט מען אַפילו קיין שמעק אויך נישט! מיך לאָזט מען אַפילו נישט צו, איך זאָל נישט שטיין צו נאָענט, איך זאָל גאָר נישט קוקן אַפילו, וואָרום ס'איז אַ געפאַר.

— שוין, שוין, אָט איז ער דאָ! — זאָגט די מאַמע — אָט לאָזט אים נאָר צו, בײַסט ער באַלד אָפּ דעם פּיטום פון אתרוג!...

— לאָז גאָט היטן! — זאָגט דער טאַטע.

ר' הענזל שענקט זיי אַ ביסל קליאָטשע אויף אײַנצוּוויקלען דעם אתרוג, און דער ריח צעגייט זיך אין אַלע ווינקעלעך...

ווי אַ בריליאַנט, ווי אַ זעלטענעם שטיין, וואָס מען האָט איבערגעגעבן באַהאַלטן און אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג, אַזוי האָט מען גענומען דעם שמעקעדיקן אתרוג, אײַנגעהילט אין קלאָטשע, ווי מ'הילט אײַן אַ ציטעריק קינד, אַן איין און איינציקס, ס'זאָל חלילה נישט צוקילן דאָס העלדזל, און מען האָט פּאַוואָלינקע אויסגעבעט און באַגלייט אים אין אַ שיינער קײַלעכדיקער, הילצערנער, געטאָקטער, געפּאַרבטער פּושקע פון צוקער; דעם צוקער האָט מען געבעטן מחילה. און דעם אתרוג האָט מען אַרײַנגעבעטן ווי אַ ליבהאַרציקן גאַסט! — ברוך הבא, ר' אתרוג! אַרײַן, אין פּושקע אַרײַן!...

די פּושקע האָט מען פאַוואָלינקע צוגעדעקט מיטן דעקל, אַרײַנגעשטעלט אין דער גלעזערנער שאַפע, צוגעמאַכט דאָס טירל, און — אַ גוטן טאָג!

— איך האָב מורא, דער ווײַסער־חברהניק זאָל זיך נישט דאָביוועז צו דער שאַפע חלילה, און נישט אָפּבײַסן דעם פּיטום פונעם אתרוג!... — אַזוי טוט אַ זאָג די מאַמע, נאָכאַמאָל, און נעמט מיך פאַר אַ האַנט, שלעפּט מיך אָפּ פון דער שאַפע.

ווי אַ קאַץ, אַז זי דערשמעקט פּוטער, שפּרינגט אַראָפּ פון פּריפּעטשיק, גלײַכט זיך אויס דעם רוקן, הייבט זיך אָן אַרומדרייען, רײַבן זיך, קוקן איטלעכן באַזונדער אין די אויגן אַרײַן און באַלעקן זיך, אַזוי האָב איך, נעבעך, אַ היבשע צײַט זיך אַרומגעדרייט, אַרום דער שאַפע, אַרײַנגעקוקט אינעם גלעזערן טירל, געשמייכלט צו דער פּושקע מיטן אתרוג אַזוי לאַנג, ביז די מאַמע מײַנע האָט דאָס דערזען, האָט זי אַ זאָג געטאָן דעם טאַטן, אַז דער ווײַסער־חברהניק האָט חשק זיך דאָביוועז צום אתרוג און אָפּבײַסן דעם פּיטום...

— אין חדר אַרײַן, דו שקאָץ איינער, נישט געדאַכט זאָלסטו ווערן!...
איך בייג אײַן דעם קאָפּ, לאָז אַראָפּ די אויגן און גיי אין חדר אַרײַן.

די עטלעכע ווערטער, וואָס די מאַמע האָט אַ זאָג געטאָן דעם טאַטן מכוח דעם פּיטום פונעם אתרוג, זײַנען געווען פאַר מיר, קען מען זאָגן, אַ סם־המות, אַ גיפט אין די ביינער אַרײַן.

פון יענער מינוט אָן, האָט זיך דער „פּיטום פונעם אתרוג" באַזעצט בײַ מיר אין מוח, נישט אַרויסגעקראָכן פון מײַנע געדאַנקען אויף קיין מינוט. בײַנאַכט געקומען צו חלום, געטאָרעט מיך, געשלעפּט פאַר אַ האַנט:

„דו האָסט מיך נישט דערקענט, נאַרישו? דאָס בין איך, איך!..." איך קער זיך איבער אויף דער אַנדערער זײַט, קרעכץ און ווער אַנטשלאָפן. טאָרעט מען מיך ווידער: „שטיי אויף, נאַרישו! גיי עפן אויף די שאַפע, נעם אַרויס דעם אתרוג און בײַס מיר אָפּ, וועסטו זיך מחיה זיין!..."

אינדערפרי, אַז איך שטיי אויף, כאַפּ איך אַ קוק פאַרבײַגייענדיק אַהין, אין שאַפע, דורך דעם גלעזערנעם טירל, אויף דער פושקע מיטן אתרוג און עס דאַכט זיך מיר אויס, אַז די פושקע ווינקט צו מיר, רופט צו מיר, מאַכט מיט די אויגן: „אַהער!... אַהער, בחורל!..." איך נעם די פיס אויף די פלייצעס און מאַרש אין חדר אַרײַן.

איין מאָל, אין אַ שיינעם פרימאָרגן, אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך דערזען, אַז איך בין איינער אַליין, איינער אַליין אויף דער גאַנצער שטוב. דער טאַטע איז אין געשעפט, די מאַמע אין מאַרק, די דינסט פאָרעט זיך אין קיך.

— „אַלע אַוועק, נישטאָ קיין לעבעדיקער מענטש!..." — טראַכט איך זיך און כאַפּ אַ קוק אַהין, אין שאַפע אַרײַן, דורך דעם גלעזערנעם טירל, און דערזע די פושקע. זי ווינקט צו מיר, רופט מיך, מאַכט מיט אויגן: „אַהער! אַהער, בחורל!"... פּאַוואָלינקע, פּאַמעלעך, גיי איך צו צו דער שאַפע, עפן אויף דאָס גלעזערנע טירל, נעם אַרויס די פושקע, די שיינע, הילצערנע, געטאָקטע, געפאַרבטע פושקע. איך עפן אויף דאָס דעקל און איידער איך דעק נאָך אויף די קלאָטשע פון אתרוג, טוט מיר אַ זעץ אין נאָז אַרײַן אַ ריח, אַ שטאַרקער שאַרפער ריח, אַ גן־עדן ריח! און איידער איך קוק זיך אום, איז שוין דער אתרוג בײַ מיר אין האַנט און דער פּיטום טוט מיר אַ שפּרונג אין די אויגן אַרײַן.

— ווילסטו האָבן הנאה! פילן אַ טעם גן־עדן? נעם בײַס מיך אָפּ! האָב קיין מורא נישט, נאַרישו! קיינער וועט נישט וויסן, קיין בן־אָדם וועט ניט זען! קיין פויגל וועט ניט אויסזאָגן!

⁂

וואָס איז געווען ווילט איר וויסן? איר ווילט וויסן צי איך האָב אָפּגעביסן דעם פּיטום פונעם אתרוג? צי איך האָב זיך אײַנגעהאַלטן, נישט אָפּגעביסן דעם פּיטום פונעם אתרוג?... איך וואָלט וועלן וויסן וואָס וואָלט איר געטאָן אויף מײַן אָרט, ווען מען זאָל אײַך אָנזאָגן צען מאָל, איר זאָלט זיך ניט דערוועגן אָפּבײַסן דעם

פּיטום פונעם אתרוג? איר וואָלט ניט וועלן וויסן וואָס פאַר אַ טעם עס האָט אַ פּי־
טום פון אַן אתרוג? איר וואָלט ניט געפאַלן אויף דער עצה וואָס איך: אָפּבײַסן אײַן
צוריק צוקלעפּן מיט שפּײַעכץ? איר קאָנט מיר גלויבן אָדער נײן, דאָס איז אײַער
זאַך. אָבער בנאמנות שווער איך אײַך, אַז איך ווייס אַליין ניט, ווי דאָס איז גע־
שען: נאָר איידער דער אתרוג איז געווען בײַ מיר אין די הענט, איז שוין דער
פּיטום געלעגן בײַ מיר צווישן די ציין...

— ג —

דעם טאָג פון ערב סוכות, האָט זיך דער טאַטע געאײַלט קומען פאַר פרי און
האָט זיך באַשעפטיקט מיט אויסבינדן דעם לולב, צונויפקלײַבן די פיר מינים און

צוגרייטן אַלצדינג אויף דעם שענסטן אַרט. דעם צוגעקליבענעם, אויסגעפּוצטן לולב,
האָט ער אַוועקגעשטעלט גאַנץ אויבן אָן, אין אַ ווינקעלע, אַ ביסל אים צוגעשפּאַרט
אויף אַ זײַט און מיר האָט מען אָנגעזאָגט, אַז למען השם, איך זאָל זיך ניט דער־
וועגן צורירן צום לולב. נאָר ס׳איז געווען אומזיסט דאָס אָנזאָגן. איך האָב געהאַט
מײַנע אייגענע צרות: ס׳טײַטש דער פּיטום! דער פּיטום! צו וואָס האָב איך גע־

דאַרפט אָפבײַסן דעם פיטום? וואָס איז מיר דערפון אַרויסגעקומען? וואָס פאַר אַ טעם האָט אַ פיטום פון אַן אתרוג, אַז בסך־הכל איז גאָר פע! — גאָר ביטער ווי גאַל, אַ בייזע וויסטע חלשות! אומזיסט, און אומנישט קאַליע געמאַכט אַ פרי, גע־פסלט אַן אתרוג!... און אַז דער אתרוג איז געפסלט — דאָס בין איך שוין געוואָר געוואָרן אין חדר פון מײַנע חברים. פרעגט זיך דאָ אַ קשיא: צו וואָס האָט מיר געטויגט? צו וואָס האָב איך דאָס געדאַרפט?... עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב גענומען אַ לעבעדיקע זאַך, אָפגעביסן דאָס קעפל און צוגענומען בײַ דעם דאָס חיות; פאַרוואָס? פאַר ווען? בײַנאַכט אין שלאָף, איז דער אתרוג געקומען צו חלום און מיך געטאַרעט און געשלעפט פאַרן אַרבל, געוועקט און געטענהט: „וואָס האָסטו געהאַט צו מיר, דו שייגעץ איינער?... פאַרוואָס האָסטו אָפגעביסן מײַן פי־טום? איך בין דאָך שוין איצטער פסול!"... איך קער זיך איבער אויף דער אַנדע־רער זײַט קרעכץ און ווער אַנטשלאָפן, טאַרעט מען מיך ווידער: „קוילער! וואָס האָסטו געהאַט צו מײַן פיטום? צו מײַן פיטום? צו מײַן פיטום!"...

— ד —

געקומען דער ערשטער טאָג סוכות. נאָך דעם בײַנאַכטיקן פראָסטל, איז אויפ־געגאַנגען די זון אויפן לויטערן, בלויען הימל, און באַגאָסן די ערד מיט אַ פאַר־שפעטיקטער וואַרעמקייט פון אַ שטיפמאַמע... דעם טאָג האָט זיך דער טאַטע גע־פעדערט אויפצושטיין פאַרפרי איבערקוקן די קריאה, איבערזינגען זי מיט דעם באַ־קאַנטן שיינעם יום־טובדיקן ניגון. דעם טאָג האָט זיך אויך די מאַמע געפעדערט צו די יום־טובדיקע פיש מיט די יום־טובדיקע פאַרפל מיטן יום־טובדיקן מערן־צימעס. דעם טאָג האָט זיך אויך זלמן דער סטאָליער געפעדערט אָפבענטשן אתרוג בײַ אונדז אין דער סוכה, פריער פאַר אַלעמען, בכדי ער זאָל קאָנען טרינקען טיי מיט מילך און זיך אָנטאָן ווילטאָג לכבוד יום־טוב.

— זלמן בעט דעם לולב מיטן אתרוג — מאַכט די מאַמע צום טאַטן.

— עפן אויף די שאַפע, נעם אַרויס די פושקע, נאָר פאַוואָלינקע! — זאָגט צו איר דער טאַטע און אַליין שטעלט ער צו אַ בענקל צו דער שאַפע, און נעמט אַראָפ דעם לולב, און איז זיך אַליין מטריח מיט אים אין סוכה אַרײַן, מכבד זײַן דעם סטאָליער מיט דער מצווה.

— נאָט בענטשט אתרוג — מאַכט ער צום סטאָליער — נאָר פאַוואָלינקע, למען השם פאַוואָלינקע!...

זלמן דער סטאָליער, אונדזער שכן, איז קיין עין הרע אַ ייד אַ גבור און האָט צוויי הענט, וואָס איטלעכער פינגער פון זיי, וואָלט געקאָנט אַוועקלייגן דרײַ אַזעל־כע לייבעלעך ווי איך. אויף יעדן גראָבן פינגער איז בײַ אים פאַראַן אַ נאָגל, תמיד פאַרפאַפט און תמיד רויט פון לאַק, און מיט דעם נאָגל אַז ער פירט דורך איבער אַ ברעט, בלײַבט אַ טיפער סימן, אויסגעקריצט ווי מיט אַ שאַרף פון אַן אײַזן...

לכבוד יום־טוב האָט זלמן אָנגעטאָן אַ ווײַס העמד מיט אַ נײַער קאַפּאָטע, און האָט אין באָד זיך לאַנג געזייפט די הענט מיט זאָמד און נישט געקאָנט אָפּזייפן זײן; די הענט זײַנען געבליבן פאַרפּאַפּט און די נעגל רויט פון לאַק ווי פריער. אָט, אין די הענט, איז אַרײַנגעפאַלן דער ציטערדיקער שמעקעדיקער אתרוג. ניט אומזיסט האָט זיך דער טאַטע אַזש אַ וואָרף געטאָן, בשעת זלמן דער סטאָליער האָט אַ נעם געטאָן דעם אתרוג. אַ רעכטן קוועטש געטאָן און אַ גוטן טרייסל געטאָן מיטן לולב.
— פּאַוואָלינקע! פּאַוואָלינקע! — זאָגט צו אים דער טאַטע, און ציטערט איבערן אתרוג — אָט איצט קערט, זײַט מוחל, איבער דעם אתרוג מיט פּיטום אַראָפּ און זאָגט „שהחיינו", נאָר פּאַוואָלינקע! פּאַוואָלינקע! למען השם פּאַוואָלינקע!

פלוצלונג האָט זיך דער טאַטע געגעבן אַ וואָרף און אַ געשריי ניט מיט זײַן קול: „אוי!" אויף זײַן געשריי איז געקומען צולויפן אין שטוב אַרײַן די מאַמע.

— וואָס איז מיט דיר משה־יאַנקל? גאָט איז מיט דיר!

— גראָבער יונגאַטש! עם־הארץ! — האָט ער זיך צעשריגן אויפן סטאָליער, און איז גרייט אים דורס זײַן מיט די אויגן — ווי אַזוי איז מען אַזאַ גראָבער יונגאַטש? אַזאַ עם־הארץ? אַן אתרוג איז דען אַ האַק? צי אַ דאָלעטע? צי אַן זעק־בויער? איר האָט דאָך מיר איבערגעקוילעט דעם האַלדז אָן אַ מעסער! איר האָט געפּסלט דעם אתרוג! אָט ליגט דער פּיטום, אָט נאַט, זעט, גראָבער יונגאַטש, עם־הארץ וואָס איר זײַט...

אַלע זײַנען מיר מיטאַמאָל טויט געוואָרן. זלמן סטאָליער איז געשטאַנען אַ טויטער, נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָט זיך עס אים געטראָפן אַזאַ מין אומגליק. פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען וואָס דער פּיטום איז אַראָפּגעשפּרונגען? ער האָט דאָכט זיך געהאַלטן דעם אתרוג פון דער גרינג, קוים־קוים מיט די שפּיץ־פינגער! אַן אומגליק! אַזאַ אומגליק!...

די מאַמע איז געוועזן טויט, געבראָכן די הענט. — אַ מענטש, אַז ס'גייט אים נישט, — זאָגט זי מיט טרערן אין די אויגן — זאָל ער בעסער נעמען און באַגראָבן זיך לעבעדיקערהייט, אַ פרישער, אַ געזונטער, אין דר'ערד אַרײַן...

און איך? איך ווייס ניט, צי זאָל איך טאַנצן פאַר פרייד וואָס גאָט האָט מיר געטאָן אַזאַ נס, אויסגעלייזט פון אַזאַ צרה, פון אַזאַ אומגליק? צי איך זאָל וויינען אויפן טאַטנס יסורים און אויף דער מאַמעס טרערן? צי זאָל איך אַרומכאַפּן זלמן דעם סטאָליער און אים קושן די גראָבע הענט מיט די פאַרפּאַפּטע פינגער מיט די רויטע נעגל, דערפאַר, וואָס ער איז געוועזן מײַן שליח, מײַן גוטער שליח, מײַן מלאך הגואל, מײַן אויסלייזער?... איך טו אַ קוק אויפן טאַטנס פּנים, אויף דער מאַמעס טרערן, אויפן סטאָליערס הענט, אויפן אתרוג וואָס וואַלגערט זיך אויפן טיש אַ טויטער, געל ווי וואַקס, אָן אַ פּיטום, אָן אַ טראָפּן חיות, אַ מת, אַ בר־מנן, אַ טויטער נפש!...

— אַ טויטער אתרוג — זאָגט דער טאַטע מיט אַן אונטערגעבראָכענער שטימע.

— אַ טויטער אתרוג! — זאָגט אים נאָך די מאַמע, מיט טרערן אין די אויגן.

— אַ טויטער אתרוג, — זאָגט זיי נאָך זלמן דער סטאָליער און קוקט זיך אין די העגט אַריין.

— אַ טויטער אתרוג — זאָג איך מיט אַ פריילעכן טאָן און פאַרכאַפּ זיך, וואָרום איך ווייס דאָך יאָ, אַז דאָס בין איך, לייבל, געווען דער גזלן, דער קוילער, דער רוצח פונעם אתרוג!...



ש. פרוג

חנוכה־שפּיל

– קינדער! הערט, וואָס כ׳וועל אייך פרעגן
ואָט געזאָגט אונדז נחום מענדל
זיים־בערס (אַ יונג מיט ביינער
זון דערצו אַ קלוגער קאָפּ):

„פּורים־שפּיל׳ איז פון פאַרצייטנס
דאָ ביי אונדז; דאָס גאַנצע שטעטל
קאָכט און אַרבעט, ברענט און פלאַקערט.
אַ יאַריד, אַ טאַראַראַם!

„קומט אַ חנוכה — איז גאָרניט;
געבענטשט די ליכטלעך, לאַטקעס
געגעסן, מיטן דריידל
געדריידלט — און אַ סוף.

„סטייטש, מיט וואָס איז, זאָגט מיר,
ערגער
נעבעך, חנוכה פון פורים?
און פאַרוואָס ניט מאַכן טאַקע
אויך אויף חנוכה אַ שפּיל?

„וואָס? איר מיינט מען דאַרף דאָ עפּעס
גרויסע חכמות? גאָר ניט! נעמט אונדז
ווי מיר שטייען דאָ, איז האָט איר
גאָר אינגאַנצן, גיך און גוט:

„איך וועל זיין דער מלך־יון,
דו, אַברהמל, שפּילסט, למשל,
מתתיהו כהן־גדול,
און יונים וועלן זיין —

„חיים, טאָדרעס, איצע, בערקע,
חנא, נחמן, פּיצע, שמערקע,
עוזר, לייזער, גרשון־בער
ווער עס וויל, — אַבי וואָס מער.

„דאַרף מען וואָס? אַ פּאָן? אַ קיצור —
צו אַ לאָפּעטע אַ פּראָסטע
בינדט מען צו אַ טלית־קטן, —
כאָך מיט אים און שריי: „הורראַ!"

„הייבט זיך יידן! אַ מפּלה
אויפן יון! איינגעזונקען
זאָל ער ווערן!"... האַ? וואָס ווייטער?
בגדים פרעגט איר? אויך אַ זאָרג!

„איך, למשל... ס'איז אַ פּענדל
דאָ ביי אונדז פון רויטן קופּער
מיט אַ שפּיציקן הענטל,
כ'טו זי אָן, פאַרוויקל זיך

„פון דער נאָז און ביז די פּיאַטעס
אין אַ קאָלדרע אַ רויטע
און, פאַרשטייט איר? אָט־אָ בין איך
אַנטיוכוס, אויסגעטאָקט.

„איר, יונים, ס'הייסט סאָלדאַטן,
טוט זיך אָן אין קליידלעך, קאָפּטעס,
ווי דער מנהג איז ביי גרעקן;
שטעקנס, קאַטשערעס און העק

„וועלן זיין ביי אייך כלי־זין.
סמירררנאָ!... שאַגאָם... מאַרש!...
פאַרשטאַנען?
דו אַברהמל — מתתיהו —
נעם ביים טאַטן דעם כאַלאַט

„מיט די קוטאַסן, אַ בגד
פאַר אַ כהן־גדול — פּשוט
אויסגעגאָסן; דאַרף מען בעסערס?
אַן אַנטיק — אי ברייט, אי לאַנג.

„חוץ דעם, ברודער, נעם אַ גרויסן,
לאַנגן, שאַרפן מעסער, מחמת,
ווי דו ווייסט דאָך, דאַרפסטו דאָרטן
שטעכן יונ'ס קאָמאַנדיר;

„שטעל דיר פאָר: דער יאָלד אין גרויסע,
לאַנגע שטיוול, מיט אַ קעסל
אויפן קאָפּ, מיט לאַנגע וואָנצעס,
מיט אַ שפּיז אין האַנט... און דו —

„טוסט אַ שפּרונג, לויפסט צו — „דו גזלן

שרייסטו — „דו, רוצח איינער!
ווילסט מען זאָל אין גאָט פאַרגעסן?
אין דעם גרויסן, שטאַרקן גאָט,

„װעלכער האָט פֿון לאַנד מצרים
אונדז דערלײזט. דעם ים געשפּאָלטן,
און אַרײַנגעפֿירט דאָס ליבע
פֿאָלק־ישׂראל, אין אַ לאַנד,

„װעלכעס טריפֿט מיט מילך און האָניק,
בליט מיט באָקסערן און מאַנדלען,
זאָלן מיר אָן אים פֿאַרגעסן?
צו דײַן געצקעס בוקן זיך?

„כּורעים פֿאַלן פֿאַרן חזיר,
װאָס דו ברענגסט אים פֿאַר אַ קרבן?
האַ? דאָס פֿאָדערסטו, דאָס װילסטו?
בײן, אַ מכּה דיר אין האַלדז!

„נאַ דיר, נאַ, ימח־שמוניק."
און אַ שטאָך אים מיטן מעסער
גלײַך אין בויך אַרײַן!... פֿאַרשטײסטו?
די יונים בלײַבן שטײן

„אויף אַ רגע װי פֿאַרגליװערט...
נאָר דערזעענדיק דעם גבור
מיט די װאָנצעס, װי ער אַקערט,
גראַבלט מיט דער נאָז די ערד,

„כאַפּן זײ זיך אויף און לויפֿן
העגדום־פּעגדום... אַ בהלה,
אַ דערשטיקעניש... עס פֿליען
קלעפּ װי האָליץ... עס קאָכט, עס זידט...

„דער מזבח קערט זיך איבער
אויף אַ זײַט... דער חזיר בריוקעט,
קװיטשעט
שטײ נאָר... װאַרט אַ ביסל!..."
נחום מענדל שטעלט זיך אָפּ,

מוט אַ רײַב דעם שטערן — הערסטו? —
מאַכט ער, — גאָר ניט נאַריש, כ'לעבן,
אַ מזבח מיר אַ חזיר...
גוט... נאָר... אָבער, אַז אַזוי

„הײסט עס, דאַרף מען דאָך אַ חזיר?
װער־זשע װעט דעם חזיר שפּילן?...
בערקע! הער, דו ביסט אַ נפֿש
מיט אַ געמבע, האָסט אַ קװיטש

„במתּנה פֿון זײַן ליבן
נאָמען, — אײַ, אַ קװיטש! ס'איז ממש
אַן אַנטיק; דער גרעסטער חזיר
איז אַ הונט אַנטקעגן דיר!

„גנעם זשע בערקע לעב, די ראָליע,
שעם זיך ניט, פֿאַר אַ דבֿר־מצוה
מעג מען, ברודערקע...
נאָר בערקע
װערט צעקאָכט: „אָ, גײ אין דר־ערד!" —

שרײַט ער אויס — װער אײַנגעזונקען
מיט דעם גאַנצן שפּיל' אינאײנעם!
הערסט אַ פּלאַן? אַ שײנעם כּבֿוד
גיט ער מיר — אַ חזיר זײַן!?"

קורץ דערצײלן, װיפֿל ײנגלעך
ס'זײַנען דאָרט נישט געװעזן,
קײנער האָט דעם חזיר שפּילן
בשום אופֿן ניט געװאָלט, —

ליבע ברידער, װי כ'דערצײל אײַך,
איז צונישט געװאָרן אונדזער
שפּיל אויף חנוכּה, פֿאַרפֿאַלן
נחום־מענדלס גאַנצער פּלאַן...

אינהאַלט

		זייט
אונדזער וואָרט צו דער דריטער אויפלאַגע		3
גוט מאָרגן	י. גויכבערג	5
וואָס קינדער ווילן זײַן	ז. וואַסערצוג	5
אַ נאַרישער חלום	פרץ הירשביין	8
בויט אַ ייִנגעלע דאָס לאַנד	י. קאַמינסקי	10
פורים	לאה קאַפּילאָוויטש	11
אַ מעשה פון פורים	לעאָן עלבע	12
האַרבסט	י. גויכבערג	16
חנהלעס טאַטע	דניאל פערסקי	17
יוסף מוקיר שבת	אגדה	19
שבת פאַרנאַכט	יעקב אדלער	20
שבת	ג. ב.	21
עק וועלט	שלום עליכם	22
ייִדן	נחום יוד	24
אליהו הנביא	שלום עליכם	24
האַרבסט	נחום יוד	27
חד גדיא	י. לוקאָווסקי	28
גיטעלעס געבוירנטאָג	ב. סיגאַל	29
צוויי ברידער	אגדה	30
קוואַס (פון „מאָטל פייסי דעם חזנס")	שלום עליכם	31
אונדזער געזונטע פרייד	אברהם לעוו	36
ווינטער־אָוונט	נחום יוד	37
דער פרעמדער	מאַני לייב	38
ל"ג־בעומר	חנן קיעל	41
ל"ג־בעומר אין ארץ־ישראל	אברהם לעוו	42
נאָך גרינס	אברהם רייזען	43
רות	ח. מייטין	44
די ייִדישע תורה	דוד ברידזשער	46
זמן מתן תורתנו	ש. פרוג	47
ביכורים	שמואל צעסלער	48
חלוצים אין קיבוצים	ראובן ליפשיץ	48
גרויסער גאָט	מ. וואַרשאַווסקי	49
דאָס ליד פון ברויט	מאַני לייב	50
די זון מיט אַ רעגן	ל. נײַדוס	51
די פאַלמע	מ. ד. גיסער	51
מיר פאָרן קיין אַמעריקע	שלום עליכם	52
וויגליד	„	57
מיר גנבענען די גרענעץ	„	58
אַמעריקע	י. שוואַרץ	64
דער ערשטער טאָג אין אַרגענטינע	מרדכי אַלפערסאָן	66
ייִדישע קאָלאָניסטן	אברהם מאָשקאָוויטש	67

		זייט
אַרגענטינע	ח. י. פאַרבער	68
אַ בוים בליט אין מדבר	מ. א.	69
פרילינג אין דער קאָלאָניע	מרדכי אַלפערסאָן	75
אַ קאָלאָניסט	חבל כ״ץ	76
ד״ר הערצל (ביאָגראַפיע)		77
ירושלים	ק. מאַלאַדאַווסקי	78
ים-ליד	ח. נ. ביאַליק	79
תל-אביב	ז. סעגאַלאָוויטש	79
איך מעלק די וואַנט	ח. נ. ביאַליק	80
נעמען פון יידישע קינדער	אהרן צייטלין	81
ווי צו יענע	(פון ישעיה)	82
און עס וועט קומען אַ צייט	,,	82
מיר איז גוט — איך בין אַ יתום	שלום עליכם	83
טרייסט	(אגדה)	87
מנחם	,,	88
ביימער	אברהם רייזען	89
עם ישראל חי	מלכה לי	90
מיין לאַנד	(רחל) פון העב. ז. רובאַשאָוו	91
צו דעם קינדערלאַנד פון חומש	מאיר זימל טקאַטש	91
אַן אומזיסטער פּאַטש	י. ל. פרץ	92
שלום עליכם וועגן זיך אַליין	שלום עליכם	93
עפּיטאַפיע	,,	95
אַ פליג אַן עראָפּלאַן	א. לוצקי	96
די שטאָט קאַסרילעווקע	שלום עליכם	97
רמת-גן	י. מאַניק לעדערמאַן	98
יידיש	מאַני לייב	99
יידיש-לשון	א. שינדלער	99
לשנה טובה	ל. עלבע	101
לשנה טובה, ישראל	ח. קאָהען	103
ר׳ אמנון (אַ מעשה פון מיטלאַלטער)		105
יום-כפור	לאה קאַפּילאָוויטש	107
פיש לכבוד יום-כיפור	אפרים גאָלדבערג	107
די זיבן אורחים אין דער סוכה	שמואל מאַלץ	110
סוכות אין דער אַלטער היים	אברהם רייזען	114
די פאָן	שלום עליכם	116
מכביער-מאַרש	שמואל צעסלער	121
אַ זיסער חלום	ל. אמנאן	122
לכבוד חנוכה	ח. נ. ביאַליק	123
מאַפּע פון דער אַרגענטינער רעפּובליק	מעמאַס פּאַטריאָס	124
קריסטאָפער קאָלומבוס	,,	126
קאָלאָמבוס אין שפּאַניע	,,	126
די אַנטדעקונג פון אַמעריקע	,,	127
די אַנדערע רייזעס פון קאָלומבוסן	,,	128
די אַנטדעקונג פון „לאַ פּלאַטאַ טייך"	,,	128
גאַבאָטאָ	,,	130
די ערשטע גרינדונג פון בוענאָס איירעס	,,	130
די צעשטערונג פון דער ערשטער ב. איירעס	,,	131

די צווייטע גרינדונג פון בוענאָס איַירעס	טעמאַס פאַטריאָס	132
קאָלאָניזאַטאָרישע שטראָמען	,,	133
„דער ווירעינאַט" (וויצע־קעניגטום)	,,	133
די ענגלישע אינוואַזיעס	,,	135
די ווידער־דעראָבערונג	,,	135
די צווייטע ענגלישע אינוואַזיע	,,	136
די פאַרטיידיקונג	,,	137
די רעזולטאַטן פון די ענגלישע אינוואַזיעס	,,	137
די פרעלודיע פון דער מאַי־וואָך	,,	138
די עפנטלעכע פאַרזאַמלונג פונעם 22סטן מאַי	,,	139
די רעוואָלוציע און די אומאָפּהענגיקייט	,,	140
די פאַרשידענע עטאַפּן פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג	,,	142
מאַנועל בעלגראַנאָ	,,	143
עטאַפּן פון דער רעוואָלוציע	,,	145
די פאַרזאַמלונג פונעם יאָר XIII	,,	146
גענעראַל דאָן כאָסע דע סאַן מארטין	,,	147
די אַרגענטינער נאַציאָנאַלע סימבאָלן	,,	148
דער 9טער יולי — טוקומאַנער קאָנגרעס	,,	149
ריוואַדאַוויאַ	,,	151
Himno Nacional Argentino	,,	152
דער נאַציאָנאַלער הימן (זיַין שאַפונג)	,,	153
דער נאַציאָנאַלער הערב	,,	153
דער טאָג פון דער קאָנסטיטוציע	,,	154
די אַרגענטינער קאָנסטיטוציע — הקדמה	,,	155
דער קאַמף אַרום דער קאָנסטיטוציע	,,	156
דער 11טער סעפּטעמבער (סאַרמיענטאָ און לערער־טאָג)	,,	158
באַרטאָלאָמע מיטרע	,,	159
אַלבערדי	,,	160
די באַפעסטיקונג פון דער נאַציאָנאַלער אייניקייט	,,	161
וויַיטערדיקע פּרעזידענטן	,,	162
דער אלף בית	ח. נ. ביאַליק	163
דער גמרא־ניגון	אברהם רייזען	165
דאָס מעסערל	שלום עליכם	165
דער מתמיד	ח. נ. ביאַליק	177
מרדכים יחוס	יוסף אָפּאַטאָשו	180
מע קאָסיעט היי	משה קולבאַק	182
פריַיטיק אין שטעטל	שלום אַש	183
מיַין מאַמע זכרונה לברכה	ח. נ. ביאַליק	185
די מטבע	ש. י. עגנון	187
די פורים־שפּילער	שלום עליכם	190
דער קונצנמאַכער	י. ל. פּרץ	192
דער אורח ביַים סדר	אברהם רייזען	197
פּסח אין גליל העליון	ל. חיין	198
צוויי ברידער	י. ל. פּרץ	201

מיר אַרבעטן אין שאַפּ — שלום עליכם — 204
מײַן ייִנגעלע — מ. ראָזענפעלד — 206
מײַן ערשטער דעפּאָזיט — משה נאַדיר — 207
אין שניי — מאַני לייב — 211
רבי עקיבא — א. ליעסין — 214
ל״ג-בעומר — שלום עליכם — 215
נעמי און רות — מיכל אַראָנסאָן — 220
בכורים — א. ליעסין — 221
דער בכורים יום-טוב אין חיפה — ז. ראָזענטאַל — 223
יונגע ביימעלעך — מ. מ. ראָזענבאַום — 224
קאָרנשוועסטערלעך — דוד איינהאָרן — 225
דער רויזנשטרויך — אברהם טקאַטש — 226
לך-לך — א. אַלמי — 230
מײַן גאָרטן — ח. נ. ביאַליק — 231
בערל-אײַזיק — שלום עליכם — 232
די גרינע — מאָריס ראָזענפעלד — 236
די ערשטע וואָכן אין פּאַלאַסיאָס — יוסף מענדעלסאָן — 238
אין דער פּאַמפּאַ — ה. ד. נאָמבערג — 244
דאָס געזאַנג צום אינדזל פֿײַערלאַנד — יעקב באָטאָשאַנסקי — 245
סאַינאַ — ברוך בענדערסקי — 247
דער גאַוטשאָ באַראַבוינאַ — מרדכי אַלפּערסאָן — 251
דער פרעמדער — מנחם באָריישא — 255
חיים נחמן ביאַליק (ביאָגראַפיע) — 259
ציון — ח. נ. ביאַליק — 261
לך-לך — ש. שאַיעוויטש — 264
ביים כותל-המערבי — ה. לייוויק — 265
דריי מתנות — י. ל. פרץ — 267
שרה בת טובים — ״ — 272
דער יתום — מ. באָריישאַ — 278
רב יחיאל — י. ל. פרץ — 279
איך האָב געהאַט אַ חיים — ק. קליגער — 281
אין אַלטן פנקס — ישראל אַשענדאָרף — 282
יידיש — א. ליעסין — 283
מענדעלע מוכר ספרים (ביאָגראַפיע) — 285
י. ל. פרץ (ביאָגראַפיע) — 286
שלום עליכם (ביאָגראַפיע) — 287
שלום אַש (ביאָגראַפיע) — 289
יהואש (ביאָגראַפיע) — 290
רייזען (ביאָגראַפיע) — 292
אויב נישט נאָך העכער — י. ל. פרץ — 293
ראש-השנה — בעלאַ שאַגאַל — 296
ערב יום-כפור — חנה סענעש — 301
פּאַרשפּעטיקט — אברהם רייזען — 303
דער טויטער אתרוג — שלום עליכם — 307
חנוכה-שפּיל — ש. פרוג — 313

INDICE DE TEMAS PATRIOS

	Pág.
Mapa de la República Argentina	124
Cristóbal Colón	126
Colón en España	126
Descubrimiento de América	127
Los otros viajes de Colón	128
Descubrimiento del Río de la Plata	128
Gaboto	130
La primera fundación de Buenos Aires	130
La destrucción de Buenos Aires	131
La segunda fundación de Buenos Aires	132
Corrientes colonizadoras	133
El virreynato	133
La invasión inglesa	135
La Reconquista	135
La segunda invasión inglesa	136
La Defensa	137
Consecuencias de las invasiones inglesas	137
El preludio de la Semana de Mayo	138
La asamblea pública del 22 de Mayo	139
La revolución y la independencia	140
Evolución del gobierno revolucionario	142
Manuel Belgrano	143
Faces de la Revolución	145
La asamblea del año XIII	146
General Don José de San Martín	147
El símbolo nacional argentino	148
9 de Julio y el Congreso de Tucumán	149
Rivadavia	151
El Himno Nacional	152
El Escudo Nacional	153
El día de la Constitución	154
La Constitución Argentina	155
La lucha por la Constitución	156
El 11 de Septiembre (Sarmiento y el Día del Maestro)	158
Bartolomé Mitre	159
Alberdi	160
Fortaleciendo a la Unión Nacional	161
Presidencias posteriores	162

Este libro se terminó de imprimir el día 8 de octubre de 1958, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN S.R.L., Av. Corrientes 1976 - Buenos. Aires